STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07672

# GEZAMELTE SHRIFTEN

Chaim Zhitlowsky

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר ח. זשיטלאווסקי

געזאמלטע שריפטן

פופצנטער באנד

# הויפט-פראבלעמען פון סאציאליזם

פארלאג ח. בושאזא

ווארשע 1931

Dr. CH. ŻYTŁOWSKI
Pismo, t. XV.
Wydawnictwo Ch. Brzoza,
Warszawa, 1931

Printed in Poland

Druk. G. Piment, Warszawa

## אינהאַלט:


1. דער קריזיס אין מאַרקסיזם.
2. פעטער קראָפּאָטקינס באַטייט פאַר דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם.
3. דער סאָציאַליזם פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן.
4. סאָציאַליזם און קאָמוניזם:

*I.* געשיכטלעכער איבערבליק.

*II.* קאָאָפּעראַטיווער סאָציאַליזם.

*III.* די קריטיק פון קאָאָפּעראַטיוון סאָציאַליזם.

*IV.* דער קאָמוניזם.

*V.* בעלאַמיס קאָמוניסטישער בוי־פּרינציפּ.

*VI.* בעלאַמיס קאָמוניסטישער בוי־פּרינציפּ (שלוס).

*VII.* דער מאַרקסיסטישער בוי־פּלאַן.

# דער קריזיס אין מאַרקסיזם

# דער קריזיס אין מאַרקסיזם

## פאָרוואָרט

די פאָרליגנדיקע אַרבעט איז צוערשט געווען געשריבן אין דייטש און אָפּגעדרוקט אין די „סאָציאַליסטישע מאָנאַטס־העפטען" פון דעם יאָר 1899 (נאָך איידער איך האָב זיי איג בערגענומען אין מיין פאַרלאַג).

די יידישע איבערזעצונג האָב איך אָפּגעדרוקט אין „דאָס נייע לעבן", אין די העפטן 11 און 12 פון דעם יאָר 1912. אין דעם פאָרוואָרט צו דער יידישער איבערזעצונג האָב איך געשריבן:

„....מיינע סאָציאַליסטישע אָנשויאונגען זענען אָנגענומען געוואָרן פון די רוסישע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און זע־נען געווען די אָפיציעלע דאָקטרין פון דער פאַרטיי פאַר די צען יאָר פון 1894 ביז 1904. דעמאָלט האָב איך געהאַט דעם גרויסן כבוד און דאָס גליק צו דינען איר ווי אַ טעאָרעטי־קער און אַ פּראָפּאַגאַנדיסט. דאָס רוב האָב איך זיי פאַרטיי־דיקט אין מיין מינדלעכער פּראָפּאַגאַנדע, אין פאָרלעזונגען און רעפעראַטן פאַר די קרייזן פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער עמיגראַציע, אין שווייצאַריע און פראַנקרייך. נאָר אַ קליינער טייל פון זיי איז באַאַרבעט געוואָרן שריפטלעך און איז גע־דרוקט געוואָרן אין רוסיש און אין דייטש.

דער איצטיקער אַרטיקל איז איינער פון די ערשטע. ער גיט אין קורצע שטריכן אָנצווייזן מיין שטעלונג צו דעם

מאַרקסיזם און צו יענער שטרעמונג, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן אין אים דורך די אַרבעטן פון עדוואַרד בערנשטיין. די אָפּשאַצונג פון בערנשטיינס ריכטונג, וואָס איז צו יענער צייט געווען נאָך נישט אינגאַנצן קלאָר, ווערט אַרויסגעזאָגט אין דעם אַרטיקל אין דער פאָרם פון אַ היפּאָטעזע, וואָס האָט זיך אָבער שפּעטער אַרויסגעוויזן פאַר פאַלש. מיר האָט זיך געדוכט, אַז ער קריטיקירט מאַרקסן „פון לינקס״, בעת ער האָט גאָר פּאָלעמיזירט אַנטקעגן אים „פון רעכטס״. איך האָב דעריבער נישט ווילנדיק אַריינגעטייטשט אין אים מיינע אייגענע געדאַנקען, וואָס האָבן נישט געקאָנט האָבן קיין פּלאַץ אין זיין סיסטעם. אין אייניקע פוסנאָטן וועל איך דעריבער איצטער אויפמערקזאַם מאַכן דעם לייענער אויף מיינע דעמאָלטדיקע טעותן.

אָבער דעם גרונט-געדאַנק פון מיין סאָציאַליסטישן אַני-מאמין, וואָס איך האָב צום ערשטן מאָל אַרויסגעזאָגט אין דעם איצטיקן אַרטיקל: דעם געדאַנק פון דער אַלגעמיינער אַרבעטס-פּליכט צוליב אַ קולטור-מינימום, בין איך עד היום געבליבן טריי. ער איז שפּעטער גלענצנדיק באַאַרבעט געוואָרן אין דער שריפט פון אַטלאַנטיקוס: „אַ בליק אין דעם צוקונפטס-שטאַאַט״, אויף וועלכן קאַוטסקי האָט אין זיין פאָררעדע געגעבן די הסכמה, אַז ער איז, נישט זייענדיק קיין מאַרקסיסט, „דאָך אַ סאָציאַליסט״. אויף דעם גרונט פון אַטלאַנטיקוסעס אויסרעכענונגען האָב איך נאָכדעם צוגעשריבן צו דעם רוסישן פּאָפּולערן ווערק פון באַך: „זיין מאַיעסטעט, דער הונגער״ („צאַר-גאָלאָד״) דעם שלוס-קאַפּיטל: „די סאָציאַליסטישע באַלעבאַטישקייט״ (סאָציאַליסטיטשעסקאָיע כאָזיאַיסטוואָ״. באַכס ווערק מיט מיין שלוס-קאַפּיטל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דער „פּאַרטיי סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן״), שפּעטער איז דערזעלבער געדאַנק פון אַרבעטס-פּליכט אויך אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין פּראָפעסאָר לודוויג שטיינס „די סאָציאַלע פראַגע אין

דעם ליכט פון דער פילאָזאָפיע". אויב איך מאַך נישט קיין טעות, האָט דער נישט-לאַנג פאַרשטאָרבענער אַמעריקאַנער דענקער און פאָרשער, וויליאַם דזשיימס, וואָס איז אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן אויך צוגעשטאַנען צו דעמזעל-ביקן פרינציפּ, אריבערגענומען אים פון פראָפּ. שטיינס ווערק.

א חוץ דעם באַשטרעבן צו פאַרטיידיקן מיינע סאָציאַליס-טישע אָנשויאונגען פאַר דער יידיש-סאָציאַליסטישער וועלט, איז דאָ נאָך אַ טעם, פאַרוואָס איך וויל איבערזעצן און פאַר-עפנטלעכן אַלע מיינע רוסישע און דייטשישע שריפטן אין יידיש.

אין דער לעצטער צייט האָבן אייניקע פון די יידישע שריפטשטעלער, ווי מענדעלע מוכר-ספרים און שלום-עליכם, גענומען „אריבערכאַפּן" זייערע יידישע ווערק אין העברעאיש. איך פאַרשטיי זייער פסיכאָלאָגיע גאַנץ גוט. זיי גלויבן געוויס, אַז העברעאיש איז די אייגנטלעכע נאַציאָנאַלע שפּראַך פון אונזער פאָלק, און דעריבער ווילן זיי לעבן אין יענער שפּראַך. מחמת דעמזעלביקן טעם ציט עס מיך אריבערצונעמען אַלץ, וואָס איך האָב געשריבן אין דער פרעמד, צוריק אין יידיש. איך גלויב אין דער צוקונפט פון אונזער לשון, ווען אַפילו איך האָב נישט קיין „אסטראָנאָמיש"-וויסנשאַפטלעכע באַווייזן, אַז יידיש מוז ווערן די נאַציאָנאַלע שפּראַך אויך פאַר דער שאַפנדיקער יידישער אינטעליגענציע.

דערפאַר איז אָבער איין זאַך קלאָר פאַר מיין שכל און פאַר מיין געפיל: איך געהער צו די, וואָס האָבן זיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל געזאָגט:

אויב מיר איז באַשערט אַ טראָפּן אומשטערבלעכקייט, חיל איך אים האָבן אין דער יידישער שפּראַך. אין איר און מיט איר לעבן און שאַפן! מיט איר באַשטיין און מיט איר,— די בייזע שעה זאָל נישט זיין, — פאַרגיין... אויב קיין בע-סערן מזל האָט פאַר אונז ביידע די געשיכטע נישט אָנ-געגרייט.

## I

ווען איך וואָלט געמוזט אין איין וואָרט אויסדריקן מיין שטאַנדפּונקט בנוגע צו דעם מאַרקסיזם בכלל, וואָלט איך געזאָגט, אַז דאָס איז דער שטאַנדפּונקט פון קריטיק. קריטיק איז אָבער אָביעקטיווע, אָנפּניותדיקע אָפּשאַצונג, און דעריבער מוז זי בשום אופן נישט זיין דווקא פּ אָ ל ע מ י ק, דווקא אָפּלייקענונג. אַן אָביעקטיווע קריטיק קאָן אויך אַרייננעמען אין זיך אַן אַ פּ אָ ל אָ ג י ע, אַ הויכשעצונג און פאַרטיידיקונג פון יענע געזונטע עלעמענטן, וואָס ווערן אויסגעפונען אין דעם פּראָצעס פון דעם וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז.

אַזאַ הויכשעצונג פאַרדינט נאָך מיין מיינונג נאָך, קודם כּל, דער מאַרקסיסטישער אידעאַל: די לעצטע צילן, וועלכע מאַרקס שטעלט אוועק פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

אַן „עקאָנאָמישע געזעלשאַפטס-אָרדנונג, וואָס זאָל אין דערזעלביקער צייט באַוואָרענען סיי די גרעסט-מעגלעכסטע אַנטוויקלונג פון די געזעלשאַפטלעכע פּראָדוקטיוו-קרעפטן, סיי די העכסט-מעגלעכע אַלזייטיקע אַנטוויקלונג פון דעם מענטש גופא", — אין די ווערטער פאָרמולירט מאַרקס אין אַ פּאָלעמישן בריוו אַנטקעגן מיכאַילאָווסקין די לעצטע צילן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, און אינאיינעם מיט אים גלויב איך, אַז אָט דער צוועק קאָן פאַרווירקלעכט ווערן נישט אַנדערש סיידן אין דער פאָרם פון אַ קאָלעקטיוויסטישן פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס, וואָס זאָל געפירט ווערן לויט אַן עקאָנאָמיש-וויסנשאַפטלעך אויסגעאַרבעטן פּלאַן. אַלע אַנדערע, אפילו סאָציאַליסטישע פּראָדוקציאָנס-פאָרמען, וואָס לאָזן איבער די רעגולירונג פון דעם מאַטעריעלן פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס צו דעם „פרייען קרעפטן-שפּיל" פון אינדיווידועלן און גרופּן, קאָנען קיינמאָל נישט באַפרייען דאָס מענטשלעכע אינדיווידואום פון דאגת-חיונה, זענען קיינמאָל נישט ביכולת צו פאַרשאַפן פאַר י ע ט װ ע ד ן מענטשן די מעגלעכקייט, ער זאָל זופּן די

צילן פאר זיין טעטיקייט אויף אַנדערע, העכערע קולטור־פעלדער, איידער דאָס עקאָנאָמישע, איידער דער קאַמף פאַר די מאַטעריעלע עקזיסטענץ־מיטלען.

פונדעסטוועגן מוז איך צוגעבן, אַז פאַר דער מער אָדער ווייניקער נאָנטער צוקונפט, אין די ערשטע פאַזן פון דער קאָלעקטיוויסטישער אַנטוויקלונג וועט דער קאָלעקטיוויסטישער פרינציפּ מוזן מאַכן זייער ערנסטע הנחות צוליב אַן אַנדער סאָציאַליסטישן פּרינציפּ: דעם „גענאָסנשאַפטלעכן” אָדער דעם קאָאָפּעראַטיוון, — דער עיקר אויף יענע פעלדער פון דער פּראָדוקציע, וואָס האָבן נישט צו טאָן מיט דער באַפרידיקונג פון באַדערפענישן, וועלכע זענען אַבסאָלוט־נויטווענדיק פאַר יעדן מענטש, וואָס געפינט זיך אויף אַ געוויסער, געגעבענער מדרגה פון קולטור. פאַרלאַנגען, אַז די מלוכה אָדער דער קהל זאָל זיך באַשעפטיקן מיט דער פּראָדוקציע פון לוקסוס־זאַכן, אָדער מיט דער באַפרידיקונג פון העכערע עסטעטישע און גייסטיקע אינטערעסן, וואָס מוזן זיין פאַרשיידן ביי די פאַרשיידענע אינדיווידועז, וואָלט געהייסן פאַרוויקלען די מלוכה אָדער דעם קהל אין אַזעלכע ריין־טעכנישע שוועריקייטן, מיט וועלכע ער וואָלט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרטיק ווערן, ווען ער זאָל וועלן אָפּהיטן, ווי אַ שוואַרצאַפּל פון אויג, דאָס העכסטע גוט, וואָס דער מענטש פאַרמאָגט, זיין פרייהייט אין די העכערע ענינים פון קולטור.

צוריק — קאָן מען פאַר יענע פעלדער פון דער מאַטעריעלער באַלעבאַטישקייט, וואָס דאַרפן באַשאַפן די נויטווענדיקסטע גיטער פאַר דעם אינדיווידועלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן, — שפּייז, קליידער, וווינונגען, אייזנבאַנען, שאָסייען, לער־ביכער, וויסנשאַפטלעכע אינסטרומענטן און דאָסגלייכן *), —

*) די ריין־וויסנשאַפטלעכע אויסרעכענונגען פון אַטלאַנטיקום את... קראַפּאָטקין האָבן ארויסגעבראַכט, אַז אונזערע פּראָדוקטיוו־קרעפט

פאַר זיי, זאָג איך, קאָן מען שוין איצטער אַרויסשטעלן די פאָדערונג, אַז זיי זאָלן איבערגעגעבן ווערן צו דער מלוכה אָדער דעם קהל, וואָס זאָל אַריינפירן אַן אַרבעטס־פליכט פאַר יעדן אינדיווידואום פאַר אַ באַשטימטע, פעסט־אָפּגעגרענעצטע צאָל יאָרן.

די קולטורעלע פאָרבאַדינגונגען פאַר אָט דעם קאָלעקטיוויסטישן טייל פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן ליגן ערשטנס אין דעם אָנוואַקסן פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן צו אַזאַ הויכער מדרגה, אַז עס זאָל זיין גענוג, לאָמיר זאָגן, אַ יאָר צען צו אַרבעטן פאַרן קהל, כּדי צו באַקומען דערפאַר אַן עקזיסטענץ־מינימום אויף אַ געוויסער קולטורעלער מדרגה פאַר דעם גאַנצן לעבן.

די צווייטע פאָרבאַדינגונג איז, אַז פאַר יעדן מענטש זאָל ווערן קלאָר די אמתע באַדייטונג פון אַ פאַרזיכערטן „קולטור־מינימום”. מענטשן מוזן איינזען, אַז עס לוינט זיך צו אַרבעטן פאַר דער געזעלשאַפט אַ צען יאָר, — לאָמיר זאָגן פון דעם פערצנצן ביז דעם פיראונצוואַנציקסטן לעבנס־יאָר, — אונטער די בעסטע היגיענישע באַדינגונגען, מיט דער גרעסטער אויסנוצונג פון דעם אַרבעטס־פּראָצעס פאַר פּעדאַגאָגישע צילן און פאַר דער אַלזייטיקער אַנטוויקלונג פון דעם אינדיווידואום, כּדי דערנאָך צו האָבן די פרייע מעגלעכקייט, אין די בעסטע יוגנט־יאָרן, אין דעם פאַנאַנדערבלי פון אַלע קערפּערלעכע און גייסטיקע קרעפטן, זיך אָוועקצוגעבן אינגאַנצן

האָבן שוין דערגרייכט דידאָזיקע מדרגה.ביידע פאָרשער, וואָס האָבן אָנגעווענדט פאַרשיידענע מעטאָדן אין דער באַאַרבעטונג פון דער פּראָבלעם, זענען געקומען צו כּמעט דיזעלביקע רעזולטאַטן. אַ פאַרגלייך פון ביידנס מעטאָדן און רעזולטאַטן פאָדערט אַ באַזונדערן אַרטיקל. דאָ וועט זיין גענוג צו באַמערקן, אַז לויט ביידנס אויסרעכענונגען, קאָן די נייטווענדיקע אַרבעט פאַר אַ „קולטור־מינימום“ בשום אופן נישט דערגרייכן די צאָל פון צען יאָר, וואָס מיר האָבן אָנגענומען אין טעקסט. [1912].

פאַר יענער אַרט קולטורעלער אַרבעט, וואָס איז איינעם מער איינגעבאַקן אין האַרצן. דידאַקטיקע העכערע קולטורעלע אַרבעטן וועלן אַ לאַנגע צייט מוזן דורכגעפירט ווערן אויף דעם יסוד פון פּרייוויליקע קאָאָפּעראַציעס און נישט פון נויטווענדיקן קאָלעקטיוויזם*).

אָבער, וואָס פאַר אַ הנחות דער נויטווענדיקער קאָלעקטיוויזם זאָל נישט דאַרפן מאַכן דער פּרייוויליקער קאָאָפּעראַציע, — איין זאַך איז זיכער, אַז אין דעם פונדאַמענט פון דעם מאַרקסיסטישן קאָלעקטיוויזם ליגט אַ ל ע ב נ ס-אָ נ ש ו י א ו נ ג, וואָס איז דורך און דורך אינדיווידואַליסטיש, קולטור-פרייַנטלעך און א י ד ע אַ ל י ס ט י ש. וואָס די שקלאַפן-ווירטשאַפט איז געווען פאַר דעם אַלטן גריכנלאַנד, דערהויפּט פאַר אַטען, דאָס זאָל אין דער קאָלעקטיוויסטישער באַלעבאַטישקייט זיין די אַלגעמיינע אַרבעטס-פליכט פאַר דער מענטשהייט פון דער צוקונפט: אַ באַזיס, אויף וועלכער עס וואַקסט אויס אַ העכערע, פרייע קולטור, וואָס אין איר קענען די אינדיווידוען זיך באמת פאַנאַנדערבליִען.

דאָס איז דער העכסטער א י ד ע אַ ל י ס ט י ש ע ר ציל, וואָס אַ מענטש האָט ווען עס איז געקאָנט אָוועקשטעלן פאַר אַ מענטשן. האָט אָבער מאַרקס געגלויבט, אַז אָט דעם העכסטן ציל קאָן מען וויסנשאַפטלעך אַנדערש נישט באַגרינדן, סיידן דורך אַ מ אַ ט ע ר י אַ ל י ס ט י ש ע ר געשיכטס-פילאָזאָפיע, און אין דערינען ליגט דער גאַנצער „דיאַלעקטישער" וויץ פון דער מעשה. נאָכדעם ווי אין דייטשלאַנד איז איינגעפאַלן דער בנין פון פילאָזאָפישן אידעאַליזם; נאָכדעם ווי די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָנס-פאָרם האָט אומעטום גובר געווען די אַלטע

*) וואָס מער איך דענק וועגן דער פּראָבלעם, אַלץ מער ווער איך מסופּק, דער קאָלעקטיוויזם זאָל ווען עס איז קענען פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון פּרייווי-ליקער קאָאָפּעראַציע אין יענע פעלדער פון פּראָדוקציע, וואָס שטייגן אַריבער דעם קולטור-מינימום. [1912].

פאָרמען; נאָכדעם ווי דער עקאָנאָמישער עגאָאיזם איז געוואָרן דער בעל-הבית אויף דעם מענטשנס האַרצן; נאָכדעם, ווי דער אוטאָפּיסטישער סאָציאַליזם האָט באַוויזן זײַן גאַנצע אָנמאַכט צו צווינגען די ווירקלעכקייט, זי זאָל פאָלגן זײַנע אידעאַלן, האָט דער „קריטישער קאָמוניזם", — ווי קאַרל מאַרקס האָט צוערשט אָנגערופן זײַן שטה. — אַראָפּגענידערט פון זײַן טעאָרעטישער הויך אין דער אײַז-קאַלטער ווירקלעכקייט, האָט אײַנאײַנעם מיט דעם פיליסטער זיך אויסגעלאַכט פון דעם קראַפטלאָזן, טרוימערישן „אידעאָלאָג", האָט אָנגעוויזן, אַז די הערשנדיקע פּראָדוקציאָנס-פאָרם איז אַ געשיכטלעכע נויטווענדיקייט; האָט געשילדערט, ווי אַזוי די טריאומפירנדיקע בורזשואַזיע גראָבט זיך איר אײגענעם קבר און ווי אַזוי איר פאַרשווינדן אין דער צוקונפט איז אַ נויטווענדיקער פועל-יוצא פון איר באַרעכטיקונג אין דער קעגנוואַרט.

דער מאַרקסיזם — דאָס איז דער פײַער פון פּראָמעטעאוס, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט אַ דיקן אײַזיקן פּאַנצער. אין דערין ליגט אַ גרויסער טייל פון יענעם כישוף, מיט וועלכן דער יונגער מאַרקסיזם האָט געווירקט אויף די נשמות. איינער איז געוואָרן פאַרמאַגנעטיזירט דורך דעם פײַער פונם אידעאַל, וואָס שימערט דורך דורך דעם קריסטאָלענעם אײַז; דעם אַנדערן האָט צוגעצויגן צו זיך דער אײַזיקער, פּראָסט-קאַלטער פּאַנצער פון דער וויסנשאַפט, און דער דריטער איז באַצויבערט געוואָרן דורך דער וווּנדערלעכער קאָמבינאַציע פון אײַז און פײַער אין דער מאַרקסיסטישער סיסטעם. דער שוואַרצסטער פּעסימיזם בנוגע צו דעם הײַנטיקן טאָג, האַנט-אין-האַנט מיט דעם רויז-פאַרביקן אָפּטימיזם פאַר דער צוקונפט; אַן אומברחמנותדיקער אַנאַליז פון אַלע אוטאָפּיסטישע חלומות, פאַרבונדן מיט וואָרט-קאַרגע, אײַנגעהאַלטענע, אָבער דערפאַר גופא נאָך ענערגישער-ווירקנדיקע נביאות וועגן דעם עתיד, — אָט די להיפּוכדיקע עלעמענטן העלפן איינער דעם אַנדערן אין דער מאַרקסיסטישער סיסטעם, ווי ליכט און שאָטן אויף אַ רעמבראַנדטשן בילד.

די פאַרבינדונג פון דעם אידעאַליסטישן ענד-ציל מיט דער מאַטעריאַליסטישער געשיכטס-פילאָזאָפיע האָט מאַרקס געקאָנט מאַכן נאָר מיט דער הילף פון דער „העגעלשער דיאַלעקטיק”, וואָס איז ביי העגעלן, ווי מאַרקס האָט געמיינט, „געשטאַנען אויפן קאָפּ”, און וועלכע מאַרקס האָט צוריק, ווי ער אַליין האָט געגלויבט, „אַוועקגעשטעלט אויף די פיס”.

אָבער די צרה איז, וואָס עס העלפט נישט, ווען מען שטעלט אַוועק א בריימנן אויף די פיס און מען פלייסט זיך, מיט דער הילף פון אַ זייער בריהשער גאַלוואַניזאַציע, צו מאַכן צוקן און שפּילן זיינע שוין לאַנג טויטע מוסקולן, און אויף אַזאַ אופן דערוועקן אין זיי אַ כלומרשטדיקן לעבן. די העגעלשע דיאַלעקטיק איז טויט. פריער אָדער שפּעטער האָט זי געמוזט אומפאַלן און דורך דעם גופא אַוועקשטעלן אין גרויסן ספק די מעגלעכקייט פון אַ בנין מיט אַ מאַטעריאַליסטישן פונדאַמענט און אַן אידעאַליסטישן אויבערבוי.

אַן אַנדער טעאָרעטישער טעות פון קאַרל מאַרקס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען צו באַגרינדן די לעצטע צילן פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג אויף דעם וועג פון היסטאָריאָזאָפיע*). וויפל פרוּוון מען האָט ביז אַהער ניט געמאַכט אויף דעם וועג, האָט זיך אַלעמאָל אַרויסגעוויזן, אַז דער „נאַטירלעכער גאַנג פון דער אַנטוויקלונג” אינאיינעם מיט דעם לעצטן „נישט אויסצומיידנדיקן ציל”, וואָס דער פאָרשער האָט געמיינט, אַז ער האָט ביידע אַרויסגעפונען אין די פאַקטן פון דעם געשיכטלעכן לעבן, זענען נישט קיין אַנדער זאַך, ווי דעם פאָרשערס אייגענע אידעאַלן, וועלכע ער האָט אומבאַוווסט אַריינגעטייטשט אין די דאָזיקע פאַקטן. דערזעלביקער מזל איז אויסגעפאַלן

*) די קריטיק פון דער היסטאָריאָזאָפישער באַגרינדונג פון דעם סאָציאַליזם האָב איך שפּעטער געגעבן אין מיין אַרבעט „די געשיכטס-פילאָזאָפיע און דער ענדציל”. ז. געז. שריפטן באַנד 3 ז. 133.

איך אויף דעם גורל פון דעם מאַרקסיזם. און אַזוי ווי ער האָט זיינע אידעאַלן ענג־צונויפגעוועבט מיט דער העגעלשער דיאַלעקטיק און אַזוי ווי דידאָזיקע דיאַלעקטיק האָט אָנגעהויבן גוססן אין די פילאָזאָפיש־געבילדעטע קעפּ, האָט דעריבער נעמוזט אויפשטיין אַ ריכטונג אינעווייניק אין דעם מאַרקסיזם גופא, וואָס האָט שוין נישט געקאָנט זען קיין קאָלעקטיוויסטישע ענד־צילן אין דער געשיכטע און ממילא שוין אויך נישט געוואָלט וויסן פון זיי אין דער טאָג־טעגלעכער סאָציאַליסטישער פּראַקטיק.

צום אומגליק האָט זיך אין מאַרקסיזם געמוזט אַרויס־בילדן אַזאַ ממה־נפשך: אָדער מיר נעמען אָן דעם קאָלעקטי־וויסטישן ענד־ציל, דעמאָלט מוזן מיר אויך אָננעמען די מאַרקס־העגעלשע דיאַלעקטיק, מיט אַלץ, וואָס עס הענגט אויף איר אַרום און אַרום. אָדער מיר זאָגן: אַ סוף צו דער טויטער מע־טאַפיזיק! — איז דעמאָלט אָבער אויך אַ סוף צו די גרויל־שאַפטלעכע אידעאַלן, וואָס זענען מיט איר פאַרבונדן*).

אין דערינען ליגט איין זייט פון דעם קריזיס אין דעם מאַרקסיזם, די טעאָרעטישע זייט, און נאָך מיין מיינונג נאָך קאָן מען פון איר פטור ווערן נאָר אויף איין־איינציקן אופן: מען מוז פאַנאַנדערררייסן די פאַרבינדונג פון דעם סאָציאַליס־טישן ענד־ציל מיט דער אויסגעלעבטער מאַרקס־העגעלשער מעטאַפיזיק. דער סאָציאַליסטישער ענד־ציל מוז אינגאַנצן באַ־פרייט ווערן פון איר. זיין וויסנשאַפטלעכע באַגרינדונג מוז אוועקגענומען ווערן פון דער היסטאָריאָזאָפיע, דאָס הייסט, פון אַלע יענע געשיכטס־פילאָזאָפישע סיסטעמען, וואָס ווילן אַרויסגעפינען דעם „אייזערנעם אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער געשיכטע", און איבערגעגעבן ווערן צו דער סאָציאָלאָגיע, דאָס הייסט, צו דער וויסנשאַפט פון די פאַרשיידענע געזעל־

*) אַן אינטערעסאַנטע און וויכטיקע „היסטאָרישע אידייען־פאַרבינדונג": [1912].

שאַפּטלעכע לעבנס-פאָרמען און זייער ווירקונג אויף דעם מענטשן.

אָבער דער קריזיס אין דעם מאַרקסיזם האָט נאָך אַ צווייטע זייט, אַ וויכטיקע און אַן ערנסטע, וואָס איז ענג פאַרבונדן מיט דער ערשטער. דאָס איז דער קריזיס אין דער מאַרקסיסטישער ט אַ ק ט י ק.

## II

איין גרונט-פּרינציפּ הערשט איבער דער מאַרקסיסטישער טאַקטיק דאָרטן, ווו זי טרעט אַרויס ריין און וויל נישט מאַכן קיין קאָנצעסיעס דער „שלעכטער ווירקלעכקייט”. דער פּרינציפּ איז: ד י ד י ק ט אַ ט ו ר פ ו ן ד ע ם פּ ר אָ ל ע-ט אַ ר י אַ ט.

די מאַרקסיסטישע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע וויל זיין אַ פאַר-טרעטערין פון די אינטערעסן נישט פון דעם גאַנצן אַרבעטער-קלאַס, נאָר נישט מער ווי פון איין טייל זיינעם. זי וויל זיין די פּאַרטיי פון דעם פּראָלעטאַריאַט, ד. ה. פון יענע אַרבע-טער, וואָס קאָנען לעבן נאָר אַ דאַנק דעם פאַרקויף פון זייער אַרבעטס-קראַפט. אַלע אַנדערע שיכטן פון דער אַרבעטערשאַפט און דער עיקר די זעלבשטענדיקע קליינע פּויערים און פאַר-מערס, וואָס זויגן קיין איין ברעקל פרעמדע קראַפט נישט אויס, וואָס לעבן נאָר פון זייער אייגענער אַרבעטס-קראַפט, — ווען אַפילו זיי טראָגן אויפן מאַרק נאָר די פּראָדוקטן פון זייער אַרבעטס-קראַפט, אָבער נישט זי אַליין, — ווערן פון דער סאָ-ציאַל-דעמאָקראַטיע צוגערעכנט צו די באַלעבאַטישע „מיטל-שיכטן” און מען אינטערעסירט זיך מיט זיי נאָר אַזוי פיל, אויף וויפל זיי ווערן אַלץ מער און מער נוטה אַריינצופאַלן אין די שיכטן פון דעם ריינעם פּראָלעטאַריאַט. און אַזוי קוקט מען אויך אויף יענע קליינע בעלי-מלאכות, וואָס קומען אויס אָן פּועלים און באַזאָרגן זייער וואַרשטאַט מיט די אייגענע

צען פינגער: זיי זענען לפי דער טעאָריע אויף „קליין-בורזשויעס", ווייל דער אויבערשטער האָט זיי געשטראָפט מיט דעם בזיון נישט צו מוזן פאַרקויפן זייער אַרבעטס-קראַפט. דער זעלבשטענדיקער אַרבעטער, וואָס איז, — ווייניקסטנס, לויט דעם אויסזען, — נישט אונטערגעיאָכט דירעקט צו דעם קאַפּיטאַליסט, קאָן ערשט דעמאָלט גראָבן אַ קבר פאַר דער בורזשואַזיע, ווען ער ווערט פון איר פריער אַליין עקאָנאָמיש באַגראָבן. דערפון איז ממילא געדרונגען, אַז מיר טאָ"ן נישט שטערן די בורזשואַזיע אין דערדאָזיקער קברנישער אַרבעט אירער. אַלץ, וואָס פאַרהאַלט די אַנטוויקלונג פון דעם קאַפּיטאַליזם און דער בורזשואַזיע, וועט און זאָל אָפּגערוימט ווערן פון וועג.

אין אָט דעם טאַקטישן פאַרהאַלטן זיך פון דעם מאַרקסיזם צו דער בורזשואַזיע טרעט בולט און שאַרף אַרויס זיין דיאַלעקטישע ווידערשפּרוך-לאָגיק, מיט איר אייביקן „יאָ-ניין" און „ניין-יאָ". דער קאַפּיטאַליזם איז דער פיינט און ער איז דער פריינט. קאַמף אַנטקעגן דער בורזשואַזיע און אין דער זעלבער צייט אַ קאַמף אַנטקעגן אַלץ, וואָס וויל אויפהאַלטן איר אַנטוויקלונג. ווייל, זאָל די דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט ווען עס איז קאָנען מקוים ווערן, מוז, פאַרשטייט זיך, די „אומגעהייערע מאַיאָריטעט פון דער באַפעלקערונג אַפריער פּראָלעטאַריזירט ווערן דורך דער בורזשואַזיע". „וויסנשאַפטלעך" באַגרינדן דעמדאָזיקן גרונט-פּרינציפּ פון דער „פּראָלעטאַרישער" טאַקטיק נעמט אויף זיך אין דעם מאַרקסיזם די „פאַרעלענדונגס"-טעאָריע, וואָס ווייזט אויף מיט סטאַטיסטישע ציפערן אין די הענט, אַז די מיטעלע באַלעבאַטים ווערן אַלץ מער און מער פאַראָרעמט און פאַלן אַלץ מער און מער אַריין אין די ציילן פון דעם פּראָלעטאַריאַט.

דער דיאַלעקטישער אַנדרוגינוס פון קאַמף אַנטקעגן דער בורזשואַזיע און אונטערשטיצן דיזעלבע בורזשואַזיע בויט זיך

אויף נאָך צוויי אַנדערע טעאָריעס, וואָס האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער בערנשטיין-פּאָלעמיק.

די דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט מוז באַלויכטן ווערן מיט דעם ליכט פון דער „היסטאָרישער נויטווענדיקייט". צוליב דעמדאָזיקן צוועק מוז מען באַווייזן, אַז די בורזשואַזיע, ווי נאָר זי שטייגט אַריבער אַ געוויסע שטופע פון איר אַנט־וויקלונג, קאָן שוין נישט מער זיין ביכולת אויסצונוצן יענע געזעלשאַפטלעכע פּראָדוקטיוו-קרעפטן, וואָס זענען געבאָרן גע־וואָרן אין איר מוטער-שויס און אויסגעוואַקסן אונטער איר השגחה. מחמת -- אַזוי ווי די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן איז דער ערשטער באַוועגער, די סבה העליונה, און דער לעצטער צוועק, דער אימאַנענטער „תכלית הקצוני" פון דעם גאַנצן געזעלשאַפטלעכן זיין, איז ממילא ווי נאָר די בור־זשואַזיע פאַרלירט די פעאיקייט צו באַהערשן דידאָזיקע פּראָ־דוקטיוו-קרעפטן, פאַרלירט זי דערמיט גופא אויך די באַרעכ־טיקונג נאָך ווייטער צו בלייבן אַ הערשנדיקער קלאַס. די פּראָ־דוקציאָנס-פאָרם, וואָס זי האָט אויסגעאַרבעט, ווערט פון אינע־ווייניק צעשמעטערט, דער פּראָלעטאַריאַט נעמט איבער די באַ־הערשונג פון די פּראָדוקטיוו-קרעפטן און ווערט ממילא די הערשנדיקע מאַכט אין דער געזעלשאַפט. ער אָרגאַניזירט די אויסנוצונג פון די פּראָדוקטיוו-קרעפטן אויף ריין-קאָלעקטיוויס־טישע יסודות, און דורך דעם גופא שאַפט ער אָפּ יעטוועדע קלאַסן-איינטיילונג אין דער געזעלשאַפט.

כדי אָבער צו קאָנען איבערנעמען די הערשנדיקע ראָלע און צו קאָנען אָרגאַניזירן די פּראָדוקטיוו-קרעפטן אויף קאָ־לעקטיוויסטישע יסודות, מוז דער אופן פון דער פּראָדוקציע נאָך אַפריער, אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, אַזוי אומגעוואַנדלט ווערן, אַז די קאָלעקטיוויסטישע פּראָדוקציאָנס־פאָרם זאָל אויסקומען נישט מער ווי אַ נאַטירלעכע פאָרמו־לירונג פון יענעם פּראָדוקציאָנס-אופן, וואָס איז שוין אויסגע־וואַקסן אין דער געזעלשאַפט און איז געוואָרן דער טעכנישער

גרונט-פּרינציפּ אין אַלע וויכטיקע עקאָנאָמישע אונטערנעמונגען. די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע מוז אומעטום געפירט ווערן אויף דעם אופן פון עוג-מלך-הבשנדיקע אינדוסטריען (טראַסטס, קאַרטעלן און דאָסגלייכן), וואָס זאָלן אויף אַ גרויסן מאסשטאַב צונויפקלייבן אינאיינעם, „פאַרגעזעלשאַפטן" און דיסציפּלינירן די מענטשלעכע אַרבעטס-קרעפטן. מיט דעם פּראָצעס, אין וועלכן דאָס קומט פאָר אין דער איצטיקער געזעלשאַפט, באַשעפטיקט זיך דער עיקר די „קאָנצענטראַציע-טעאָריע", בעת די „קריזיסן-טעאָריע" באַשרייבט און טייטשט אויס דעם קאַמף, וועלכן די בורזשואַזיע מוז איצטער פירן אַנטקעגן די פּראָדוקטיוו-קרעפטן, וועלכע זי אַליין האָט אַרויסגערופן אין לעבן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די „קאָנצענטראַציע-טעאָריע", די „קריזיסן-טעאָריע" און די „פאַרעלענדונגס-טעאָריע" אַרבעטן אַלע דריי אינאיינעם, האַנט אין האַנט. די פאַקטן פון דער ווירקלעכקייט, וואָס אויף זיי זענען באַגרינדעט די דאָזיקע דריי טעאָריעס, זענען באַטירלעך נישט אויסגע„מוח"ט געוואָרן פון דעם מאַרך, אָבער דער מוח האָט זיי אָנגעשאַרפט און צוגעשפּיצט צו איין-איינציקן פּרינציפּ: דעם פּראָלעטאַריאַט און זיין נישט-אויסמיידנדיקע דיקטאַטור.

איז וואָס זאָל דער פּראָלעטאַריאַט טאָן ביז די שעה פון זיין דיקטאַטור וועט האָבן געשלאָגן? ער זאָל זיך צו איר צוגרייטן. ער זאָל זיך אָרגאַניזירן פּאָליטיש אין אַ זעלבשטענדיקע פּאַרטיי, ער זאָל פאַרשטאַרקן זיין פּאָליטישע מאַכט און זאָל אומעטום העלפן יענע פּראָצעסן, וואָס זאָלן צעשטערן די אַלטע געזעלשאַפט און פאַרמערן זיין אייגענע צאָל, ביז עס וועט קומען דער מאָמענט, ווען ער וועט דורך אַ פּאָליטישער רעוואָלוציע אַריינפירן די סאָציאַליע.

אָט דאָס זענען די גרונט-שטריכן פון דער ריינער מאַרקסיסטישער טאַקטיק, וואָס בלייבט טריי צו אירע אייגענע פּרינציפּן. דער פּועל-יוצא פון איר איז געווען דער פאַקט, וואָס אומעטום איז אַ סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי שיר נישט

צעשפּאָלטן געוואָרן אין אַ „ראַדיקאַלע” און אַ „אָפּאָרטוניס־טישע”...

דער אָפּאָרטוניזם איז, לויט זיין אינעווייניקסטן עצם, אַ סימפּטאָם פון אַ קראַנקהייט. אומעטום ווו ער באַווייזט זיך, איז ער אַ סימן, אַז די אָרגאַנישע סיסטעם פון די פּאַרטיי־פּרינציפּן איז שוין נישט מער ביכולת נאָרמאַל צו אַסימילירן די איינדרוקן פון דער דרויסנדיקערווירקלעכקייט; ער זאָגט אָן, אַז דער אָרגאַניזם פון די פּאַרטיי־אָנשויאונגען פּאַסט שוין נישט מער צו דער לעבנס־סביבה, און וועלכער ער געפינט זיך, אַז ער ווערט דעגענערירט אין איר. אַ פּאַרטיי, וואָס אין איר האָט זיך אַריינגעריסן דער אָפּאָרטוניזם, איז ווי אַ מאַן, וואָס האָט פאַרלאָרן דעם מאָראַלישן יסוד פון זיין לעבן און האָט זיך אַריינגעלאָזן אין „עבדיה בהפקרא”. זי פליט פון איין דערפאָלג צו דעם אַנדערן און לעבט פון פאַל צו פאַל, אָדער נאָך ריכטיקער: פון איין „זינדן־פאַל” צו דעם אַנדערן. נאָך אַ צייל פון אָפּאָרטוניסטישע הצלחות ווערט פון איר גאַנצן גייסטיקן וועזן אַ תל. אַ פּאַרטיי, וואָס האָט לעבנס־קראַפט אין זיך, באַמערקט אויפן שטעל די סימפּטאָמען פון איר קראַנקהייט און רעאַגירט אויף זיי. דאָס איז אויך דער פאַל מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. דער קריזיס פונם מאַרקסיזם איז אין מיינע אויגן די קריטיק פון די אַלטע פּרינציפּן, וואָס שטימען נישט מער מיט דער נייער ווירקלעכקייט, און אַ באַשטרעבן אויסצוגעפינען נייע פּרינציפּן, וואָס זאָלן פירן צו דער ווידערגעבורט פון דער פּאַרטיי.

דעם ערשטן, ערנסטן אָנהויב צו דער ווידערגעבורט פון די פּאַרטיי־פּרינציפּן — אַן אָנהויב, וואָס באַשטימט אירע ווייטערדיקע שריט — זע איך אין די קריטישע און פּאָזיטיווע אַרגומענטן ב ע ר נ ש ט י י נ ס. זיין פאַרדינסט באַשטייט, נאָך מיין מיינונג, אין דעם, וואָס ער האָט דער פּאַרטיי באמת פאָרגעשלאָגן אַ נייעם לעבנס־פּרינציפּ, ווען אַפילו דער פּרינציפּ איז נאָך נישט קאָנסעקווענט דורכגעטראַכט געוואָרן אין אַלע

ריכטונגען. דערדאָזיקער פּרינציפּ איז, ווי מיר דוכט, זייער ווייט דערפון צו העלפן דעם אָפּאָרטוניזם, דאָס הייסט, דער טאַקטיק, וואָס לאָזט זיך באַשטימען נישט דורך פעסטע פּרינציפּן, נאָר דורך דער יאָגעניש נאָך „הצלחה"; אדרבה, ער האָט די קראַפט אין זיך אַזאַ טאַקטיק איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויסצוראַמען פון דער פּאַרטיי.

דער נייער געזיכטספּונקט, פאַר וועלכן בערנשטיין קעמפט אין דער פּאַרטיי, קאָן מען, ווי איך גלויב, פאָרמולירן אַזוי: די פּאַרטיי דאַרף אויפהערן צו קוקן אויף זיך, ווי אויף אַ געצייג אין די הענט פון אַ געשיכטלעכער אַנטוויקלונג, וואָס שטייט העכער פון די מענטשן און באַהערשט זיי. זי מוז האָבן דעם קוראַזש אויסצוזען ווי דאָס, וואָס זי איז — אַ בשר-ודמיקע אינטערעסן-פּאַרטיי פון דעם גאַנצן אַרבעטער-קלאַס. דעריבער דאַרף זי אירע צילן און וועגן נישט אויסחרשן ביי דעם „נאַטירלעכן אַנטוויקלונגס-גאַנג פון דער געשיכטע", נאָר אויסרעכענען זיי מער נישט לויט די אינטערעסן פון די אַרבעטער. צום באַדויערן האָט בערנשטיין אַ סך פּונקטן פון זיין געדאַנקענגאַנג נאָך נישט גאַנץ קלאָר אויסגעאַרבעט און עס בלייבן נאָך ספיקות וועגן זיי. דעריבער בין איך נישט זיכער, אויב מיט מיין אויסטייטשונג פון זיין גרונט-געדאַנק גיב איך ריכטיק איבער וואָס ער האָט געוואָלט. אָבער מיין פאָרמולירונג פּאַסט גאַנץ גוט צו דעם גייסט פון זיינע לעצטע שריפטן *).

---

*) אין דעריגען איז געלעגן מיין וויכטיקסטער טעות בנוגע צו בערנשטיינען. זיינע נאָך שפּעטערע שריפטן האָבן קלאָר געמאַכט זיין שטאַנדפּונקט. קודם כל האָט ער זיך נישט אָפּגעזאָגט פון דעם גרונט-געדאַנק פון דעם עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם. אדרבא, ער האָט אים נאָך פאַרשטאַרקט. ער האָט געקריטיקירט מאַרקס' געשיכטס-פילאָזאָפיע, אָבער ער האָט פאַרשטאַנען דערביי מאַרקס' באַשטימטע טעאָרעטישע אויסרעכענונגען, ווי אַזוי פון דער איצטיקער געזעלשאַפט מוז אַרויסוואַקסן אַ סאָציאַליסטישע. מיט אַ שאַרפן בליק האָט ער איינ

**פאַר מיר באַטייט דער נייַער שטאַנדפּונקט אָט־וואָס: די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז אַ בשר־ודמיקע אינטערעסן־פּאַרטיי פון דעם אַרבעטער־קלאַס; דאָס הייסט, זי דאַרף אומעטום, אויף אַלע פעלדער פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פאַרטרעטן זי**

---

געזען, אַז די פאַקטן פון דעם לעבן פירן נישט „מיט געוואַלד" צום סאָציאַליזם, ווי דאָס האָט געגלויבט קאַרל מאַרקס און ווי דאָס גלויבט נאָך איצטער דאָס רוב „אָרטאָדאָקסע" אָדער „ראַדיקאַלע" סאָציאַליסטן. אָבער אָנשטאָט אינגאַנצן אָפּצוזאָגן זיך פון דעם עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם און „אוטאָפּיסטיש" פאַרלאַנגען, מען זאָל זוכן אַן אַנדער טעאָרעטישע באַגרינדונג פאַר דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, האָט ער, פאַרעקשנט אין דעם עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם, אַרויסגעבראַכט אַן אַנדער פאָדערונג: לאָמיר נישט אַזוי מקפּיד זיין אויף דעם סאָציאַליסטישן ענדציל: „דער ענדציל איז גאָרנישט, די באַוועגונג איז אַלץ".— אַ חוץ דעם האָט ער אויך דעם קלאַסן־שטאַנדפּונקט פון דעם סאָציאַליזם, וואָס זאָגט, אַז ער איז אין דער ערשטער ליניע אַ קאַמף פון אַרבעט אַנטקעגן קאַפּיטאַל, נישט ווייניק מטושטש געמאַכט: ער איז ביי אים כּמעט אינגאַנצן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאַמף פון די אומפאַרמעגלעכע, אָרעמערע שיכטן פאַר אַ בעסערן פרייערן לעבן, און אַ שטאַרקערע ראָלע אין דער געזעלשאַפט. — דאָס איז לחלוטין נישט דאָס, וואָס איך האָב אַרויסגעלייענט, — אָדער, ריכטיקער, אַריינגעלייענט, — אין זיינע ערשטע ווערק. איך האָב זיי נישט ווילנדיק אַריינגעלייגט דערפאַר, ווייל דאָס איז געווען מיין אמת, און עס האָט מיך אַזוי געפרייט, ווען איך האָב געזען (אָדער מיר האָט זיך אויסגעדוכט), אַז די גייסטיקע פירער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע קומען אויך ביסלעכווייז צו אים. — נישט קוקנדיק אויף אַלע פעלערן, — טעאָרעטישע און פּראַקטישע, — וואָס שטעקן אין בערנשטיינס סיסטעם, בלייבט זיין היסטאָרישע באַדייטונג זייער גרויס: אַ דאַנק אים איז פאַרשטאַרקט געוואָרן דער קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט פאַר אַ בעסערע עקזיסטענץ היינטיקן טאָג; זענען די מחות באַפרייט געוואָרן פון אַ סך כּלומרשט רעוואָלוציאָנערע פראַזן, מיט וועלכע עס איז געווען אָנגעזאַפּט די לופט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און עס איז אויפגעוועקט געוואָרן דער גייסט פון קריטיק, פון זעלבשטענדיקן דענקען און פאָרשן, אָנשטאָט דעם פריערדיקן גלויבן, אַז אַלץ, וואָס מאַרקס און ענגעלס האָבן געלערנט, איז קודש־קדשים. [1912].

אינטערעסן פון די אַרבעטער (און נישט נאָר די פּראָלע־טאַריער) אין זייער קאַמף פאַר אַ חשובע מענטשלעכע עקזיס־טענץ. צו דעם לעצטן קאָלעקטיוויסטישן ציל פון דער באַ־וועגונג שטרעבן מיר אויך נישט מער, ווי דערפאַר, ווייל דער קאָלעקטיוויזם איז די איינציקע סאָציאָלאָגיש־דענקבאַרע געזעל־שאַפטלעכע פאָרם, וואָס קאָן פאַרשאַפן איטלעכן אַרבעטער אָן אָן אונטערשייד די מעגלעכקייט צו דערגרייכן אַ חשובן מענטשלעכן זיין אויף דער וועלט.

צו דעמדאָזיקן לעצטן ציל קאָן מען דערגרייכן נאָר אויף איין וועג: אַלע אַרבעטער מוזן דערהויבן ווערן צו אַזאַ הויכע שטופע אין דער קולטור, אַז פאַר זיי זאָל דער סאָ־ציאַליזם ווערן אַ נויטווענדיקייט. אַ נויטווענדיקייט נישט אין דעם געשיכטס־פילאָזאָפישן זין פון „נישט קאָנען אויסמיידן", נאָר אין דעם סאָציאָלאָגישן און קולטורעלן זין פון „נישט קאָנען אויסקומען"*).

דער וועג צו דעם סאָציאַליזם ליגט אין דער אויפהוי־בונג פון דער מאַטעריעלער און קולטורעלער לאַגע פון אַלע אַרבעטנדיקע שיכטן, סיי דורך אייגענער הילף, סיי דורך דער הילף פון דער מלוכה; אין דעם פאַרשווינדן פון דער „פאַר־שאָלטענער באַדערפעני־שלאָזיקייט"; אין דעם געשטייגערטן דאָרשט צו מאַטעריעלע און קולטורעלע גיטער, און אין דעם

*) „נישט־קאָנען־אויסמיידן" איז אביעקטיוו, און נעמט אָן, אַז געוויסע קרעפטן, וואָס שטייען ערגעץ־ווו הינטער דעם מענטש, טרייבן אים מיט געוואַלט צום סאָציאַליזם אפילו אַנטקעגן זיין אייגענעם ווילן, אָדער אַז זיין ווילן איז דערביי נישט מער ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון יענע מחוץ למענטשלעכע קרעפטן. „נישט־קאָנען־אויסקומען" איז סובּיעקטיוו און האָט זיין וואָרצל נישט אין מחוץ למענטשלעכע קרעפטן נאָר אינעווייניק אין דעם מענטשלעכן ווילן און אין זיינע מענטשלעכע אינטערעסן. דאָס איז די שטייגערונג פון דעם ווילן צו אַ זאַך ביז צו אַזאַ מדרגה, אַז מען קאָן אָן איר נישט לעבן און מען איז אַנגעגרייט מוסר נפש זיין זיך פאַר איר. [אָנמערקונג פון 1912].

פאַנאַנדערבלי פון דעם געפיל פון מענטשלעכער חשיבות, וואָס איז פאַרבונדן מיט דעמאָקראַטיק געשטייגערטן דאָרשט. א דאַנק דעם מוז דער סאָציאַליזם ווערן אַ פּראַקטישע נויט, אַ נויטווענדיקייט.

איך זאָג, דאָס איז דער איינציקער וועג, ווייל אויף אָנגענעמע סורפּריזן מצד דער געשיכטע, וואָס זי קאָן אונז אפשר מאַכן אין דער פאָרם פון אַ גליקלעך זיך-אָפּשפּילנדיקער סאָציאַלער רעוואָלוציע, — אַזאַ מעגלעכקייט קאָן מען בשום אופן נישט לייקענען, — אויף אַזעלכע אָנגענעמע סורפּריזן טאָר מען אין דעם געוויינלעכן חשבון פאַר דער טאָג-טעגלעכער פּראַקטיק בשום אופן נישט רעכענען. אין אַ באמת דעמאָקראַטישער מדינה איז אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע אָדער איבעריק, אָדער אָן שום פּעולה. איבעריק, ווען דאָס גאַנצע פאָלק אָדער די גרעסטע מאַיאָריטעט זיינע וויל דורכפירן יענע סאָציאַלע איבערקערעניש, וואָס איר נויטווענדיקייט שטייט שוין קלאָר פאַר די אויגן: דעמאָלט קאָן דאָס פאָלק מאַכן די סאָציאַלע רעוואָלוציע אויף אַ ריין-פרידלעכן אופן. אָן אַ שום פּעולה, דעמאָלט, ווען די אַריבערוועגנדיקע מאַיאָריטעט פון דעם פאָלק איז אַנטקעגן איר, ווייל אַנטקעגן דעם ווילן פון פאָלק קאָן מען אין אַ סאָציאַליסטישער מלוכה נאָך ווייניקער רעגירן, איידער אין אַ מאָדערנער. (אַ גאַנץ אַנדער זאַך איז, פאַרשטייט זיך, אַ ריין-פּאָליטישע, דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע דאָרטן, וו דאָס פאָלק קאָן פּאָליטיש נאָך נישט דורכפירן זיין ווילן. אָבער דאָס געהער נישט צו אונזער ענין.) און אויף אַזאַ אופן איז יעדער שריט פאָראויס אין דער אויפהייבונג פון דער עקאָנאָמישער און דער קולטורעלער לאַגע פון די אַרבעטער אַ שטיק וועג צום סאָציאַליזם.

ממילא זעען מיר, אַז ביי דעם „עקלעקטיקער" בערנשטיין זענען, אויב איך האָב אים ריכטיק פאַרשטאַנען, סיי די צילן, ווי אויך די וועגן און די גרונט-שטריכן פון דער טאַקטיק פון איין גאָס און שטימען איין מיט די נויטן

פון דער סאָציאַליסטישער פּראַקטיק, וואָס וואַקסט אַרויס פון די אומשטענדן, דערפאַר שטייט נאָך די פּראַקטיק אין אַ שרייענדיקן ווידערשפּרוך צו די מאַרקסיסטישע גרונט-פּרינציפּן, וועלכע די פּאַרטיי פּאַרהייליקט נאָך עד היום.

די גרונט-פּרינציפּן פאָדערן, צ. ב., אַז די פּאַרטיי זאָל באַשטיין נאָר פון דעם פּראָלעטאַריאַט, דעם „אתה-בחרתנו"-קלאַס פון דער געשיכטע, די פּראַקטיק טרייבט אָבער דערצו, אַריינצוצייסן אין דער באַוועגונג אויך אַלע אַנדערע שיכטן פון דער אַרבעטערשאַפט. די פּאַרטיי מוז דעריבער פאַרטרעטן די אינטערעסן אויך פון די אַרבעטנדיקע שיכטן, וואָס ווילן זיך נישט לאָזן פּראָלעטאַריזירן, בעת די גרונט-פּרינציפּן פאַרלאַנגען, אַז די פּראָלעטאַריזירונג זאָל אָנגיין וואָס גיכער און גרינטלעכער.

אָט דאָ, אין דער פּאַרטייס באַגיין זיך מיט די נישט-פּראָלעטאַרישע אַרבעטער, שטעקט אַ היפּשע שטיק „ווידער-שפּרוכס-לאָגיק", וואָס נאָר אַ העגעליאַנער קאָן איבערקאָכן. אָט דאָ, אין דעם ווידערשפּרוך האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַלע קראַנקהאַפטע קרעפטן, וואָס רופן אַרויס דעם אָפּאָרטוניזם, וואָס פאַרגינט זיך די צעלאָזנקייט צו פאַרטיידיקן אויך די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע אינטערעסן פון דעם קליינבירגער, דעם בעל-מלאכה, וואָס האָט פּועלים ביי זיך, דעם פאַרמער, וואָס אַר-בעט מיט געדונגענע „הענט", וועמעס לאַגע עס איז אמת גאָר נישט פויגלדיק, אָבער וועמעס עקאָנאָמישער דרוק אויף די אַרבעטער איז, אַדאַנק דעם גופא, אַ סך שווערער, איידער דער דרוק פון דעם גרויס-פאַבריקאַנט אָדער דעם באַזיצער פון אַ גרויסן גוט. דער פּרינציפּ פון ריינע לוין-אַרבעט האָט גע-מוזט דורכגעבראָכן ווערן, און אַזוי ווי קיין אַנדער פּרינציפּ האָט מען נישט געהאַט, האָט זיך שוין די „עבדיה-בהפקירא" ממילא אַריינגעריסן אין דער פּאַרטיי.

די פּראַקטיק פאַרלאַנגט ווייטער, אַז די פאַרבעסערונג פון דער עקאָנאָמישער לאַגע פון דעם אַרבעטער פאַר דעם היינטיקן טאָג זאָל געטאָן ווערן מיט דער גאַנצער קראַפט, וואָס

די פּאַרטיי פאַרמאָגט. די גרונט-פּרינציפּן פון דעם מאַרקסיזם אָבער מוזן זען אין דערדאָזיקער אַרבעט נישט מער ווי „לאַטעס“, ווייל די באַפרייאונג פון דעם אַרבעטער קאָן על-פּי-טעאָריע אַרויסוואַקסן נאָר ווי אַ דיאַלעקטישער „היפּוך פון דעם היפּוך“, די „נעגאַציע פון דער נעגאַציע“, וואָס קומט פלוצלונג נאָך דעם שרעקלעכסטן עלנט פון די מאַסן.

איך וואָלט געקאָנט צונויפטראָגן נאָך אַ סך מער פּירות פון דער „ווידערשפּרוכס-לאָגיק“, וואָס זענען אויסגעוואַקסן אויף דעם בוים פון דער מאַרקסיסטישער טעאָריע. אָבער שוין פון דעם, וואָס איך האָב געזאָגט, גייט אַרויס גענוג קלאָר, אין וואָס פאַר אַ פאַרצוויקטער לאַגע עס געפינט זיך דער מאַרקסיזם, און אין וועלכער ריכטונג מען מוז זוכן דעם אויסוועג. אויב איך האָב ריכטיק פאַרשטאַנען בערנשטיינס אַרגומענטן, איז פאַר אים די „געגנוואַרטס-אַרבעט“ נישט קיין „נויטווענדיקע צרה“, נישט קיין „לאַטוטע-ווערק“, נישט קיין קאָמפּראָמיס מיט דערווירקלעכקייט, אָבער אויך נישט קיין פאַרווירקלעכונג פון דעם סאָציאַליזם „שטיקלעכווייז“, נאָר ערשט דער נויטווענדיקער, דערפאַר אָבער אויך דער איינציק-זיכערער וועג צו דעם סאָציאַליזם.*)

באַטראַכט מען דעם ענין פון דעם שטאַנדפּונקט, קאָן מען לייכט אַרויסגעפינען די צילן און די וועגן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג:

---

*) אויך דאָ האָב איך געמאַכט אַ גרייז. בערנשטיין האָט דערנאָך צו אָפט דערקלערט, אַז אין זיינע אויגן זענען די פאַרבעסערונגען פון דעם אַרבעטערס לאַגע און פון די סאָציאַל-פּאָליטישע אומשטענדן בכלל — פאַרווירקלעכטע שטיקער פון סאָציאַליזם. צו דער נפקא מיניה צווישן מיין שטאַנדפּונקט און דעם שטאַנדפּונקט פון די בערנשטייניאַנער וועל איך נאָך צוריקקומען אין אַן אַנדער אַרטיקל, ווייל זי קאָן נישט ברייטער פונאַנדערגערעדט ווערן אין אַ הערה. דאָס איז די נפקא מיניה צווישן עוואָלוציע און רעוואָלוציע אין דעם סאָציאַלן (נישט פּאָליטישן) זין פון די ווערטער. [1912].

דער קאָלעקטיוויזם איז יענער אידעאַל פון אַ געזעל־שאַפטלעכער פאָרם, צו וועלכן מיר מוזן שטרעבן, ווי צו אונ־זער ענד־ציל, ווייל נאָר אין אים קאָנען אויפן העכסטן אופן פאַרווירקלעכט ווערן די מענטשלעכע אינטערעסן פון די אַר־בעטער — און דעמאָלט וועלן אַלע מענטשן זיין אַרבעטער.

די פאַרשטאַרקונג פון דעם אַרבעטערס פּאָליטישע מאַכט דורך זיין פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע; די פאַרשטאַרקונג פון זיין עקאָנאָמישער מאַכט דורך זיינע געווערקשאַפטן און קאָאָפּעראַ־ציון; די פאַרשטאַרקונג פון זיין גייסטיק־זיטלעכער מאַכט דורך די אַרבעטער־בילדונגס־פאַראיינען, אַרבעטער־שולן און אַנדערע נויטיקע אַנשטאַלטן, *) דאָס איז דער זיכערסטער וועג צו דער־גרייכן דעם סאָציאַליזם.

איך מיין דעריבער, אַז דער אידעאַל פון אַ סאָציאַליס־טישער באַוועגונג אין דער איצטיקער צייט וואָלט געווען אַזאַ צושטאַנד, ווען יעדער אַרבעטער וואָלט אין דערזעלבער צייט געווען אַ מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אַ גע־ווערקשאַפט, אַ קאָאָפּעראַטיוו און אַן אַרבעטער־בילדונגס־אַנ־שטאַלט.

און אידעאַלן זענען באַשאַפן געוואָרן צוליב דעם, מען זאָל זיי פאַרווירקלעכן מיט דער אָנשטרענגונג פון אַלע קרעפטן.

---

*) ערשט איצטער האָבן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען פון די מערב־אייראָפּעאישע לענדער גענומען איינזען, אַז די קולטור־אַרבעט איז אַ „דריטע זייל", אַ זעלבשטענדיקער דריטער צווייג פון דעם אַרבעטערס קלאַסנ־קאַמף. [1930].

# פעטער קראפּאָטקינס באַטייט פאַר
# דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם

# פעטער קראָפּאָטקינס באַטייט פאַר דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם *).

(אַ פּאָר ווערטער צו זיין 70־יאָריקן געבורטסטאָג)

דער יושר וואָלט געווען — געבן צו קראָפּאָטקינס 70-יאָריקן געבורטס-טאָג אַן איבערבליק איבער זיין גאַנצן באַטייט פאַר דער וויסנשאַפט און דעם ראַדיקאַלן געדאַנק פון אונזער צייט. לײדער מוז איך זיך פון דערדאָזיקער אויפגאַבע אָפּזאָגן: וועגן די פאַרדינסטן קראָפּאָטקינס אין אייניקע צווייגן פון דער ריינער וויסנשאַפט דאַרף שרייבן אַ ספּעציאַליסט אין געאָגראַפיע און געאָלאָגיע, וועגן קראָפּאָטקינען, ווי אַ מענטש, דאַרף שרייבן אַ מאַן, וואָס איז נאָנט געשטאַנען צו אים אין לעבן, און וועגן זיין ספּעציעלן באַטייט פאַר דעם אויסאַרבעטן און פאַרטיפן די אַנאַרכיסטישע טעאָריע דאַרף שרייבן אַן אַנאַרכיסט, וואָס קאָן אויפנעמען זיינע מיינונגען נישט נאָר מיטן מוח, נאָר אויך מיט דער גאַנצער סימפּאַטיע פון זיין האַרץ.

מיר, דעם סאָציאַליסט, איז לייכטער צו זען און אָפּשאַצן זיין גרויס און באַטייט פאַר דעם סאָציאַליזם בכלל און דעריבער וועל איך זיך מוזן באַגנוגענען מיט אַ פּאָר ווערטער נאָר וועגן דעם ענין.

מיט דעם וואָרט סאָציאַליזם דאַרף אָנגערופן ווערן — ווי

*) „דאָס נייע לעבן", 1912, אויגוסט 12.

דאָס טוט אויך קראָפּאָטקין — יענער גרויסער — אָדער לאָמיר בעסער זאָגן: יענער גרעסטער געדאַנק פון אונזער צייט, פון וועמען דער אַנאַרכיזם, די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליזם זענען נישט מער, ווי דריי פאַרשיידענע אָפּצווייגונגען, ווייל ווי פיינטלעך די דריי שטרעמונגען פון דעם מאָדערנעם ראַדיקאַלן געדאַנק זאָלן נישט זיין איינע צו די אַנדערע, ווי שטאַרק זיי זאָלן נישט פאַנאַנדערבלאָזן זייער קעגנערשאַפט, איז פאַראַן איין-איינציקער סימן, וואָס בינדט זיי אַלעמען צונויף אין איין-איינציקן געדאַנקען-שטראָם, דעם סאָציאַליסטישן.

דער סימן איז: דער קאַמף אַנטקעגן דער איצטיקער קאַפּיטאַליסטישער וועלט-אָרדנונג, ווו דער אַרבעטנדיקער מענטש, דער באַשאַפער פון אַלע גיטער, דער אויפהאַלטער פון דעם גאַנצן פּראָגרעס און דער גאַנצער מענטשלעכער קולטור, איז געצוווּנגען, ווי אַ פּראָסטיטוטקע, אָפּצוטרעטן פאַר געלט דאָס נוץ-רעכט אויף די איברים פון זיין גוף, — די הענט און דעם קאָפּ, — און אָנטמאָל אויך דאָס נוץ-רעכט אויף זיין גאַנצער נשמה, נאָר צוליב דעם, כּדי „צו מאַכן אַ ל בן".

אָט דער לעבנס-ציל פון דעם סאָציאַליזם, — אָפּשאַפן די פּראָסטיטוציע פון דעם אַרבעטנדיקן מענטש, — אויב איינער האָט אים טיף אריינגענומען אין מוח און אין הארצן, — מאַכט פון יעדן איינעם אַ סאָלדאַט פון איין-איינציקן אַלוועלטלעכן חיל, אין וואָס פאַר אַ לאַנד ער זאָל נישט וווינען, צו וואָס פאַר אַ פאָלק ער זאָל נישט געהערן, וואָס עס זאָלן נישט זיין זיינע געדאַנקען וועגן די מיטלען און וועגן, וויאַזוי צו דערגרייכן די באַפרייאונג פון דעם אַרבעטנדיקן מענטש.

קראָפּאָטקין איז גאַנץ געוויס איינער פון די וויכטיקסטע גייסטיקע פירער, וואָס האָבן געשמידט כּלי-זין פאַר דעם סאָציאַליסטישן קאַמף.

אויף אַלע פעלדער פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן און דער מענטשלעכער קולטור ווערט איצטער געפירט דער גרוי-

סער באַפרייאונגס-קאַמף אַנטקעגן דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט-אָרדנונג און אירע באַשיצער: אין דער פאַבריק און אין דעם מלוכהשן לעבן, אין דער וויסנשאַפט, דער פילאָזאָפיע און דער קונסט, אין דער שול און אין דער קירך; אָבער דער באַדייטנדסטער פון אַלע קאַמף-פּלעצער איז — אין מיינע אויגן — דאָס פעלד פון וויסנשאַפטלעכן פאָרשן, און דאָס איז מחמת דעם פשוטן טעם, וואָס די וויסנשאַפט, — אין דעםברייטן זין פון זוכן דעם ריינעם, אָביעקטיוון אמת, — איז אַלעמאָל געווען דאָס וויכטיקסטע געצייג פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס.

וואָס מער עס אַנטוויקלט זיך די וויסנשאַפט, וואָס מער זי דרינגט אַריין אין די דערשיינונגען פון דער נאַטור און דעם מענטשלעכן לעבן, וואָס זיכערער עס ווערן אירע רעזול-טאַטן, אויפגעבויט אויף דער דערפאַרונג, דעם עקספּערימענט און דעם קלאָרן חשבון, אַלץ וויכטיקער ווערט איר ראָלע אויך ביי דער פאַרענטפערונג פון פּאָליטישע און סאָציאַלע פּראָ-בלעמען. איר מאַכט אויף דעם עפנטלעכן באַוווסטזיין פון דער געבילדעטער וועלט איז געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז קיין סאָ-ציאַלער אָדער פּאָליטישער גרונט-פּרינציפּ קאָן נישט האָבן קיין ברעקל שאַנס אויף הערשאַפט אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, אויב ער קאָן נישט דורך וויסנשאַפטלעכע אַרגומענטן באַווייזן, פאַרוואָס די געזעלשאַפט דאַרף אים שענקען איר צוטרוי.

די אויסבויער און באַשיצער פון דער איצטיקער קאַפּיטאַ-ליסטישער סיסטעם האָבן דאָס פאַרשטאַנען זייער גוט. די הערשנדיקע יסודות פון דעם איצטיקן לעבן האָבן זיי אַרומ-געריינגלט נישט נאָר מיט די מאַכט-מיטלען פון פּאָליציי און מיליטער, זיי האָבן זיך נישט ווייניקער געפלייסט אויסצובויען אַ גייסטיקע פעסטונג אַרום זיי, די פעסטונג פון דער מאָדער-נער בורזשואַזער וויסנשאַפט, אויף וועלכער עטלעכע דורות פון טאַלענטפולע, טיילס געניאַלע פאָרשער האָבן אַוועקגעגעבן זייער וויסן און דענקען. אָט די גייסטיקע פעסטונג האָט געזאָלט

באַשיצן דעם קאַפּיטאַליזם פון יענע אָנפאַלן, מיט וועלכע זיין העפּטיקסטער קעגנער, דער סאָציאַליזם, האָט אָנגעהויבן ארויס־צוטרעטן אנטקעגן אים.

אין דריי הויפּט־ריכטונגען האָט זיך באַוועגט דער קאַ־פּיטאַליסטיש־וויסנשאַפטלעכער געדאַנק.

קודם־כל האָט ער זיך געמיט צו באַווייזן, וויאַזוי דער קאַפּיטאַליזם, א קינד פון מענטשלעכן פּראָגרעס, איז געוואָרן דער טרעגער פון דעמדאָזיקן פּראָגרעס אויף אַלע פעלדער פון דעם מענטשלעכן שאַפן; וועלכע גבורות ער האָט אויפגעטאָן אין אינדוסטריע און האנדל, אין דער טעכנישער באַהערשונג פון די נאַטור־קרעפטן, אין דער באַקעמפונג פון דעם אַלטן רעליגיעזן אַבערגלויבן, אין דער פאַרשפּרייטונג פון בילדונג און אויפקלערונג, אין דער דעמאָקראַטיזירונג פון דער געזעלשאַפט, אין דער דערנענטערונג פון די פעלקער, איינע צו די אַנדערע. די אַלע גרויסאַרטיקע נצחונות האָט דער קאַפּיטאַליזם דערגרייכט דורך דעם, וואָס ער האָט באַ־פרייט די מענטשלעכע אַרבעט פון די פעאָדאַלע קייטן, און האָט דער אַרבעטנדיקער מענטשהייט געגעבן די מעגלעכקייט צו פאַרקויפן איר אַרבעטס־קראַפט, ווי איר לוינט אַמבעסטן, און צו אַרבעטן אינאיינעם מיט דעם קאַפּיטאַליסט אין „פריי־הייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט".

לייענט מען די דאָזיקע שירים ותשבחות, וועלכע דער ליבעראַלער פּראָגרעסיווער גייסט האָט געזונגען און ווערט עד היום נישט מיד צו זינגען אויף די ישועות ונחמות, וואָס דער קאַפּיטאַליזם האָט געבראַכט דער מענטשהייט, קאָן מען באמת מיינען, אַז אַדאַנק אים איז זי אַריינגעטרעטן אין דעם גן־עדן־פעריאָד פון איר אַנטוויקלונג. און אָט דעם גן־עדן ווילן דאָס די נאַאיווע אָדער ביי‎זוויליקע סאָציאַליסטן אָפּשאַפן און די מענטשהייט ווידער אַריינוואַרפן צוריק אין דער מיטלאַלטער־לעכער נאַכט, ווו די אַרבעט איז געווען געפּענטעט און די

פליגלען זענען געווען צונויפגעבונדן בײַ דער פריער פער־~~זענלעכער~~ איניציאַטיוו.

דערנאָך האָט די קאַפּיטאַליסטישע וויסנשאַפט אָוועקגע־שטעלט זיך צום ציל דירעקט אָנצוגרייפן די סאָציאַליסטישע אידייען־וועלט. דער סאָציאַליזם וואָלט געוויס געווען אַן אומ־גליק פאַר דער מענטשהייט, ווייל ער וואָלט אָפּגעשאַפט די קאָנקורענץ צווישן מענטש און מענטש און דערמיט גופא אָפּ־געשטעלט דעם מענטשלעכן פּראָגרעס. צום גליק פאַר דער מענטשהייט קאָן דער סאָציאַליזם גאָר נישט מקוים ווערן. אַלע זיינע פּלענער זענען נאַאיוו, נישט דורכגעטראַכט, גייען להיפּך צו דער מענטשלעכער נאַטור און צו די געזעצן פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג.

ועל כולם האָט דער קאַפּיטאַליזם געשעפּט נייע גייסטיקע כחות, זיכערהייט אין דעם קאַמף מיט דער סאָציאַליסטישער וועלט און געוויסהייט אין זיין אייביקער הערשאַפט, פון יענער גרויסער איבערקערעניש, וועלכע ד אַ ר וו י ן האָט אַריינגעבראַכט אין די ביאָלאָגישע וויסנשאַפטן. האָט נישט דער דאַרוויניזם באַוויזן קלאָר ווי דער טאָג, אַז די הויפּט-קראַפט פון דעם פּראָגרעס אין דער לעבעדיקער וועלט באַשטייט אין דעם „קאַמף פאַר עקזיסטענץ", וואָס איין לעב-וועזן פירט אַנטקעגן די אַנדערע מינים? האָבן מיר נישט דעם „קאַמף פאַר עקזיסטענץ" צו פאַרדאַנקען די אויסאַרבעטונג פון די העכערע, בעסער-צוגע־פּאַסטע טיפּן ? איז נישט דער מ ע נ ט ש אַליין אַרויסגעוואַקסן פון דער חיהשער וועלט, אַדאַנק דעמזעלביקן פּרינציפּ פון „כל דאלים גבר"? און איז נישט די פרייע עקאָנאָמישע קאָנ־קורענץ אין דער געזעלשאַפט דער לעבנס-נערוו פון דעם קאַפּיטאַליזם, די זעלביקע זאַך, וואָס דער „קאַמף פאַר דער עק־זיסטענץ" אין דער נאַטור ?

וואָס האָט אויף דאָס אַלץ געענטפערט דער סאָציאַליזם ?

די אַלטע סאָציאַליסטישע וועלט האָט אָנשטאָט וויסנשאַפט־לעכע פעסטונגען געבויט פאַנטאַסטישע לופט-שלעסער. מער

קינסטלער און מאָראַל-פּרעדיקער, איידער ווּיסנשאַפטלעכע פאָר-שער און פּראַקטישע פּאָליטיקער, האָבן די אוטאָפּיסטישע סאָ-ציאַליסטן אויסגעמאָלט אין רויזן-פאַרביקע בילדער אַ גן-עדן אויף דער וועלט, ווו מלאכים בצורת מענטש פּראָדוצירן גליק פאַר אַלעמען, זויגן איין גליק מיט יעדן אָטעם פון זייערע לונגען און ווערן אַלט און פעט אין גליק. עס פאַרשטייט זיך, אַז דידאַקטישע לופט-שלעסער האָבן קיין ברעקל ממשות נישט געקאָנט האָבן אין פאַרגלייך מיט יענע צאָלרייכע פאַקטן און ערנסטע אַרגומענטן, וועלכע די בורזשואַזע ווּיסנשאַפט האָט געשעפּט פון דעם ווירקלעכן פּראָצעס, וואָס קומט פאָר אין דער ביאָלאָגישער און אין דער סאָציאַלער עוואָלוציע.

אָבער אויך דעם „ווּיסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם" פון אַ קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס האָט זיך נישט איינגעגעבן איינגאַנצן צו צעשטערן די ווּיסנשאַפטלעכע פעסטונגען פון דער בורזשואַזער וועלט. איך וועל בשום אופן נישט לייקענען די אומגעהייערע טיפקייט פון מאַרקס' געדאַנקען-בוי בכלל און דעם ווּיסנשאַפטלעכן ווערט פון זיינע עקאָנאָמישע אַנאַליזן בפרט. אָבער דער מאַרקסיזם האָט זיך געלאָזט פאַרפירן דורך אַן אַנדער מין אוטאָפּיע, וואָס האָט איבערגעשלעפּט די פּראָבלעם פון דעם ווּיסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם אויף דעם פעלד פון געשיכטס-פילאָזאָפישע ספּעקולאַציעס. אים האָט זיך געדוכט, אַז מען קאָן דורך דער געשיכטס-פילאָזאָפיע באַווייזן, ווי אַזוי אַ סאָציאַליסטישע וועלט-אָרדענונג מוז, כמעט ריין-מעכאַניש, אַרויסוואַקסן פון דער איצטיקער קאַפּיטאַליסטישער ווירט-שאַפטס-פאָרם.

וואָלט מען אַזאַ זאַך געקאָנט ווּיסנשאַפטלעך באַווייזן, וואָלט די פּראָבלעם פון דעם ווּיסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם באמת געווען פאַרענטפערט. דער סאָציאַליזם וועט מקוים ווערן נישט דערפאַר, ווייל ער איז גוט און שיין, נאָר פשוט דערפאַר, ווייל ער מוז מקוים ווערן לויט די אייזערנע גע-זעצן פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג. דורך דעם אַליין

פאַלן אַראָפּ פון דער שאָל אַלע געגנערישע אַרגומענטן, ווי ערנסט און וואָגיק זיי זאָלן נישט זיין.

צום אומגליק פאַר דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם איז די געשיכטס-פילאָזאָפיע נאָך גאָר אַ יונגע וויסנשאַפט, אויב מען קאָן איר בכלל געבן דעמדאָזיקן בכבודן טיטל. אירע געדאַנקען זענען דערווייל נישט מער ווי יוגנט-טרוימערייען, ווען אַפילו זיי דראַפּירן זיך שטאָלץ אין דעם מאַנטל פון כּלומרשט ריין-וויסנשאַפטלעכע באַווייזן. די קריטיק פון דער לעצטער צייט האָט אַראָפּגעריסן דעם שטאָלצן מאַנטל פון זיי און האָט אויפגעוויזן זייער אמתן כאַראַקטער פון יוגנטלעכע וויסנשאַפטס-אילוזיעס. און וואָס קלאָרער איינעם ווערט דער נישט-וויסנשאַפטלעכער כאַראַקטער פון די מאַרקסיסטישע נבואות, אַלץ ברענענדיקער מוז ווערן די פּראָבלעם פון דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם.

קראָפּאָטקינס גרויסער באַטייט פאַר דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק באַשטייט גראָד אין דעם, וואָס ער באַווייזט אונז אַ נייעם וועג, ווי צו בויען סאָציאַליסטישע וויסנשאַפט, וואָס זאָל איינגאַנצן לאָזן אָן אַ זייט סיי יענע צויבער-בילדער, וויאַזוי מלאָכים שפּילן זיך אין גליק, סיי יענע וואָלקן-געשטאַלטן פון כּלומרשט וויסנשאַפטלעכע געזעצן, וועלכע דער שאַרפער קאַלטער ווינט פון דער קריטיק מוז פאַנאַנדעררייסן און צעטראָגן.

אַן אָנהענגער פון דער אַזויגערופענער „רוסישער שולע פון דער סאָציאָלאָגיע“, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן דער עיקר דורך גערצען, טשערנישעווסקי, לאַווראָוו און מיכײַלאָווסקי, גייט קראָפּאָטקין זיינע אייגענע וועגן און איז נעענטער פאַר אַלע זיינע פאָרגעננגער צוגעגאַנגען צו די פּאָזיציעס פון דעם שונא, כדי וויסנשאַפטלעך דירעקט אָנצופאַלן אויף זיי.

אויף דעם „הלל הגדול“, וועלכן די בורזשואַזע וויסנשאַפט האָט אויסגעזונגען צוליב די מעלות פון דעם קאַפּיטאַליזם, ענטפערט ער מיט זיינע „ווערטער פון אַ מורד“, ווו

ער באַווייזט מיט פאַקטן פון דעםווירקלעכן לעבן, וויאַזוי דער קאַפּיטאַליזם רופט זיך אין דער אמתן אָפּ אויף דער לאַגע פון דער אַרבעטנדיקער מענטשהייט, וואָס באַשאַפט דעם פּראָגרעס און צוליב וועמען דער פּראָגרעס דאַרף געשאַפן ווערן. ער באַשווערט אַרויף די גאַנצע נויט און דעם גאַנצן עלנט פון דער מענטשהייט אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, און אין זייער שיקזאַל-שווערן שיין צעגייט ווי טוי די פאַרבלענדעניש פון דעם קאַפּיטאַליסטישן גלאַנץ.

אַנטקעגן די טענות וועגן דער אוממעגלעכקייט פון דעם סאָציאַליזם, — דער עיקר אַנטקעגן דער טענה, אַז עס איז אוממעגלעך צו פּראָדוצירן אַזויפיל מאַטעריעלע גיטער, אַלע נויטן זאָלן קאָנען באַפרידיקט ווערן, — שטעלט ער אַוועק אַ פּאַלאַנג פון שטרענגע וויסנשאַפטלעכע אונטערזוכונגען, באַוואָפנט מיט סטאַטיסטישע ציפערן פון דער עקאָנאָמישער ווירקלעכקייט, וואָס לאָזן נישט איבער קיין אײן ברעקל ספק, אַז די מענטשהייט קאָן, אַדאַנק איר איצטערדיקער טעכניק, אײנגאַנצן אָפּשאַפן דעם עקאָנאָמישן און מאַטעריעלן עלנט פון דער וועלט. איך האָב דאָ אין זין זיין אויסגעצייכנטע נאַציאָנאַל-עקאָנאָמישע אונטערזוכונג, וואָס איז דערשינען אונטער דעם נאָמען: „פעלדער, פאַבריקן און וואַרשטאַטן״.

ליידער קאָנען מיר דאָ, אין די גרענעצן פון אַ ראַשער באַמערקונג, זיך נישט אָפּשטעלן אויף די איינצלנע רעזולטאַטן, צו וועלכע קראָפּאָטקין קומט אין זיין אונטערזוכונג וועגן דעם איצטיקן צושטאַנד פון די מענטשלעכע פּראָדוקטיווע כחות. מיר מוזן לאָזן אָן אַ זייט אויך יענע טעאָרעטישע אַנשויאונגען זיינע, וואָס טראָגן אין זיך אַ גאַנצע רעוואָלוציע בנוגע די צילן און די מעטאָדן פון דער נאַציאָנאַל-עקאָנאָמישער וויסנשאַפט בכלל. איך וועל דאָ נאָר ברענגען דעם שלוס-רעזולטאַט, צו וועלכן קראָפּאָטקין קומט וועגן דער שוין איצטער מעגלעךגעוואָרענער צוקונפט פון דעם עקאָנאָמישן לעבן. אין דעם ענד-רעזולטאַט זאָגט ער נישט צו קיין גן-עדן אויף דער וועלט

און ער שרייבט נישט אונטער קיין קאָנטראַקטן צו מאַכן גליקלעך די מענטשהייט.

די טעכניק און די וויסנשאַפט, זאָגט ער, „וועלן פאַרקירצן די צייט, וואָס איז נויטיק פאַר פּראָדוצירן רייכטום אין יעדן געווינשטן סכום, אַזוי, אַז יעדן איינעם אָדער איינער זאָל בלייבן אַזוי פיל לײדיקע צייט, וויפל ער אָדער זי קאָנען פאַרלאַנגען. זיי וועלן געוויס נישט גאַראַנטירן קיין גליק, ווייל גליק הענגט פיל, אָדער נאָך מער אָפּ פון דעם אינדיווידואום אַליין, איידער פון זיין סביבה. אָבער זיי גאַראַנטירן לכל הפּחות יענעם גליק, וואָס מען קאָן געפינען אין דער פולער און פּיזייטיקער איבונג פון די פאַרשיידענע פעאיקייטן פון אַ מענטשלעכן וועזן, אין דער אַרבעט, וואָס מוז נישט זיין עבודת פּרך, און אין דעם באַוווסטזיין, אַז מען איז נישט געצוווּנגען איינצופונדעווען דעם אייגענעם גליק אויף דעם אַנדערנס עלנט" („פעלדער א. אַז. וו.).

דאָס איז אפשר אַביסל צו ווייניק פאַר די, וואָס זוכן אויף דער וועלט אַ מלאָכים-עקזיסטענץ און וואָס וואָלטן געוואָלט, אַז דער סאָציאַליזם זאָל זיי פאַרענטפערן אַלע קשיות און אַבאַיעס פון דער מענטשלעכער נשמה. אָבער לײדער קאָן די וויסנשאַפט פון דעם סאָציאַליזם נישט געבן מער, איידער זי האָט אַליין.

נאָך וויכטיקער פאַר דעם סאָציאַליסטישן קאַמף אַנטקעגן דער בורזשואַזער וויסנשאַפט איז קראָפּאָטקינס ווערק וועגן דער „קעגנזייטיקע הילף—אַ פאַקטאָר פון עוואָלוציע", וואָס ווענדט זיך אַנטקעגן דער גרונט-דאָגמע פון דאָס רוב דאַרוויניסטישע פאָרשער, אַז דער וויכטיקסטער פאַקטאָר פון דעם פּראָגרעס איז דער „קאַמף פאַר עקזיסטענץ" צווישן אינדיווידואום און אינדיווידואום. דורך אַ מאַסע פאַקטן און ביישפּילן פון דעם לעבן פון דער חיות-וועלט און דער מענטשן-וועלט מאַכט קראָ-

פּאָטקין קלאָר, אַז אין דער ביאָלאָגישער עוואָלוציע האָט געהערשט נישט נאָר דער דירעקטער ברוטאַלער קאַמף פון לעבעדיקע וועזנס צווישן זיך. אַן אַנדער פאַקטאָר, וואָס גייט להיפּך צו דעמדאָזיקן קאַמף, האָט זיך דורכגעזעצט אין דעם פּראָגרעס פון חיה און מענטש און האָט געהאַט אפשר נאָך אַ גרעסערע שליטה איידער דער „קאַמף פאַר עקזיסטענץ". דאָס איז די „קעגנזייטיקע הילף", די סאָלידאַריטעט פון אינטערעסן, וואָס מיר באַמערקן אין דער ביאָלאָגישער וועלט שוין אויף די נידעריקסטע שטופעס פון איר אַנטוויקלונג, און וואָס באַשטייט אין נאָך אַ שטאַרקערן גראַד אין דעם פּראָגרעס פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

אויב עס קאָן נאָך זיין אַ ספק, ווער פון די ביידע פאַקטאָרן פאַרנעמט, לויט דעם סכום פון דערשיינונגען, אַ גרעסערן פּלאַץ אין דעם ביאָלאָגישן און סאָציאָלאָגישן פּראָצעס, איז דערפאַר איין זאַך אַבסאָלוט זיכער, אַז פאַר דעם פּראָגרעס גופא, פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַלץ העכערע פאָרמען פון לעבעדיקע וועזנס, האָט דער צווייטער פאַקטאָר, די „קעגנזייטיקע הילף", געשפּילט אַ סך אַ באַדייטנדיקערע ראָלע, איידער דער ערשטער.

עס איז אַ פאַקט, אַז די גייסטיקע פעאיקייטן האָבן זיך געקאָנט אַמבעסטן אַנטוויקלען נאָר ביי די וועזנס, וואָס האָבן געלעבט געזעלשאַפטלעך (ווי די בינען, מילבן, פאַפוגייען און דאָס רוב מאַלפּעס). די געזעלשאַפטלעכקייט איז אָבער תמיד געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט דער קעגנזייטיקער הילף. אין דערדאָזיקער סאָלידאַריטעט, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויף דעם באָדן פון געמיינזאַמע אינטערעסן פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, דערבליקט קראָפּאָטקין אויך דעם וואָרצל, פון וועלכן עס וענען שפּעטער אויסגעוואַקסן אַלע העכערע מאָראַלישע געפילן פון דער מענטשהייט. נישט קאַמף, נאָר קעגנזייטיקע הילף, — דאָס איז, לויט קראָפּאָטקין, דער גרונט־פאַקטאָר פון דער ביאָלאָגישער און אויך דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג.

ליידער מוזן מיר זיך אויך דאָ אָפּזאָגן פון דעם פאַר-געניגן — אָפּצושטעלן זיך לענגער אויף די וויכטיקסטע פאַקטן פון זיין ליטפּולער אונטערזוכונג. איך וויל נאָר באַמערקן, אַז זיינע רעזולטאַטן הויבן איצטער אָן אַריינצודרינגען, סיי אין דער ביאָלאָגיע, סיי אין דער סאָציאָלאָגיע, ביי אַלע מער אָדער ווייניקער אומפּאַרטייאישע און אָביעקטיווע פאָרשער.

די „קעגנזייטיקע הילף" מאַכט אינגאַנצן אַ תל פון יע-נער פריידיקער התפעלות, מיט וועלכער דאָס רוב בורזשואַזע געלערנטע האָט ביז צו דער לעצטער צייט געקוקט אויף דער כלומרשט פּראָגרעסיווער ראָלע פון דער פּערזענלעכער קאָנקו-רענץ. אָבער די באַדייטונג פון דערדאָזיקער שריפט ווערט נישט אינגאַנצן אויסגעשעפּט מיט אירע פאַרדינסטן פאַר דער סאָציאַליסטישער פּאָלעמיק. זי טראָגט אין זיך נאָך אַן אַנדער ווערט פאַר דער באַגרינדונג פון דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל.

מיר האָבן נאָר-וואָס געזען, אַז די סאָציאַליסטישע וויסנ-שאַפט, אויב זי וויל בלייבן אין די גרענעצן פון דעם ריינעם שטרענגן וויסן, מוז זיך אָפּזאָגן פון וועלכע עס איז אַבסאָלו-טע נבואות בנוגע צו דעם צוקונפטיקן לעבן פון דער מענטש-הייט. אויך קראָפּאָטקין גיט אונז נישט און קאָן אונז נישט געבן די וויסנשאַפטלעכע פאַרזיכערונג, אַז די געשיכטע וועט מיט אייזערנע ריטער אַריינטרייבן די מענטשהייט אין דעם סאָציאַליזם. אַלץ, וואָס די וויסנשאַפט קאָן אונז געבן אין דעם פּרט, איז די זיכערקייט, אַז אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפטס-אָרדענונג קאָן דורכגעפירט ווערן, אַ דאַנק דעם איצטיקן מעמד פון די נאַטורוויסנשאַפטן און דער טעכניק. וואָלט מען קראָ-פּאָטקינען געפרעגט: קאָן ער אין דעם נאָמען פון דער וויסנ-שאַפט גאַראַנטירן אויף געוויס, אַז די מענטשהייט וועט דווקא דורכפירן דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל? — וואָלט ער געמוזט ענטפערן אָפן און ערלעך, אַז על פּי דער שטרענגסטער וויסנ-שאַפט וועט דער סאָציאַליזם אפשר מקוים ווערן און אפשר אויך נישט...

דער רעזולטאַט בנוגע צו דער צוקונפט בלייבט, הייסט עס, אַ סקעפּטישער. און פונדעסטוועגן איז קראָפּאָטקין בשום אופן נישט קיין סקעפּטיקער, ווי אויך קיין איינער נישט פון די, וואָס באַגרינדן דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל אויף זיין שטייגער. אין האַרצן לעבט ביי זיי די זיכערע געוויסהייט, אַז עס קאָן נישט זיין אַנדערש; אַז דער סאָציאַליזם מוז פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דער איצטיקער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפטס-אָרדענונג.

פונוואַנען נעמט זיך ביי זיי דידאָזיקע געוויסהייט, וועלכע גיט זיי דעם מוט צו דעם קאַמף?

דידאָזיקע זיכערקייט שטאַמט נישט פון דער וויסנשאַפט, נאָר פון גאָר אַן אַנדער מקור: דאָס איז אַ גלויבן, אַ פעסטער גלויבן אָן אַ שום ספק אין דעם מענטשן, אין זיין נאַטור, און אין זיין שטרעבן צו אַ בעסערן, פאַרבינפּטיקערן זיין אויף דער וועלט. די וויסנשאַפט, אויף וועלכער אַזאַ גלויבן קאָן זיך שטיצן, איז די וויסנשאַפט וועגן דעם מענטש גופא. אַדאַנק דער באַקאַנטשאַפט מיט דעם מענטשן אין דעם פעלקער-לעבן און אין דער געשיכטע זעען מיר איין, אַז אונזער גלויבן אין אים, אין זיינע כּחות און אין דער ריכטונג פון זיין ווילן, איז נישט קיין בלינדער, אַז ער שטימט זייער גוט מיט אַלע יענע וויכטיקע פאַקטן פון געשיכטע און פעלקער-לעבן, אין וועלכע דער מענטש האָט אויסגעדריקט זיין מהות.

אָט דעם גלויבן אין דעם מענטשן מאַכט שטאַרקער אין אונז קראָפּאָטקין דורך זיינע סאָציאָלאָגישע און געשיכטלעכע אונטערזוכונגען. ער באַווייזט אונז סיי אויס דעם לעבן פון די גאָר ווילדע פעלקער, — אַפילו די מענטשן-פרע-סערישע, — סיי אויס דעם לעבן פון די באַרבאַרישע פעלקער און די ציוויליזירטע, אין דער אַלטער וועלט, אין דעם מיטל-אַלטער, ווי אויך אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער רע-וואָלוציע (דאָס לעצטע אין אַ באַזונדער ווערק וועגן איר),

וואָס אַזוינס די מענטשלעכע מאַסן טוען אַלעמאָל, ווי נאָר זיי ווערן איבערגעלאָזן צו זייער אייגענעם שיקזאַל און ווי נאָר זיי מוזן צווישן זיך פּאַרענטפערן די פּראָבלעמען פון דעם געזעלשאַפטלעכן יושר. די סאָלידאַריטעטס-געפילן, וואָס זענען אויסגעוואַקסן פון דער „קעגנזייטיקער הילף" נאָך אין דער זאָאָלאָגישער אַנטוויקלונגס-פּאַזע פון דעם מענטשן, רייסן זיך תמיד אַרויס ביי די גרויסע מאַסן פון דעם פאָלק און ברענגען פון זיך אַרויס אינסטיטוציעס, וואָס פאַרווירקלעכן אין לעבן יענע קעגנזייטיקע הילף און יענעם גראַד פון יושר, וואָס איז איבערהויפּט מעגלעך אונטער די געגעבענע באַדינגונגען.

דער אַבסאָלוטער גלויבן אין דעם מענטשן גיט קראָפּאָטקינען די מעגלעכקייט אויסצומאָלן — אין זיין „די דעראָבערונג פון ברויט" — אַ בילד פון דעם, ווי אַזוי די מאַסן, איינמאָל באַפרייט, אַדאַנק דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, פון דעם איצטיקן רעזשים, וואָלטן, לויט זייער אייגענעם מהות און לויט דער טבע פון דער לאַגע, אין וועלכער זיי וועלן זיך געפינען, געמוזט, כמעט ווי שפּילנדיק, איינאָרדענען דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן אויף ריין-קאָמוניסטישע יסודות.

דעם אמת גערעדט, קאָן איך אין דער אָפּשאַצונג פון דער מענטשלעכער טבע נישט אינגאַנצן איינשטימען מיט דעם, וואָס קראָפּאָטקין האָט אַרויסגעפונען. דעם מענטשנס מהות איז גאַנץ געוויס נישט נידעריקער אויך אין מיינע אויגן. אָבער איך זע די באַדערפענישן פון דער מענטשלעכער נשמה אין אַביסל אַן אַנדער באַלייכטונג, ווי דאָס טוט קראָפּאָטקין, און קום דעריבער צו רעזולטאַטן, וואָס שטימען נישט אינגאַנצן מיט זיין סאָציאַליסטישן בליק אויף דער צוקונפט. אָבער — דאָס געהער שוין צו דעם סכסוך, וואָס הערשט צווישן אונז, סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן, און קראָפּאָטקינס קאָמוניסטישן אַנאַרכיזם, — אַ סכסוך, דאָס קאָן נישט פאַנאַנדערגעקליבן ווערן דאָ. פאַרביידע ריכטונגען איז אָבער דער לעצטער גרונט פון זייער זיכערקייט — דער גלויבן אין דעם

מענטשן, וועלכן קראָפּאָטקין מאַכט נאָך פעסטער דורך אַלע זיינע ווערק, וואָס האָבן צו טאָן מיט דעם מענטשן.

עס איז אָבער דאָ נאָך אַ ווערק קראָפּאָטקינס, וואָס פונדעוועט איין דעמזעלביקן גלויבן אין דעם מענטשן און מאַכט אים צו אַ פעלזן-פעסטער געוויסהייט. אויף דעם ווערק אַרבעט דער גרייז-גרויער מחבר זינט ער איז געוואָרן אַ באַוווסטזיניקער טוער אין דער רוסישער רעוואָלוציע ביז אויף דעם הייניקן טאָג, און ווען אַפילו דאָס ווערק איז אין זיינע גרונטשטריכן שוין לאַנג פאַרטיק און אָפּגעשלאָסן, קאָנען נאָך צוגעשריבן ווערן צו אים אַ סך אינטערעסאַנטע און אינהאַלטסרייכע קאַפּיטלען.

מיר מיינען דאָ קראָפּאָטקינס ל ע ב ן גופא, — נישט נאָר די געשריבענע אויטאָביאָגראַפישע מעמוארן, נאָר דאָס גאַנצע דורכגעלעבטע לעבן, די גאַנצע פּערזענלעכקייט זיינע אין איר טרייען דינסט פאַר דער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט. דאָס איז די בעסטע „טעאָרעטישע אונטערזוכונג" וועגן מענטש און מענטשלעכקייט, וואָס קראָפּאָטקין האָט געקאָנט געבן דער מענטשהייט; מיט זיין אייגענעם לעבן און קעמפן האָט ער באַשייַנפּערלעך באַוויזן, וואָס אַזוינס דער מענטש איז, לויט זיין אינעווייניקסטן תוך, אָדער לכל הפחות, וואָס אַזוינס דער מענטש ק אָ ן זיין אונטער גינסטיקע באַדינגונגען...

עס מאַכט איינעם שטאָלץ צו וויסן און געדענקען, אַז קראָפּאָטקין איז אייגנטלעך נישט מער ווי אַ בשר ודם: פלייש פון אונזער מענטשלעך פלייש און גייסט פון אונזער מענטשלעכן גייסט, איינער פון די זעלטן-גערעטנסטע עקזעמפּלאַרן פון אונזער אייגענעם, מענטשלעכן מין. און עס איז אַ פרייד צו דענקען, אַז אַזאַ פאַרטרעטער פון דער מענטשהייט לעבט צווישן אונז און ווייזט אָן, צו אַ וועלכער הויך דער מענטש קאָן זיך דערהויבן...

אַזאַ מין פרייד דורכצולעבן האָט ליידער די איצטיקע מענטשהייט זייער ווייניק געלעגנהייט. פאַר מיינע יאָרן געדענק

איך נאָר אייניקע גרויסע „זקנים”, וואָס האָבן פאַרקערפּערט אין זיך, אין דער אייגענער פּערזאָן און אין זייער גאַנצן לעבן, די העכסטע אידעאַלן פון דעם מענטשלעכן מין און וואָס האָבן דעריבער געצויגן צו זיך אַלע הערצער, ווי אַ מאַגנעט. פריער איז דאָס געווען פאַר דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט ווי קט אָר הוגאָ. דערנאָך איז, פאַר אונז, סאָציאַליסטן פון רוסלאַנד, לאַווראָוו געווען די צענטראַלע מאַגנעטישע פיגור, און נאָך זיין טויט איז געבליבן טאָלסטאָי. אַ וואַרעמקייט פלעגט אַלעמאָל דורכגיין דורכן בלוט, ווען מען פלעגט אַ טראַכט טאָן, אַז אַ הוגאָ לעבט נאָך, אַז עס לעבט נאָך אַ לאַווראָוו, אַז עס לעבט דער גרויסער, גרייז-גרויער זקן פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ. און וואָס פאַר אַ טיפער טרויער עס האָט דורכגענומען דאָס האַרץ ביי דער ידיעה פון זייער טויט!... וואָלטן יענע מענטשן געוווסט, וויפל צער זיי ברענגען אויף דער וועלט דורך זייער שטאַרבן, וואָלטן זיי געוויס געהאַלטן פאַר זייער הייליקסטן חוב צו לעבן, לעבן, לעבן וואָס לענגער.

נאָך טאָלסטאָיס טויט זע איך ווירקלעך קיינעם נישט, אויף דער גאַנצער וועלט קיינעם נישט, וואָס זאָל פאַרנעמען דעם אָרט פון אַזאַ צענטראַלער מאַגנעטישער פיגור, אַ חוץ קראָפּאָטקינען. ער איז איצטער דער ריינסטער און דער שענסטער „רעפּרעזענטאַנט פון דער מענטשהייט”, און עס וואַקסט אָן אין הערצן דער הייסטער ערנסטער ווונש צו זיין 70-יאָריקן געבורטסטאָג, אַז דער גורל זאָל אים צושיקן דעם מאַקסימום פון יאָרן און גליק און פרייד, וואָס אַ מענטשן קאָן זיין באַשערט.

# דער סאָציאַליזם פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן

„עס איז אַ חוב פון יושר פאַר
יעדן מענטשן צו זיין אַ סאָציאַליסט".

# דער סאָציאַליזם פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן *)

## ערשטעס קאַפּיטל

### סאָציאַל־דעמאָקראַטן און סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן

אין דעם אָנהויב פון די ניינציקער יאָרן, — דער געבורטס־צייט פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, — האָט דער רוסישער סאָציאַליזם שוין געהאַט הינטער זיך אַ לאַנגן פּעריאָד פון אומגעהייער־אָנגעשטרענגטן געדאַנק און אָנגעשטרענגטער טעטיקייט.

פּאַרטייען האָבן אָפּגעביטן פּאַרטייען, פּראָגראַמען זענען פאַרדרענגט געוואָרן דורך פּראָגראַמען, אָבער אין אַלע אין זיי איז איין פונקט געוועזן דער ליכטיקסטער, דער צענטראַלסטער, אין וועלכן קיינער האָט קיינמאָל נישט געקאָנט צווייפלען: די רוסישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט קודם כל פאַר איר אויפגאַבע צו דינען די אינטערעסן פון דעם רוסישן אַרבעטנדיקן פאָלק. די מאַיאָריטעט פון דעם רוסישן פאָלק באַשטייט פון פויערים. דעריבער דאַרפן די אינטערעסן פון די פויערים שטיין אין דעם צענטער פון דעם סאָציאַליסטס געדאַנק.

פּראַקטישע פּלענער און אוטאָפּיסטישע פאַנטאַזיעס, רייכע קענטשאַפט פון לעבן און השערות פון אַ בוך־פרעסער, —

---

*) צוערשט געדרוקט ווי דאָס פינפטע העפט פון יענער „אַרבעטער־רינג־ביבליאָטעק“, וואָס דער ניו־יאָרקער אַרבעטער־רינג האָט אַרויסגעגעבן.

אַלץ איז דורכגעגאַנגען דורך אים, אָבער זיין צענטראַל-פּונקט איז געבליבן דערזועלביקער: די אינטערעסן פון דער מאַיאָריטעט פון דעם רוסישן פאָלק, פון די פּויערים.

און ווי האָט דאָס געקאָנט אַנדערש זיין?

מען מאַכט אַ גרויסן טעות, ווען מען מיינט, אַז די ראַדיקאַלן, די סאָציאַליסטן ווערן געפירט אין זייער קאַמף פאַר דער מענטשהייט און אַ בעסערן לעבן פאַר איר דורך די פאָרשטעלונגען פון אַ אַבסטראַקטן מענטשן, אַ סתם מענטש אין דער וועלט אַריין. אַזוינע, וואָס לעבן מיט אַן אַבסטראַקטער ליבע צו דעם „סתם-מענטש" און טראַכטן אַבסטראַקטע געדאַנקען וועגן אַ סאָציאַליסטישן לעבן איבערהויפּט, זענען דאָ זייער ווייניק אויף דער וועלט.

בדרך כּלל ווייסן אַלע, וואָס לעבן מיט אַ באַוווסטזיניקן היסטאָרישן לעבן, זייער גוט, אַז נישט די מענטשן זענען באַשאַפן געוואָרן צוליב דעם סאָציאַליזם, נאָר דער סאָציאַליסטישער אידעאַל איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן צוליב די מענטשן, און נישט צוליב גלאַט מענטשן אין דער וועלט אַריין, גלאַט — פאַרטרעטער פון דעם מין „האָמאָ סאַפּיענס", נאָר צוליב קאָנקרעטע, באַשטימטע איינוווינער פון אַ געגעבענעם לאַנד אין אַ געגעבענער צייט, צוליב דער מאַיאָריטעט פון אָט דעם באַשטימטן, היסטאָריש-אויסגעוואַקסענעם פאָלק. זיינע אוממיטלבאַרע, ווירקלעכע לעבנס-נויטן האָבן אַרויסגערופן זייערע געדאַנקען וועגן טובת הכּלל און האָבן אָנגעצונדן די פלאַם פון זייער קריטישן און שאַפנדיקן שכל, כּדי אויסצוגעפינען, אין וואָס עס זאָל באַשטיין יענער „טובת הכּלל" און וועלכע מיטלען מען דאַרף אָנווענדן, כּדי צו דערגרייכן דעם געווינשטן ציל.

אין רוסלאַנד אָבער איז די מאַיאָריטעט פון דעם פאָלק, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, — פּויערים, און די לעבנס-נויטן פון דעם פאָלק זענען פּויעריש, פאַרבונדן מיט דער ערד און מיט דער ערד-אַרבעט.

דאָס הייסט, אַז ווען מען רעדט וועגן די לעבנס-נויטן

פון די אַרבעטנדיקע שיכטן פון דעם רוסישן פאָלק, מוז מען קודם כל און הויפטזעכלעך טראַכטן וועגן די רוסישע פויערים, דער מאַיאָריטעט פון דער רוסישער אַרבעטאָרישער באַפעלקערונג.

קאָן דען זיין אַ ספק, אין וואָס עס באַשטייט די צענטראַלע לעבנס־נויט פון דעם רוסישן אַרבעטנדיקן פאָלק?

נאָר איין ענטפער קאָן געגעבן ווערן אויף דער פראַגע. די לעבנס־נויט באַשטייט אין דעם, אַז די פויערים זאָלן האָבן גענוג ערד, צו וועלכער זיי זאָלן קאָנען צולייגן זייער אַרבעט. גענוג ערד קאָנען זיי אָבער האָבן נאָר דעמאָלט, ווען די ערד וועט באַלאַנגען נאָר צו די, וואָס באַאַרבעטן זי מיט זייערע אייגענע הענט, כדי יעדערער זאָל קאָנען האָבן נאָר אַזויפיל ערד אין זיין באַזיץ, וויפל ער קאָן אַליין באַאַרבעטן, און כדי דאָס, וואָס ער קאָן נישט באַאַרבעטן אַליין, זאָל ער מוזן אָפּטרעטן אַן אַנדערן.

די אָפּשאַפונג פון פּריוואַט־אייגנטום אויף דעם גרונט און באָדן און די צושטעלונג פון ערד צו די, וואָס ווילן זי באַאַרבעטן מיט די אייגענע הענט, איז דעריבער געוואָרן די צענטראַל־פאָדערונג פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. און אינאיינעם מיט די אינטערנאַציאָנאַלע פאָדערונגען פון דער אַרבעטער־פּאָליטיק אין די אינטערעסן פון די שטאָטישע אַרבעטער, און די געוויינלעכע פאָדערונגען פון דער פּאָליטישער פרייהייט, אין וועלכע זיי זענען זיך נישט פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט די אַנדערע רעוואָלוציאָנערע ריכטונגען, האָט זי געבילדעט דעם פּראָגראַם־מינימום פון דער נייער ריכטונג.

אין אַלע אַנדערע פּראָגראַם־פונקטן זענען די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליסטן אין דעם מאָדערנעם זין פון דעם וואָרט. זיי האָבן זיך פון אָנהויב אָן אָנגעשלאָסן אָן יענעם אַרט סאָציאַליזם, וועלכן ענגעלס האָט אַ נאָמען געגעבן „דער אַרבעטער־סאָציאַליזם" און וועמעס גרונד־סימן דערזעלבער ענגעלס האָט אויסגעפונען אין דער פאָדע־

רונג: אָפּשאַפן פּריוואַט-אייגנטום אויף אַלע געצייג און מיטלען פון דער פּראָדוקציע און איינפירן קאָלעקטיווע פאָרמען פאַר זייער אויסנוצונג.

זיי זענען מאָדערנע סאָציאַליסטן אויך אין דעם זין פון דעם וואָרט, וואָס זיי גלויבן אין דער נויטווענדיקייט פון דעם ק ל אַ ס נ ק אַ מ ף סיי אויף דעם פּאָליטישן, סיי אויף דעם עקאָנאָמישן געביט. זיי גלויבן און אַרבעטן צוליב דער אָרגאַניזאַציע פון אַן אייגהייטלעכער אַ ר ב ע ט ע ר ־ פּ אַ ר ־ ט ײ, וואָס זאָל פאַרטרעטן די אינטערעסן פון אַלע אַרבעטס-קרעפטן אין דעם לאַנד און סוף־כּל־סוף באַפרייען די מענטש־לעכע אַרבעט פון אַלע קייטן, וואָס שמידן זי איין.

אָט די אַרבעטער-פּאַרטיי, וואָס די יונגע עס-ערן האָבן געגרינדעט ווילן, האָט געהאַט צוויי הויפּט-צילן אין זין: דעם סאָציאַליזם און די פּאָליטישע פרייהייט. מיט דער סאָציאַליס־טישער און פּאָליטישער פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע האָט די אַרבעטער־פּאַרטיי זיך געדאַרפט ווענדן צו אַלע שיכטן פון דעם אַרבעטנדיקן פאָלק, דער עיקר אָבער, צו דעם פּויער אין דאָרף. אָבער מיט די פּאָליטישע פאָדערונגען וועט מען זיך דאַרפן ווענדן, — דאָס האָבן די עס-ערן געוווּסט — נישט צו קיין אַנדערן, ווי נאָר צו דער רוסישער רעגירונג אַליין, ווייל די פּאָליטישע מאַכט ליגט אין אירע הענט. היות אָבער ווי די רוסישע רעגירונג פאַרשטייט נישט קיין פּשוטע מענטשלע־כע רייד, וועט דער אַרבעטער־קלאַס מוזן זיך ווענדן צו איר מיט אַזעלכע דבורים, וועלכע זי זאָל קאָנען פאַרשטיין. דער „לשון", מיט וועלכן מען דאַרף רעדן צו דער רוסישער רעגי־רונג, איז שוין אויסגעאַרבעט פון דער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", און די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן האָבן געפאָדערט, מען זאָל זיך באַנוצן מיט יענעם „ווערטער־בוך".

אַזוי אַן ערך האָבן אויסגעזען די גרונט־פּרינציפּן פון דער ערשטער פּראָגראַם-סקיצע פון דער ערשטער סאָציאַל-רע־וואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע, און עס איז דאָ לחלוטין נישט

איינצווזען, ווי אַזוי מען האָט געקאָנט פון זיי אַריבערפליען אין די הויכע עולמות פון דער אַלגעמיינער פילאָזאָפיע, און פאַרוואָס האָט מען דאָ געדאַרפט שעלטן זיך „אין טאַטן אַריין". געשען איז דאָס אָבער דערפאַר, וואָס די רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע האָט געמוזט אין דעם נאָמען פון דער מאַרקסיסטישער טעאָריע אַרויסטרעטן מיט אַ העפטיקן פּראָטעסט אַנטקעגן דער שטעלונג און דער אָנשויאונג פון די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן.

אויף דער פאָדערונג פון די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן, אַז די רוסישע אַרבעטער-פּאַרטיי זאָל פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די פויערים, האָט די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע געענטפערט מיט דער באַהויפּטונג, אַז די פויערים זענען קליינבירגער און נישט קיין אַרבעטער, און אַז זייערע אינטערעסן טאָרן דעריבער נישט פאַרטיידיקט ווערן אין אַ סאָציאַליסטישער פּראָגראַם.

מען האָט דעריבער זיך געמוזט פאַנאַנדערקלייבן אין דער ס אָ צ י אָ ל אָ ג י ש ע ר פראַגע, וואָס איז דער מהות פון אַ געזעלשאַפטלעכן קלאַס, פונוואַנען די געזעלשאַפטלעכע קלאַסן נעמען זיך, און וואָס דאַרף זיין דער גרונט-פּרינציפּ, לויט וועלכן מען זאָל זיי איינטיילן.

די אויסזיכטן אויף דער רעוואָלוציע, צוליב וועלכער די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט באַדאַרפט אַרבעטן, זענען אָפּגעהאַנגען פון דעם, ווי איינער האָט געקוקט אויף די גרונט-קרעפטן, וואָס טרייבן אָן דעם געזעלשאַפטלעכן פּראָצעס, און אויף דעם גאַנג פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג.

די ס. ר. האָבן דעריבער געמוזט איבערקוקן אַלע באַהויפּטונגען פון דער מאַרקסיסטישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע וועגן אָט די אַלע ענינים און אַזוי ווי די מאַרקסיסטישע געשיכטס-פילאָזאָפיע איז ענג-פאַרבונדן מיט דער אַלגעמיינער מאַרקסיסטישער פילאָזאָפיע, איז מען שוין געצוווּנגען געווען פונאַנדערצושפּרייטן די פילאָזאָפישע פליגלען און אַריבערצופליען

אזש אין די הימלען פון דעם ריינעם פילאָזאָפישן געדאַנק.

דער פועליוצא פון אָט דעם קריטישן איבערקוק פון אלע באַהויפּטונגען, וועלכע די מאַרקסיסטישע טעאָריע האָט אַרויסגעשטעלט, איז געוועזן דער, וואָס ביידע צדדים האָבן געמוזט איינזען, אַז זיי געהערן צו צוויי גאַנץ־פאַרשיידענע ריכטונגען פון דעם מענטשלעכן געדאַנק און אַז זיי גייען זיך פאַנאַנדער כמעט אין אַלע וויכטיקע פונקטן פון דער מאָדער-נער וועלטאַנשויאונג.

אָט אַזוי איז עס געשען, וואָס אין יענעם היסטאָרישן שטרייט האָט מען, ווי אין דבורה הנביאהס צייטן, די מלחמה געפירט נישט נאָר אויף דער ערד, נאָר אויך אין די „הימ-לען“... מן השמים נלחמו!

מען האָט זיך געשאָסן מיט שטערן און פּלאַנעטן, מיט זונען און לבנות, — שטערן און פּלאַנעטן פון דעם ריינעם טעאָרעטישן געדאַנק.

אויסרעכענען אַלע פונקטן, וועגן וועלכע עס האָט גע-ברענט דער היציקער שטרייט, איז לגמרי אוממעגלעך אין אַזאַ קליינער אַרבעט ווי די, וועלכע מיר האָבן זיך דאָ פאָרגענו-מען. מיר וועלן זיך באַגנוגענען מיט דעם אָנמערקן די וויכ-טיקסטע פון זיי.

אויף דעם פעלד פון דער ריינער ד ע ר ק ע נ ט ע נ י ש־ ט ע אָ ר י ע גלויבן די מאַרקסיסטן, אַז דער מענטשלעכער שכל קאָן אַרויסברענגען אַבסאָלוטע אָביעקטיווע אמתן אפילו אין אַזעלכע פעלדער פון דעם מענטשלעכן געדאַנק, ווי די פילאָזאָפיע, די סאָציאָלאָגיע, די געשיכטס-פילאָזאָפיע און די פּאָליטיק.

די ס. ר.־ן גלויבן, אַז אויף יענע פעלדער פון דעם מענטשלעכן פאָרשן, וואָס שטייגן אַריבער די מענטשלעכע חושים, ווי די ריינע פילאָזאָפיע, אָדער אין יענע דערקענטע-ניש-צווייגן, וואָס האָבן צו טאָן מיט מענטשלעכע אינטערעסן און נויטן, קאָנען נישט אַרויסגעבראַכט ווערן קיין זיכערע

וויסנשאַפטלעכע אמתן, ווייל דער סוביעקטיווער ווונש מאַכט דעם מענטשן גלויבן, אז ער האָט אויסגעפונען דעם ריינעם אמת, בעת אין דער אמתן האָט ער גאָר אַרויסגעבראַכט אַ טעאָרעטישן פּלפּול, כּדי כּלומרשט וויסנשאַפטלעך צו כשרן זיין ווונש.

דערהויפּט איז דאָס ריכטיק בנוגע צו די אַזוי־אָנגערופענע געזעצן פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. און נאָך אַ גרעסערע ראָלע שפּילט דער סוביעקטיווער ווונש אין דער געשיכטס־פילאָזאָפיע, ווען איינעם דוכט זיך, אַז ער קאָן וויסנשאַפטלעך פאָראויסזען, ווהין עס טראָגט זיך „מיט אייזערנער נויטווענדיקייט" דער שטראָם פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. אין אַלע אַזעלכע פאַלן קלויבט דער מענטש אויס (אָדער באַשאַפט) אַזאַ געדאַנקענגאַנג, וואָס זאָל אין דער לעצטער שורה באַווייזן אים, אַז ער איז גערעכט מיט זיינע אידעאַלן און האָפענונגען. דער אויסדרוק: „אין דער געזעלשאַפט מוז אַריינטרעטן אַזאַ און אַזאַ צושטאַנד" איז אייגנטלעך דער טייטש: „א י ך  ו י ל, איך בין פאַראינטערעסירט, אַז אַזאַ און אַזאַ צושטאַנד זאָל אַריינטרעטן". אויף אַן אמת וויסן, וואָס אַזוינס עס וועט מקוים ווערן אין דער צוקונפט, וועט מען אפשר, אַדאַנק דער מענטשלעכער סוביעקטיווער טבע, קיינמאָל נישט קאָנען האָפן. על־כּל־פּנים איז דאָס אוממעגלעך איצטער, לויט דעם צושטאַנד פון דער איצטיקער וויסנשאַפט.

אין דער לאָגיק לייקענען אָפּ די מאַרקסיסטן דעם גרונטגעזעץ פון ווידערשפּרוך, וואָס זאָגט, אַז קיין זאַך קאָן זיך אַליין נישט ווידערשפּרעכן. זיי גלויבן, אינאיינעם מיט העגעלן און זיין דיאַלעקטיק, אַז יעדע זאַך טראָגט איר ווידערשפּרוך, איר אייגענעם היפּך אין זיך גופא און אַז יעדע זאַך איז אין יעדן מאָמענט פון איר זיין זי גופא און עפּעס אַן אַנדער זאַך.

די ס. ר.־ן האָבן אויסגעפונען, אַז עס איז נישטאָ קיין גרונט אָפּצוזאָגן זיך פון דעם פונדאַמענט. אויף וועלכן עס

איז אויפגעבויט דער גאַנצער בנין פון דעם מענטשלעכן לאָגישן דענקען. עס קאָנען, אמת, אין אַ „זאַך״ קעמפן פאַרשיידענע קרעפטן, אָבער אין יעדן מאָמענט איז די זאַך דאָס, וואָס זי איז, און נישט קיין אַנדער זאַך, נישט קיין היפך פון זיך גופא*).

אין דער טעאָריע פון דער אַלגעמיינער וויסנשאַפט גלויבן די מאַרקסיסטן, אַז מען קאָן אויף דעם וועג פון דעם ריינעם דעדוקטיוון מעטאָד קומען צו ריכטיקע רעזולטאַטן און מען קאָן זיי אָננעמען פאַר געזיכערט, אפילו ווען מען האָט נאָך נישט אויסגעפאָרשט אַלע פאַקטן, וואָס געהערן צו דער פראַגע, וועלכע מען שטודירט.

די ס. ר.־ן שטייען דאָ אויף אַ מער עמפּירישן שטאַנדפונקט און זאָגן, אַז אַ וויסנשאַפטלעכן ווערט און באַטייט האָבן נאָר יענע דעדוקטיווע היפּאָטעזן, וואָס זענען אויסגעפּרווט געוואָרן אין דעם פּראָצעס פון דער עמפּירישער אונטערזוכונג (מער וועגן דעם ענין ווייטער אונטן).

אין דער פילאָזאָפיע זענען די מאַרקסיסטן אָנהענגער פון דעם מאַטעריאַליזם, וואָס לערנט, אַז דער תוך פון דער וועלט איז גשמיות און אַז די רוחניות, דער פּסיכישער פּראָצעס, איז נאָר אַ צושטאַנד, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין אַ געוויסער אַרט לעבעדיקער מאַטעריע. ענגעלס באַהויפּטעט בפירוש, אַז „לעבן איז די עקזיסטענץ־אַרט פון די איי־ווייסל־קערפּער״ און אַז די שפּירונגען (דער ערשטער בלאַסק פון רוחניות) טרעט ערשט נויטווענדיק אַרויס אין אַ געוויסער אַרט פון איי־ווייסל־קערפּער **).

די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן האָבן נישט קיין אייגענע

---

*) זע צ.ב. מיין ארבעט: „דער מאַטעריאַליזם און די דיאַלעקטישע לאָגיק״, פריער געדרוקט אין דעם זשורנאַל: „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ״, וואָס האָט געפירט דעם טעאָרעטישן קאַמף פון די ס. ר.־ן אין דער לעגאַלער ליטעראַטור.

**) זע ענגעלס, אַנטי־דיהרינג, ז. 73 און 74.

פילאָזאָפיע, וואָס זאָל זיין אַ חוב פאַר אַלע מיטגלידער פון דער פּאַרטיי. אָבער די מאַיאָריטעט פון די ס. ר.־ן גלויבט, אַז לויט דעם איצטיקן צושטאַנד פון אַלע וויסנשאַפטן, איז דער בעסטער פילאָזאָפישער פּירוש אויף דער וועלט נישט דער מאַטעריאַליזם און נישט דער אידעאַליזם, נאָר דער ס י נ ט ע ט י ש ע ר מ אָ נ י ז ם פון ספינאָזא, וואָס לערנט, אַז גייסט און מאַטעריע זענען תמיד צונויפגעבונדן אינאיינעם: אַז אַקוראַט ווי עס קאָן נישט זיין אַ גייסט אָן מאַטעריע, אַזוי קאָן נישט זיין קיין איין פּיצל מאַטעריע אָן אינעווייניקסטער רוחניות *).

אין דער אַ ל ג ע מ יי נ ע ר אַ נ ט וו י ק ל ו נ ג ס־ל ע ר ע האַלטן זיך נאָך די רוסישע מאַרקסיסטן פאַר ה ע ג ע ל ס פלומרשטדיקן געזעץ, אַז יעדע אַנטוויקלונג מוז דורכגיין דריי סטאַדיעס (די „טריאַדע”). ערשטנס, די ט ע ז ע, אָדער די זעצונג, צווייטנס, די אַ נ ט י ט ע ז ע, אָדער די אַנטקעגנזעצונג, און, דריטנס, די ס י נ ט ע ז ע, אָדער די צונויפזעצונג פון די צוויי פריערדיקע היפּוכים. דער מאַטעריאַליזם אינאיינעם מיט דער ווידערשפּרוכס־לאָגיק און דער טריאַדישער אַנטוויקלונג גיסט זיך צונויף אין דעם גרונט־פּרינציפּ פון דעם דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם.

די ס. ר.־ן האַלטן, אַז די טריאַדישע אַנטוויקלונג איז

*) אין דער לעצטער צייט האָט ג. פּלעכאַנאָוו אויך דעם מאַרקסיסטישן מאַטעריאַליזם געוואָלט אויסטייטשן אין דעם זין פון דעם סינטעטישן מאָניזם. אָבער דאָס גייט להיפּך צו אַלץ, וואָס מיר ווייסן וועגן דעם מאַרקסיזם און בפרט צו די קלאָרע אויסדריקלעכע רייד פון פרידריך ענגעלס. אויב שפּירונגען קאָנען אויפקומען נאָר אין אַ באַשטימטן איי־ווייסל, מוז די גאַנצע וועלט, וואָס באַשטייט נישט פון איי־ווייסל, נישט האָבן קיין ברעקל רוחניות אין זיך. דערפאַר זאָגט טאַקע דער מאַרקסיסטישער מאַטעריאַליזם, אַז „פ ר י ע ר” איז די מאַטעריע און „ד ע ר נ אָ ך” קומט ערשט צו צו איר אונטער געוויסע באַדינגונגען אַ געוויסע אַרט ב אַ וו ע ג ו נ ג, וואָס מיר רופן „שפּירונג”.

אמת זייער אַן אָפּטע דערשיינונג אין דער געשיכטע פון דעם מענטשלעכן טעאָרעטישן ג ע ד אַ נ ק און ממילא שפּילט זי אויך אַ גרויסע ראָלע אין דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. אָבער דאָס איז נישט קיין געזעץ, נישט פאַר דער נאַטור און נישט פאַר די אָביעקטיווע פּראָצעסן פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. אין דער אַנטוויקלונגס-לערע בנוגע אָט די אָביעקטיווע פּראָצעסן פון נאַטור און קולטור שטייען זיי אויף דעם שטאַנדפּונקט פון די מאָדערנע וויסנשאַפטן, וואָס רעכענען זיך לחלוטין נישט מיט דער העגעלשער טריאַדע.

גייט מען איבער צו דער סאָציאָלאָגיע און דער ג ע ש י כ ט ס - פ י ל אָ ז אָ פ י ע געפינען מיר, אַז אויך דאָ איז דער מאַרקסיזם טריי צו זיין מאַטעריאַליזם. „פריער" איז די „מאַטעריע". און די מ אַ ט ע ר י ע פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן זעט ער אין די ע ק אָ נ אָ מ י ש ע פּ ר אָ צ ע ס ן, וואָס זענען די הויפּט-טרייבנדיקע קראַפט פון דעם היסטאָרישן געשעען. די מענטשלעכע א י ד ע אַ ל ן, „די רוחניות" פון דער געשיכטע, זענען נישט מער ווי שאָטנס, וואָס ווערן אַרויסגעבראַכט פון דעם עקאָנאָמישן פּראָצעס און גייען נאָך נאָך אים. דער פּראָגרעס פון דער מענטשהייט באַשטייט אין דער אַנטוויקלונג פון די עקאָנאָמישע פּראָדוקטיוו-קרעפטן, אין דער גבורה, וואָס דער מענטש ווייזט אַרויס ביי דעם באַהערשן די דרויסנדיקע נאַטור. און אָט דער פּראָגרעס ווערט דורכגעפירט דורך דער סטיכישער טעטיקייט פון די מאַסן; אין אַ קלאַסן-געזעלשאַפט — דורך דעם קלאַסנקאַמף. די איינצלנע מענטשן, ווי געניאַל זיי זאָלן נישט זיין, האָבן נישט קיין ברעקל היסטאָרישע קראַפט און קאָנען גאָרנישט נישט אויפטאָן אין דעם געשיכטלעכן פּראָצעס. ממילא קאָן אויך די אינטעליגענציע נישט שפּילן קיין ממשותדיקע ראָלע אין אים.

די אָנשויאונגען פון די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן אין די אַלע ענינים שטימען מערקווירדיקערהייט מיט דעם

פילאָזאָפישן פּרינציפּ פון זייער מאַיאָריטעט, מיט דעם גרונט געדאַנק פון דעם סינטעטישן מאָניזם.

ווי אין דער גאַנצער וועלט זענען גשמיות און רוחניות נישט צוויי באַזונדערע כּובסטאַנצן, וואָס קאָנען זיין איינע אָן דער אַנדערער, אַזוי זענען אויך דער עקאָנאָמישער פּראָצעס און די מענטשלעכע אידעאַלן, דער עיקר די אידעאַלן פון אמת און יושר, קיינמאָל נישט אָפּגעריסן איינער פון די אַנדערע. אין דער געשיכטע ווירקן זיי אַלעמאָל אינאיינעם.

דער סאָציאַלער פּראָגרעס פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, זאָגט די טעאָרעטישע איינלייטונג צו דער פּראָגראַם פון די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן, „דריקט זיך אויס אין דעם קאַמף פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון געזעלשאַפטלעכער סאָלידאַריטעט און פון דער אַלזייטיקער האַרמאָנישער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט... זיין נויטווענדיקע באַדינגונג איז די פאַרשטאַרקונג פון דעם מענטשנס מאַכט איבער די קרעפטן פון דער נאַטור" *).

און דער מענטשלעכער פּראָגרעס, — סיי אין דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן, סיי אין דעם שטרעבן צו געזעלשאַפטלעכער סאָלידאַריטעט און פּערזענלעכער פאָלקאָמענהייט, — ווערט דורכגעפירט נישט נאָר דורך דעם סטיכישן קלאַסנקאַמף פון די מאַסן, נאָר אויך „דורך דעם אַריינמישן זיך פון באַוווסטזיניקע קעמפער פאַר אמת און יושר", ד. ה. אויך דורך דער טעטיקייט פון דער אינטעליגענציע.

לאָמיר דאָ מאַכן די נישט-איבעריקע באַמערקונג, אַז אונטער דעם נאָמען „אינטעליגענציע" פאַרשטייען די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן נישט אַ באַזונדערע עקאָנאָמיש-קולטורעלע גרופּע פון די אַזויגערופענע געבילדעטע מענטשן, נאָר דעם סכום פון אַלע יענע איינצל-מענטשן, וואָס לעבן צוליב אַ גע-

*) זע די פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן.

היסן אידעאַל. אַלץ איינס צו וועלכן קלאַס זיי זאָלן נישט געהערן און וועלכן גראַד פון בילדונג זיי זאָלן נישט באַזיצן. עס איז אָבער נ ו י ט י ק פאַר יעדן אינטעליגענטן מענטש צו שטיין אויף דער העכסטער שטופע פון בילדונג.

ווייטער גלויבן די מאַרקסיסטן, אַז אַלע פעלקער און לענדער מוזן דורכמאַכן דיזעלביקע שטופן פון אַנטוויקלונג. אין גרויסן און גאַנצן שטעלן זיי זיך פאָר דעם געשיכטלעכן פּראָצעס אַזוי: 1. די ט ע ז ע. די געזעלשאַפט הויבט אָן איר אַנטוויקלונג מיט אַ צושטאַנד פון אַ פּרימיטיוון קאָמוניזם, ווו די מיטלען און די געצייג פון דער פּראָדוקציע געהערן צו אַלעמען. 2. אַ נ ט י ט ע ז ע. דער פּרימיטיווער קאָמוניזם פאַלט פאַנאַנדער. די געזעלשאַפט גייט דורך פאַרשיידענע פאָרמען, אין וועלכע דער פּרינציפּ פון פּריוואַטאייגנטום ווערט אַלץ מער און מער פאַרשטאַרקט, די אַרבעטס-באַדינגונ־גען גייען אַריבער פון די הענט פון די אַרבעטער אין די הענט פון די באַזיצנדיקע קלאַסן, און די פּראָדוקציע נעמט אָן די פאָרם פון דעם ק אַ פּ י ט אַ ל י ז ם. אין דעם פּראָצעס פון דער ווייטערדיקער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג קאָנצענטרירן זיך אַלע קאַפּיטאַלן אין די הענט פון אַ לפּי־ערך קליינער צאָל אונטערנעמער: די אומגעהייערע מאַיאָרי־טעט פון דעם פאָלק ווערט פּראָלעטאַריזירט, פאַרוואַנדלט אין פרייע לוין־אַרבעטער; דער אַרבעטס־פּראָצעס ווערט אָנגעפירט אין ריזיקע אונטערנעמונגען אויף אַ געזעלשאַפטלעכן אופן, אין וועלכן די פרייע לוין-אַרבעטער ווערן פאַרגעזעלשאַפטעט און דיסציפּלינירט. 3. ס י נ ט ע ז ע. די פאַרגעזעלשאַפטעטע און דיסציפּלינירטע אַרבעטער מאַכן אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע, שאַפן אָפּ די קאַפּיטאַליסטישע אייגנטום-פאָרם און פירן איין אַ קאָלעקטיוויסטישע אייגנטום־פאָרם. בכן פאַרבינדן זיי די קאָמוניסטישע אייגנטום-פאָרם פון דעם ערשטן פעריאָד (דער טעזע) מיט דעם קאָלעקטיוויסטישן פּראָדוקציע־א ו פ ן פון דעם צווייטן פעריאָד (די אַנטיטעזע) און באַשאַפן די

סינטעזע פון אַ קאָלעקטיוויסטישן פּראָדוקציע-אופן אין אַ קאָלעקטיוויסטישער פּראָדוקציע-פאָרם.

די עס-ערן לייקענען, אַז אַלע פעלקער און לענדער האָבן זיך ביז אַהער אַנטוויקלט לויט דערדאָזיקער סכעמע און אַז אַלע זענען זיי געצוווּנגען דורכצומאַכן דיזעלביקע אַנטוויקלונגס-סטאַדיעס.

דער עיקר לייקענען זיי, אַז ביי יעדן פאָלק מוזן די נאָך פאַרבליבענע קהלשע אייגנטומס-פאָרמען (ווי צ. ב. די רוסישע „אבשטשינא") פאַרשווינדן אַ דאַנק דעם קאַפּיטאַליזם, און זיי זענען נישט איין די „אייזערנע נויטווענדיקייט", פאַרוואָס אַלע פעלקער מוזן דורכמאַכן די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונגס-פאַזע.

בנוגע צו רוסלאַנד גלויבן זיי, אַז מיט דער הילף פון אַ סאָציאַליסטיש-רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער-פּאַרטיי, קאָן דער קאַפּיטאַליזם אינגאַנצן פאַריאָגט ווערן פון דער אַגראַר-ווירטשאַפט, און געצוווּנגען ווערן זיך צו אַנטוויקלען אין דער אינדוסטריע אויף אַזאַ אופן, אַז זיינע טעכנישע און אָרגאַניזאַטאָרישע מעלות זאָלן איבערוועגן זיינע סאָציאַל-עקאָנאָמישע חסרונות, ביז אַן אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע וועט אָפּשאַפן דעם קאַפּיטאַליזם אומעטום.

אין דער פראַגע וועגן דער קלאַסן-טיילונג פון דער געזעלשאַפט און דעם קלאַסנקאַמף, וואָס ווערט אין איר געפירט, בויען די מאַרקסיסטן אַלע זייערע טעאָרעטישע און פּראַקטישע חשבונות אויף דעם קעגנזאַץ פון לוין-אַרבעט און אַלע אַנדערע שיכטן, וואָס מאַכן אַ לעבן נישט פון לוין-אַרבעט.

די ס. ר.-ן שטעלן אַוועק, אָנשטאָט לוין-אַרבעט, מענטשלעכע אַרבעט און טיילן איין די געזעלשאַפט אין צוויי גרויסע קלאַסן: דעם קלאַס, וואָס לעבט פון זיין אייגענער אַרבעט, און דעם קלאַס, וואָס לעבט פון פרעמדער אַרבעט.

בנוגע די קרעפטן, וואָס דאַרפן אַרויסברענגען דעם סאָציאַליסטישן ענד-ציל און אַריינפירן אין לעבן די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפטס-אָרדנונג, זענען די רוסישע מאַרקסיסטן איבערצייגט, אַז דאָס אַלץ ווערט באַזאָרגט פון דעם סטיכישן מאַסן-פּראָצעס, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין דעם לעבן פון דעם פּראָלעטאַריאַט. דער פּראָלעטאַריאַט און נאָר דער פּראָלעטאַריאַט ברענגט אַרויס דעם סאָציאַליסטישן ענד-ציל און קאָן זיין דער טרעגער פון דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל. און אַזוי ווי דער פּראָלעטאַריאַט ווערט געבאָרן און סאָציאַליזירט אין דעם פּראָצעס פון דער קאַפּיטאַליסטישערווירטשאַפט, איז שוין דורך דעם אַליין דער קאַפּיטאַליזם נישט נאָר אַ נויטווענדיקע פאָרשטופע פון דעם סאָציאַליזם, אַ פאָרשטופע, וואָס קאָן היסטאָריש נישט פאַרמיטן ווערן, נאָר אויך אַ נ ו י ט י ק ע פאָרשטופע, אָן וועלכער דער סאָציאַליזם קאָן זיך סאָציאָלאָגיש נישט באַגיין. אין צונויפקלאַנג מיט אָט דער טעאָריע זאָגן די רוסישע מאַרקסיסטן נביאות, אַז דער קאַפּיטאַליזם וועט באַהערשן די רוסישע אַגראַר - ווירטשאַפט. זיי פאַרבינדן דעריבער זייערע סאָציאַליסטישע האָפענונגען מיט דער פּראָלעטאַריזירונג פון דעם רוסישן פויערטום.

די סאָציאַליסטן - רעוואָלוציאָנערן באַהויפּטן, אַז דער סאָציאַליסטישער אידעאַל איז געבאָרן געוואָרן ביי דער אינטעליגענציע און נישט ביי דעם פּראָלעטאַריאַט, און אין זיין באַשאַפן האָבן זיך באַטייליקט דער אַרבעטער פּרודאָן אַזוי גוט ווי דער פאַבריקאַנט ענגעלס, דער געלערנטער מאַרקס אַזוי גוט ווי דער מאַרקיז סען־סימאָן. צושטייַן צו דעם אידעאַל, זאָגן די ס. ר., קאָנען א ל ע א ר ב ע ט נ ד י ק ע שיכטן פון דעם פאָלק: ב ע ס ע ר און לייכטער פאַר אַלע — דער שטאָטישער פּראָלעטאַריאַט. אָבער דאָס הענגט נישט נאָר צונויף מיט דעם כאַראַקטער פון לוין-אַרבעט און פאַבריק-אינדוסטריע, נאָר אויך נאָך מער מיט דעם פאַקט פון אַ קולטורעלערן לעבן אין שטאָט. די דאָרפישע לוין-אַרבעטער (די

באַטראַקעס) זענען ביז אַהער אומעטום געווען דער *ערגסטער* מאַטעריאַל פאַר דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע, כאָטש זיי זענען כשרע אמתע פּראָלעטאַריער. צווישן די צוויי עקסטרע פּאָלוסן, דעם שטאָטישן פאַבריק-אַרבעטער און דעם דאָרפישן אַגראַר-פּראָלעטאַריאַט, — ליגן אַלע אַנדערע שיכטן פון אַרבעטער, וואָס קאָנען און מוזן דורך דער טעטיקייט פון דער סאָציאַליסטישער אינטעליגענציע צוגעצויגן ווערן צו דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, ווייל אָן זיי וועט נישט קאָנען פאָרקומען די סאָציאַלע רעוואָלוציע*). אויך האַלטן די ס. ר.-ן פאַר *וויסנשאַפטלעך* נישט באַוויזן, אַז דער קאַפּיטאַליזם איז היסטאָריש אַן אומפאַרמיידלעך-נויטווענדיקע פאָרשטופע און זיי לייקענען, אַז ער איז *סאָציאָלאָגיש* אַן אַבסאָלוט-נויטיקער פאָרבאַדינג פאַר דעם סאָציאַליזם. דעריבער קעמפן זיי אַנטקעגן דעם אַריינדרינגען פון דעם קאַפּיטאַליזם אין דאָרף און האָפן דורך דער *סאָציאַליזירונג* *פון דעם גרונט און באָדן* צו פאַרהיטן דאָס פויערטום פון ווערן פּראָלעטאַריזירט.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פראַגע וועגן די קרעפטן, וואָס באַשאַפן און פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם, קאָן אויך קירץ באַרירט ווערן די שטעלונג פון די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן צו די אַזוי-אָנגערופענע *אָרטאָדאָקסן* און *רעוויזיאָניסטן* אין דעם מאַרקסיסטישן לאַגער.

די *אָרטאָדאָקסע מאַרקסיסטן* האָבן געלערנט, אַז אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט ווערט די לאַגע פון דעם פּראָלעטאַריאַט אַלץ ערגער און ערגער. דערפאַר אָבער וואַקסט ער אַלץ און מער אָן אין זיין צאָל, ביז ער מוז ווערן די אומגעהייערע מאַיאָריטעט פון דער באַפעלקערונג. אין דערזעלביקער צייט פאַרשווינדן די קלענערע און

*) אין די לעצטע יאָרן פאַר דעם איצטיקן קריג האָט דער סאָציאַליזם גע-מאַכט ריזיקע דערפאָלגן צווישן די פראַנצויזישע פויערים.

מיטעלערע אונטערנעמונגען און די געזעלשאַפטלעכע פּראָדוקציע נעמט אָן אַ געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער אין אַ אַלץ קלאָרערער און אַבסאָלוטערער פאָרם. אונטער אַזוינע אומשטענדן, האָבן זיי גערעכנט, איז אַ סאָציאַליסטישער איבערקער היסטאָריש אומפאַרמיידלעך. דער פּראָלעטאַריאַט וועט מאַכן אַ דיאַלעקטישן שפּרונג „מעבדות לחירות, מאפילה לאור גדול", „פון קנעכטשאַפט צו פרייהייט, פון פינסטערניש צו גרויסער ליכטיקייט".

די ב ע ר נ ש ט ײ נ י א נ ע ר האָבן אויף דעם סמך פון סטאַטיסטישע אונטערזוכונגען אויסגעפונען, אַז דער נאַטירלעכער אַנטוויקלונגס־גאַנג גייט נישט אין די וועגן, וועלכע מאַרקס האָט פאַר אים אויסגערעכנט. די לאַגע פון די פּראָלעטאַריער פאַרבעסערט זיך, זייער צאָל וואַקסט אָן, אָבער די מיטעלע און קליינע אונטערנעמונגען פאַרשווינדן נישט און עס זענען גאָר דאָ קרעפטן אין דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג גופא, וואָס לאָזן זיי נישט פאַרשווינדן (דערהויפּט אין דער אַגראַר־ווירטשאַפט). דעריבער איז דער סאָציאַליסטישער ענד־ציל נישט אומפאַרמיידלעך. מען ווייס נישט, וווהין די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג וועט פירן. דעריבער דאַרף דער סאָציאַליזם ווערן נישט מער ווי אַ באַוועגונג, וואָס האָט צום ציל די פאַרווירקלעכונג פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס אין אַלע צווייגן פון לעבן. דער בעסטער וועג דערצו זענען די סאָציאַלע און די פּאָליטישע ר ע פ אָ ר מ ע ן. און וועגן דעם סאָציאַליסטישן ענד־ציל זאָל זיך גאָט זאָרגן, אויב ער איז דאָ און אויב ער וויל.

די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן שטייען דרויסן פון די ביידע מאַרקסיסטישע ריכטונגען, וואָס בויען זייערע חשבונות אויף דעם סטיכישן אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דעם עקאָנאָמישן פּראָצעס. אין דער באַטאַליע פון סטאַטיסטישע ציפערן, מיט וועלכע די צוויי ריכטונגען האָבן געקעמפט, האָבן זיך די ס. ר.־ן דאָס רוב נישט אַריינגעמישט. זיי זענען לכתחילה מספים

מיט די בערנשטייניאַנער, אַז דער סטיכיישער פּראָצעס מוז נישט פירן צום סאָציאַליזם. זיי זאָגן אָבער: אַז דאָס איז נישט קיין גרונט, פאַרוואָס מען זאָל זיך אָפּזאָגן פון די האָפענונגען אויף אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע און אויף דעם סאָציאַליסטישן ענד־ציל. דער סטיכישער פּראָצעס איז נישט דער גאַנצער היסטאָרישער פּראָצעס, דאָס איז נאָר איין זייט פון אים. אין דער ווירקלעכקייט איז ער סינטעטיש צונויפגעוואַקסן מיט די באַוווסטזיניקע פּראָצעסן פון דער געשיכטע, וואָס פליסן אַרויס פון געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן. יענע אידעאַלן ווערן באַשאַפן פון איינצל־מענטשן, פון יענע מענטשלעכע פּראַכט־עקזעמפּלאַרן, וואָס ווערן אַזוי הויך געשעצט פון דער מענטשהייט, ווייל זי באַוווּנדערט אין זיי דעם שענסטן אויסדרוק פון איר אייגענער נאַטור. אָט די מענטשלעכע אידעאַלן קאָנען אַריינדרינגען אין אַלע שיכטן פון דער אַרבעטנדיקער מענטשהייט און צו אַ געוויסער צייט אויך אין אַ גרויסן טייל פון די געבילדעטע קרייזן. די פאַרווירקלעכונג פון דעם סאָציאַליזם,— אויב ער וועט מקוים ווערן, — וועט זיין אַ רעזולטאַט נישט נאָר פון דעם סטיכישן עקאָנאָמישן און קולטורעלן פּראָצעס, נאָר אויך פון דעם „רעוואָלוציאָנערן אידעאַליזם“, וועלכן אויך אַ קאַרל קאַוטסקי האָט געפונען איצטער פאַר נויטיק צו פריידיקן.

און דערצו — זאָגן די ס. ר.־ן — איז גאָרנישט נויטיק, אַז די לאַגע פון די מאַסן זאָל ווערן אַלץ ערגער און ערגער, אַז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל פאַרווילדט ווערן אין עלנט, נויט און אויסצערונג. אדרבה, וואָס גרעסער עס וועט זיין דער חלק רייכטום, וועלכן מען וועט צוריקגעבן דעם אַרבעטער־קלאַס, וואָס מער ער וועט זיך קאָנען באַטייליקן אין דעם קולטורעלן לעבן פון זיין פאָלק און פון זיין צייט, אַלץ מער וועט ביי אים אָנוואַקסן דער דאָרשט נאָך אַ רייכערן און

מענטשלעך-פאַרנינפטיקערן לעבן; אַלץ מער וועלן די פאָדע-
רונגען פון דעם געזעלשאַפטלעכן יושר
חערן די פאָדערונגען פון דער אַרבע-
טערשאַפט און מיט אַן אַלץ גרעסערער ענערגיע וועט
זי זיך מוזן נעמען פאַר דעם ראַדיקאַלן איבערבוי פון דער
איצטיקער געזעלשאַפט.

די מאַרקסיסטישע אָרטאָדאָקסן זענען גערעכט, ווען זיי
חילן נישט אָפּלאָזן פון דעם סאָציאַליסטישן ענד-ציל און דער
אידייע פון אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע. די רעוויזיאָניסטן זענען
גערעכט, ווען זיי לייגן אַזוי פיל געוויכט אויף דער „קעגנ-
וואַרטס-אַרבעט” און אויף די רעפאָרמען אין דער איצטיקער
געזעלשאַפט.ביידע אמתן קאָנען נישט לעבן אין שלום אויף
דעם באָדן פון דעם דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם אין דער פי-
לאָזאָפיע. אָבער ביידע אמתן גיסן זיך נאַטירלעך צונויף אין
אַ סיסטעם פון סינטעטישן מאָניזם, וווּ גשמיות און רוחניות
שליסן נישט אויס איינע די אַנדערע, אַ סיסטעם וועמעס
העכסטער פונקט עס איז דער סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערער אי-
דעאַליזם.

אָט דער שטאַנדפּונקט פון די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן
גיט אויך אַן אָנווייז, ווי אַזוי מען דאַרף פירן די פּראָ-
פּאַגאַנדא-אַרבעט פאַר דעם סאָציאַליס-
טישן אידעאַל. בשום אופן טאָר מען נישט דערלאָזן,
חי דאָס האָבן אַמאָל געטאָן עקסטרעמע מאַרקסיסטן, אַז דער
סאָציאַליזם זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ריינער „מעסער- און
גאָפּל-פראַגע”, אין אַ ריין-עקאָנאָמישער דאָקטרין. נישט ווייַ-
ניקער וויכטיק, איידער די עקאָנאָמישע אינטערעסן, דאַרפן זיין
פאַר דער אַרבעטערשאַפט די אינטערעסן פון דער מענטש-
לעכער אַנטוויקלונג, די באַשאַפונג פאַר יעדן
איינצלנעם די מעגלעכקייט פון אַ פרייען אומגעשטערטן האַר-
מאָנישן פאַנאַנדערבלי פון זיינע מענטשלעכע פעאיקייטן און
די מעגלעכקייט פאַר יעדן איינעם צו לעבן, לויט זיינע אי-

באַרצייגונגען, ווייל נאָר דעמאָלט קאָן זיין נשמה זיין גאַנץ און אין האַרמאָניע מיט זיך אַליין, און נאָר דעמאָלט קאָן ביי אים נישט פאַרלאָרן גיין דאָס וויכטיקסטע פאַר דעם מענטשן, דאָס געפיל פון דער אייגענער מענטשלעכער חשיבות.

דער קאַמף פאַר די מענטשלעכע אינטערעסן פון דעם גאַנצן אַרבעטנ-דיקן פאָלק, — אָט דאָס איז דער גרונט-פרינציפ פון די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן, וואָס באַשטימט זייער טאַקטיק אין דעם היינט און זייער אַרבעט פאַר דער צוקונפט.

דער סאָציאַליזם איז זייער אידעאַל נישט דערפאַר, ווייל דער שטראָם פון דעם סטיכישן עקאָנאָמישן לעבן טראָגט צו אים מיט אַ נישט-אויפצוהאַלטנדיקער קראַפט: ווער קאָן וויסן, וווהין דער שטראָם וועט זיך דערטראָגן?

און אויך נישט דערפאַר זענען די ס. ר.־ן סאָציאַליסטן, וואָס זיי געפעלט בעסער דער אויסזען פון אַ סאָציאַליסטישער פלאַנמעסיקער געזעלשאַפט, איידער די איצטיקע אומגעלומפערטע, „אין בלוט און שמוץ" געבאָרענע קאַפיטאַליסטישע וועלט-אָרדנונג. נאָר דערפאַר איז דער סאָציאַליזם געוואָרן זייער אידעאַל, ווייל לויט דעם איצטיקן צושטאַנד פון דעם מענטש-לעכן געדאַנק, קאָן נאָר דער סאָציאַליזם באמת באַפרידיקן די וויכטיקסטע לעבנסנ.יטן פון דעם פאָלק, די מענטשלעכע אינ-טערעסן פון דער אַרבעטנדיקער מאַסע.

שוין פון אָט די פאַר פונקטן, וואָס מיר האָבן דאָ אַרויסגענומען, כדי צו פאַרגלייכן די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָ-נערן מיט די מאַרקסיסטישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן, קאָן מען זען, ווי וויט פאַרצווייגט עס זענען די סכסוכים צווישן די צוויי סיסטעמען פון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק.

עס קאָן דעריבער נישט וווּנדערן, וואָס מען פלעגט פון די טאָג-טעגלעכע טאַקטישע פראָבלעמען מוזן אַריבער-שפּרינגען צו די טעאָרעטישע ליכט-קוואַלן, וואָס אין זייער באַלייכטונג האָבן די פראָבלעמען געמוזט ווערן אויסגעפאָרשט

און פֿאַרצװײפֿלונג. און עס איז אויך קיין חדוש נישט, וואָס מען האָט זיך דערבײַ אַזוי שטאַרק געהיצט, אַזוי נערוועז און פֿאַרביטערט געקעמפֿט איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן. סײַ פֿאַר דעם סאָציאַל-דעמאָקראַט, וואָס האָט טעאָרעטיש געלייקנט די באַדייטונג פֿון מענטשלעכע אידעאַלן, סײַ פֿאַר דעם סאָציאַ-ליסט-רעוואָלוציאָנער, וואָס איז אַרויסגעטראָטן, ווי זייער סניגור, האָט זיך אין דעם טעאָרעטישן קאַמף געהאַנדלט וועגן דער טײַערסטער זאַך פֿאַר דעם מענטשן: דעם שיקזאַל פֿון זײַנע א י ד ע אַ ל ן.

---

פֿון דעם קלײנעם צעטל „סכסוכים”, וואָס מיר האָבן גע-בראַכט, וועט דער לייענער אויך לײַכט פֿאַרשטיין, אַז מיר קאָ-נען זיך דאָ נישט אוועקשטעלן די אויפֿגאַבע צו באַטראַכטן יעדן איינצלנעם פּונקט באַריכות, כּדי אויסצוגעפֿינען, ווער פֿון די קעמפֿנדיקע צדדים און אויף וויפֿל ער איז גערעכט. דערצו דאַרף מען האָבן גאַנצע בענדער פֿון פֿאָרשונגען. איך קאָן נאָר דאָ פֿאַרזיכערן אויף מײַן „הן שלי”, אַז דער רעזולטאַט פֿון יענע בענד פֿאָרשונגען (מערקט אייך: ווען א י ך וואָלט זיי געשריבן...) וואָלט געוויס געווען נאָר איינער: אַז גערעכט זענען די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן און דווקא אין דער פֿולסטער מאָס.

אין דער איצטיקער קלײנער אַרבעט קאָן איך נאָר אַרויס-נעמען נישט מער ווי אַ פּאָר פּונקטן, וועלכע איך באַטראַכט פֿאַר די וויכטיקסטע, און זיי פּרוּוון מער אָדער ווייניקער פּאָ-פּולער צו באַלײַכטן, כּדי דער לייענער זאָל האָבן אַ באַגריף פֿון די וועגן, אין וועלכע עס איז געגאַנגען דער געדאַנק פֿון די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן אין זייער פּאָלעמיק אַנטקעגן דעם רוסישן מאַרקסיזם און אויף אַזאַ אופֿן איבערהויפּט באַקומען אַ באַגריף וועגן יענער ריכטונג אין דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק.

מיר וועלן דערבײַ אויסקלײַבן אַזעלכע פּרינציפּיעלע

פּונקטן, וואָס האָבן אַ באַדייטונג און ווערט נישט נאָר פֿאַר רוסלאַנד, נאָר פֿאַר דער גאַנצער סאָציאַליסטישער וועלט. די פֿראַגע פֿון דעם ט ע ר אָ ר י ז ם, צום ביישפּיל, וועלכע האָט אַזוי פּאָפּולער געמאַכט אונזער פּאַרטיי, און די פֿראַגע וועגן דער „אַבשטשינאַ“, וואָס פֿון איר האָט זיך אָנגעצונדן דער גאַנ־צער שטרייט, וועלן מיר אינגאַנצן אַרויסלאָזן פֿון שפּיל.

נישט באַרירן וועלן מיר דאָ אויך די פּראָבלעם פֿון דעם סאָציאַליסטישן נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ז ם (אָדער ווי מיר רופֿן אים דעם ר י כ ט י ק ן אינטערנאַציאָנאַליזם), וואָס האָט אין דער באַלייכטונג פֿון דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער טע־אָריע אַ גאַנץ אַנדער ווערט און באַדייטונג, איידער אין דער געדאַנקען־סיסטעם פֿון דעם מאַרקסיזם.

קודם כּל וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף דער פֿראַגע וועגן „אַ ר ב ע ט ע ר א ו ן פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י ע ר“, כּדי אַרויסצוגעפֿינען, צי די ס. ר.־ן זענען געווען גערעכט, וואָס זיי האָבן די פּויערים און די זעלבשטענדיקע, אַליין־אַרבעטנ־דיקע בעל־מלאכות צוגערעכנט צו דעם אַרבעטער־קלאַס. דערנאָך וועלן מיר אויפֿנעמען די פֿראַגע וועגן „ד ע ר ג ע ש י כ ט־ל ע כ ע ר ר אָ ל ע פֿ ו ן ד ע ר א י נ ט ע ל י ג ע נ צ י ע“, און אונז וועט הויפּטזעכלעך ווערן קלאָר, פֿאַרוואָס די ס. ר.־ן לייקענען די אויסשליסלעכע באַדייטונג פֿון דעם סטיכישן עקאָ־נאָמישן פּראָצעס. אין צוזאַמענהאַנג מיט אָט דער פֿראַגע וועלן מיר צום סוף באַהאַנדלען „ד ע ם ע ט י ש ן פֿ אַ ק ט אָ ר א י ן ד ע ר ג ע ש י כ ט ע א ו ן ד ע ם װ י ס נ ש אַ פֿ ט־ל ע כ ן ס אָ צ י אַ ל י ז ם“.

דעם רעזולטאַט פֿון דער גאַנצער אַרבעט האָבן מיר שוין אויסגעזאָגט דעם לייענער אויף פֿריער. ער איז אָנגעגעבן אין די ווערטער פֿון דעם מערב־אייראָפּעאישן סאָציאַליסט־רעוואָלו־ציאָנער, זשאַן זשאָרעס, וועלכע מיר האָבן גענומען פֿאַר אַ מאָטאָ: „עס איז אַ חוב פֿון יושר פֿאַר י ע ד ן מענטשן צו זיין אַ סאָציאַליסט“.

דר. ת. זשיטלאָווסקי

## צווייטעס קאַפּיטל

# אַרבעטער און פּראָלעטאַריער

מיר האָבן אויבן געזען, אַז די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן רעכענען צו צו דעם אַרבעטער-קלאַס אויך די זעלבשטענדיקע, אַליין-אַרבעטנדיקע פּויערים און בעל-מלאכות און פּאָדערן, אַז זייערע אינטערעסן זאָלן אויפגענומען ווערן אין דער פּראָגראַם פון דעם אַרבעטער-סאָציאַליזם און אַז אויף זיי און די פּראָלעטאַריער זאָל זיך די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי שטיצן אין איר קאַמף: קורץ, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי זאָל אויפהערן צו זיין בלויז אַ פּאַרטיי פון דעם פּראָלעטאַריאַט, נאָר ווערן די פּאַרטיי פון אַלע אַרבעטנדיקע שיכטן אין שטאָט און לאַנד.

אַנטקעגן אָט דער פאָדערונג ווערן אַרויסגעשטעלט דריי פּרינציפּיעלע טעמים.

קודם ווערט געלייקנט, אַז אָט די צוויי שיכטן פון דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג זענען ריינע אַרבעטער: דער זעלבשטענדיקער בעל-מלאכה איז אַן אייגנטימער, — אַ באַלעבאָס אויף זיינע פּראָדוקציע-מיטלען און געציייג, און דער פּויער איז נאָך אַ חוץ דעם אַ רענטיע, ווייל צו דעם סכום פון זיינע הכנסות מוז צוגערעכנט ווערן יענער טייל, וועלכן ער באַקומט בלויז דערפאַר, וואָס די באַאַרבעטע ערד באַלאַנגט צו אים.

די אינטערעסן זייערע קאָנען נישט זיין קיין ריינע אַרבעטס-אינטערעסן, און לויט זייער עקאָנאָמישן כאַראַקטער זענען זיי קליינבירגער, קליין-בורזשואַס.

אַ צווייטער טעם, פאַרוואָס זייערע אינטערעסן טאָרן נישט אַרויפגענומען ווערן אויף דער פּראָגראַם פון אַ סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און פאַרוואָס די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי טאָר זיך נישט שטיצן אויף זיי, איז — ווייל פּאַרטיידיקן

זייערע אינטערעסן וואָלט געווען ר ע אַ ק צ י אָ נ ע ר. די געשיכטלעכע אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט ברענגט מיט זיך, אַז אָט די אַלע מיטלקלאַסן מוזן פאַרשווינדן. אין דעם קאָנקורענץ־קאַמף מיט די גרויסע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנע־מונגען פאַרלירן זיי די מעגלעכקייט צו האַלטן זיך, ווי זעלבשטענדיקע באַלעבאַטים, אויפן וואַסער. זיי פאַרלירן זייער אייגנטום־רעכט אויף די מיטלען און די געצייג פון דער פּראָ־דוקציע און פאַלן אַריין אין די רייען פון דעם פּראָלעטאַריאַט.

אויפהאַלטן זייער זעלבשטענדיקע עקזיסטענץ וואָלט געהייסן דעריבער וועלן דרייען דעם ראָד פון דער געשיכטע איף צוריק. און דאָס וואָלט געווען אַ לעכערלעכע און שעד־לעכע אונטערנעמונג. לעכערלעך, ווייל זי איז לכתחילה פאַר־אורטיילט אויף אַ דורכפאַל, און שעדלעך אויף אַזוי פיל, אויף וויפל זי האַלט אויף אין יענע מאַסן די אילוזיע, אַז זייער עקאָנאָמישער מעמד קאָן געבעסערט ווערן אין די גרענעצן פון דער איצטיקער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, אַז זיי קאָנען זיך נאָך ווי עס איז דערהאַלטן, ווי זעלבשטענדיקע באַלעבאַטים.

און דריטנס, וואָלט נאָך שעדלעכער געווען פאַרן סאָציאַ־ליזם, ווען עס וואָלט זיך באמת איינגעגעבן דורך געוויסע סאָציאַלע רעפאָרמען אויפצוהאַלטן אויף אַ ווײַלע זייער פאַר־שווינדן ביי דעם פּראָלעטאַריאַט. דאָס וואָלט אָן אַ שום ספק פאַרמינערט די שאַנסן פון אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.

אַ סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע קאָן נאָר דעמאָלט זיין זיכער מיטן דערפאָלג, ווען אירע צילן וועלן ווערן די צילן פון אַן אומגעהייערער מאַיאָריטעט פון דער באַפעלקערונג, ד. ה. ווען די אומגעהייערע מאַיאָריטעט פון דער באַפעלקע־רונג וועט ווערן די טרעגערין פון דעם סאָציאַליסטישן ענד־ציל.

עס איז אָבער דאָ נאָר א י י ן קלאַס פון דער באַ־פעלקערונג, וואָס קאָן און מוז לויט זיין טבע ווערן דער

פרעגער פון דעם סאָציאַליסטישןענדציל. דאָס איז דער פּראָ־לעטאַריאַט, דער קלאַס פון לוין־אַרבעטער. היטן מיר אָפּ די איבעריקע קלאַסן, זיי זאָלן נישט אַריינפּאַלן אין דעם פּראָלע־טאַריאַט, פאַרקלענערן מיר דעמאָלט זיין צאָל, שוואַכן אָפּ זיינע כּוחות און רויבן ביי אים אָוועק די מעגלעכקייט צו ווערן די מאַיאָריטעט פון דעם פאָלק און דורכצופירן די סאָציאַלע רעוואָלוציע.

אָננעמען די פאָדערונג פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָ־נערן וואָלט, לויט דער טעאָריע פון די רוסישע מאַרקסיסטן, אינדעראמתן געהייסן: פאַרטיידיקן נישט די אינטערעסן פון די אַרבעטער, נאָר פון די קליינע בורזשויעס; זיין נישט רעוואָלוציאָנער, נאָר פונקט דער היפּך דערפון: רעאַקציאָנער. און קיין סאָציאַליסטן קאָן מען דערביי אוודאי נישט זיין, כאָטש מען קאָן גלויבן, ווי אַלע אוטאָפּיסטן, אין דער „גע־רעכטיקייט” און דער „ווינטשבאַרקייט” פון דעם סאָציאַליסטישן „אידעאַל”, ווייל — וועלכער סאָציאַליסט וועט דאָס אַריינגעמען אין זיין פּראָגראַם אַזעלכע אַרבעטן און פאָדערונגען, וואָס זאָלן מאַכן אויף אייביק אוממעגלעך די פאַרווירקלעכונג פון דעם סאָציאַליזם?

לאָמיר זיך פאַנאַנדערקלויבן אין די אַלע טענות.

אויף דער צווייטער און דריטער טענה קאָנען מיר זיך נישט אָפּשטעלן לאַנג, ווייל מען וואָלט זיך באַדאַרפט אָפּשטעלן צו לאַנג.

בקיצור קאָנען מיר נאָר זאָגן, אַז פאַרטיידיקן די אינ־טערעסן פון די זעלבשטענדיקע אַרבעטער הייסט באַכנישט זען, אַז זיי זאָלן ביז צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע בלייבן אין די אַלטע פּראָדוקציאָנס־באַדינגונגען. דער פּרינציפּ פון קאָאָפּעראַטיווע געווערקשאַפטן פאַר די בעל־מלאכות; די אַנטוויקלונג פון אַלערליי פאָרמען אַגראַר־געגאָסנשאַפטן ביי די פּויערים; ביידע זאַכן געשטיצט דורך שטאָטישע קאָמונאַלע־געגאָסנשאַפטן קאָנען זיכער פאַר־

בעסערן דעם מעמד פון יענע אַרבעטנדיקע שיכטן און אין דערזעלביקער צייט דינען דעם עקאָנאָמישן פּראָגרעס.

דאָרטן אָבער, ווו עס איז אוממעגלעך אַריינצופירן פּראָגרעסיווערע עקאָנאָמישע לעבנס-פאָרמען, וואָס זאָלן זיין ווי אַן איבערגאַנג צו דעם סאָציאַליזם, — דאָרטן איז פאַר בײדע צדדים, סיי פאַר די פּראָלעטאַריער, סיי פאַר זיי גלייכער, אַז די זעלבשטענדיקע אַרבעטער זאָלן נישט פאַרלירן יענעם עקאָנאָמישן מעמד, וואָס זיי האָבן. ווייל וואָס ווייניקער נייצוגעקומענע פּראָלעטאַריער, אַלץ בעסער פאַר די אַלטע, אַלץ ווייניקער נייע קאָנקורענטן אין דעם עקאָנאָמישן קלאַסנקאַמף.

און פאַר דעם סאָציאַליזם וועט דאָס אויך געוויס נישט זיין קיין חסרון. ווי וויכטיק דער פּראָלעטאַריער זאָל נישט זיין פאַר דעם סאָציאַליזם, — און מיר האַלטן אים פאַר זייער וויכטיק, ווייל ער קאָן אינדעראמתן ווערן דער א וו אַ נ ג אַ ר ד פון דער גאַנצער אַרבעטער-אַרמיי, וואָס זאָל זי פירן נאָך זיך, — טאָר מען דאָך אָבער נישט פאַרגעסן, אַז נישט דער הונגעריקער און פאַרעלנטער פּראָלעטאַריער וועט קאָנען מאַכן די סאָציאַלע רעוואָלוציע, נאָר דווקא דער ז אַ ט ע ר, וואָס וועט שטרעבן נאָך אַ העכערן מענטשלעכן לעבן פאַר זיך און וואָס וועט זיין פאַראינטערעסירט דורכצופירן די פאָדערונגען פון יושר אין דער געזעלשאַפט.

אָבער די פאַרבעסערונג, לפחות, נישט פאַרערגערונג פון דעם עקאָנאָמישן מעמד ביי די זעלבשטענדיקע אַרבעטער הייסט די פאַרבעסערונג פון דעם עקאָנאָמישן מעמד ביי דעם פּראָלעטאַריאַט.

ווייטער איז גאָרנישט ריכטיק, אַז נאָר דער שטאָטישער לוין-אַרבעטער קאָן צושטיין צו דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל.

דער סאָציאַליזם שליסט אין זיך איין דעם פּרינציפּ, אַז די פּראָדוקטן פון דער אַרבעט זאָלן געהערן נאָר צו די אַרבעטער — דאָס איז אַ פּרינציפּ, וואָס גייט אפשר להיפך צו דעם „יושר" פון דער בורזשואַזיע, וואָס איז אָבער דורך און

דורך איינגעוואָרצלט אין דער פּסיכאָלאָגיע פון י ע ד ן אַרבע־טער, אַלץ איינס צי אַ פּראָלעטאַריער, צי אַ זעלבשטענדיקן. ממילא קאָן י ע ד ע ר אַרבעטנדיקער מענטש געווונען ווערן פאַר דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל.

און וואָס איז שייך די טעאָריע, אַז דער פּראָלעטאַריאַט ווערט סאָציאַליזירט אין דעם פּראָצעס פון דער קאַפּיטאַליסטי־שער פּראָדוקציע און נאָר אַ דאַנק דעם קאָן ער ווערן דער טרעגער פון דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, מוז מען דערויף ענטפערן, אַז די טעאָריע איז געבויט אויף דעם גרונט־גע־דאַנק, אַז נאָר די סטיכישע עקאָנאָמישע פּראָצעסן און לעבנס־באַדינגונגען באַשטימען א ו נ ט ע ר אַ ל ע א ו מ ש ט ע נ ד ן די אידעאַלן פון די מאַסן. די טעאָריע איז אָבער נאָך נישט באַוויזן געוואָרן און עס איז דאָ אַ סך טעמים, פאַרוואָס מיר זאָלן זיך אָפּזאָגן פון איר.

מיט איניקע פון זיי וועלן מיר באַקאַנט ווערן אין די באַנטסטע קאַפּיטלען.

בלייבט אונז איצטער נאָר די פראַגע: צו וועמען זאָל מען צורעכענען יענע אַרבעטנדיקע שיכטן, וואָס האָבן נישט פאַרלאָרן זייער אייגנטום אויף די מיטלען און די געצייג פון זייער פּראָדוקציע: צו דעם אַרבעטער־קלאַס אָדער צו דער קליין־בורזשואַזיע.

מיט דער פאַרענטפערונג פון דער פראַגע וועט אונז קלאָר ווערן די קלאַסן־טעאָריע פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלו־ציאָנערן.

די טעאָריע פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן גייט אַרויס פון דעם גרונט־געדאַנק, אַז די קלאַסן־איינטיילונג פון דער געזעלשאַפט דאַרף באַטראַכט ווערן נאָר פון איין־איינציקן שטאַנדפּונקט: דעם שטאַנדפּונקט פון א י י ג ע נ ע ר אַ ר ב ע ט.

אַלע די, וואָס לעבן פון זייער אייגענער אַרבעט, — אַלץ איינס, צי זיי ווענדן זי אָן אויף אייגענע מיטלען און

געצייג פֿון דער פּראָדוקציע אָדער אויף פּרעמדע, — געהערן צו דעם איין-איינציקן אַרבעטער-קלאַס און יעדערער פֿון זיי איז אַן אַרבעטער.

אַלע די אָבער, וואָס לעבן פֿון פּרעמדער אַרבעט, סיי די, וואָס עקספּלואַטירן דירעקט געדונגענע אָדער פאַרשקלאַפּטע אַרבעטער, סיי די, וואָס לעבן אומדירעקט פֿון עקספּלואַטאַציע, געהערן אין דער איצטיקער געזעלשאַפט צו דער בורזשואַזיע.

אַרבעט, — אייגענע אָדער פּרעמדע, — דאָס איז דער איינציקער סימן, וואָס שיידט אָפּ דעם אַרבעטער פֿון דעם בורזשוי, דעם גרויסן אָדער דעם קליינעם.

אַנטקעגן אָט דער טעאָריע טרעט מען אַרויס קודם-כּל מיט אַזאַ שאלה: „וואָס פאַרשטייט איר דען אונטער דעם וואָרט אַרבעט? איז דער פּרינציפּ פֿון אייגענער אַרבעט אַזאַ קלאָרע און איינפאַכע זאַך, וואָס מיט איר הילף זאָל מען קאָנען דורכפירן אַ שטרענגע קלאַסן-שיידונג אין דער געזעלשאַפט? אַרבעט נישט אויך דער אָפיציר, בעת ער מושטרירט די סאָל-דאַטן, דער באַנקיר אָדער דער פאַבריקאַנט, בעת זיי פירן זייערע געשעפטן, דער פריץ, בעת ער גיט אַכטונג אויף זיין גוט?"

דערויף ענטפערן מיר: ס'איז אמת, אַז אין דעם געוויינ-לעכן טאָג-טעגלעכן שפּראַך-געברויך ווערט דער אויסדרוק אַר-בעט אָנגעווענדעט אויף אַלערליי אַרטן פֿון מענטשלעכער און נישט-מענטשלעכער טעטיקייט. עס אַרבעט אַן אָקס און עס אַרבעט אַ מיל, זאָגט מען אין דער געוויינלעכער שפּראַך, און איינער קאָן אויך אַרבעטן שווער... מיט די באַקן, בעת ער זיצט ביי אַ רייכן און פעטן מאָלצייט.

אָבער אין דער וויסנשאַפט פֿון דער פּאָליטישער עקאָ-נאָמיע האָט דער באַגריף אַרבעט באַקומען אַ גאַנץ קלאָרן און באַגרענעצטן זין. מען מיינט דאָ נאָר יענע מענטשלעכע אַר-בעט, וואָס פּראָדוצירט גשמיותדיקע גיטער, וואָס באַשאַפט אין דעם פּראָצעס פֿון דער מאַטעריעלער פּראָדוקציע אַלץ, וואָס

איז נויטיק, כּדי צו באַפרידיקן די באַדערפעניש ן פון דער געזעלשאַפט.

אויב אזאַ באַגריף פון אַרבעט איז נישט קלאָר, איז דעמאָלט די גאַנצע סאָציאַליסטישע טעאָריע אויפגעבויט אויף אַ וואָלקן. דערמאָנט זיך, אַז דער פונדאַמענט פון דעם וויסנ־שאַפטלעכן סאָציאַליזם באַשטייט אין דעם געדאַנק, אַז דער ווערט פון אַלע סחורות שטאַמט פון דער מ ע נ ט ש ל ע כ ע ר אַ ר ב ע ט, אַז די אַרבעט איז די מאָס, מיט וועלכער עס ווערט געמאָסטן יענער ווערט, אַז די פּראָפיטן פון דעם קאַ־פּיטאַליסט און די רענטע פון דעם לענד־לאָרד זענען נישט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר דער מערווערט, ד. ה. אַ באַשטימ־טער חלק נישט באַצאָלטע מענטשלעכע אַרבעט.

וועגן וועלכער אַרבעט ווערט דאָ גערעדט? וועגן דער אַרבעט פון דעם אָפּיציר, פון דער מיל, פון דעם קאַפּיטאַליסט? ס'איז דאָך קלאָר, אַז דאָ האָט מען נאָר איין־איינציקן טייטש אין זינען. מען מיינט דאָ אַלעמאָל נאָר די אַרבעט, וועלכע דער מ ע נ ט ש ווענדט אָן, כּדי אַרויסצוברענגען מאַטעריעלע גיטער, גשמיותדיקע זאַכן, וואָס זענען דורכגעגאַנגען דורך דעם מענטשנס ה ע נ ט.

און אָט די מענטשלעכע אַרבעט איז אויך דער יסוד פון דער קלאַסן־טיילונג אין דער געזעלשאַפט. אַרבעטער זענען די, וואָס לעבן פון זייער אייגענער ווערט־שאַפנדיקער אַרבעט. בורזשוא זענען די, וואָס לעבן פון דעם מ ע ר ו ו ע ר ט, ד.ה. פון דעם חלק נישט־באַצאָלטער מענטשלעכער אַרבעט.

גוט, זאָגט מען אונז. דאָס שטימט מיט איין טייל פון דער סאָציאַליסטישער לערע. און מען מוז צוגעבן, אַז אויף חיפל די בעל־מלאכות און די פּויערים אַרבעטן, געהערן זיי צו דעם אַרבעטער־קלאַס. אָבער עס זענען דאָך נאָך דאָ אַנ־דערע טיילן און פּרינציפּן אין דער סאָציאַליסטישער לערע. צו זיי געהערט אויך יענער פונדאַמענטאַלער פּרינציפּ, אַז די בורזשואַזיע איז די באַזיצערין פון דעם קאַפּיטאַל. וואָס איז

אָבער קאַפּיטאַל? אין דעם סאָציאַליסטישן זין פון דעם וואָרט איז דאָך קאַפּיטאַל נישט קיין אַנדער זאַך, ווי די געצייג און די מיטלען פון דער פּראָדוקציע. ממילא קומט אויס, אַז לויט דער סאָציאַליסטישער טעאָריע געהערן די בעל-מלאכות און די פּויערים, אַפילו ווען זיי דינגען נישט קיין פרעמדע אַר-בעט, נישט צו איין קלאַס, נאָר לפּחות צו צוויי קלאַסן: חוץ מענטשן, וואָס אַרבעטן, געהערן זיי צו דעם אַרבעטער-קלאַס, אָבער ווי אייגנטימער פון געצייג און פּראָדוקציאָנס-מיטלען גע-הערן זיי צו דעם קלאַס פון די אייגנטימער, צו דעם קלאַס פון די קאַפּיטאַליסטן, מיט אַנדערע ווערטער הייסט דאָס, אַז זיי זענען אַ מ י ט ל י ק ל אַ ס, וואָס שטייט צווישן די צוויי קלאַסן און געהערט צו זיי ביידן. זייער צוגעהעריקייט צו דער בור-זשואַזיע שליסט אָבער אינגאַנצן אויס, אַז די אַרבעטערשאַפט זאָל זיי קאָנען באַטראַכטן פאַר קינדער פון איר קלאַס.

אָט די גאַנצע טענה, ענטפערן מיר, איז אויפגעבויט אויף אַ פּשוטן לאָגישן און נאָך אַ טיפערן סאָציאָלאָגישן פע-לער. עס איז ריכטיק, אַז די קאַפּיטאַליסטן זענען די אייגנ-טימער פון די געצייג און די פּראָדוקציאָנס-מיטלען, אָבער עס איז נישט ריכטיק, אַז אַלע אייגנטימער פון געצייג און פּראָדוקציאָנס-מיטלען זענען שוין דורך דעם אַליין קאַפּיטאַליסטן. „יעדער עפּל-בוים איז אַ בוים, אָבער נישט יעדער בוים איז אַן עפּל-בוים". געצייג און פּראָדוקציאָנס-מיטלען ווערן נאָר דע-מאָלט ק אַ פּ י ט אַ ל, ווען זיי ווערן אָנגעווענדעט, כדי צו עקס-פּלואַטירן פרעמדע אַרבעט, און אַרויסצוזויגן מ ע ר וו ע ר ט. קוים אַרבעט מיט זיי נאָר זייער אייגנטימער, קאָן ער בשום אופן נישט געהערן צו דעם קלאַס פון די קאַפּיטאַליסטן, כּל זמן ער געברויכט זיין אייגנטום נאָר פאַר זיין אייגענער אַר-בעט.

קאַרל מאַרקס איז געווען, אויב איך מאַך נישט קיין טעות, טאַקע דער ערשטער, על כּל פּנים, דער גרעסטער פון די סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער, וואָס האָט קלאָר געמאַכט אַז

דעם געדאַנק און וואָס האָט געלייגט אויף אים אַזויפיל וואָג. קאַפּיטאַל, האָט ער נישט אויפגעהערט צו טענהן אין .פאַר־שיידענע שטעלן פון זיינע ווערק, באַשטייט נישט נאָר אין דעם פאַקט פון אייגנטום אויף געצייג און מיטלען פון פּראָדוקציע. כדי דאָס זאָל ווערן קאַפּיטאַל, מוז דאָס שאַפן מערווערט, מוז דאָס אָנגעווענדעט ווערן אויף באַשעפטיקן פרעמדע אַרבעטער.

אין זיין טיפער אונטערזוכונג וועגן „לוין־אַרבעטער און קאַפּיטאַל" זאָגט, צ. ב., קאַרל מאַרקס:

„אַ נעגער איז אַ נעגער. ער ווערט ערשט אַ שקלאַף אין באַשטימטע פאַרהעלטענישן. אַ באַוול־מאַשין איז אַ מאַשין צו שפּינען באַוול. נאָר אין באַשטימטע פאַרהעלטענישן ווערט זי קאַפּיטאַל. רייסט מען זי אַרויס פון יענע פאַרהעלטענישן, איז זי אַקוראַט אַזוי ווייניק קאַפּיטאַל, ווי ווייניק גאָלד איז אין זיך גופא געלט... קאַפּיטאַל איז אַ געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטעניש פון פּראָדוקציע".

דער געדאַנק איז קלאָר. דאָס אייגנטום אויף די פּראָדוקציאָנס־מיטלען קאָן נישט מאַכן פון דעם אַרבעטער אויס אַרבעטער. נאָר ווען ער דינגט פרעמדע אַרבעטער, זיי זאָלן אַרבעטן פאַר אים, פאַלט ער אַרויס פון די גרענעצן פון זיין קלאַס.

מען קאָן זאָגן, אַז אָט דער געדאַנק איז אַ ליבלינגס־געדאַנק פון קאַרל מאַרקס און איז איינער פון די וויכטיקסטע שטיץ־פונקטן אין זיין גאַנצער סיסטעם.

אויך אין זיין גרונט־ווערק „דאָס קאַפּיטאַל" ציטירט מאַרקס די אויבן־אָנגעפירטע שטעלע פון זיין פריערדיקער אַרבעט און דערקלערט זי אין דעם טעקסט אַזוי, אַז עס בלייבט קיין ברעקל ספק נישט וועגן זיין ריכטיקן מיין. ער זאָגט:

„מען ווייסט: פּראָדוקציאָנס־ און לעבנס־מיטלען, ווי אייגנטום פון דעם אוממיטלבאַרן פּראָדוצענט, פון דעם אַר־

בעטער גופא, זענען נישט קיין קאַפּיטאַל. זיי ווערן קאַפּיטאַל נאָר אונטער יענע באַדינגונגען, וואָס מאַכן, אַז זיי זאָלן דינען ווי מיטלען צו עקספּלואַטירן און צו באַהערשן דעם אַרבעטער" *).

און אַפילו ווען דער אַרבעטער זאָל אָנזאַמלען אוצרות פון זיין אייגענער אַרבעט מיט זיינע אייגענע פּראָדוקציאָנס-מיטלען, ווערט ער, לויט קאַרל מאַרקס, נאָך אַלץ נישט קיין קאַפּיטאַליסט. „אַזוי לאַנג", זאָגט ער, „ווי דער אַרבעטער קאָן פאַר זיך אַליין אָנזאַמלען, — און דאָס קאָן ער אַזוי לאַנג, ווי ער בלייבט אַן אייגנטימער פון זיינע פּראָדוקציאָנס-מיטלען, — איז קאַפּיטאַליסטישע אָנזאַמלונג און דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס-אופן אוממעגלעך" (ד. ג.)

מאַרקס' עדות וועגן אַ געוויסן פּונקט פון דער נאַציאָנאַל-עקאָנאָמישער וויסנשאַפט איז אַלעמאָל אינטערעסאַנט און באַלערנדיק פאַר זיך גופא. אַ צו טיפער דענקער איז ער געווען, אַ צו גרויסער געלערנטער איז ער געווען און צו ערנסט איז ער געווען אַריינגעטאָן אין אַלע פּראָבלעמען פון זיין נאַציאָנאַל-עקאָנאָמישן פאַך, מען זאָל זיך קאָנען פאַרגינען דעם לוקסוס — איגנאָרירן זיינע געדאַנקען.

ק. מאַרקס האָט אַ רעכט צו פאָדערן פון יעדן זעלבשטענדיקן פאָרשער ער זאָל נישט גיין ווייטער, איידער ער גלייכט נישט אויס זיינע חשבונות מיט אים **).

---

*) ק. מאַרקס' „קאַפּיטאַל", ערשטער באַנד, ערשטע אויפלאַגע פון 1867, ז. 747.

**) עס פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב דאָ אין אויג זיינע נאַציאָנאַל-עקאָנאָמישע און סאָציאַליסטישע טעאָריעס, אויף וועלכע ער האָט אוועקגעלייגט זיין גאַנצן לעבן. אין אַנדערע פראַגן, אין וועלכע ער איז נישט געווען קיין ספּעציאַליסט, ווי צ. ב. אין די נאַטור-וויסנשאַפטן, איז קיינער נישט מחויב זיך צו רעכענען מיט זיינע מיינונגען. דערוויסן מיר זיך, צום ביישפּיל, אַז ער איז געווען אַן אָנהענגער פון פ ר ע נ אָ ל אָ ג י ע, און האָט יעדן נאָענטן פריינט גוט צרומגע-

עס איז דעריבער זייער נויטיק, זיך נאָך אַ ביסל לענ־גער אָפּצושטעלן אויף דעם ענין, כדי אַרויסצוברענגען אים אין זיין גאַנצער קלאָרקייט.

איך וויל דאָ ברענגען אַ פּאָר לענגערע ציטאַטן פון קאַרל מאַרקס׳ „קאַפּיטאַל", וואָס האָבן נישט צו טאָן דירעקט מיט אונזער פראגע, וואָס באַווייזן אָבער קלאָר ווי דער טאָג, אַז דער פאָטער פון דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם האָט געמאַכט אַ גרויסע נפקא מיניה צווישן דעם אַרבעטער בכלל און דעם פּראָלעטאַריער בפרט און אַז צו די אַ ר ב ע ט ע ר ב כ ל ל האָט ער גאַנץ קלאָר און דייטלעך צוגערעכנט די האַנטווערקער און די פּויערים, וואָס האָבן נאָך נישט פאַרלאָרן זייער אייגנ־טום אויף די געצייג און די מיטלען פון דער פּראָדוקציע.

די ציטאַטן נעמען מיר אַרויס פון יענע קאַפּיטלען אין „קאַפּיטאַל", וו עס ווערט גערעדט וועגן דער „אורשפּרינגלע־כער אַנזאַמלונג" און וועגן דער „מאָדערנער קאָלאָניזאַציאָנס־טעאָריע".

„געלט און סחורה, זאָגט מאַרקס, זענען נישט לכתחילה

ס

טאַפּט דעם שאַרבן, כדי אַרויסצוגעפינען זיינע בייסטיקע אייגנשאַפטן, — ווי דאָ דערציילט אונז ה. ליבקנעכט אין זיינע דעריגנערונגען וועגן מאַרקסן, — איז דאָס געוויס נאָך נישט קיין גרונט, מיר זאָלן אָנהויבן אַנדערש צו קוקן אויף יענער פאַנטאַסטישער שאַרבן־וויסנשאַפט, איידער דאָס טוט די מאָדערנע געלערנטע וועלט. דאָס איז אויך ריכטיק בנוגע צו זיינע און ענגעלס עס געדאַנקען וועגן דער דיאַלעק־טישער און טריאַדישער אַנטוויקלונג אין דער נאַטור. מיט נאָך מער רעכט מוז־מען אוועקשטעלן יענע פאָדערונג צו די טעאָרעטיקער, וואָס דערקלערן זיך לכתחילה פאַר זיינע תלמידים. ווען די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן דער־קלערט די זעלבשטענדיקע האַנטווערקער און די פּויערים פאַר קליין־בורזשויס בלויז אויף דעם סמך, וואָס אַט די זעלבשטענדיקע אַרבעטער זענען נישט קיין פּראָלעטאַריער, נישט קיין לוין־אַרבעטער, האָבן זיי זיך לחלוטין נישט גערעכנט מיט די וויכטיקסטע געדאַנקען פון זייער רבין.

קאַפּיטאַל, אַקוראַט אַזוי ווייניק ווי פּראָדוקציאָנס- און לעבנס-מיטלען. זיי דאַרפן ערשט פאַרוואַנדלט ווערן אין קאַפּיטאַל. אָט דער פאַרוואַנדלונגס-פּראָצעס גופא קאָן אָבער פאָרקומען נאָר אונטער באַשטימטע אומשטענדן. זיי שפּיצן זיך צונויף אָט צו וואָס. צווייערליי, זייער פאַרשיידענע סאָרטן פון סחורות-באַזיצער, מוזן זיך צונויפקומען און זיך שטעלן אין קאָנטאַקט, פון איין זייט די באַלעבאַטים פון געלט, פּראָדוקציאָנס- און לעבנס-מיטלען, וואָס ווילן פאַרווערטן די ווערט-סומע, וואָס איז זייער אייגנס, דורך דעם אָפּקויף פון פרעמדער אַרבעטס-קראַפט; פון דער אַנדער זייט פרייע אַרבעטער, פאַרקויפער פון דער אייגענער אַרבעטס-קראַפט און ממילא פאַרקויפער פון אַרבעט. פרייע אַרבעטער אין אַ טאָפּלטן זין, וואָס זיי אַליין געהערן נישט אוממיטלבאַר צו די פּראָדוקציאָנס-באַדינגונגען, ווי שקלאַפן, לייב אייגענע א.אַז.וו. און וואָס אויך די פּראָדוקציאָנס-באַדינגונגען געהערן נישט צו זיי, ווי צום בײַשפּיל ביי דעם פּויער, וואָס פירט זיין אייגענע באַלעבאַטישקייט א. אַז. וו., נאָר וואָס זענען פריי פון זיי, לויז און ליידיק. מיט אָט דער פּאָלאַריזאַציע פון דעם סחורות-מאַרק זענען געגעבן געוואָרן די גרונט-באַדינגונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע. דאָס קאַפּיטאַל-שייכות זעצט פאָראויס, אַז די אַרבעטער זאָלן זיך צעשיידן מיט דעם אייגנטום אויף יענע באַדינגונגען, וואָס פאַרווירקלעכן די אַרבעט. אַזוי גיך, ווי די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע האָט זיך איינמאָל געשטעלט אויף אירע אייגענע פיס, אַזוי האַלט זי נישט נאָר אויף יענע צעשיידונג, נאָר זי רעפּראָדוצירט זי אויף אַן אַלץ וואַקסנדיקער שטופן-לייטער. דער פּראָצעס, וואָס באַשאַפט די קאַפּיטאַל-שייכות, קאָן דעריבער נישט זיין קיין אַנדער זאַך, ווי דער פּראָצעס, וואָס צעשיידט דעם אַרבעטער מיט זיינע באַדינגונגען, אַ פּראָצעס, וואָס פאַרוואַנדלט פון איין זייט די געזעלשאַפטלעכע לעבנס- און פּראָדוקציאָנס-מיטלען אין קאַפּיטאַל און פון דער

אַנדער זייט — די אומימיטלבאַרע פּראָדוצענטן אין לוין־אַר־בעטער" *).

„היסטאָריש עפּאָכעמאַכנדיק אין דער געשיכטע פון דעם צעשיידונגס־פּראָצעס זענען די מאָמענטן, אין וועלכע גרויסע מענטשן־מאַסן זענען פּלוצלונג און איבערגעוואַלט צעשיידט געוואָרן מיט זייערע סובסיסטענץ־און פּראָדוקציאָנס־מיטלען און געשליידערט געוואָרן אויף דעם אַרבעט־מאַרק, ווי פויגל־פרייע פּראָלעטאַריער. אין דער עקספּראָפּריאַציע פון דעם אַרבעטער פון דעם גרונט און באָדן באַשטייט די גרונטלאַגע פון דעם גאַנצן פּראָצעס" **).

אין דעם סוף פון דעם קאַפּיטל גיט קאַרל מאַרקס אַ קורצן איבערבליק איבער דעם גאַנצן היסטאָרישן פּראָצעס פון דעם מאָמענט, ווען דער אַרבעטער ווערט אָפּגעריסן פון זיינע אַרבעט־מיטלען ביז צו יענער צייט, ווען עס טרעט אַריין די „נעגאַציע פון דער נעגאַציע", ווען דער אַרבעטער פאַראייניקט זיך ווידער מיט זיי אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

רעדנדיק וועגן דעם „קליין־באַטריב", זאָגט קאַרל מאַרקס, אַז ער קאָן נאָר דאָרטן אויפבליען, „ווו דער אַרבעטער איז אַ פרייער פּריוואַט־אייגנטימער פון זיינע אַרבעט־באַדינגונגען, מיט וועלכע ער באַדינט זיך אַליין, דער פויער — פון דעם אַקער, וועלכן ער באַזאָרגט, דער האַנטווערקער — פון דעם אינסטרומענט, מיט וועלכן ער שפּילט, ווי אַ „ווירטואָז". דער קליין־באַטריב ווערט צעשטערט. „די עקספּראָפּריאַציע פון דעם אומברחמנותדיקסטן וואַנדאַליזם און אונטער דעם טריב פון די אינפאַמסטע, שמוציקסטע, קליינלעכסט־געהעסיקסטע ליידנשאַפטן. דאָס פּריוואַט־אייגנטום, וואָס איז פאַרדינט געוואָרן

*) קאַרל מאַרקס, ד. ג. ז. 700.

**) דאָרטן גופא, ז. 701.

מיט אייגענער אַרבעט, וואָס רוט אַזויצוזאָגן אויף דער צונויפוואַקסונג פון דעם איזאָלירטן אומאָפּהענגיקן אַרבעט־אינדיווידואום מיט זיינע אַרבעט־באַדינגונגען ווערט אַרויסגעשטופּט דורך דעם קאַפּיטאַליסטישן פּריוואַט־אייגנטום, וואָס רוט אויף דער עקספּלואַטאַציע פון פרעמדער, אָבער פאָרמעל פרייער אַרבעט"...

„די אַרבעטער זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּראָלעטאַריער, זייערע אַרבעט־באַדינגונגען — אין קאַפּיטאַל... וואָס עס בלייבט איצטער צו עקספּראָפּריאירן איז שוין נישט מער דער אַרבעטער, וואָס פירט זיין אייגענע באַלעבאַטישקייט (אונטערגעשטראָכן פון מיר. זש.), נאָר דער קאַפּיטאַליסט, וואָס עקספּלואַטירט אַ פולע אַרבעטער"...

„דער קאַפּיטאַליסטישער אופן פון פּראָדוקציע און אָנאייגענונג, ממילא דאָס קאַפּיטאַליסטישע פּריוואַט־אייגנטום, איז די ערשטע נעגאַציע פון דעם אינדיווידועלן פּריוואַט־אייגנטום, וואָס איז געגרינדעט אויף אייגענער אַרבעט. די נעגאַציע פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע ווערט פּראָדוצירט דורך איר גופא מיט דער נויטווענדיקייט פון אַ נאַטור־פּראָצעס. דאָס איז די נעגאַציע פון דער נעגאַציע. די לעצטערע בויט ווידער אויף דעם אינדיווידועלן אייגנטום, אָבער אויף דער גרונטלאַגע פון די דעראָבערונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער ערע: קאָאָפּעראַציע פון פרייע אַרבעטער און זייער קהלשן אייגנטום אויף ערד און די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, וואָס זענען פּראָדוצירט געוואָרן דורך דער אַרבעט גופא *)".

ווער עס האָט נאָר מיט קאָפּ דורכגעלייענט די נאָר־וואָס

*) דאָרטן גופא, ז. 742—745.

ציטירטע שטעלן, פאַר יענעם קאָן שוין נישט זיין קיין ספק אין דעם אמת פון די פאָלגנדיקע פונקטן:

ע ר ש ט נ ס: אַז נישט נאָר דער פּראָלעטאַריער, דער לוין-אַרבעטער איז אַן אַרבעטער.

צ ו ו י י ט נ ס: אַז זיין אַ פּראָלעטאַריער, ד.ה. נישט האָבן קיין ברעקל אייגנטום אויף די מיטלען פון דער פּראָדוקציע, איז נאָר אַ געשיכטלעכער איבערגאַנג אין דער אַנטוויקלונג פון דעם אַרבעטער-קלאַס.

ד ר י ט נ ס: אַז בטבע, איך מיין, לויט דער אינעווייניקסטער לאָגיק פון דעם סאָציאַל-עקאָנאָמישן געשעען, געהערן אַרבעטער און פּראָדוקציאָנס-מיטלען איינער צום אַנדערן. אייגנטום אויף פּראָדוקציאָנס-מיטלען, ממילא אויך אויף ערד, מאַכט נישט פון דעם אַרבעטער אויס אַרבעטער.

פ ע ר ט נ ס: אַז אַפילו פּ ר י וו אַ ט - א י י ג נ ט ו ם אויף פּראָדוקציאָנס-מיטלען שליידערט דעם אַרבעטער נישט אַרויס פון דעם גדר אַרבעטער און וואַרפט אים נישט אַריין אין דעם קלאַס פון די קאַפּיטאַליסטן, פון דער בורזשואַזיע, וואָס לעבט פון מערוועדט, וויל.

פ י נ פ ט נ ס: קאַפּיטאַליסטישער פּריוואַט-אייגנטום און אַרבעטער-פּריוואַט-אייגנטום זענען צוויי היפוכים, וואָס שליסן איינער דעם אַנדערן אויס. איינער איז די נעגאַציע (די אָפּלייקענונג) פון דעם אַנדערן.

דעם לעצטן געדאַנק ברענגט קאַרל מאַרקס באַזונדערס שאַרף אַרויס אין דעם פּאַראַגראַף וועגן דער מאָדערנער קאָלאָניזאַציאָנס-טעאָריע. אין די קאָלאָניעס, „ווו די צעשיידונג פון דעם אַרבעטער מיט זיינע אַרבעטס-באַדינגונגען און זייער וואָרצל — דעם גרונט און באָדן, עקזיסטירט נאָך נישט״*), ווו עס איז נאָך דאָ פרייע ערד, וואָס יעדער איינער קאָן באַאַרבעטן מיט זיינע אייגענע הענט, פּילט זיך דער קאַפּיטאַליזם

*) ד. ג. ז. 750.

זייער פאַרענגט אין זיין אַנטוויקלונג, דערקלערט מאַרקס.

„דער קאַפּיטאַליסטישער אופן פון פּראָדוקציע און אַנאייגענונג שטויסט זיך דאָ אומעטום אָן אויף אַ שטער: אויף אַן אייגנטום פון דעם פּראָדוצענט, וואָס איז פון אים גופא באַארבעט געוואָרן, פון אַ פּראָדוצענט, אַ פּריוואַט-אייגנטימער פון זיינע אייגענע אַרבעטס-באַדינגונגען, וואָס באַרייכערט דורך זיין אַרבעט זיך אַליין, אָנשטאָט דעם קאַפּיטאַליסט. ד ע ר ו י ד ע ר שפּרוך", זאָגט ווייטער קאַרל מאַרקס און שטרייכט אונטער „פון די צוויי דיאַמעטראַל-אַנטקעגנגעזעצטע אופנים פון פּראָדוקציע און אַנאייגענונג עקזיסטירט דאָ פּראַקטיש" *).

איז — לאָמיר איינמאָל פאַר אַלעמאָל געדענקען. צווישן דעם פּריוואַט-אייגנטום פון דעם קאַפּיטאַליסט אָדער דעם בורזשוי און דעם פּריוואַט-אייגנטום פון דעם אַרבעטער (דעם האַנטווערקער און דעם פּויער) עקזיסטירט אַ ווידערשפּרוך. נישט קוקנדיק אויף זייער יורידישער ענלעכקייט, אָדער איינערלייקייט זענען זיי סאָציאַל-עקאָנאָמיש צוויי דיאַמעטראַל-אַנטקעגנגעזעצטע זאַכן.

וואָס מאַכט זיי פאַר אַזעלכע היפּוכים, וואָס שליסן איינער דעם אַנדערן אויס?

מאַרקס גיט אויף דער שאלה דעם קלאָרסטן און פּרינציפּיעל-ריכטיקסטן ענטפער. דעם אַרבעטערס פּריוואַט-אייגנטום „רוט אויף אייגענער אַרבעט, אָנשטאָט אויף עקספּלואַטאַציע פון פרעמדער אַרבעט" **).

אָט דעם געוואַלטיקסטן ווידערשפּרוך צווישן „לעבן פון אייגענער אַרבעט און לעבן פון פרעמדער אַרבעט" האָבן די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן טעאָרעטיש אָוועקגעלייגט אין דעם יסוד פון זייער איינטיילן די געזעלשאַפט אין קלאַסן און

*) ד. ג. ז. 746.

**) ד. ג. ז. 753.

פּראַקטיש אָנגענומען פאַר דעם גרונט-פּרינציפּ פון דעם סאָ-ציאַליסטישן קלאַסנקאַמף.

זיי גייען אַרויס פון דעם גרונט-געדאַנק, אַז די אינטע-רעסן פון אַלע די, וועלכע לעבן פון זייער אייגענער אַרבעט, זענען אַלעמאָל געווען, זענען איצטער און וועלן אויך זיין אין דער צוקונפט איין- און דיזעלבע: דאָס באַשטרעבן, אַז די פּראָדוקטן פון זייער אַרבעט זאָל געהערן צו זיי און אַז קיי-נער זאָל נישט האָבן נישט קיין רעכט און נישט קיין מאַכט אַראָפּצורייסן פון די פּראָדוקטן עפּעס פאַר זיך, סיידן לויט דעם פרייען באַשלוס פון די אַרבעטער גופא, ווי אַן אָפּצאָל פאַר דינסט און נוצלעכע לייסטונגען, אין וועלכע די אַרבעט אַליין נויטיקט זיך.

די אינטערעסן פון דער אַרבעט, וואָס פליסן אַרויס פון דער אינעווייניקסטער לאָגיק פון דער זאַך גופא, קאָנען באַ-פרידיקט ווערן נאָר אין אַ פרייהייטלעכער סאָציאַליסטישער גע-זעלשאַפט און דערפאַר איז דער סאָציאַליזם דער לאָגישסטער ענד-ציל פון יעדן אַרבעטער, סיי דעם פּראָלעטאַריער, סיי דעם זעלבשטענדיקן האַנטווערקער און פויער, וואָס לעבן נישט פון אויסנוצן פרעמדע אַרבעט.

די אַרבעט איז דער איינציקער מקור-חיונה פון די אַר-בעטער. זיי מוזן זיין פאַראינטערעסירט, אַז אָט דער לעבנס-שטראָם זאָל פליסן און שפּייזן נאָר זיי און נישט די, וואָס זויגן זיי אויס. ווי איינפאַך דער געדאַנק איז, אַזוי געוואַל-טיק פרוכטבאַר איז ער ווי אַ פּרינציפּ פאַר דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט און ווי אַ ריכט-שנור פאַר דעם טאָג-טעגלעכן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן קאַמף פון דעם איינהייטלעכן אַר-בעטער-קלאַס.

על-כל-פנים איז די צורעכענונג פון די פויערים און די האַנטווערקער צו דער קליין-בורזשואַזיע, וואָס קלינגט אויף דעם ערשטן בליק אַזוי כשר-מאַרקסיסטיש, אין תוך אריין אַן אָפּ-לייקענונג פון מאַרקסיזם. לפּחות, פון יענעם מאַרק-

סיזם, וואָס האָט געפונען זיין קלאָרסטן אויסדרוק נישט אַזוי אין דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" פון דעם סוף פערציקער יאָרן, ווי אין דעם „קאַפּיטאַל" פון דעם סוף זעכציקער יאָרן.

איידער איך פאַרלאָז דעם ענין פון „אַרבעטער און פּראָ־לעטאַריער" מוז איך מיך אויף אַ ווײַלע אָפּשטעלן נאָך אויף אַ טענה אַנטקעגן אונזער טעאָריע, אַז די זעלבסט־אַרבעטנדיקע פויערים מוזן צוגערעכנט ווערן צו דעם אַרבעטער־קלאַס. אויך די טענה איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן פון אָרטאָדאָקסע מאַרק־סיסטן מיט קלינגענדיקע נעמען אין רוסלאַנד און אויך זי „כאַפּט אָן דעם אָנבליק", — ווי שלום-עליכם וואָלט געזאָגט, — פון אַ שוידערהאַפט מאַרקסיסטישן געדאַנק, אין אמתן אָבער, ווען מען טראַכט זיך נאָר אַביסעלע טיפער אַרײַן, כאַפּט זי גאָר דעם מאַרקסיזם פאַרן גאָרגל און פאַרכאַפּט דערמיט אין בוכשטעבלעכן זין פון דעם וואָרט זײַן לעבנס-אָטעם.

הנה ידוע, — אַזוי קאָן מען אָנהויבן יענע טענה, — אַז די איצטיקע געזעלשאַפט איז אײַנגעטיילט אין דריי גרויסע קלאַסן: אין לאַנד-באַזיצער, וואָס לעבן פון רענט, קאַפּיטאַליסטן, וואָס לעבן פון ריוח אָדער פּ ר אָ פ י ט, און אַרבעטער, וואָס לעבן פון ל ו י ן.

די פעריאָדישע פאַנאַנדערטיילונג פון דער גאַנצער גע־זעלשאַפטלעכער הכנסה צווישן די דריי קלאַסן ווערט סוף-כל־סוף דורכגעפירט א ו י ף ד ע ם מ אַ ר ק, ווו די סחורות ווערן פאַרקויפט צו דעם קאָנסומענט. אין יעדן פרייז פאַר יעדן שטיקל סחורה, וואָס דער קאָנסומענט קויפט, ווערן אַרײַנ־גערעכנט: דער חלק, וואָס דער לענדלאָרד באַקומט פאַר זײַן אייגנטום-רעכט אויפן לאַנד, דער חלק, וואָס דער קאַפּיטאַליסט באַקומט פאַר זײַן אַרײַנגעלייגטן קאַפּיטאַל, און דער חלק, וואָס דער אַרבעטער באַקומט פאַר זײַן אַרבעט.

איצטער לאָמיר זען, וואָס עס טוט זיך דאָ מיט דעם פויער. ווען אַ זעקל תּבֿואה ווערט געבראַכט אויפן מאַרק, פרעגט קיינער נישט, צי די תּבֿואה שטאַמט פון דעם פּריצס

הויף, אָדער דעם אַרענדאַרס גוט, אָדער דעם פּויערס קרקע. הייסט עס, אַז אין דעם פּרייז, וואָס דער פּויער באַקומט פאַר זיין תבואה, ווערט אים אַריינגערעכנט אַ חלק רענט, ווייל דער פּויער איז זיין אייגענער לענדלאָרד, און אַ חלק ריוח, ווייל ער איז זיין אייגענער קאַפּיטאַליסט, און אַ חלק אַרבעטס-לוין, ווייל ער איז זיין אייגענער לוין-אַרבעטער.

דער פּויער איז אויף אַזאַ אופן נישט קיין ריינער אַר-בעטער, נאָר אַ כפול-שלשהדיקע בריאה: אַ לענדלאָרד און אַ קאַפּיטאַליסט און אַן אַרבעטער אין איין און דעמזעלבן נפש. און ווי אַ לענדלאָרד לעבט ער פון רענט, ווי אַ קאַפּיטאַליסט — פון ריוח, און ווי אַן אַרבעטער — פון לוין. על כל פנים לעבט ער אויך פון מערווערט — ווייל רענט און ריוח זענען דאָך מערווערט — און מוז צוגעציילט ווערן צו דער בורזשואַזיע.

אנטקעגן אָט דער זייער שאַרפזיניקער, כלומרשט מאַרק-סיסטישער טענה, ענטפערן געוויינלעך סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָ-נערן, אַז אין דער ווירקלעכקייט ווערט פון דעם פּויער אַזוי-פיל אויסגעצאַפּט אין דער פאָרם פון אַלערליי מלוכה-אָפּצאָ-לונגען און צינזן, אַז נישט נאָר עס ווערט ביי אים פּאַקטיש אַוועקגענומען זיין „לענדלאָרד"-רענט און קאַפּיטאַליסטן-ריוח, נאָר עס ווערט נאָך צוגעכאַפּט אַ טייל פון זיין לוין-אַרבעט, אַזוי אַז אים בלייבט נאָך ווייניקער, ווי אַ פּשוטן אַרבעטער.

די פאַקטן, אויף וועלכע מען פאַררופט זיך דאָ, זענען בדרך כלל ריכטיק. אָבער קיין פּרינציפּיעלער ענטפער איז דאָס נישט. אַ קאַפּיטאַליסט און אַ לענד-לאָרד הערן נישט אויף צו זיין קאַפּיטאַליסט און לענדלאָרד, אפילו ווען זיי דערלייגן דעם קאָפּ צו דעם קאַפּיטאַל אָדער צו דעם אומבאַוועגלעכן גוט. אויב די הכנסה פון דעם פּויער (נישט דאָס, וואָס אים בלייבט) שטאַמט פון רענט און ריוח, קאָן מען זיך נישט העלפן, מוז מען אים צורעכענען לפּחות טיילווייז צו דער בורזשואַזיע.

אין אמתן אָבער באַווייזט אָט די גאַנצע טענה, חייניק מען האָט דעם מאַרקסיזם פאַרשטאַנען. מען פאַרגעסט, אַז מערווערט איז נאָר דעמאָלט מערווערט, ווען ער ווערט אַוועקגענומען בײַ דעם אַרבעטער, ווען ער שטעלט מיט זיך פאָר נישט באַצאָלטע אַרבעט. אַ מערווערט, וואָס בלײַבט בײַ דעם אַרבעטער, הערט אויף צו זײַן מערווערט און איז נישט מער ווי... אַרבעט, וואָס איז באַצאָלט. זאָגן, אַז אַן אַרבעטער, וואָס באַקומט דעם פולן פראָדוקט פון זײַן אַרבעט, לעבט פון מערווערט, הייסט פאַראויסזעצן, אַז ער באַצאָלט נישט איינעם דערבײַ. וועמען באַצאָלט ער דען נישט? דעם לענדלאָרד און דעם קאַפּיטאַליסט! קומט זיי דען על פי מאַרקס אַ חלק פון דעם געשאַפענעם ווערט? על פי מאַרקס זענען דאָך רענט און ריווח נישט זעלבשטענדיקע קוואַלן פון ווערט, וואָס קומען צו צו דער אַרבעט, ווי דאָס הערן נישט אויף צו טענהן די בורזשואַזע עקאָנאָמיסטן. זײַן גאַנצער אויפטו אין דער נאַציאָנאַל-עקאָנאָמיע איז דאָך באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט באַוויזן, אַז זיי קומט גאָרנישט: אַז דאָס, וואָס זיי נעמען, נעמען זיי דאָס אַוועק פון דעם אַרבעטער; אַז רענט און ריווח זענען מערווערט און אַז זיי זענען נאָר דעמאָלט מערווערט, ווען די בורזשואַזיע נעמט זיי אַראָפּ פון דעם אַרבעטס-לוין.

כּדי אַביסל מער מסביר צו זײַן דעם ענין, וואָס שפּילט די ראָלע פון אַ צענטראַל-פּונקט אין דעם געדאַנקענגאַנג פון די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן, וועל איך ברענגען אַ בײַשפּיל:

לאָז זײַן, איך בין אַן אַרבעטער, וואָס אַרבעט אויס סחורות אין דעם ווערט פון צוואַנציק דאָלאַר. איך האָב זיי פאַרקויפט אויפן מאַרק און איך האָב באַקומען זייער ווערט. נאָר פאָרנדיק אַהיים, איז אויף מיר אין וואַלד אָנגעפאַלן אַ גזלן און האָט אַוועקגערויבט בײַ מיר צען דאָלאַר. איז געקומען אַן איידעלער מענטש און האָט גענומען זידלען דעם

גזלן: רויבער! ווי קאָנסטו לעבן אויף דאָס געלט, דאָס איז דאָך געגזלט געלט! ווער איך שטאַרק אין מיין דעה און וואַרף זיך אַרויף אויף דעם רויבער און נעם ביי אים אָפּ מיין געלט. ערשט דער איידעלער מענטש פאַלט שוין גאָר איצטער אָן אויף מיר. „רויבער! ווי קאָנסטו לעבן פון דעם געלט, ס'איז דאָך געגזלט געלט". — „ס'טייטש", טענה איך, „דאָס האָט ער דאָך ב"י מ י ר געגזלט. דאָס איז דאָך לכתחילה געווען מ יי נ ס". „וואָס איז די נפקה מיניה", ענטפערט ער מיט אַ מערקווירדיקער פילאָזאָפישער טיפקייט, „געגזלט געלט איז געגזלט געלט, אַלץ איינס, ווי עס זאָל זיך נישט געפינען".

און פון דערזעלבער טיפקייט איז אויך יענער אַרגומענט, וואָס זאָגט, אַז דער פויער איז אין דערזעלביקער צייט זיין אייגענער לענדלאָרד און זיין אייגענער קאַפּיטאַליסט.

עס איז אַקוראַט, ווי ווען איינער וואָלט געזאָגט: יעדער מענטש איז זיין אייגענער שקלאַף און זיין אייגענער שקלאַפן־האַלטער און היות ווי אין דער איצטיקער געזעלשאַפט איז דורכן געזעץ פאַרווערט צו פאַרקויפן זיך אין שקלאַפעריי אָדער קויפן שקלאַפן, מוז יעדער מענטש דאָפּלט באַשטראָפט ווערן פאַר ווערן אַ שקלאַף און פאַר זיין אַ שקלאַפן־האַלטער, און דאַרף נאָך באַקומען אַן עקסטרע שטראָף פאַר מ ע ק ל ע ר יי, ווייל ער האָט צונויפגעפירט דעם שקלאַפן־האַלטער מיט דעם שקלאַף.

אַ שקלאַפנהאַלטער איז מען נאָר דעמאָלט, ווען מען האָט אַ ן אַ נ ד ע ר ן מ ע נ ט ש פאַר אַ שקלאַף. אַ לענדלאָרד נאָר דעמאָלט, ווען מען האָט אַן אַנדערן פאַר אַן אַרענדאַר. אַ קאַפּיטאַליסט נאָר דעמאָלט, ווען מען האָט אַן אַנדערן פאַר אַ לוין־אַרבעטער.

דער פויער, וואָס איז לויט דער פּסוידאָ־מאַרקסיסטישער טעאָריע אַ צונויפגוס פון לענדלאָרד, קאַפּיטאַליסט און לוין־אַרבעטער, איז אינדעראמתן נ י ש ט קיין לענדלאָרד, נישט קיין קאַפּיטאַליסט און נישט קיין לוין־אַרבעטער. ער

איז לויט דער אמתער מאַרקסיסטישער טעאָריע, ווי מיר האָבן געזען, פשוט אַן אַרבעטער, וואָס איז נאָך נישט צעשיידט געוואָרן מיט זיינע אַרבעט-באַדינגונגען, און דעריבער געהערט ער צו דעם גרויסן אַרבעטער־קלאַס.

אויף וויפל דער ענין פון אַרבעטער און לוין־אַרבעטער, פון אַרבעטער-קלאַס און פּראָלעטאַריאַט איז נאָך נישט קלאָר פאַר אַ סך מאַרקסיסטישע סאָציאַליסטן אפילו אין דער גאָר לעצטער צייט, קאָן באַוויזן ווערן פון אַ ציטאַט, וואָס איך נעם אַרויס פון חבר א. ש. זאַקס בוך: „די לערע פון דעם סאָציאַליזם".

אויף זייט 141 לייענען מיר:

„אויב דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם לערנט אונז, אַז דער פּראָלעטאַריאַט איז דער פאָרשטייער פון די נייע אַנט-וויקלטע פּראָדוקטיוו-קרעפטן, וועלכע פאָדערן אַ סאָציאַליסטישע אָרדנונג, לערנט אונז די מערווערט-טעאָריע, אַז דער פּראָלע-טאַריאַט איז דער איינציקער שפייזער און ברויט-געבער פון אונזער געזעלשאַפט, אַז אַלע אַנדערע קלאַסן לעבן פון דער אָנבאַצאָלטער אַרבעטער-פּראַצע, און אַז ווען נישט דער אַרבעטער-קלאַס וואָלטן אַלע מוזן הונגערן".

דער לוין-אַרבעטער, דער איינציקער שפייזער און ברויט-געבער!

פּרובירט אָנווענדן דעם זאַץ אויף רוסלאַנד, ווו אויף צענדליקער מיליאָנען אַרבעטער, אַרבעטנדיקע פויערים, די אמתע שפייזער און ברויט-געבער פון דער רוסישער געזעלשאַפט, געפינען זיך נישט מער ווי עטלעכע מיליאָן פּראָלעטאַריער, און עס וועט אויסקומען, אַז אָדער די צענדליקער מיליאָנען פויערים דאַרפן צוגערעכנט ווערן צו דעם פּראָלעטאַריאַט, — וואָס דאָס האָבן אפילו די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן קיינמאָל נישט געפּרוווט טאָן, — אָדער מען וועט מוזן אָננעמען, — ווי דאָס האָבן געטאָן די רוסישע מאַרקסיסטן, — אַז זיי, די צענדליקער מיליאָנען אמתע שפייזער און ברויט-געבער לעבן

פון דער „אומבאַצאָלטער פּראַצע", וועלכע זיי האָבן ארויסגע-זויגן פון אַ פּאָר מיליאָן פּראָלעטאַריער.

דרייסיק מיליאָן פויערים — און מיט זייערע פאַמיליעס איבער אַ הונדערט מיליאָן נפשות! — לעבן אויף דעם חשבון פון דריי ביז פינף מיליאָן לוינאַרבעטער, — אָט דאָס איז דער הימל-שרייענדיקער פידריך, וואָס ליגט באַהאַלטן אין דער באַהויפּטונג, אַז די פויערים געהערן צו דער בורזשואַזיע.

אָבער — יאָ אַרבעטער, נישט אַרבעטער, די מאַרקסיס-טישע טעאָריע פאַרמשפּט זיי אויף אַ זיכערן פאַרשווינדן אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. עס איז אפשר אַ גרויסע עוולה. איז האָט איר אָן עוולה ביי דער געשיכטע! זייער פאַרשווינדן ווערט געפאָדערט פון דעם אומברחמנותדיקן עקאָ-נאָמישן אַנטוויקלונגס-פּראָצעס, און קיין אַנדערע זעלבשטענ-דיקע געזעלשאַפטלעכע קרעפטן, אַ חוץ עקאָנאָמישע, זענען נישטאָ.

נישט די אידעאָלאָגישע פאַקטאָרן, מיט זייער דאגהנען פאַר „יושר" און „עוולות", נישט די איינצלנע גרויסע און איידעלע מענטשן, וואָס ברענגען אַרויס די געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן, נישט די רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענציע, וואָס נעמט אויף זיך צו פאַרקערפּערן יענע אידעאַלן אין לעבן האָבן נישט קיין ברעקל מאַכט איבערצובייטן דעם „נאַטירלעכן אַנט-וויקלונגס-גאַנג", אַריינצופלעכטן זייער ווילן אין די אייזערנע געזעצן פון דעם סטיכישן עקאָנאָמישן פּראָצעס.

מיר וועלן לאָזן אָן אַ זייט די „פאָדערונגען" פון דעם עקאָנאָמישן פּראָצעס. עס איז אַ סברה, אַז די נייסטע סטאַ-טיסטיקעס זענען געקומען צו אַ גאַנץ אַנדער בילד וועגן פאַר-שווינדן פון די פויערישע באַלעבאַטישקייטן. די אַליין-אַרבעטנ-דיקע פויערים אײַלן זיך שוין גאָרנישט צו פאַרשווינדן. אָבער דאָס לאָזן מיר איבער צו די סטאַטיסטיקער. אונז אינטערע-סירט איצטער די טעאָרעטישע פראַגע, וואָס איז מיט דעם פאַרבונדן. איז דאָס אמת, אַז די גרויסע פערזענלעכקייטן, וואָס באַשאַפן אידעאַלן, די פילע נישט-עקאָנאָמישע פאַקטאָרן

און די רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענציע האָבן שוין קיין ברעקל היסטאָרישע קראַפט נישט אין זיך?

### דריטעס קאַפּיטל

## וועגן דער געשיכטלעכער ראָלע פון דער אינטעליגענציע

אין דעם משך פון כמעט דעם גאַנצן ניינצנטן יאָרהונדערט איז די פּאָליטישע געשיכטע פון רוסלאַנד באַשטאַנען אין דעם שטענדיקן קאַמף פון דער רוסישער צאַרישער רעגירונג אַנטקעגן אַלע פרייהייטלעכע באַוועגונגען פון דער רוסישער געזעלשאַפט.

אַלע יענע פרייהייטלעכע באַוועגונגען האָבן ביז צו דעם סוף פון די ניינציקער יאָרן געהאַט איין-איינציקן בשותּפֿותשן כאַראַקטער-שטריך. זיי זענען אַלע געווען באַוועגונגען פון דער אינטעליגענציע, פון אַ קליינעם טייל געבילדעטע מענטשן,— דאָס רוב יונגעלייט.

די גרויסע פאָלקס-מאַסן: די פּויערים, בעל-מלאכהס, קליינבירגער און אַרבעטער זענען געווען אַזוי עקאָנאָמיש און פּאָליטיש דערשלאָגן, אַזוי הינטערשטעליק אין דער קולטורעלער אַנטוויקלונג, אַז עס האָט גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זיין פון אַ וועלכן עס איז באַוווסטן אָנטיילנעמען זייערן אין דעם קאַמף.

אָבער אפילו די אַזוי אָנגערופענע געבילדעטע געזעלשאַפט האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין ווילן און קיין מאַכט צו באַשאַפן אַ וועלכע עס איז פּאָליטישע פּאַרטיי, מיט אַ קלאָרער פּראָגראַם און אַ פעסטער אָרגאַניזאַציע. העכסטנס, וואָס די אידעאַליסטיש-קעמפנדיקע אינטעליגענציע האָט געהאַט אין איר, איז סימפּאַטיע און אַ באַדן, אויף וועלכן זי פלעגט אויפציען נייע קעמפער, נייע איינצלנע יחידים.

אין מערב-אייראָפּע איז דאָס געווען אַנדערש. די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע פון דעם יאָר 1789 האָט אין פראַנק-

רייך אויפגעוועקט די פאָלקס-מאַסן צו פּאָליטישער זעלבסטטע-טיקייט, און זיי האָבן זיך באַלד גענומען גרופּירן אין פאַר-שיידענע פּאַרטייען, לויט זייער קלאַסן-לאַגע און לויט זייערע קלאַסן-אינטערעסן. ביז צו די דרייסיקער יאָרן איז דער פּאָ-ליטישער קאַמף געפירט געוואָרן פון דער ליבעראַלער, אָפט-מאָל רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע אַנטקעגן דער קאָנסערוואַטי-ווער, אָפטמאָל רעאַקציאָנערער אַריסטאָקראַטיע, און פון דעם סוף דרייסיקער יאָרן אָן איז שוין אויף דער אַרענע פון דעם פּאָליטישן קאַמף אַרויפגעטרעטן אַ דריטער קלאַס מיט אַ נייעם סאָציאַל-פּאָליטישן לאָזונג: דער פּראָלעטאַריאַט מיט זיין סאָ-ציאַליזם.

דאָס פּאָליטישע לעבן אין פראַנקרייך איז געוואָרן דאָס מוסטער-בילד פאַר אַלע אַנדערע מערב-אייראָפּעאישע לענדער. אומעטום זענען אין די פאָדער-רייען געשטאַנען די אינטעלי-גענטע פירער און אינטעליגענטע גרופּן, אָבער זיי האָבן גע-האַט הינטער זיך מ אַ ס ן, וואָס זענען געווען פאַראינטערע-סירט אין דעם קאַמף, — מאַסן, אין וועמענס נאָמען די אינ-טעליגענציע האָט געקאָנט רעדן, אויף וועמען זי האָט זיך אָנגע-שפּאַרט, וועמען זי האָט געקאָנט פירן אין קריג.

אין אַזאַ לאַגע איז געווען נאַטירלעך, וואָס די אינטע-ליגענציע האָט פּסיכאָלאָגיש נישט געקאָנט אַרויסשטעלן זיך אַליין, ווי אַ באַזונדער געזעלשאַפטלעכע קראַפט, און אַוועקשטעלן זיך להיפּך צו די מאַסן, פון וועמען זי איז געווען אָפּהענגיק און צו וועמען זי האָט זיך געמוזט ווענדן אויף שריט און טריט.

אין רוסלאַנד איז אָבער די אינטעליגענציע געווען אָנגע-וויזן אויף אירע אייגענע כּוחות. מיט די אייגענע מיטלען האָט זי געמוזט אָנפאַלן אויף אַ טויזנטפּאַך שטאַרקערן שונא, און דאָס, וואָס זי האָט נישט געקאָנט באַווייזן אין דעם פּונקט פון ק וו אַ נ ט י ט ע ט, פון דעם צאָל אָנהענגער און פאַראינטע-רעסירטע, האָט זי געמוזט אויסגלייכן מיט דער ק וו אַ ל י ט ע ט,

מיט דעם מאָדימדיקן אימפעט פון דעם אָנפאַל. קעמפן אַנטקעגן דער רעגירונג אָדער גיין להיפך צו איר, האָט אין רוסלאַנד קודם כל געהייסן גיין אויף מסירת-נפש.

אונדזער אַזעלכע אומשטענדן איז קיין חדוש נישט, וואָס אין רוסלאַנד האָט די אינטעליגענציע געמוזט פרי קומען צו דעם באַוווסטזיין פון איר זעלבשטענדיקייט, פון איר אָפּגעזונדערטקייט פון יענע מאַסן, וועמענס אינטערעסן זי האָט אין אויג, אָבער וואָס ווייזן נישט אַרויס קיין ברעקל חשק צוצושטיין צו איר אין איר ביטערן קאַמף, פול קרבנות און יסורים.

עס איז אויך קיין חדוש נישט, וואָס זי האָט זיך געמוזט פרי פאַרטראַכטן וועגן דעם זין פון איר אייגענער עקזיסטענץ און טעטיקייט, וועגן איר ראָלע און באַטייט אין דעם געשיכטלעכן לעבן.

זי — די רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענציע — באַשטייט פון איינצל-מענטשן, פון אויסדערוויילטע יחידים און העלדן. וואָס קאָן אַ יחיד, אפילו אַ העלד, וואָס קאָן אַ גרופּע פון יחידים, אפילו העלדן, אויפטאָן מיט זייער מסירת-נפש אין דער געשיכטע? וואָס פאַר אַ ממשות האָבן זייערע אידעאַלן, פאַר װעלכע זיי קעמפן, ווען די מאַסן ווילן פון זיי נישט װיסן? זענען זיי גערעכט אין זייער קאַמף, אפילו ווען זיי זענען פאַרמשפּט אויף אונטערגאַנג? אָדער איז סוף-כל-סוף די מאַסע גערעכט, ווען זי הערט זיך נישט צו צו זייער רוף?

אַזעלכע און ענלעכע פראַגן האָבן שוין לאַנג געמוזט עגבערן אין די מוחות פון דער רוסישער אינטעליגענציע, און עס איז זייער נאַטירלעך, אַז אויף זיי האָבן געמוזט אַרויס-געבראַכט ווערן צוויי דיאַמעטראַל פאַרשיידענע ענטפערס. דער רוסישער געדאַנק האָט זיך אַרומגעוואָרפן, ווי אַן אָדלער אין אַן ענגער שטייג, און האָט זיך אַלעמאָל אָנגעשלאָגן באַלד אָן איין אייזערנער וואַנט, באַלד אָן דער אַנדערער, דער אַנט-קעגנגעזעצטער.

וואָס די אינטעליגענציע געטראַכט וועגן דער אייגענער שוואַכקייט, אָפּגעזונדערטקייט און אָפּגעריסנקייט פון פאָלק, איז די געווען נוטה צו פאַרשילטן די אייגענע ביינער און פאַלן בורעים פאַרן פאָלק, פאַרן מ אַ ס ן - פּ ר י נ צ י פּ. האָט זי ווידער געזען, אין וואָס פאַר אַ לאַגע די מאַסן געפינען זיך, ווי שטום, טויב און בלינד זיי זענען נאָך, וואָס פאַר אַ חושך עס הערשט נאָך אין זייערע מוחות און ווי קיין זאַך קאָן נישט פאַרבעסערט ווערן, ביז מען וועט זיי נישט באַפרייען פון דעם שטיקנדיקן פּאָליטישן רעזשים, פלעגט זי ווידער פאַרגעסן איר אייגענע שוואַכקייט און אין איבערמוט אַריינוואַרפן זיך אין דעם נישט-גלייכן קאַמף.

שוין אין דער ערשטער גרויסער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון די צענער און צוואַנציקער יאָרן, ד ע ר ד ע ק אַ ב ר י ס ט י ש ע ר, — אַ מיליטערישער פאַרשווערונג, וואָס איז אויסגעבראָכן און צונויפגעבראָכן אין דעצעמבער פון דעם יאָר 1825, — באַמערקן זיך די צוויי ר י כ ט ו נ ג ע ן, וואָס גייען זיך פאַנאַנדער אין דער אָפּשאַצונג פון דעם מאַסן-פּרינציפּ אין דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף. די דרום-רוסישע אָרגאַניזאַציעס האָבן געפאָדערט, אַז אין דער פאַרשווערונג זאָלן אַריינגעצויגן ווערן די סאָלדאַטישע מ אַ ס ן; די צפון-רוסישע אָרגאַניזאַציעס האָבן געבויט אַלע זייערע האָפענונגען אויף דעם אינטעליגענטן אָפיציר.

פון דעמאָלט אָן הערן נישט אויף די צוויי ריכטונגען צו שפּילן איינע פון די הויפּט-ראָלן אין דעם געדאַנקענגאַנג פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערן. נאָך דעם צונויפבּרוך פון דער דעקאַבריסטישער באַוועגונג גיט זיך די אינטעליגענציע אַ וואָרף אין אַן עקסטרעמען מ אַ ס ן-שטאַנדפּונקט, און עס ווערט באַשאַפן די סלאַוואָפילישע טעאָריע מיט איר אומבארחמנותדיקער קריטיק פון דער אינטעליגענציע.

די סלאַוואָפילן זענען טעאָרעטיש געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפּונקט פון ה ע ג ע ל ס פילאָזאָפיע. די געשיכטע ווערט

באַשאַפן, אַזוי האָט געלערנט העגעל, נישט פון די איינצל־מענטשן, ווי געניאַל זיי זאָלן נישט זיין, נאָר פון דעם וועלט־גייסט, פון דעם אינעווייניקסטן שכל, וואָס ווירקט אין יעדער וועלט־פאַסירונג. דער וועלט־גייסט קלייבט אַלעמאָל אויס אַן איינצל־פאָלק, וואָס ווערט פאַר אַ באַשטימטער צייט דער טרעגער פון זיין, דעם וועלט־גייסטס, פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג.

אין דעם איינצל־פאָלק ווירקט ער, ווי דער פאָלקס־גייסט אָדער ווי דעם פאָלקס נשמה, און די איינצלנע פערזענלעכקייטן, די אויסדערוויילטע העלדן, זענען נישט מער ווי שלוחים, וואָס פירן אויס די באַפעלן פון זייער הער, דעם פאָלקס־גייסט.

די סלאַוואָפילן האָבן געגלויבט, אַז אין דער איצטיקער צייט זענען די סלאַוון געוואָרן דער „אתה בחרתנו" פון דעם וועלט־שכל. דער סלאַווישער פאָלקס־גייסט, ווי ער איז פאַרקערפּערט אין די אָנשויאונגען, גלויבונגען און אינסטיטוציעס פון דעם רוסישן פאָלק, דאַרף זאָגן דער מענטשהייט אַ ניי וואָרט און אָנוועקשטעלן דעם מענטשלעכן פּראָגרעס אויף גאַנץ נייע יסודות.

אָבער די רוסישע אינטעליגענציע איז אָפּגעריסן פון איר פאָלק. זי האָט זיך אָנגעלייגט מיט פרעמדע געדאַנקען, האָט זיך אָנגעזאַפּט מיט פרעמדע לעבנס־פאָרמען, מיט געדאַנקען און פאָרמען, וואָס זענען נישט אַרויסגעוואַקסן פון דער רוסישער פאָלקס־נשמה, נאָר וואָס זענען אַריבערגענומען געוואָרן פון דעם אָפּגעלעבטן און צעפוילטן מערב־אייראָפּע. זי איז דערפאַר פאַרמשפּט אויף אומפּראָדוקטיווקייט. נאָר ווען זי וועט זיך אומקערן צו איר פאָלק, זיך אָפּזאָגן פון די פרעמדע אידעאַלן און צונויפגיסן זיך אין גייסט מיט דעם פאָלקס נשמה, וועט זי קאָנען ווערן די טרעגערין פון דעם סלאַווישן, און ממילא דעם אַלמענטשלעכן פּראָגרעס.

דער פועל־יוצא דערפון איז געווען די פאָדערונג, אַז די רוסישע פרייהייטלעכע אינטעליגענציע זאָל פאַרלייקענען אירע

אייגענע אידעאַלן און שטרעבונגען און בויגן איר שטאָלצן קאָפּ פאַר די אָנשויאונגען פון דער רוסישער פאָלקסמאַסע, וואָס איז אין דער איצטיקער צייט דער איינציקער טרעגער פון דעם אמתן וועלט-פּראָגרעס, דער איינציקער פאָרקעמפער פון דעם וועלט-גייסטס אמתן ווילן.

די סלאַוואָפילן זענען בעיקר געווען אַ רעאַק-ציאָנערע ריכטונג, וואָס האָט באַוווּסט אָדער אומבאַוווּסט אַרויס-געגעבן אַ הכשר אויף דעם קאַמף פון דער רעגירונג אַנטקעגן יענער אינטעליגענציע, וואָס האָט געוואָלט אַריינפירן די מערבֿ-אייראָפּעאישע פּאָליטישע לעבנס-פאָרמען אין דעם הייליקן רוסנ-לאַנד.

אָבער אַ סך פון אירע טיפע און וויכטיקע געדאַנקען זענען אַריבערגענומען געוואָרן אין אַן איבערגעאַרבעטער פאָרם אין די שפּעטערע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען.

באַזונדערס נאָנט צו די סלאַוואָפילן זענען געשטאַנען די פאָלקסטימלער („נאַראָדניקי") פון די זיבעציקער יאָרן, מיט וועלכע עס הויבט זיך אָן דער אייגנטלעכער שטראָם פון דער רוסישער רעוואָלוציע, וואָס טראָגט זיך נאָך אין זיין לויף ביז אויף דעם היינטיקן טאָג. אויך די פאָלקסטימלער, — לפּחות, די מאַיאָריטעט, — האָט ווייניק וואָס געהאַלטן פון דער אינטעליגענציע, און אין אייניקע עקסטרעמע ריכטונגען, ווי צ. בש. ביי איינעם אַ העד יוזאָוו, — איז דער אָנפאַל אויף דער אינטעליגענציע געווען נאָך שאַרפער און די קריטיק פון איר באַדייטונג נאָך פאַרניכטנדיקער, איידער ביי די סלאַוואָ-פילן. מער נישט, העגעלס פילאָזאָפיע איז ביי אים פאַרביטן געוואָרן אויף ספּענסערס סאָציאָלאָגיע און אָנשטאָט דעם „גייסט" פון דעם רוסישן פאָלק האָט פיגורירט דעם פאָלקס סאָציאַלער אָרגאַניזם, מיט זיין אייגנאַרטיקן כאַראַקטער און טבֿע.

דער פּראַקטישער רעזולטאַט פון אַזעלכע טעאָריעס, ווי יוזאָווס, איז אָבער אין תּוך געווען דערזעלביקער, ווי ביי די סלאַוואָפילן. דאָס איז געווען „אַ רייב אין זייט" דער אינטע-

ליגענציע, וואָס וויל זיך נישט רעכענען מיט די סאָציאָלאָגישע געזעצן און וואָס שטעלט אַוועק אירע אייגענע „סובּ-יעקטיווע" אידעאַלן אַנטקעגן די אָביעקטיווע, אייזערנע באַדינגונגען פון דעם פאָלקס לעבן. זי, די אינטעליגענציע, טאָר נישט פאַרגעסן, נאָר מוז, אַדרבא, שטענדיק געדענקען, אַז זי איז געשיכטלעך אַ גאָרנישט מיט אַ נישט, און נאָר אין דעם באַדינען דאָס פאָלק, לויט די אָנשויאונגען פון דעם פאָלק, וואָס וואַקסן אַרויס פון זיין אינעווייניקסטן כאַראַקטער, קאָן איר טעטיקייט האָבן אַוועלכע עס איז היסטאָרישע ממשות.

עס האָבן, פאַרשטייט זיך, אין דער געשיכטע פון דעם רוסישן פּראָגרעסיוון און רעוואָלוציאָנערן געדאַנק נישט געפעלט קיין טעאָריעס און ריכטונגען, וואָס האָבן איבּערגעשפּאַנט דעם בויגן אויף דער אַנדער זייט, און האָבן געלייגט די הויפּט-וואָג אויף דעם פּרינציפּ פון דער רעוואָלוציאָנערער מינאָריטעט, אויף דער טעטיקייט און דער איניציאַטיווע פון איינצלנע פּערזאָנען און גרופּן, און האָבן צו שטאַרק אַרונטערגעשעצט דעם מאַסן-פּרינציפּ.

באַזונדערס געליטן דערפון האָט צו אַ געוויסער צייט די פּאַרטיי, וואָס האָט זיך גראָד גערופן „דער פאָלקס-ווילן" („נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", דאָס האָט אָבער אויך דעם טייטש פון „פאָלקס-פרייהייט"), — יענע פּאַרטיי, וואָס האָט אַרויסגערופן צו זיך די באַוווּנדערונג פון דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט פאַר איר העלדנהאַפטן טעראָריסטישן קאַמף אַנטקעגן דעם רוסישן צאַריזם. אין דער צייט פון איר העכסטן טריאומף האָט זי דורך איר ווונדערבאַרער טעטיקייט אַרויפגעזעצט אויף דעם קאָפּ פון דער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענציע נישט נאָר דעם דאָרנדיקן קראַנץ פון דעם מאַרטירער, נאָר אויך די שטאָלצע קרוין פון אַ סוּווערענעם געשיכטלעכן פאַקטאָר *).

---

*) זע צ. ב. די באַרימטע בעוואָרעגע בראָשורן פון טערנאָווסקי און

און ווען יענע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי איז געפאַלן אין קאַמף און די רעגירונג האָט אַרויפגעשטעלט איר זשאַנדאַרמסקן שטיוול אויף איר נאַקן, איז די קרוין אַראָפּגעפאַלן פון קאָפּ און איז געלעגן אַ צעטראָטענע אין שטויב...

ווי נאָך דעם צונויפברוך פון די דעקאַבריסטן איז אויסגעוואַקסן דער מאַסן־פּרינציפּ פון די סלאַוואָפילן, אַזוי האָט אויך איצטער, נאָך דער מפּלה פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליא" געמוזט אַרויסטרעטן אַ ריכטונג אין לעבן, וואָס האָט שאַרף קריטיקירט די אינטעליגענציע און האָט זיך קאָנסעקווענט אַוועקגעשטעלט אויף דעם שטאַנדפּונקט פון דעם מאַסן־פּרינציפּ.

דאָס איז געווען די רעוואָלוציאָנערע גרופּע „באַפרייאונג פון דער אַרבעט" („אָסוואָבאָזשדעניע טרודאַ") מיט דעם זייער טאַלאַנטפולן רוסישן פּובליציסט, ג. פּלעכאַנאָוו, בראש. די מיטגלידער פון דער גרופּע האָבן פריער באַלאַנגט צו דער פּאַרטיי: „שוואַרצער איבערטייל" („טשאָרני פּערעדיעל"), אַ פאָלקסטימלעכע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך נאָך פריער נישט גאָר געגנעדיק באַצויגן צו דעם פּרינציפּ פון דער רעוואָלוציאָנערער מינאָריטעט. אין דער מאַרקסיסטישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע האָבן זיי (ג. פּלעכאַנאָוו און זיינע חברים) געפונען דעם בויטיקן „וויסנשאַפטלעכן" פונדאַמענט, אויף וועלכן זיי האָבן בעסער געקאָנט באַפעסטיקן זייער אַלטן מאַסן־פּרינציפּ.

אויך פון זיי האָט די רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענציע געמוזט אויסהערן די אַלטע רייד: ווי אַ היסטאָרישע קראַפט האָט איר נישט קיין ברעקל זעלבשטענדיקע באַדייטונג. איר קאָנט שפּילן אַ ראָלע, און אַ גרויסע ראָלע נאָר דעמאָלט, ווען איר וועט זיך נישט פאַרעקשנען אויף אייערע אייגענע

ג. מאָראָזאָוו, ווי די רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענציע ווערט דערהויבן שיר נישט צו דעם הויפּט־פאַקטאָר אין דער געשיכטע.

סוביעקטיווע אידעאַלן, נאָר זיך אַוועקשטעלן אין דעם דינסט פון די אייזערנע געשיכטלעכע אַנטוויקלונגס-געזעצן, וואָס ווערן דורכגעפירט דורך דעם לעבן און דעם קאַמף פון די מאַסן, איך די אייזערנע אַנטוויקלונגס־געזעצן פון דער געשיכטע האָבן, ווי דער העגעלשער וועלט־גייסט, אין פאַרשיידענע צייטן זייערע אויסדערוויילטע מאַסן, וואָס דאַרפן פאַרווירקלעכן אין לעבן זייערע באַפעלן. אָבער אויב ביי העגעלן און די סלאַוואָ־פילן זענען דאָס געווען די איינצלנע פעלקער, וואָס טרעטן אַרויס איינס נאָך דעם אַנדערן אויף דער היסטאָרישער בינע, כדי צו פאַרווירקלעכן די אַנטוויקלונג פון דעם וועלט־שכל, זענען דאָס ביי מאַרקסן און די מאַרקסיסטישע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטן געוואָרן די אויסדערוויילטע קלאַסן: אין דער פרי־ערדיקער צייט די בורזשואַזיע, אין דער איצטיקער צייט דער פּראָלעטאַריאַט. און אויב די סלאַוואָפילן און די עקסטרעמע פאָלקסמיטלער האָבן געפאָדערט פון דער אינטעליגענציע, זי זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיך אַליין און אַוועקשטעלן זיך אין דינסט פון דעם פאָלק, — מעגן די אָנשויאונגען פון דעם פאָלק גיין ווי להיפך צו אירע אייגענע אידעאַלן און געדאַנקען, — האָבן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן אַרויסגעשטעלט דיזעלבע פאָדערונג צו איר, נאָר אומעטום, ווו יענע האָבן געזאָגט „פאָלק”, האָבן די מאַרקסיסטן געטייטשט: „פּראָלעטאַריאַט”.

דער פּראָלעטאַריאַט האָט אַן אייגענעם שטאַנדפּונקט אויף אַלץ, וואָס איז אמת און פאַלש, גוט און שלעכט, מיאוס און שיין אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. ער האָט אַן אייגענע וועלטאָנשויאונג, וואָס דריקט אויס זיין שטעלונג צו אַלע פּראָ־בלעמען פון דעם מענטשנס געדאַנק און צו אַלע פראַגן פון זיין קלאַסן־קאַמף. די וועלטאָנשויאונג איז אויסגעאַרבעט גע־וואָרן אין מערב־אייראָפּע, ווו דער פּראָלעטאַריאַט איז די פירנדיקע מאַכט אין דעם פּראָגרעסיוון לעבן. די וועלטאָנ־שויאונג איז פאָרמולירט אין די לערעס פון קאַרל מאַרקס אין זייער גאַנצן אומפאַנג, פון דער אַלגעמיינער פילאָזאָפיע ביז

צו די טאַקטישע פּראָבלעמען פון דעם טאָג-טעגלעכן קאַמף.

אָט אויף דעם שטאַנדפּונקט פון דעם פּראָלעטאַריאַט דאַרף זיך אָוועקשטעלן די רוסישע רעוואָלוציאָנערע אינטעלי-גענציע, ווייל אויך רוסלאַנד וועט מוזן טאַנצן דעמזעלבן טאַנץ, וואָס מערב-אייראָפּע. אויך דאָרטן וועט זיך, אַ דאַנק די איי-זערנע געזעצן פון דעם געשיכטלעכן גאַנג, מוזן אַנטוויקלען דער קאַפּיטאַליזם; אויך דאָרטן וועט דער קאַפּיטאַליזם מיט אייזערנער נויטווענדיקייט באַשאַפן אַ פּראָלעטאַריאַט, וואָס וועט ווערן דער טרעגער פון דעם רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליסטישן ענדציל.

ווייל דעריבער די אינטעליגענציע בלייבן טריי אירע סאָ-ציאַליסטישע אידעאַלן, און ווייל זי האָבן אַ ממשותדיקע פּאָק-טישע ווירקונג אין דעם געשיכטלעכן לעבן, בלייבט פאַר איר גאָרנישט נישט איבעריק, ווי נאָר זיך אָנצושליסן אָן דער אַלוועלטלעכער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און איבערבויען אַלע אירע פּרינציפּן, האָפענונגען און שטרעבונגען לויט די גרונט-לערעס פון דעם פּראָלעטאַרישן מאַרקסיזם.

אָט אַזוי איז געווען די גייסטיקע לאַגע אין דער רעוואָ-לוציאָנערער רוסישער וועלט בנוגע צו דער פּראָבלעם פון דער אינטעליגענציע, ווען די יונגע רוסישע סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָ-נערן האָבן גענומען זוכן זייער אייגענעם וועג אין דער טעאָריע און דער פּראַקטיק פון דעם רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליסטישן קאַמף.

נישט נאָר די רעוואָלוציאָנערע געשיכטע פון זייער אייגע-נעם לאַנד, אויך די אַנטוויקלונג פון דעם פּראָגרעסיוון געדאַנק אין מערב-אייראָפּע האָט זיי געגעבן גענוג מאַטעריאַל צו דענקען ווענן די צוויי קעגנזעצלעכע פּרינציפּן: דער מאַסן-פּרינציפּ און דער פּרינציפּ פון דער רעוואָלוציאָנערער מינאָרי-טעט.

ס'איז אמת, אַז אין מערב-אייראָפּע האָט נישט עקזיס-טירט קיין באַזונדערע פּראָבלעם: „די אינטעליגענציע-פּראַגע", מחמת דעם טעם, וואָס איך האָב אויבן דערמאָנט: דאָרטן האָט

די אינטעליגענציע נישט געמוזט בלייבן אַזוי לאַנג און אַזוי האָפנונגסלאָז איזאָלירט פון די מאַסן און פירן אַ פּאַרצווייפלטע קאַמף בלויז אויף דעם אייגענעם חשבון. אָבער די טעאָרעטישן פראַגן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט יענער פּראָבלעם האָבן געמוזט באַשעפטיקן די מוחות פון יעדן טעאָרעטישן דענקער און פאָרשער, וועלכער האָט זיך נאָר אָפּגעגעבן מיט דער אויפגאַבע טיפער אַריינצודרינגען אין די קרעפטן, וואָס ברענגען אַרויס דעם מענטשלעכן פּראָגרעס. און אַזוי איז שוין אויך דאָרטן געווען גענוג מאַטעריאַל וועגן דער פּראָבלעם, וואָס האָט זיי פאַראינטערעסירט, — דער עיקר אין דער מאַרקסיסטישער און אַנטימאַרקסיסטישער ליטעראַטור.

די צוויי וויכטיקסטע טעאָרעטישע פראַגן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער „אינטעליגענציע-פראַגע" אין דעם מאַרקסיזם, זענען, ערשטנס, וועגן דער ראָלע און דער באַדייטונג פון דער פערזענלעכקייט אין דער געשיכטע, און צווייטנס, וועגן דער ראָלע און דער באַדייטונג פון די אַזוי-אָנגערופענע „אידעאָלאָגישע" פאַקטאָרן.

מיט דער ערשטער פראַגע האָט זיך שוין דער אַלטער העגעל זייער שטאַרק באַשעפטיקט, און צווישן זיינע ראַדיקאַלע תּלמידים איז אָנגעגאַנגען אַ גרויסער סכסוך וועגן איר. קאַרל מאַרקס, וואָס האָט אין דער יוגנט אויך געהערט צו יענע ראַדיקאַלע תּלמידים, איז אין אָנהויב געווען אויף דער זייט פון ענע דענקער, וואָס האָבן, ווי ברונאָ בויער, געזען אין די איינצלנע גרויסע מענטשן אויב נישט די באַשאַפער פון דעם געשיכטלעכן פּראָגרעס, איז, לפּחות, זיינע טרעגער, די, וואָס דריקן אַמקלאָרסטן אויס זיין מהות. שפּעטער אָבער איז מאַרקס אַריבער אין דער פראַגע אויף דער זייט פון בויערס קעגנער, דוד פרידריך שטרויס, וואָס האָט געלערנט, אַז דער פּראָגרעס פאַרווירקלעכט זיך אין דעם לעבן און טראַכטן פון די פאָלקס-מאַסן. דאָס האָט געמוזט אַרויסרופן ביי אים דעם ווונש, אויס-צופאָרשן די גרונט-קרעפטן, וואָס טרייבן אָן דאָס לעבן פון אָט

די גרויסע פאָלקס-מאַסן. נאָך אַ גאַנצער ריי פון טעאָרעטישע אַנאַליזן איז ער געקומען צו דעם רעזולטאַט, אַז די טרייבנ-דיקע קראַפט אין דעם לעבן פון די מאַסן באַשטייט אין די עקאָנאָמישע אומשטענדן אין וועלכע זיי לעבן, און אין דעם קלאַסנקאַמף, וואָס וואַקסט אַרויס פון יענע אומשטענדן.

די צווייטע פראַגע, וועגן די אידעאָלאָגישע פאַקטאָרן, — איז פון מאַרקסן פאַרענטפערט געוואָרן אין דעמזעלביקן זין: אויב די עקאָנאָמישע אומשטענדן זענען די הערשנדיקע מאַכט אין דער געשיכטע, איז דעמאָלט קלאָר, אַז די אידעאָלאָגישע פאַקטאָרן, — די אַנטוויקלונג פון רעכט, מאָראַל, פילאָזאָפיע, רעליגיע, פּאָליטיק, — זענען נישט מער ווי אונטערגעאָרדנטע קרעפטן, וואָס מוזן נאָכטאַנצן נאָך דעם האַרס באַפעל.

עס איז לייכט צו פאַרשטיין, ווי אַזוי פון די ביידע פראַגן הענגט אָפּ דער ענטפער אויף דער שאלה וועגן דעם מהות און דער היסטאָרישער באַדייטונג פון דער אינטעליגענציע.

די אינטעליגענציע, וועגן וועלכער מיר רעדן דאָ, וואַרפט זיך אַריין אין קאַמף נישט צוליב דער באַפרידיקונג פון אירע אייגענע עקאָנאָמישע אינטערעסן. וויניקסטנס, פילט זי דאָס נישט. וואָס זי פילט און וויס איז דער פאַקט, אַז זי האָט אין זין דעם טובת הכּלל, און דעם טובת הכּלל געפינט זי אין די אידעאַלן, וועלכע זי נעמט אַריבער פון די נישט-עקאָנאָמי-שע, די אידעאָלאָגישע פאַקטאָרן. זי שטרעבט צו אַ העכערן זיין פאַר דעם אייגענעם פאָלק און דער גאַנצער מענטשהייט. זי וויל באַפרייען דעם פאַרקנעכטעטן, פאַרהויקערטן אינדיווידואום. זי וויל אַרויסברענגען אין לעבן אַ ה ע כ ע ר ן מ י ן מ ע נ ט ש, וואָס זאָל שטרעבן צו א מ ת אין זיינע געדאַנקען און גלויבונגען, צו י ו ש ר אין זיינע האַנדלונגען, צו ש יי נ-ק יי ט אין אַלע אויסערונגען פון זיין לעבן. זי וויל, אַז יע-דערער זאָל קאָנען פריי אויסבילדן אַלע זיינע פעאיקייטן, פריי פון אַלע געהייליקטע אויטאָריטעטן אויסאַרבעטן זיין א יי ג ע-נ ע ם בליק אויף אַלץ, וואָס אים אינטערעסירט, און קאָנען

לעבן אומגעשטערט, לויט זיינע אייגענע איבערצייגונגען. און זי וויל, אַז נישט נאָר זאָל יעדערער קאָנען ל ע ב ן, ווי אים הייסן זיינע איבערצייגונגען, נאָר ער זאָל שטיין אויף אַזאַ מאָראַלישער הויך, אַז ער זאָל אויך קאָנען ש ט א ר ב ן פאַר זיי, ווען דאָס זאָל זיין נויטיק, ווייל אַזוי פאָדערט דער באַוווסטזיין פון דער אייגענער מענטשלעכער ח ש י ב ו ת, וואָס לעבט אין אונזער ברוסט.

אויב אָט די אַלע אידעאַלן, וואָס זענען אויסגעוואַקסן אויף די אידעאָלאָגישע צווייגן פון דעם מענטשלעכן געדאַנק — זענען אין תוך אַריין נישט מער ווי פשוטע עקאָנאָמישע אינטערעסן, אַזויצוזאָגן, פאַרהימלטע „בולקע מיט פוטער", פאַבאַנדערגעבלאָזענע און באַפאַרבטע עגאָאיסטישע ווערטלעכע טענות און שטרעבונגען צו מער „קאַשע מיט שמאַלץ", — דעמאָלט נאַרט זיך די אינטעליגענציע אַליין אָפּ און אַלע אירע אידעאַלן האָבן נישט קיין ברעקל פאַרשטענדלעכן זין.

און אויב אַפילו אירע אידעאַלן זאָלן זיין אידעאַלן פון א לויטערן און איידעלן ווילן, אָבער די איינצלנע פערזאָנען זענען שוואַך, מאַכטלאָז און קאָנען גאָרנישט נישט ענדערן אין דעם לויף פון דער געשיכטע, וואָס ווערט אָנגעטריבן דורך די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די מאַסן, — איז דעמאָלט זעבען זיי נישט מער ווערט איידער וויסטע קינדערשע פאַנטאַזיעס, ראָמאַנטישע טרוימערייען, וואָס ווערן צעשלאָגן פון די קאַלטע ווינטן, וועלכע ווייען אין דעם פראָסטיקן פּראָזאַאישן לעבן, און דעמאָלט האָט די גאַנצע טעטיקייט פון דער אינטעליגענציע קיין ברעקל האַפט נישט, קיין ברעקל היסטאָרישע ממשות.

קאָנען די איינצלנע פערזאָנען עפּעס ענדערן אין דעם לויף פון דער געשיכטע? האָבן די אידעאָלאָגישע פאַקטאָרן א זעלבשטענדיקן באַטייט?

דער מאַרקסיזם ענטפערט אויףביידע פראַגן מיט „ניין". די עקאָנאָמישע קרעפטן, וואָס באַשטימען דעם גאַנג פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג זענען באַשטימט, זייער ריכטונג

לכתחילה אויסגערעכנט, דער ענדציל, צו וועלכן זיי שטרעבן — פאָראויסגעזען. די אידעאָלאָגישע פאָרמען פון דעם מענטשלעכן באַוווסטזיין וועלן זיך מוזן אָדער צופּאַסן צו אָט דעם אייזערנעם גאַנג פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג, אָדער די נישט-צוגעפּאַסטע וועלן מוזן פאַרשווינדן. די איינצלנע מענטשן, אָדער גאַנצע גרופּן פון מענטשן, וועלן אָדער מוזן שווימען מיט דעם שטראָם, אָדער אַרויסגעשליידערט ווערן אויפן ברעג.

פאַר דער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענציע בלייבט, לויט דער מאַרקסיסטישער טעאָריע, נאָר איין ברירה: אָדער בויגן זיך פאַר דעם אומפאַרמיידלעכן לויף פון די עקאָנאָמישע פּאַסירונגען, אָדער אָפּזאָגן זיך פון אַ וועלכער עס איז פּראָדוקטיווער ה׳סטאָרישער אַרבעט.

די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן זענען אין דעם נאָמען פון זייערע אַגראַר-סאָציאַליסטישע אידעאַלן, וועמען דער מאַרקסיזם האָט אַרויסגעטראָגן אַ טויט-אורטייל, געצוואונגען געווען קודם כל קריטיש דורכצומוסטערן יענע צוויי פּראָבלעמען, פון וועלכע עס הענגט אָפּ די פּראַגע וועגן דער היסטאָרישער ראָלע פון דער אינטעליגענציע: די ווירקונג פון דער פּערזענלעכקייט און דער באַטייט פון די עקאָנאָמישע פּראָצעסן.

לאָמיר פריער דורכנעמען די ווירקונג פון דער פּערזענלעכקייט.

באַטראַכט מען די געשיכטע, ווי זי באַווייזט זיך פאַר יעדן איינעם, וואָס טרעט צו איר צו און ווערט באַקאַנט מיט אירע פ אַ ק ט ן, קאָן דעמאָלט קיין צווייפל נישט זיין, אַז די איינצלנע פּערזאָנען שפּילן, ווייניקסטנס אויף דער אויבערפלאַך, אַ געוואַלטיקע ראָלע אין איר. אַלע גרויסע פאַרענדערונגען אין דעם פאַרלויף פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס זענען פאַרבונדן מיט די נעמען פון די גייסטיקע העלדן, וואָס האָבן יענע פאַרענדערונגען געפּרעדיקט אָדער אויך דורכגעפירט. געוויס נישט מיט די אייגענע כוחות, נאָר מיט דער הילף פון אַנדערע פּערזאָנען און גאַנצע מאַסן, וואָס זענען געשטאַנען אונ־

טער דער שליטה פון דעם גאון אָדער די גאונים, וועלכע האָבן געצויגן די געשיכטלעכע אַנטוויקלונג אין דער אָדער יענער ריכטונג.

נעמען מיר צום ביישפּיל אַזאַ גייסטיקע באַוועגונג, ווי דער סאָציאַליזם, וועמענס גרונט-געדאַנקען עס זענען אין דער מאָדערנער צייט אויסגעאַרבעט געוואָרן פון ראָבערט אָוען, סען-סימאָן, פוריע, לואי-בלאַן, פּרודאָן און קאַרל מאַרקס, אויב מען זאָל נאָר אויסרעכענען די וויכטיקסטע נעמען. וואָס מען זאָל נישט דענקען וועגן דער באַדייטונג פון די אַלע איבעריקע גדולים פון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק, וועט אָבער קיינער נישט לייקענען, אַז לפּחות קאַרל מאַרקס האָט געשפּילט אַן אומגעהייער-גרויסע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. קיינער וועט אויך נישט לייקענען, אַז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט — לפּחות ביז צו דעם איצטיקן וועלט-קריג — געהאַט אַ גאַנץ געוואַלטיקע באַדייטונג אין דעם געשיכטלעכן לעבן פון דער מאָדערנער צייט. ממילא מוז מען דאָך צוגעבן, אַז אַן איינצל-מענטש, קאַרל מאַרקס, האָט געהאַט אַ וויכטיקן איינפלוס אויף דעם גאַנג פון די געשיכטלעכע פּאַסירונגען אין אַ געוויסן פּעריאָד.

אויך דאָס פאַרשטייט יעדערער, אַז אָט די היסטאָרישע זכיה, וואָס איז אויסגעפאַלן אויף דעם גורל פון קאַרל מאַרקס, איז נישט געווען אַ רעזולטאַט פון צופעליקע אומשטענדן, וואָס האָבן אַריינגעלייגט אין די הענט פון אַ געוויינלעכן בשר ודם אַן אומגעוויינלעכע מאַכט, ווי דאָס איז צום ביישפּיל דער פאַל מיט ניקאָלאַי דעם צווייטן, דעם ביזן גייסט פון דעם איצטיקן רוסלאַנד, אָדער ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט נאַפּאָלעאָן דעם דריטן, וועמעס טעטיקייט עס קאָן אויך נישט אויסגעמעקט ווערן פון דער געשיכטע.

אין אַזעלכע פאַלן, ווי ניקאָלאַי דער צווייטער און נאַפּאָלעאָן דער דריטער, וואָלט אפשר נישט שווער געווען, דורך אַן אַנאַליז פון די געשיכטלעכע קרעפטן אין זייער צייט

און אין זייער לאַנד, צו באַווייזן, ווי אַזוי די אַלגעמיינע לאַגע האָט אַרויסגערוקט אין פּראָגנט גראָד דעם אַקטיאָר, אין וועלכן זי האָט זיך געגוויטיקט, און ווי אַזוי יענע פּערזאָנען זענען טאַקע אין תּוך אַריין געווען נישט מער ווי אַקטיאָרן, וואָס האָבן נאָכגעזאָגט זייער ראָלע נאָך דעם סופלאָר, נאָך יענער טענדענץ אין לעבן, וואָס האָט געמוזט, לויט די היסטאָרישע אומשטענדן, זיין די הערשנדיקע.

קאַרל מאַרקס אַליין האָט טאַקע אין אַ גרינטלעכער אַר־בעט: „דער אַכטצנטער בריומער פון לואי באָנאַפּאַרט", — אויפגעדעקט אַלע אומשטענדן, וואָס האָבן געפירט דערצו, אַז יענץ „קליין מענטשעלע", נאַפּאָלעאָן דער דריטער, זאָל קאָנען ווערן אויף אַ צייט דער פירער פון דער וועלט־פּאָליטיק.

נאָר אַז מען רעדט וועגן דער געשיכטלעכער ראָלע פון אַ קאַרל מאַרקס קאָנען מיר נישט אָנווענדן יענע מיטלען, וואָס דערקלערן אונז די פּראָמינענטע ראָלע, וואָס „קליינע מענטשע־לעך" שפּילן אָפט אין דער געשיכטע. זיי זענען געוואָרן גרויס נישט דורך זייער אייגענעם פּאַרדינסט, נישט דורך די קרעפטן פון זייער מוח און פון זייער כאַראַקטער, וואָס זענען געווען וואָכעדיק, טאָג־טעגלעך, אומעטום אָנצוטרעפן טוצנווייז, נאָר דורך דער באַשטימטער קאָמבינאַציע פון די אומשטענדן. קאַרל מאַרקס אָבער פאַרדאַנקט זיין גרויס זיינע א י ג ע נ ע א י ג נ ש אַ פ ט ן, דער ווונדערבאַרער קראַפט פון זיין דענקען, דער איינגעשפּאַרטער ענערגיע פון זיין ווילן, די אינע־ווייניקסטע פּאָדערונגען פון זיין כאַראַקטער.

און מאַרקס האָט נישט נאָר „געשפּילט" זיין ראָלע. ער איז געווען איר אייגענער מחבר. קיין סופלאָר האָט אים נישט אונטערגעזאָגט. אָדער ריכטיקער: די גאַנצע צייט, אין וועל־כער ער האָט געלעבט, האָט מיט טויזנטער שטימען סופלירט אים טויזנטער ראָלעס און ער האָט פון אַלע שטימען אויסגע־קליבן און צונויפגענומען נאָר די, וואָס זענען געווען צוגעפּאַסט צו זיין אייגענעם מהות. און צו די שטימען, וואָס ער האָט

אַריבערגענומען פון דער פרעמד, האָט ער נאָך צוגעגעבן זיינע אייגענע געדאַנקען, וואָס זענען ביז צו אים נישט אַרויסגעזאָגט געוואָרן, אָדער נישט אַרויסגעזאָגט געוואָרן, ווי ער האָט זיי אַרויסגעבראַכט. און נאָר דערפאַר איז ער געוואָרן די צענטראַלע פיגור פון דעם סאָציאַליזם, און נאָר דערפאַר האָט ער אַרויפגעלייגט זיין אינדיווידועלן שטעמפּל אויף אַלע דערשיינונגען פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און ממילא אויף אַלע געשיכטלעכע שיקזאַלן פון אונזער צייט.

די אַלע פאַקטן זעט יעדער איינער, ווי נאָר מען וואַרפט אַ בליק אויף דער געשיכטע פון דער מאָדערנער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. איז אָבער דאָס, וואָס מען זעט בחוש, דער טיפער-ליגנדיקער היסטאָרישער אמת? וואָלט די געשיכטע פון דעם סאָציאַליזם באמת געווען זיין אַן אַנדערע, ווען נישט קאַרל מאַרקס? וואָס וואָלט געווען, ווען ער וואָלט נישט געווען? דאָס רוב מאַרקסיסטן האָבן נישט ליב, ווען מען שטעלט אַוועק אַזאַ שאלה, ווייל פון איר קלינגט שוין אַרויס דער אַפּיקורסישער געדאַנק, אַז עס וואָלט אפשר געקאָנט זיין אַן אַנדער געשיכטלעכער אַנטוויקלונגס-גאַנג, איידער דער, וועלכן מיר האָבן געהאַט און מיר האָבן אין דער ווירקלעכקייט. די מענטשלעכע געשיכטע, זאָגן זיי, איז איינע, און זי האָט געקאָנט זיין נאָר אַזאַ, ווי זי איז.

גוט. אויב ס'איז אַזוי, איז אַדרבה ואַדרבה! — לאָמיר נעמען די געשיכטע, ווי זי איז געווען און ווי זי שפּילט זיך אָפּ טאָג-טעגלעך פאַר אונזערע אויגן. אין אָט דער געשיכטע זעען מיר, אַז נייע געדאַנקען און סיסטעמען ווערן געבאָרן נאָר ביי איינצלנע, פריער אין אַ נישט קלאָרער, שטאַמלדיקער פאָרם, צעוואָרפן צווישן פאַרשיידענע אינדיווידוען, נאָך צונויפגעוואַקסן מיט אַ סך פאַרשימלטע און אַלטע עלעמענטן. דערנאָך קומט דער געניאַלער איינצל-מענטש, דער חכם מחוכם, — איינער אָדער אַ פּאָר. זיי, די גאָט-געבענטשטע באַשאַפער, זאַמלען צונויף די צעשטרייטע עלעמענטן, מאַכן זיי קלאָרער און קרעפּ-

טיקער, פאַראייניהייטלעכן זיי אין אַ סיסטעם און ברענגען זיי אַריין אין דעם באַוווסטזיין פון זייער צייט.

אין די ערשטע יאָרן שטייט צו צו די געדאַנקען נאָר אַ קלייגע טייל פון דער אינטעליגענציע. וואָס ווייטער אַלץ מער מוחות און הערצער געווינט דער נייער געדאַנק, ביז ער דרינגט אַריין אין יענע מאַסן, וואָס פון זייער שטעלונג און זייער טעטיקייט הענגט אָפּ די פאַרווירקלעכונג פון דעם נייעם געדאַנק אָדער זיין הערשאַפט אין דעם געזעלשאַפטלעכן באַוווסטזיין.

אַזוי ווייזט אונז אויף יעדן שריט און טריט דער גאַנג פון דער מענטשלעכער געשיכטע, און אויב פאַר די מאַרקסיסטן איז ליב צו נעמען די געשיכטע, ווי זי באַווייזט זיך פאַר יעדן אויג, איז דאָס פאַר אונז ניחא. מיר זענען דעמאָלט מרוצה אָפּצוזאָגן זיך פון דער פראַגע: וואָס וואָלט געווען, ווען קאַרל מאַרקס וואָלט נישט געווען. ווייל דעמאָלט וואָלט דער גאַנצער פּלפּול וועגן דער ראָלע פון דער פּערזענלעכקייט און דער אינטעליגענציע אין דער געשיכטע געווען איבעריק. זייער באַטייט, זייער טעטיקייט און זייער ווירקונג וואָלט דעמאָלט קלאָר געלעגן פאַר אַלעמען. יעדער איינער וואָלט געמוזט צוגעבן, אַז אַ גרויסע טייל פון דעם געשיכטלעכן לעבן שטאַמט פון זיי און מען וואָלט זיך נאָר באַדאַרפט דינגען, ווי גרויס יענע טייל איז, אויף וויפל די יחידים זענען פרײ אין זייער קריטיק פון דעם אַלטן און אין דעם אויפבוי פון דעם נייעם, אויף וויפל זייער פרייהייט און ווירקונג איז באַגרענעצט פון די אומשטענדן און וואָס פאַר אַ ראָלע עס שפּילט אין יענע אומשטענדן דער עקאָנאָמישער פאַקטאָר.

די מאַרקסיסטן אָבער קאָנען גאַנץ זיכער נישט איינגיין אויף אַזאַ שטעלונג פון דער פראַגע. זיי מוזן באַהויפּטן, אַז די טעטיקייט פון די אינדיווידועןן איז אַלעמאָל דורך און דורך באַשטימט פון די עקאָנאָמישע אומשטענדן און אַז די באַדייטונג פון זייער ראָלע דאַרף צוגעשריבן ווערן נישט אויף זיי-

ער אייגענעם חשבון, נאָר אויף דעם חשבון פון דעם נאַטיר-לעכן אַנטוויקלונגס-גאַנג.

ווי קאָנען זיי דאָס אָבער באַווייזן?

זיי קאָנען דאָס נאָר דורכדעם, ווען זיי זאָלן באַווייזן, אַז די גייסטיקע העלדן פון דער מענטשהייט פירן נאָר אויס דעם באַפעל פון זייער צייט און אַז אויב דאָס וואָלט נישט געטאָן אָט דער העלד, וואָלט דאָס געטאָן אַן אַנדערער אָדער אַ גרופע פון אַנדערע, און דער געשיכטלעכער רעזולטאַט וואָלט געווען פונקט דערזעלביקער.

מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס, אַז די מאַרקסיסטן אַליין זענען אין דעם פאַל געצוווּנגען אָנצווענדן די, אַגב, זייער בשׂרע מעטאָדע: פאָרצושטעלן זיך אין געדאַנק, וואָס וואָלט געווען, ווען עפּעס וואָלט נישט געווען. און פּרוּוון אין געדאַנק אויסגעפינען, צי דערפון וואָלט אפשר עפּעס געוואָרן אַנדערש, איידער עס איז געווען, אָדער אַלץ וואָלט געבליבן פונקט אַזוי, ווי דאָס איז פאַרבליבן אין דער געשיכטע.

ממילא האָבן מיר אַ רעכט אויפצושטעלן די זייער ערנסטע טעאָרעטישע פראַגע: וואָס וואָלט געווען, ווען עס וואָלט נישט געווען קיין קאַרל מאַרקס? וואָלט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג געמוזט גיין אין דערזעלביקער ריכטונג, אין וועלכער זי איז אַוועקגעגאַנגען אַ דאַנק אים און קומען צו דיזעלביקע רעזולטאַטן, צו וועלכע זי איז געקומען?

טראַכט מען זיך אַריין אין דער לאַגע פון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק אין דעם סוף פערציקער יאָרן, בעת מאַרקס און ענגעלס זענען שוין פאַרטיק געווען מיט זייער סיסטעם און האָבן גענומען פון זייער פּאָזיציע באָמבאַרדירן אַלע פעס-טונגען פון דעם דעמאָלטיקן סאָציאַליסטישן געדאַנק, מוז מען קומען צו דעם שלוס, אַז אויב נישט זיי מיט זייער סיסטעם, וואָלט אין דער איצטיקער סאָציאַליסטישער וועלט געהערשט דער שאַרפסטער קאָנקורענט פון דעם מאַרקסיזם, דער פּרו-

ד אָ נ י ז ם, און די באַוועגונג וואָלט אפשר געהאַט אַ גאַנץ אַנדער אויסזען.

וועלכע פעלערן פּרודאָן זאָל נישט האָבן געמאַכט אין זיינע טעאָרעטישע אויסרעכענונגען און פּראַקטישע פאָרשלאַגן, איין געדאַנק זיינער, — דער גרונט-געדאַנק, — האָט געהאַט אין זיך אַן אומגעהייער געזונטן קערן, דער געדאַנק, אַז עס איז נויטווענדיק פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט זיך צו נעמען פ אַ ר עקאָנאָמישער זעלבסטהילף. די איינצלנע פּראַקטישע פּלענער, וואָס פּרודאָן האָט אויסגעאַרבעט, האָבן געמעגט זיין איינזייטיק, אוטאָפּיסטיש, אומדורכפירבאַר, דער גרונט-פּרינציפּ גופא איז אָבער געווען אַ געזונטער. און וואָלט דער פּראָלעטאַריאַט אים דעמאָלט אָנגענומען, וואָלט ער זיך שוין אַליין מיט דער צייט דערשלאָגן צו יענע פאָרמען פון עקאָנאָמישער זעלבסטהילף, צו וועלכע ער איז נאָך אַזוי פיל מאַטערנישן פאָרט געקומען אין דער לעצטער צייט.

די געווערקשאַפטס-באַוועגונג און די גענאָסנשאַפטלעכע באַוועגונג זענען יענע פאָרמען פון עקאָנאָמישער זעלבסטהילף, וועלכע דער אַרבעטער-קלאַס האָט סוף-כל-סוף געמוזט אָננע-מען, אין אַ באַוווסטן אָדער אומבאַוווסטן קאַמף אַנטקעגן דעם מאַרקסיזם, וואָס איז אין אָנהויב געווען אַ שאַרפער קעגנער פון י ע ד ע ר עקאָנאָמישער זעלבסטהילף, אַפילו פון דער גע-ווערקשאַפטס-באַוועגונג.

אַרויסגייענדיק פון דעם געדאַנק, אַז אין דער קאַפּיטאַ-ליסטישער געזעלשאַפט קאָן די לאַגע פון דעם אַרבעטער בשום אופן נישט פאַרבעסערט ווערן, אַז ער מוז אַריינפאַלן אין אַלץ אַ גרעסערן עלנט, האָבן מאַרקס און ענגעלס אַ לאַנגע צייט נישט געוואָלט וויסן פון דעם געווערקשאַפטלעכן קלאַסנ-קאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט. אַ קלאַסנקאַמף, דאָס איז אַ פּ אָ ל י ט י ש ע ר קאַמף, האָט עס געהייסן. און נאָר אין דעם פּאָליטישן קאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט, אין דעם באַשטרעבן אַריינצובאַקומען אין די הענט די מלוכה-מאַשין, האָבן זיי גע-

זען דעם איינציקן וועג צו דער ישועה, דעם איינציקן וועג, וואָס איז פאָרגעצייכנט פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג.

ערשט אין דעם סוף פון די פופציקער און אין דעם אָנהויב פון די זעכציקער יאָרן, האָבן מאַרקס און ענגעלס געמוזט איבערבייטן זייער מיינונג וועגן דער באַדייטונג און דער וויכטיקייט פון דער געווערקשאַפטס-באַוועגונג. אָבער נאָך אין די זיבעציקער יאָרן זענען זיי געווען אַבסאָלוטע קעגנער פון דער גענאָסנשאַפטס-באַוועגונג, וואָס איז אין יענער צייט געפּרעדיקט געוואָרן פון די פּרודאָניאַנער אין בעלגיע.

אין אַ טעאָרעטיש זייער באַדייטנדיקער אַרבעט פון פרידריך ענגעלס „וועגן דער וווינונגס-פראַגע" (אין דעם סוף 70-ער יאָרן) קריטיקירט ענגעלס זייער שאַרף דעם פּרודאָניזם און די טעטיקייט פון די פּרודאָניאַנער. די גאַנצע באַוועגונג, זאָגט ער, „גייט פאָן ניכטס דורך ניכטס צו ניכטס"...

איצטער ווייסן מיר אַלע, ווי איינזייטיק אַזאַ אָפּשאַצונג איז געווען. אין בעלגיע איז די גענאָסנשאַפט-באַוועגונג אויסגעוואַקסן צו אַ מעכטיקן פאַקטאָר פון דעם פּראָלעטאַריערס קאַמף... אַ דאַנק די פּרודאָניאַנער. אויסגעוואַקסן צו אַזאַ גרויס, אַז אַפילו די דייטשישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן האָבן געמוזט בויגן זייערע שטאָלצע קעפּ פאַר יענער באַוועגונג, וואָס גייט, על פּי טעאָריע, „פאָן ניכטס דורך ניכטס צו ניכטס".

ווען קאַרל מאַרקס וואָלט נישט געמוזט, אַ דאַנק זיינע טעאָרעטישע אַנשויאונגען, זיך איינעקשענען אויף דעם ריין-פּאָליטישן קאַמף, — אַ פּרינציפּ, וועלכן ער האָט אַריבערגענומען פון פּרודאָנס קעגנער, *לואי-בלאַנען*; ווען ער וואָלט נישט געקוקט אַזוי פון אויבן אַראָפּ אויף דער *קעגנוואַרטס-אַרבעט*, ווען ער וואָלט געקאָנט גלויבן אין דער פאַרבעסערונג פון דעם אַרבעטערס לאַגע נאָך אין די גרענעצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, — וואָלט ער אפשר מיט זיין גע-ניאַלן קאָפּ שוין לכתחילה אויסגעאַרבעט דעם נויטיקן סינטעז פון *פּרודאָניזם* און *לואי-בלאַניזם*, פון עקאָנאָמי-

שער זעלבסטהילף און פּאָליטישן קלאַסנקאַמף, אַ סינטעז, צו וועלכן עס שטרעבט איצטער דער גאַנצער גאַנג פון דער סאָציאַליסטישער טעאָריע און פּראַקטיק.

און ווען דער פּראָלעטאַריאַט וואָלט זיך לכתחילה געשטעלט אויף אַזאַ סינטעטישן שטאַנדפּונקט און וואָלט לכתחילה אָנגעווענדט אַקוראַט אַזויפיל ענערגיע אויף דער עקאָנאָמישער זעלבסטהילף, וויפל ער האָט אָנגעווענדט אויף דעם פּאָליטישן און צום סוף ריין-פּאַרלאַמענטאַרישן קלאַסנקאַמף, וואָלט זיין עקאָנאָמישע לאַגע און זיין באַדייטונג אין דער געזעלשאַפט אפשר שוין איצטער געווען נישט אַזאַ קלאָגעדיקע, ווי זי איז, און די פּאָליטישע וועלט וואָלט זיך געמוזט אפשר אַ סך מער רעכענען מיט זיינע עקאָנאָמישע געוואַקסנשאַפט-אינטערעסן, איידער זי האָט דאָס געקאָנט טאָן איצטער, אין די צייטן פון דעם וועלט-קריג... נאָר — לאָמיר אָוועקוואַרפן די פראַגע, צי עס וואָלט געווען בעסער פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט, אָדער ערגער, ווען עס וואָלט געווען אַן אַנדער קאַרל מאַרקס, איידער דער, וועלכן די געשיכטע קען. איינס איז אָבער זיכער: איר מוזט צוגעבן די מעגלעכקייט, אַז אויף דעם גורל פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג וואָלט אויסגעפאַלן אַ גאַנץ אַנדער געשיכטלעכער שיקזאַל, איידער דער, אין וועלכן זי האָט געלעבט ביז אַהער. געוויס קאָן מען נישט לייקענען, אַז דער ריינער פּרודאָניזם וואָלט זי אפשר פאַרשלעפּט אין אַ פּאָליטישן זומפּ און דער פּראָלעטאַריאַט וואָלט זיך איבערהויפּט נישט געקאָנט אַרויסרייסן פון דער בורזשואַזער פּאָליטישער אַפּוטרופּסות (ווי ער קאָן זיך נאָך איצטער נישט אַרויסרייסן פון איר אין די פאַראייניקטע שטאַטן). עס איז אָבער אויך זייער וואָרשיינלעך, אַז דער פּרודאָניזם, אָדער אַן אַנדער מין סאָציאַליזם, וואָלט אים געפירט נישט „פון גאָרנישט דורך גאָרנישט צו גאָרנישט”, נאָר פון „גאָרנישט דורך עקאָנאָמישער זעלבסטהילף און פּאָליטישן קאַמף צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע”.

עס איז דעריבער אפשר פּאַרט ג,ייכער פאַר דעם מאַרקסיסט אָפּצוזאָגן זיך פון דער כּשרער שאלה: „וואָס וואָלט געווען, ווען עס וואָלט נישט געווען דאָס, וואָס איז געווען" און אַוועקמאַכן זי כּלאחר יד מיט דעם רוסישן ווערטל, אַז „ווען אין דעם מויל וואָלטן געוואַקסן בעבלעך אָנשטאָט ציין, וואָלט דאָס געווען אַ גאָרטן, נישט קיין מויל". מיר קענען נאָר איין מענטשלעכע געשיכטע, און אין דער איין-איינציקער געשיכטע האָט דער סאָציאַליזם געקעמפט נישט מיט פּרודאָנישע בעבלעך, נאָר מיט מאַרקסיסטישע ציין!

אויך רעכט! בלייבן מיר ביי די פאַקטן פון דער געשיכטע, ווי זיי זענען געווען; בלייבן מיר ביי יענעם „נאַטירלעכן אַנטוויקלונגס-גאַנג", וואָס טראָגט אויף זיך די דייטלעכע צייכנס פון די מאַרקסיסטישע ציין... ווי ווילט איר זיי דערקלערן? פאַרוואָס האָט קאַרל מאַרקס געהאַט גראָד אַזעלכע „ציין" און נישט קיין אַנדערע?

ווי זאָלן מיר דערקלערן די פּערזענלעכע אייגנשאַפטן פון קאַרל מאַרקס פון אַן „עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט?" ווי זאָלן מיר פון דעמזעלביקן שטאַנדפּונקט אַרויסברענגען, פאַרוואָס ער האָט געמוזט באַשאַפן דווקא אָט די געדאַנקען און נישט קיין אַנדערע?

קאָן דאָס איבערהויפּט דערקלערט ווערן פון יענעם שטאַנדפּונקט?

פאַראַן מענטשן אין דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור, וואָס ווילן זיך אונטערנעמען צו דערקלערן אַלץ, וואָס איר ווילט דורך דער „עקאָנאָמיק", אפילו דעם גאַנג פון די מזלות אויפן הימל.

קאַרל מאַרקס אַליין האָט געוויס נישט געהערט צו יענעם טיפּ מאַרקסיסטן, און דער וואָס איז גוט באַקאַנט מיט זיין סיסטעם ווייס, אַז ער איז געווען גאַנץ ווייט פון וועלן דערקלערן די אייגנשאַפטן פון די גרויסע מענטשן אויס אַ וועלכן עס איז עקאָנאָמישן מאָמענט.

יענע אייגנשאַפטן, רעכנט מאַרקס, דאַרפן גאָרנישט דערקלערט ווערן עקאָנאָמיש, ווייל ער דענקט אינאיינעם מיט העגעלן, אַז די היסטאָרישע ווירקלעכקייט באַשטייט נישט פון אַלע דערשיינונגען, וועלכע מיר זעען אויף דער אויבערפלאַך פון דעם געשיכטלעכן לעבן. נאָר יענע דערשיינונגען זענען היסטאָריש ווירקלעך, וועלכע שטימען מיט דעם גאַנג פון דעם געזעלשאַפטלעכן פּראָגרעס, מיט אַלע אַנטאַגאָניסטישע קרעפטן און אינעווייניקסטע ווידערשפּרוכן, וואָס שפּילן זיך אין אים אָפּ, — און נאָר זיי דאַרפן דערקלערט ווערן עקאָנאָמיש-מאַטעריאַליסטיש.

אין צונויפקלאַנג מיט אָט דעם שטאַנדפּונקט דערקלערט זיך די פּראָבלעם פון דער פּערזענלעכקייט גאַנץ איינפאַך. די געדאַנקען און די אידעאַלן פון די גרויסע מענטשן ווערן געבאָרן ביי די גרויסע מענטשן נישט פון דער עקאָנאָמיק, נאָר פון אַלערליי אַנדערע אידעאָלאָגישע מאָמענטן, אָבער צו אַ געשיכטלעכער מאַכט ווערן זיי נאָר דעמאָלט, ווען זיי ווערן פאַרווירקלעכט פון די מאַסן. הייסט עס, אינטערעסירן דאַרף אונז נישט די פראַגע, פון וואַנען האָבן זיך גענומען יענע פּערזאָנען מיט יענע געדאַנקען, נאָר די פראַגע, פאַרוואָס האָבן די מאַסן זיך צוגעהערט צו זיי און אַריינגעאַרבעט אין לעבן זייערע אידעאַלן. און אין דעם פּונקט, גלויבט מאַרקס, קאָן באַוויזן ווערן, אַז געשען איז דאָס דערפאַר, ווייל די מאַסן האָבן זיך, לויט זייער עקאָנאָמישער לאַגע, גענויטיקט אין דעם. ווען די גרויסע פּערזענלעכקייטן ווערן די פאָרשטייער און די וואָרטפירער פון אַ וועלכן עס איז קלאַס, — ווען זיי ווערן זיינע „אידעאָלאָגן", — הייסט דאָס נישט, אַז די „אידעאָלאָגן" שטייען אונטער דעם דרוק פון יענע עקאָנאָמישע אינטערעסן, וואָס הערשן אין זייער קלאַס. זיי האָבן באמת געקאָנט אַרויסברענגען זייערע אידעאַלן גאַנץ פריי פון יעדער עקאָנאָמישער פּניה. די מאַסן פון דעם קלאַס האָבן אָבער אָנגענומען זייער אידעאַל דערפאַר,

טייל דאָס האָט געפאָדערט זייער קלאַסן-לאַגע און זייער קלאַסן-אינטערעס.

אין דער געשיכטלעכערווירקלעכקייט גייען דעריבער אַריין נאָר יענע געדאַנקען פון דעם „אידעאָלאָג", וואָס זענען לכתחילה געלעגן אין דער אינעוויינעקסטער לאָגיק פון דעם געזעלשאַפטלעכן פּראָצעס. יענע טעטיקייט אָבער פון דעם אינדיווידואום, וואָס איז געבליבן פריי און אינדיווידועל, וואָס ווערט נישט געפאָדערט פון דער באַשטימטער קלאַסן-לאַגע, בלייבט לכתחילה דרויסן פון דער געשיכטלעכער ווירקלעכקייט, און מיר האָבן זיך נישט וואָס צו רעכענען מיט איר.

דער גאַנצער סכום פון געדאַנקען און אידייען, וועלכן אַ אידעאָלאָג ברענגט אַרויס, דאַרף דעריבער, לויט מאַרקס, איינגעטיילט ווערן אין צוויי טיילן:

ע ר ש ט נ ס: יענע געדאַנקען און אידעאַלן, וואָס שטימען איבעראַל מיט די היסטאָרישע פאָדערונגען פון דעם באַשטימטן קלאַס אין דער באַשטימטער צייט, וואָס זענען אַ נויטווענדיקייט פאַר די מאַסן. זיי דריקן אויס דעם שטאַנדפּונקט פון אַ באַשטימטן קלאַס, ווערן איבערגענומען פון אים, און אויף אַזאַ אופן רעכענען זיי זיך אַריין אין דער געשיכטע, ווי אַ טייל פון דער היסטאָרישער ווירקלעכקייט.

צ ו ו י י ט נ ס: יענע געדאַנקען און אידעאַלן, וואָס שטימען נישט מיט דער היסטאָרישער נויטווענדיקייט, זיי דריקן נישט אויס דעם שטאַנדפּונקט פון דעם קלאַס, נאָר דעם אינדיווידועלן שטאַנדפּונקט פון דעם מחבר און בלייבן אָן אַ ברעקל היסטאָרישער האַפט.

אויף אַזאַ אופן ווערט נישט דער גרויסער מענטש, אָבער די היסטאָרישע ווירקונג פון דעם גרויסן מענטש אינגאַנצן צוריקגעפירט צו דעם עקאָנאָמישן פאַקטאָר.

לאָמיר זיך פּרווון פאַנאַנדערקלייבן אין דעם. נעמען מיר ווידער מאַרקסן פאַר אונזער ביישפּיל: אויך זיינע געדאַנקען קאָן מען איינטיילן אין 1) קלאַסן-געדאַנקען פון דעם פּראָלעטאַריאַט, וועלכע ער האָט אַמבעסטן אַרויסגעבראַכט און פאָר-

מאָלירט און 2) אינדיווידועלע געדאַנקען פון קאַרל מאַרקס.

צו דער ערשטער קאַטעגאָריע וועלן מיר דאַרפן צורעכענען זיין מאַטעריאַליסטישע דיאַלעקטיק, וואָס פאָרמולירט דעם קלאַסן־שטאַנדפונקט פון דעם פּראָלעטאַריאַט אין דער אַלגעמיינער פילאָזאָפיע; זיין געשיכטס־פילאָזאָפיע, זיין אַנאַליז פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט, זיין ווערט־לערע, זיין ווּיסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, זיין אינטערנאַציאָנאַליזם, זיין פאָדערונג, אַז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל זיך אָרגאַניזירן, ווי אַ פּאָליטישע פּאַרטיי, אַרויסרייסן די מלוכה פון די הענט פון דער בורזשואַזיע און מיט איר הילף דורכפירן די סאָציאַלע רעוואָלוציע, און אַלע אַנדערע וויכטיקע פּונקטן און טעאָריעס פון דעם מאַרקסיזם. אין זיי אין אַלע האָט ער, — לאָמיר אויף אַ ווײַלע אָננעמען, — נאָר אויסגעאַרבעט און פאָרמולירט יענעם שטאַנדפונקט, וועלכן דער פּראָלעטאַריאַט, ווי אַ באַשטימטער קלאַס פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט, מוז אַרויסברענגען בנוגע זיין אייגענער טעטיקייט און בנוגע אַלע וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון דעם מענטשלעכן געדאַנק.

דאָס הייסט נישט, אַז יעדער פּראָלעטאַריער וואָלט אויך געקאָנט אַרויסברענגען דיזעלביקע געדאַנקען, וואָס מיר האָבן נאָר־וואָס אויסגערעכנט. דאָס וויל נאָר זאָגן, אַז אויב די מאַיאָריטעט פון דעם פּראָלעטאַריאַט וואָלט געהאַט די מעגלעכקייט צו דענקען קאָנסעקווענט פון איר עקאָנאָמישן קלאַסן־שטאַנדפּונקט, וואָלט זי ווען אַלע אָט די פראַגן אַליין געקומען צו דיזעלביקע געדאַנקען, וואָס קאַרל מאַרקס האָט אויסגעאַרבעט: אַקוראַט אַזוי, ווי דעם אַדוואָקאַטס קליענט וואָלט אַליין געקאָנט אויסאַרבעטן זיין בעסטע פאַרטײדיקונג, ווען ער וואָלט געווען אַ פעאיקער יוריסט, אַזוי וואָלט דער קלאַס אַליין דערגאַנגען אָן דער הילף פון קאַרל מאַרקס צו דערזעלביקער פּראָלעטאַרישער וועלטאַנשויאונג, ווען אַן אַרבעטער־קלאַס וואָלט געקאָנט דענקען און פאָרשן טעאָרעטיש.

צו דער צווייטער קאַטעגאָריע, צו די ריין-אינדיווידועלע געדאַנקען פון קאַרל מאַרקס, וועלן מיר מוזן צורעכענען צום ביישפּיל זיין פרעגנאָלאָגישן גלויבן, אַז מען קאָן לויט דער פאָרם פון אַ מענטשלעכן שאַרבן באַשטימען דעם מענטשנס גייסטיקע פעאיקייטן: דער פּראָלעטאַריאַט איז נישט מחויב צו שטיין אויף אַזאַ שטאַנדפּונקט בנוגע דער פסיכאָלאָגישער וויסנשאַפט.

דער צענטער פון דער פּראָבלעם וועגן דער ווירקונג פון גרויסע פּערזענלעכקייטן אין דער געשיכטע ווערט אויף אַזאַ אופן אַריבערגעטראָגן אויף דער פראַגע: איז אַלץ, וואָס אַ קלאַס נעמט אַריבער פון דעם געניאַלן אידעאָלאָג, אַ נויטווענדיקייט פאַר דעם קלאַס און וואָלט, אונטער די אויבן-אָנגעגעבענע באַדינגונגען, אַליין אַרויסגעבראַכט ווערן פון אים? ווו איז דער באַווייז, אַז דאָס האָט דער קלאַסן-שטאַנדפּונקט פון דעם קלאַס דיקטירט אים, ער זאָל אַריבערנעמען אויך אַלע יענע געדאַנקען, וואָס האָבן אייגנטלעך מיט זיין קלאַסן-לאַגע גאָרנישט וואָס צו טאָן?

מיר פאַרשטייען גאַנץ גוט, צום ביישפּיל, פאַרוואָס עס קאָן צו דעם שטאַנדפּונקט פון דעם פּראָלעטאַריאַט געהערן, אַז די „בעסטע" פאָרם פון דער געזעלשאַפט איז אַ סאָציאַליסטישע און דעריבער איז ענגעלס גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז „דער סאָציאַליזם איז אַ דאָקטרין פון דעם פּראָלעטאַריאַט".

אָבער פאַרוואָס מוז אייגער, וואָס פאַרקויפט זיין אַרבעטס-קראַפט אויף דעם אַרבעטס-מאַרק, דווקא גלויבן, אַז די וועלט באַשטייט פון מאַטעריע און אַז קיין רוחניות איז אין איר נישטאָ? פאַרוואָס מוז ער גלויבן, אַז די וועלט אַנטוויקלט זיך? פאַרוואָס מוז ער פון אַלע אַנטוויקלונגס-טעאָריעס אָננעמען דווקא די, וואָס זאָגט, אַז יעדער נאַטירלעכער פּראָצעס מוז דורכמאַכן די דריי סטאַדיען פון טעזיס, אַנטיטעזיס און סינטעזיס? פאַרוואָס מוז ער פון אַלע וועגן, וועלכע פירן צום סאָציאַליזם, דווקא אויסקלייבן דעם וועג פונם פּאָליטישן קאַמף און אין

גאַנצן אָדער טיילווייז פאַרנאַכלעסיקן די עקאָנאָמישע זעלבסט-הילף? נאָר מיט וויסטע פּלפּולים, — א לאַ באָגדאַנאָוו, — קאָן מען צונויפבינדן אָט די אַלע פּראָבלעמען מיט דעם קלאַסן-שטאַנדפּונקט פון דעם פּראָלעטאַריאַט.

אידעראמתן איז גאָר די מעשה אַזאַ: אין דעם שטאַנדפּונקט פון דעם פּראָלעטאַריאַט ליגן איינגעשלאָסן איינציקע וויכטיקע פונקטן, וואָס זענען אינעווייניק צונויפגעבונדן מיט זיין לאַגע און זיינע אינטערעסן. אָבער יענע וויכטיקע פונקטן האָבן זיך ביי זיין אידעאָלאָג לאָגיש צונויפגעבונדן מיט נאָך אַנדערע געדאַנקען, — פילאָזאָפישע, געשיכטס-פילאָזאָפישע, סאָציאָלאָגישע, — צו איין-איינציקער סיסטעם. און דער לאָגישער צונויפבונד איז נישט קיין נויטווענדיקער, וואָס איז אַ „מוז" פאַר יעדן מענטשלעכן שכל. דיזעלביקע גרונט-געדאַנקען פון דעם קלאַס וואָלטן געקאָנט צונויפגעבונדן ווערן מיט גאַנץ אַנדערע אַלגעמיינע אידייען. נאָר צו אַ באַשטימטער געשיכטלעכער צייט איז גראָד דער זשעני פון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק געווען קאַרל מאַרקס און נישט קיין אַנדערער און אין זיין גאונישן אינדיווידועלן קאָפּ האָבן זיך זיינע אינדיווידועלע געדאַנקען לאָגיש צונויפגעגאָסן מיט די וויכטיקסטע עלעמענטן פון דעם פּראָלעטאַריאַטס שטאַנדפּונקט צו איין-איינציקער סיסטעם פון היסטאָרישע אידייען-פאַרבינדונגען.

די לוין-אַרבעטער און די אינטעליגענציע, וואָס האָט זיי אָנגעפירט, האָבן באַקומען יענע סיסטעם אַ פאַרטיקע, ווי פון איין גוס, און זענען נישט געווען ביכולת פאַנאַנדערצוקלייבן זיך, וואָס איז אין איר נויטווענדיק פּראָלעטאַריש און וואָס איז אין איר אינדיווידועל קאַרל-מאַרקסיש. זיי האָבן זי אָנגענומען אַלע, און אויף אַזאַ אופן זענען אַ סך אינדיווידועלע געדאַנקען, וואָס זענען אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון קאַרל מאַרקס' קאָפּ, און וואָס האָבן אייגנטלעך גאָרנישט נישט צו טאָן מיט דער לאַגע און מיט די אינטערעסן פון דעם פּראָ-

לעטאַריאַט, דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון אַ געשיכטלעכן פאַקטאָר.

נאָך אַ ביישפּיל וועט אפשר נאָך קלאָרער מאַכן דעם ענין.

אין בעמען (טשעכיע) איז פאַראַן אַ שאָוויניסטיש־נאַציאָנאַלע באַוועגונג, וואָס וויל באַשאַפן אַן אומאָפּהענגיקע בעמישע מלוכה, אָדער ריכטיקער: ווידער אויפלעבן דאָס בעמישע קעניגרייך. די באַוועגונג האָט אַ סך אָנהענגער צווישן דעם פּויערים־קלאַס, פון וועלכן זי ציט אַ שטאַרקע יניקה. האָבן זיך די מאַרקסיסטישע טעאָרעטיקער אין דייטשלאַנד און עסטרייך פאַרטראַכט: אויף וואָסער פּייער דאַרף דער בעמישער פּויער אַן אייגענעם קעניג? און אַנאַליזירנדיק די פּראָגראַם פון יענער באַוועגונג אין דעם ליכט פון די פּויערישע אינטערעסן, האָבן זיי אויסגעפונען, אַז די הויפּט־ראָלע שפּילט דערביי... ד אָ ס וו אָ ל וו ע ל ע ז אַ ל ץ. דער פּויער נויטיקט זיך אין וואָלוועלע זאַלץ, און די נאַציאָנאַלע באַוועגונג זאָגט אים צו, אַז אונטער אַן אייגענעם קעניג וועט ער האָבן אין וואָס ער נויטיקט זיך אַזוי שטאַרק.

איך וויל דאָ נישט אויפהויבן די פראַגע, צי דער מאַרקסיסטישער אַנאַליז איז דאָ געמאַכט געוואָרן ריכטיק. איך רעכן, אַז נישט קוקנדיק אויף זיין כלומרשטדיקער טיף (ביז צום סאַמע עקאָנאָמישן וואָרצל זיך דערגראָבן!) איז ער זייער אויבערפלעכלעך און איינזייטיק. נאָר — לאָז זיין, אַז דער אַנאַליז איז געמאַכט געוואָרן שטרענג־וויסנשאַפטלעך און פּינקטלעך. אָבער דאָס וועט דאָך אויך דער מאַרקסיזם נישט לייקענען: דעם פּויער איז ט יי ע ר געוואָרן דער געדאַנק פון אַן אייגענעם מלך, אין וועלכן ער נויטיקט זיך גאָרנישט. און געשען איז דאָס דערפאַר, ווייל אָט דער אידעאַל האָט זיך ביי זיינע אידעאָלאָגן צונויפגעבונדן מיט דעם „עיקר", דער האָפענונג אויף וואָלוועלע זאַלץ. אויף אַזאַ אופן איז דער נ י ש ט ־ ק ל אַ ס ן ־ ג ע ד אַ נ ק פון נאַציאָנאַלער זעלב־

שטענדיקייט געוואָרן אַ טייל פון דער טשעכישער היסטאָרישער חירקלעכקייט, און באַשטימט דעם ווילן פון אַ באַדייטנדיקן גע-זעלשאַפטלעכן קלאַס.

וואָלט די טשעכיש-נאַציאָנאַלע באַוועגונג טריאומפירט, און דעם קעניג ווענצעלס אַלטע קרוין וואָלט ווידער אָנגעטאָן געוואָרן אויף אַ געזאַלבטן טשעכישן קאָפּ, וואָלטן מיר, אויף דעם גרונט פון יענעם מאַרקסיסטישן אַנאַליז גופא, געוויס גע-האַט אַ רעכט צו זאָגן, אַז דער אידעאַל איז מקוים געוואָרן נישט נאָר דערפאַר, וואָס די פויערים האָבן געוואָלט האָבן וואָלוועלע זאַלץ, נאָר אויך דערפאַר, וואָס דער טשעכישער אינטעליגענציע האָט זיך איינגעגעבן צו פאַרבינדן אירע אידעאַלן מיט די אינטערעסן פון אַ באַשטימטן קלאַס. דערפון איז אָבער געדרונגען, אַז אירע אידעאַלן, וואָס האָבן גאָרנישט נישט צו טאָן מיט דער קלאַסן-לאַגע פון די פויערים, האָבן געשפּילט אַ זעלבשטענדיקע ראָלע אין דער געשיכטע.

און דאָס אייגענע איז אויך מיט די טעאָרעטישע אָנ-שויאונגען פון דעם מאַרקסיזם: זיי זענען געוואָרן פּראָלעטאַ-ריש נישט דערפאַר, וואָס זיי וואַקסן אַרויס פון דער אינעווייניקסטער לאָגיק פון דעם פּראָלעטאַרישן קלאַס, נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך היסטאָריש פאַרבונדן מיט יענער לאָגיק. אָבער זיי האָבן זיך פאַרבונדן. זיי זענען געוואָרן פּראָלעטאַריש, ד. ה. זיי זענען געוואָרן אַ היסטאָרישע מאַכט, ווען אַפילו זיי שטאַמען נישט פון דער עקאָנאָמיק און פאַר-מוילירן נישט די אינעווייניקסטע לאָגיק פון אַ וועלכן עס איז קלאַס.

און אַזוי איז די מעשה אויך מיט די אידייען און די אידעאַלן פון אַלע אַנדערע גרויסע מענטשן אין דער געשיכטע, און אויף אַזאַ אופן איז די מענטשלעכע געשיכטע פול מיט דערשיינונגען, וואָס שטאַמען נישט פון דעם עקאָנאָמישן „וואָרצל", נאָר וואָס וואַקסן אַרויס דירעקט פון דעם גאַנצן שעפערישער מאַכט.

מיר גייען איצטיער איבער צו דער צווייטער פראַגע: דער ראָלע פון די ניש־עקאָנאָמישע אָדער אידעאָלאָגישע פאַקטאָרן אין דער געשיכטע.

אויך דאָ באַווייזן אונז די פאַקטן אויף שריט און טריט, אַז אין דער געזעלשאַפט ווירקן אינאייינעם אַ סך פאַקטאָרן: דער עקאָנאָמישער, דער יורידישער, דער וויסנשאַפטלעכער, דער נאַציאָנאַלער, דער מאָראַלישער, דער עסטעטישער, דער רעליגיעזער, דער פילאָזאָפישער און אַזוי ווייטער. יעדער פון די פאַקטאָרן האָט זיין אייגענעם אַנטוויקלונגס-גאַנג, זיין אייגענע אינעווייניקסטע לאָגיק, זיינע אייגענע געזעצן. אָבער זיי זענען צונויפגעפלאָכטן אינאייינעם און אין יעדן געשיכטלעכן מאָמענט ווירקן זיי איינער אויף דעם אַנדערן. די אַסטראָנאָמיע מאַכט אַ וועלכע עס איז אַנטדעקונג, וואָס רופט זיך אָפּ אויף דער רעליגיע, דער פאַרענדערטער צושטאַנד אין דעם רעליגיעזן גלויבן קאָן אַרויסברענגען אַ נייע פילאָזאָפיע, די נייע פילאָזאָפישע אָנשויאונגען קאָנען פירן צו אַנדערע וויסנשאַפטלעכע אונטערזוכונגען, יענע אונטערזוכונגען צו אַ גאַנץ נייער טעכניק, וואָס ווירקט אויף דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו-קרעפטן. און דער נייער צושטאַנד פון די פּראָדוקטיוו-קרעפטן קאָן אַרויסברענגען אַ גאַנץ נייע גרופּירונג פון געזעלשאַפטלעכע קלאַסן.

לייקנט דער מאַרקסיזם די דאָזיקע אומדערשיטערלעכע פאַקטן? בשום אופן נישט! ער גיט זיי צו אין זייער גאַנצן אומפאַנג. בעלטאָוו, צ. ב., זאָגט אין זיין בוך בפירוש, אַז די ניש־עקאָנאָמישע „פאַקטאָרן" עקזיסטירן, אַז זיי האָבן זייערע אייגענע אינעווייניקסטע אַנטוויקלונגס-געזעצן און אַז זיי ווירקן איינער אויף דעם אַנדערן *).

די שאלה איז אָבער, זאָגט ער, וואָס איז דער מקור, פון וואַנען זיי אַלע האָבן גענומען אַרויספליסן? און אַז מען

*) זע צ. ב. די צווייטע אויפלאַגע פון זיין בוך, ז. 166.

טראַכט זיך אַריין אין גאָר די ערשטע פּאַזיסן פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג, זעט מען, אַז זיי אַלע האָבן זיך געקאָנט נעמען נאָר פון איין מקור: פון דער „עקאָנאָמיק״.

איז דאָס אָבער אַן ענטפער אויף אונזער שאלה? דער מאַרקסיזם איז דאָך נישט נאָר פאַראינטערעסירט אין דעם, אויסצוגעפינען, פונוואַנען די געשיכטלעכע קרעפטן האָבן זיך גענומען. ער איז נאָך מער פאַראינטערעסירט אין דער הויפּט־פּראָבלעם זיינער: אויסצופאָרשן די געשיכטלעכע מ אַ כ ט פון יעדן פאַקטאָר. ער טרעט אַרויס מיט דעם זיכערן גזר־דין, אַז אין י ע ד ן פּעריאָד פון דעם געשיכטלעכן לעבן איז דער עקאָנאָמישער פאַקטאָר דער מעכטיקסטער און אַז אַלע אַנדערע געשיכטלעכע קרעפטן טאַנצן נאָך נאָך זיין פייפל. איז — וואָס ווערט דאָ געוווּנען, ווען מען געפינט אויס, אַז אַלע פאַקטאָרן שטאַמען אָפּ פון דער עקאָנאָמיק?

אפילו ווען דאָס זאָל זיין ריכטיק, בלייבט דאָך נאָך נישט באַוויזן, אַז די עקאָנאָמיק, די מוטער פון אַלע אַנדערע געשיכטס־קרעפטן, איז נאָך אַלץ די באַלעבאָסטע אויף זיי און מייסטערט זיי לויט איר ווילן. יעדער היסטאָריקער, צ. ב., מוז צוגעבן, אַז קאָפּערניקס טעאָריע אין דער אַסטראָנאָמיע האָט אַרויסגערופן אַ גאַנצע רעוואָלוציע אין דעם געשיכטלעכן לעבן. מיר ווילן דערקלערן ע ק אָ נ אָ מ י ש, ווי אַזוי דידאָזיקע רעוואָלוציע איז פאָרגעקומען; מיר פאָדערן דערביי פון דעם מאַרקסיזם, ער זאָל באַווייזן, אַז אויך די קאָפּערניקאַנישע טעאָריע איז אין איר צייט אַרויסגערופן געוואָרן פון עקאָנאָמישע קרעפטן, ער זאָל אונז קלאָר מאַכן ווי אַזוי מען קאָן גלויבן, אַז נישט די אינעווייניקסטע לאָגיק פון דער אַסטראָנאָמישער וויסנשאַפט, נאָר די נויטן פון דעם עקאָנאָמישן פּראָצעס האָבן אַרויסגעבראַכט יענע גרויסע איבערקערעניש אין די מענטשלעכע מוחות.

אָבער אַנשטאָט אָט דעם נויטיקן באַווייז, שיקט מען אונז גאָר אָפּ קיין אַלט־מצרים, און מען דערציילט אונז, אַז

די עקאָנאָמישע נויטן פון אַלט־עגיפּטן האָבן געצוווּנגען די דעמאָלטיקע געלערנטע צו שטודירן די פאַרפלייצונגען פון דעם טייך נילוס, די צייטן, אין וועלכע זיי קומען פאָר; און דאָס האָט געפירט צו דער באָאָבאַכטונג פון דעם שטערנגאַנג אויפן הימל, און אַז אויף אַזאַ אופן איז געבאָרן געוואָרן די אַסטראָנאָמיע.

מיר פרעגן: וועלכע עקאָנאָמישע נייטן און אינטערעסן האָבן אין דעם זעכצנטן יאָרהונדערט אַרויסגעבראַכט די קאָפּערניקאַנישע טעאָריע, אַז די זון שטייט און די ערד דרייט זיך? און מען ענטפערט אונז: אין אַלט־מצרים איז די אַסטראָנאָמיע געבאָרן געוואָרן פון עקאָנאָמישע נויטן... מיט אַ יאָר אַכט טויזנט, איידער קאָפּערניקס געבוירט...

פונוואַנען די נישט־עקאָנאָמישע פאַקטאָרן זאָלן נישט שטאַמען, איז פאַר אונז וויכטיק צו וויסן נאָר איינס, אַז זיי האָבן זייער אייגענע קראַפט אין זיך, אַז זייער אייגענע אַנטוויקלונג ברענגט אַרויס געדאַנקען, וואָס באַהערשן די מוחות פון די געניאַלע מענטשן און דער אינטעליגענציע און רופן ביי זיי אַרויס געוויסע אידעאַלן, און אַז יענע אידעאַלן ווערן אונטער געוויסע אומשטענדן אַ געשיכטלעכע מאַכט, ווען זיי צינדן אָן מיט זייער פייער די מוחות און די הערצער פון די מאַסן.

היוצא מדברינו איז, אַז סיי די געשיכטלעכע ווירקונג פון די גרויסע פּערזענלעכקייטן, סיי די ראָלע פון די אידעאָלאָגישע פאַקטאָרן און ממילא אויך פון דער גאַנצער אינטעליגענציע קאָנען נישט דערקלערט ווערן אויף אַ מאַרקסיסטישן אופן.

די געדאַנקען און די אידעאַלן פון דער אינטעליגענציע זענען נישט קיין שאָטנס, וואָס גייען נאָך דער עקאָנאָמישער ווירקלעכקייט, זיי זענען זעלבשטענדיקע היסטאָרישע קרעפטן, וואָס קאָנען אומענדערן די היסטאָרישע ווירקלעכקייט, ווי די געדאַנקען פון קאַרל מאַרקס און די מאַרקסיסטן האָבן

פאַרשטאַרקט און אומגעענדערט די גאַנצע סאָציאַליסטישע באַוועגונג.

די טעטיקייט פון דער אינטעליגענציע האָט דעריבער אַ זעלבשטענדיקן געשיכטלעכן ווערט. זי טראָגט אַריין איר אייגענע ענערגיע אין דער שפּיל פון יענע קרעפטן, וואָס באַשטימען אין דער לעצטער שורה דעם גאַנג פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג.

אָט פון דעם ריכטיקן בליק אויף דער באַדייטונג פון דער אינטעליגענציע וואַקסן אַרויס אומגעהייער, וויכטיקע רעזולטאַטן פאַר דער באַטראַכטונג פון דעם געשיכטלעכן פּראָצעס און פאַר דער אויפגאַבע פון דער אינטעליגענציע.

קודם קאָן מען שוין דערפון אַליין לייכט איינזען ווי אוממעגלעך עס איז פאָראויסצוזאָגן אויף זיכער דעם גאַנג פון די היסטאָרישע פּאַסירונגען. מיר האָבן געזען, אַז די נישט־עקאָנאָמישע געשיכטס־קרעפטן האָבן זייער אייגענע אַנטוויקלונגס־געזעצן אין דעם מענטשלעכן באַוווסטזיין. ווילן מיר פאָראויסזען וווהין עס שטרעבן יענע קרעפטן, דאַרף אונז די וויסנשאַפט קאָנען געבן אַ מיטל אין די הענט, פאָראויסצורעכענען, וואָס וועט זיין דער קינפטיקער צושטאַנד פון דער וויסנשאַפט, פון דער פילאָזאָפיע, פון דעם רעכטס־באַוווסטזיין, פון דעם רעליגיעזן גלויבן, פון די מאָראַלישע אָנשויאונגען און אַזוי ווייטער. דאָס קאָן אונז אָבער די וויסנשאַפט בשום אופן נישט געבן, ווייל קיינער קאָן זיך נישט משער זיין, וועלכע געניאַלע פערזענלעכקייטן עס וועלן אַרויסטרעטן אויף יענע פעלדער פון דעם מענטשלעכן געדאַנק, וועלכע געניאַלע געדאַנקען זיי וועלן אַרויסברענגען, וועלכע פון זיי וועלן איינווירקן אויף דעם באַוווסטזיין פון דער אינטעליגענציע און דורך דעם גופא ווערן אַ געשיכטלעכער פאַקטאָר. אויך קאָן מען נישט וויסן, ווי שטאַרק עס וועט זיין זייער היסטאָרישער אימפּעט.

ווער האָט פאַר מאַרקסן זיך געקאָנט פאָרשטעלן אַ צו־

נויפגוס פון אַזעלכע געדאַנקלעכע היפּוכים, ווי די העגעלשע ווידערשפּרוך-דיאַלעקטיק און דער מאַטעריאַליזם? ווער האָט פאַר דעם מאַרקסיזם געקאָנט פאָראויסזען, אַז דער סאָציאַליזם, וואָס האָט אַזוי האַרטנעקיק געקעמפט אַנטקעגן פּאָליטיק, וואָס האָט מיט אַזאַ עקל געקוקט אויף די וועגן פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע, זאָל פּלוצלונג אַליין אַרויפטרעטן אויף די-זעלביקע וועגן און ווערן אַ לאָזונג פאַר דער פּאָליטישער פּאַרטיי? און ווער האָט געקאָנט זיך משער זיין, אַז אָט די מאַרקסיסטישע געדאַנקען וועלן ווירקן אין דער געשיכטע מיט אַזאַ געוואַלטיקן אימפּעט?

ווער האָט פאַר אונזער צייט געקאָנט פאָראויסזען יענע ק ר י ט י ש ע כוואַליע, וואָס האָט זיך אַ גאָס געטאָן אין דער וויסנשאַפט און אין דער פילאָזאָפיע און האָט צעווייקט און צעגעסן די פעסטסטע פּונקטן פון דעם מאַטעריאַליזם, דעם דאַרוויניזם און דעם מאַרקסיזם?

ווער האָט פאַר בערגסאָנען געקאָנט האָבן אַ באַגריף פון יענע נייע פילאָזאָפישע געשטאַלטן, וואָס זענען אין בערגסאָנס זשעני אַרויסגעשווומען פון יענער קריטישער כוואַליע?

דאָס זענען אַלץ פּראָדוקטן פון דער פריי-שאַפנדיקער קראַפט, וועלכע נישט קיין אַנדערער, נאָר מאַרקס אַליין האָט אַ נאָמען געגעבן: „די מענטשלעכע קראַפט, וואָס האָט איר ציל אין זיך גופא" און וואָס מיט קיינע עקאָנאָמישע חשבונות קאָן מען נישט אויסרעכענען אין פאָראויס איר לויף און אירע רעזולטאַטן.

בלייבן אָבער די פרייע שאַפונגען פון די גאונים און ד' ריכטונג פון דער אינטעליגע.ציע אַן אומבאַקאַנט גרויס, מוז דעמאָלט אויך דער פּראָדוקט פון יענע היסטאָרישע ענערגיען בלייבן אומבאַקאַנט, אין וועלכן יענע אומבאַקאַנטע גרויס גייט אריין, ווי אַ צונויפשטעלנדיקע טייל.

דערפון איז אויך ממילא קלאָר דער צווייטער רעזולטאַט, וואָס באַשטייט אין דעם, אַז די אינטעליגענציע קאָן נישט האָבן

די אויפגאַבע צו ווירקן אין דער ריכטונג פון דער געשיכטלעכער טענדענץ, נעמען פאַר דעם ציל פון איר טעטיקייט יענע ענד-סטאַציע, צו וועלכער עס טראָגט זיך כלומרשט דער שטראָם פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג.

דער, ליידער, צו יונג פאַרשטאָרבענער סאָציאַליסט-רעוואָלוציאָנער מיכאַל גאָץ האָט אָט דעם געדאַנק באַלויכטן אויף אַ גלענצנדיקן אופן.

אין דער געשיכטע, ווי אין דער נאַטור, זאָגט ער, האָבן מיר אַלעמאָל צו טאָן מיט אַ פּאַראַלעלאָגראַם פון קרעפטן, וואָס ציען די געזעלשאַפט אין פאַרשיידענע ריכטונגען. די הערשנדיקע ריכטונג איז אַ דיאַגאָנאַל, דער אלכסון פון די אַלע ריכטונגען. אויב צ. ב. איין קראַפט וועט ציען צו צפון און די אַנדערע קראַפט צו מזרח, וועט די הערשנדיקע ריכטונג גיין אין דער מיט, צו צפונית-מזרחית. איצטער שטעלט זיך פאָר, אַז די קראַפט וואָס ציט צו צפון זאָל פּלוצלונג אַ טראַכט טאָן: די באַוועגונג וועט דאָך סיי ווי סיי גיין נישט קיין צפון, נאָר אין צפונית-מזרחית, הייסט צו וואָס זאָל איך מיך רייסן קיין צפון זייט? אַ מער לאָם איך אויך אָנהויבן ציען, וווהין עס טראָגט די אַלגעמיינע טענדענץ.

וואָס וואָלט געווען דערפון דער רעזולטאַט? דער רעזולטאַט וואָלט געווען, אַז די הערש־דיקע טענדענץ וואָלט מוזן אויפהערן צו זיין „צפונית-מזרחית", ווייל זי וועט זיך נאָך מער דערנענטערן צו דער מזרח-קראַפט, אַ דאַנק דעם, וואָס די צפון-קראַפט האָט זיך איינגעבויגן צו איר.

דער בערנשטייניאַניזם און אַלע רעאַקציאָנערע רעזולטאַטן, וואָס זענען אַרויסגעוואַקסן פון אים, זענען די בעסטע אילוסטראַציעס צו אָט דעם געדאַנק. די מאַרקסיסטישע אינטעליגענציע האָט זיך צוגעבויגן צו דעם „נאַטירלעכן אַנטוויקלונגס-גאַנג", וועלכן זי האָט אויסגערעכנט על פּי דער נייעסטער סטאַטיסטיק, און דער סאָציאַליזם איז אַראָפּ פון זיין וועג... קאַוטסקי איז דעריבער געווען גערעכט,

ווען ער האָט זיך אויף די עלטערע יאָרן אַ כאַפּ געטאָן פרע-דיקן דעם „רעוואָלוציאָנערן אידעאַליזם".

די אינטעליגענציע שפּילט אַ זעלבשטענדיקע ראָלע אין דעם געשיכטלעכן פּראָצעס. זי איז איינע פון די קרעפטן, וואָס סומירן זיך אין דעם היסטאָרישן אַלכסון. דעריבער קאָן זי נאָר דעמאָלט אַרבעטן אין דער ריכטונג פון דעם „נאַטירלעכן אַנטוויקלונגס-גאַנג", ווען ער שטימט מיט איר ע אידעאַלן. באַם נישט, טאָר זי אים נישט מאַכן קיין איין ברעקל הנחה, ווייל דורך דעם גופא פאַרשטאַרקט זי אומפאַרדינטערהייט זיין מאַכט.

## פערטעס קאַפּיטל

# וועגן דעם עטישן פאַקטאָר אין דער געשיכטע און דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם

פון אַלע נישט-עקאָנאָמישע „אידעאָלאָגישע" פאַקטאָרן אין דער וויכטיקסטער פאַר דעם רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם דער עטישער, אָדער דער מאָראַלישער פאַקטאָר.

מיר מוזן דעריבער זען קלאָר צו ווערן בנוגע אָט דעם וויכטיקסטן פאַקטאָר. האָט ער געשפּילט און שפּילט נאָך ער היום אַ וועלכע עס איז באַדייטנדיקע זעלבשטענדיקע ראָלע אין דעם מענטשלעכן פּראָגרעס?

לאָמיר ווידער נעמען פאַר אַ ביישפּיל יענע געשיכטלעכע פּאַסירונג, וואָס שטייט צו אונז אַמנאָנטסטן און וועלכע מיר האָבן שוין אויבן אויסגענוצט: די אַנטוויקלונג און דער פאַנאַנדערגאַס פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. מיר האָבן געזען, אַז דער מאָמענט פון דער פערזענלעכקייט האָט געשפּילט אין איר אַן אומגעהייער וויכטיקע ראָלע: דאָס איז געווען די באַשאַפערישע טעטיקייט פון אַן איינצלנעם היסטאָרישן טוער, פון אַ גייסטיקן העלד, — אויב איר ווילט, אַ גייסטיקן

זיין, — פון איינעם אַ מענטשן מיטן נאָמען קאַרל מאַרקס.
די האַנדלונגען פון קאַרל מאַרקס זענען געוויס געווען אַ פונקציע פון זיינע אינעוויינינקסטע מאָטיוון, אין וועלכע עס האָט זיך אָפּגעשפּילט זיין גאַנצע פּערזענלעכקייט. וואָס זענען דאָס געווען פאַר מאָטיוון?
כּדי צו פאַראיינפאַכן אונזער אויפגאַבע, לאָמיר זיך אוועקשטעלן אויף דעם ריין-עגאָאיסטישן שטאַנדפּונקט (ווען אפילו איך האַלט, אַז די עגאָאיסטישע היפּאָטעזע וועגן דער מענטשלעכער נאַטור איז אַן איבערפלעכלעכע און אַ פאַלשע). לאָמיר אָננעמען, אַז יעדער מענטש שטרעבט צו דעם, וואָס ער האָט ליב, לאָז זיין עגאָאיסטיש ליב.
פאַרשיידענע מענטשן האָבן אָבער ליב פאַרשיידענע זאַכן: געלט, כּבוד, מאַכט, תּענוגי-עולם-הזה, גוטע פריינט, אַ רויִק לעבן אָדער אויפרודערנדיקע פאַרגעניגנס. אָבער אויך: אמת, יושר, שיינקייט און אָפּהיטן די אייגענע חשיבות, דעם רעס-פּעקט צו זיך אַליין, ווי צו אַ מענטשן.
די טאָג-טעגלעכע דערפאַרונגען באַווייזן אונז, אַז אפילו די גאָר שלעכטע מענטשן (פאַרוואָס רופט מען זיי שלעכטע?), ביי וועמען געלט, כּבוד, מאַכט און תּענוגי-עולם-הזה שפּילן די ערשטע פידל אין זייער נשמה, וואָלטן אויך גרייטער געוואָלט לעבן לויט דעם אמת, יושר, שיינקייט און חשיבות, ווען זיי זאָלן דערביי נישט דאַרפן מקריב זיין עפּעס פון יענע גיטער, וואָס זענען זיי טייערער פאַר אַלץ. זיי וואָלטן געוואָלט זיין „גוטע" און „שיינע" מענטשן, ווען דאָס זאָל גאָרנישט קאָסטן.
הייסט עס, אַז די ליבע צו די „העכערע" גיטער (פאַר-וואָס רופט מען זיי „העכערע"?) איז אַן אַלגעמיין-מענטשלעכע דערשיינונג.
לאָמיר די ערשטע אַרט גיטער, וועלכע דער אַלגעמיינער באַוואוסטזיין פון דער מענטשהייט האָט אַ נאָמען געגעבן „די נידעריקערע", אָנרופן די אַמאָראַלישע, אָדער נישט-מאָראַלישע, ווייל זיי גייען אפשר נישט „היפּך צו דער מאָראַ", אָבער זיי

האָבן אין זיך נישט קיין ברעקל עטישן ווערט. לאָמיר דעם אַנדערן קלאַס גיטער, די „העכערע", אָנרופן מאָראַלישע גיטער און לאָמיר דעם עטישן פאַקטאָר אין דער געשיכטע אָנרופן דאָס „עגאָאיסטישע" שטרעבן פון די מענטשן צו דערגרייכן די העכערע מאָראַלישע גיטער, וועלכע זיי ליבן אַן אַנדערשמאָל אַקוראַט אַזוי „עגאָאיסטיש" ווי די נידעריקערע.

וואָס האָט ליב געהאַט קאַרל מאַרקס? וואָס האָט געטריבן אים, דעם זון פון אַ רייכן בורזשוי, דעם איידעם פון אַ רייכן דייטשישן אַריסטאָקראַט, מיט אַ זיכערער אויסזיכט אויף אַ גלענצנדיקער קאַריערע, — וואָס האָט אים געטריבן אָפּצוזאָגן זיך פון אַלע „געשמאַקע" זאַכן פון דעם „עולם הזה", פירן אַ לעבן אין אויסערלעכער דחקות און נויט, כּדי אויסצושטודירן דעם פּראָצעס פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע און אויסגעפינען דעם ריכטיקן וועג פאַר דעם סאָציאַליסטישן פּראָלעטאַריאַט?

האָבן אים דערביי געצויגן די ליידנשאַפטן פון געלט, כּבֿוד און מאַכט? געוויס נישט! די שיפן, וואָס וואָלטן אים געפירט צו יענע גיטער פון „עולם הזה", האָט ער אַליין פאַרברענט הינטער זיך.

אַ דאַנק די מאַטעריאַלן, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער צייט פון נאָך זיין טויט, ליגט זיין פּערזענלעך לעבן און זיין פּערזענלעכער כאַראַקטער קלאָר און אָפן פאַר אונז. ביי אַלע מענטשלעכע חסרונות, וואָס מען קאָן געפינען אין זיין כאַראַקטער (און זיי זענען געווען ביי אים, ווי ביי יעדן מענטשן) לייכט אונז אַנטקעגן קודם כּל די צענטראַל־ליידנשאַפט פון זיין נשמה: די ליבע צום אמת, די דאָרשט אויסצופאָרשן און צו דערגרונטעווען אַ זאַך, וואָס האָט אים פאַראינטערעסירט, ביז צו איר טיפסטער טיף.

אָבער די ליבע אַליין — אויסצוגעפינען דעם אמת — וואָלט נאָך נישט געקאָנט מאַכן פון קאַרל מאַרקסן אַ קאַרל

מאַרקס. עס זענען געווען אומדערשראָקענע פאָרשער, וואָס האָבן געזוכט דעם אמת, און אַז זיי האָבן אים אויסגעפונען און פאַרשטאַנען, ווי געפערלעך עס איז אַרויסצוטרעטן מיט אים אין דער עפנטלעכקייט, האָבן זיי זיך געשטיקט מיט אים אינדערשטיל, כּדי נישט צו דערצערענען די געגנז, פון וועלכע עס איז אָפּגעהאָנגען זייער עקזיסטענץ. ערשט נאָך זייער טויט האָט מען געפונען זייער „ווידוי", ווו זיי האָבן אַרויסגעזאָגט זייער ראַדיקאַלע אַפּיקורסות; דעם גאַנצן לעבן האָבן זיי געטראָגן אַ מאַסקע אויף זייער פּנים.

קאַרל מאַרקס האָט געהאַט צופּיל רעספּעקט צו זיין אייגענער חשיבות. ער זאָל זיך באַהאַלטן און שטיקן מיט דעם אמת, וואָס ער האָט אויסגעפונען. ער האָט געהאַט אין זיך די מדה פון דזשיאָרדאַנאָ ברונאָ, וועלכער האָט זיך געלאָזט פאַרברענען אויף דעם פלאַקער פון דער אינקוויזיציע, ווייל ער האָט נישט געוואָלט עפנטלעך אָפּלייקענען זיין גלויבן אין קאָפּערניקס אַסטראָנאָמישע טעאָריע, — די מדה פון גיין אויף קדוש השם.

און קאַרל מאַרקס האָט אויך געהאַט אין זיך די ליידנשאַפט פון דעם געזעלשאַפטלעכן יושר, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ער האָט גראָד אויסגעלאַכט די, וועלכע פלעגן רעדן וועגן דעם און וועלכע האָבן אין זיין צייט געוואָלט באַגרינדן דעם סאָציאַליזם אויף די פאָדערונגען פון גערעכטיקייט.

לייענט זיינע טיף־וויסנשאַפטלעכע ווערק. אַפילו דאָרטן, ווו ער באַהאַנדלט די מענטשן, ווי מאַטעמאַטישע ציפערן, אָדער ריכטיקער, ווי נאַטור־קרעפטן, ווי ווינט, פייער און עלעקטריציטעט, רייסט זיך דורך דער פלאַם פון זיין צאָרן אַנטקעגן יענע צושטאַנדן, וועלכע ער פאָרשט אויס מיט דער קאַלטקייט, דאַכט זיך, פון אַ אַסטראָנאָם אָדער אַ מאַטעמאַטיקער.

פאַרוואָס זאָגט ער וועגן דער „עקספּראָפּריאַציע פון דעם אוממיטלבאַרן פּראָדוצענט", אַז „זי איז דורכגעפירט גע־

וואָרן מיט דער אומברחמנותדיקן וואַנדאַליזם און אונטער דעם טריב פון די אינפאַמסטע, שמוציקסטע, קליינליכסט-געהעסיקסטע ליידנשאַפטן?״

ווו נעמט ער דעם קריטעריום, לויט וועלכן ער זאָל געוויסע מענטשלעכע ליידנשאַפטן באַטראַכטן ווי „שמוציק״ און „קליינלעך״, געוויסע מענטשלעכע האַנדלונגען — וואָס זענען נאָך דערצו געווען היסטאָריש-נויטווענדיק, לויט זייַנע אָנשוי־אונגען — ווי „וואַנדאַליש״? איר פרעגט: ווו? — אין דעם מקור פון זיין אייגענער נשמה, אין דעמזעלביקן מקור, וואָס האָט אים געטריבן צו דעם סאָציאַליזם, וואָס האָט אים גע־צווונגען מקריב צו זיין זיין גאַנץ לעבן פאַר דער סאָציאַליס־טישער טעטיקייט — א י ן  ד ע ר  ל י ב ע  צ ו  ד ע ם  ג ע ז ע ל ש אַ פ ט ל ע כ ן  י ו ש ר.

קאַרל מאַרקס, דער טעאָרעטיקער און דענקער, האָט חוזק געמאַכט פון דער מאָראַל. פאַר קאַרל מאַרקס דעם מענטשן איז זי געווען דער לעבנס-אָטעם, די נשמה פון זיין נשמה, די צענטראַל-קראַפט, וואָס האָט אָנגעטריבן זיין גאַנצע, היסטאָריש־ווירקזאַמע טעטיקייט.

און אויב בנוגע צו מאַרקסן קאָן זיך נאָך ביי איינעם אין הארצן אפשר פארגנבענען א שמץ פון ספק וועגן דער ראָלע פון דער מאָראַל, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט זיין סאָציאַ־ליזם, מוז יעדער צווייפל פאַרשווינדן בנוגע צו זייַנע רביים אין דעם סאָציאַליזם, די, וואָס האָבן אוועקגעלייגט דעם פונדאַ־מענט פאַר דעם מאָדערנעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, — ראָבערט אָוען, סען-סימאָן, פוריע.

„דער מאָדערנער סאָציאַליזם, זאָגט עדות פרידריך ענגעלס׳ איז לויט זיין אינהאַלט קודם-כל אַ פּראָדוקט פון דעם בליק פון איין זייט אויף די קלאַסן-היפּוכים, וואָס הערשן אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט, — פון באַזיצנדיקע און באַזיצלאָזע, לוין-אַרבעטער און בורזשויען, — פון דער אַנדערער זייט אויף

דער אַנאַרכיע, וואָס הערשט אין דער פּראָדוקציע *)".

דערזעלביקער ענגעלס דערציילט אונז אויך וועגן די מאָטיוון, פאַרוואָס די גרויסע אוטאָפּיסטן האָבן זיך פּאַראינטע־רעסירט מיט דעם עקאָנאָמישן לעבן פון זייער צייט און מיט די סאָציאַלע פּראָבלעמען, וואָס וואַקסן פון אים ארויס.

זיי האָבן איבערגעלעבט די צייט פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. זיי זענען געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון יענע אידעאַלן, וועלכע די „אויפקלערער" פון דעם 18־טן יאָרהונדערט האָבן אויסגעאַרבעט, — די אידעאַלן פון דעם אַבסאָלוטן „אמת" און דעם אַבסאָלוטן „יושר", אַרויסגע־בראַכט פון דעם „אבסאָלוטן" מענטשלעכן שכל, וואָס האָבן געפאָדערט די אָפּשאַפונג פון אַלע פעאָדאַלע באַגרענעצונגען און די איינפירונג פון דער בירגערלעכער פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט. זיי, די „אוטאָפּיסטן", האָבן אין זייער יוגנט אויך געגלויבט, אַז די פּאָליטישע פרייהייט אַליין קאָן ראַטעווען די מענטשהייט פון אַלדאָס בייז. דאָס לעבן האָט זיי אָבער באַוויזן, אַז אָט דער חשבון פון די בעסטע מענטשן אין דער רעוואָלוציע־צייט איז געווען אַ פאַלשער.

און אָט ווי ענגעלס שילדערט, ווי אזוי די ווירקלעכקייט האָט צעקריפּלט די גרויסע האָפענונגען פון דעם פּאָליטישן ליבעראַליזם.

„דער היפך פון אָרעם און רייך איז אָנשטאָט צו צע־שמאָלצן ווערן אין אַן אַלגעמיינעם וווילשטאַנד, נאָך מער פאַר־שאַרפט געוואָרן... דער אויפשוונג פון דער אינדוסטריע אויף דעם יסוד פון דעם קאַפּיטאַליזם האָט דערהויבן דעם דלות און דעם עלנט פון די מאַסן צו דער מדרגה פון אַ לעבנס־באַדינגונג פאַר דער געזעלשאַפט. די צאָל פון פאַרברעכנס האָט צוגענומען פון יאָר צו יאָר. די פעאָדאַלע צעלאָזנקייטן, וואָס פלעגן זיך פריער אָן מורא באַווייזן אין מיטן העלן

*) פרידריך ענגעלס, אנטי־דיורינג, ז. 1.

טאָג, זענען נישט פאַרשוווּנדן, אָבער פאָרט ביז וואַנען האָט
אָוועקגעשטופּט געוואָרן אין דעם הינטערגרונט. דערפאַר אָבער
האָבן די בירגערלעכע צעלאָזנקייטן, וואָס האָבן זיך ביז אַהער
געהאַלטן אינדערשטיל, גענומען פרוכפּערן אויף אַ געהוי-
בענעם שטייגער. דער האַנדל האָט זיך אַלץ מער און מער
אַנטוויקלט צו רמאות. די „ברידערלעכקייט" פון דעם רעוואָ-
לוציאָנערן דעוויז האָט זיך פאַרווירקלעכט אין די רייסערייען
און דער קנאה פון דעם קאָנקורענץ-קאַמף. אַנשטאָט דער
שפּאַגע האָט גענומען פירן די גרענדע דאָס געלט. דאָס רעכט
אויף דער ערשטער נאַכט איז פון דעם פעאָדאַלן פריץ אַרי-
בערגעגאַנגען צו דעם פאַבריקאַנט. די פּראָסטיטוציע האָט זיך
גענומען אויסברייטערן אין אַ ביז אַהער אומגעהערטער מאָס.
דער חופּה-זיווג איז, ווי פריער, געבליבן די געזעצלעכע פאָרם,
דער אָפיציעלער דעקמאַנטל פאַר דער פּראָסטיטוציע, און האָט
זיך גענומען דערגאַנצן דורך רייכלעכער אומטריישאַפט. קורץ
און גוט, די געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע אינסטיטוציעס,
וואָס „דער נצחון פון דעם שכל" האָט זיי אַריינגעפירט אין
לעבן, האָבן זיך אַרויסגעשטעלט, ווען מען האָט זיי פאַרגלייכט
מיט די צוזאָגן פון די אויפקלערער, ווי קאַריקאַטורן, וואָס
רופן אַרויס אַ ביטערן יאוש. עס האָבן נאָר געפעלט די
מענטשן, וואָס זאָלן אָט דעם יאוש קאָנסטאַטירן, און אָט
די מענטשן זענען געקומען מיט דעם אָנהויב פון דעם נייעם
יאָרהונדערט. 1802 זענען אַרויס סען-סימאָנס „זשענעווער בריוו";
1808 איז אַרויס פוריעס ערשטע ווערק... דעם ערשטן יאַנואַר
1800 האָט ראָבערט אָועון איבערגענומען די לייטונג פון „ניו-
לאַנאַרק" *). וואָס שילדערט דאָ ענגעלס אַנדערש, איידער די
פאַרברעכן אַנטקעגן דעם געזעלשאַפט-
לעכן יושר, וואָס זענען אויסגעוואַקסן, אַ דאַנק דעם
קאַפּיטאַליזם? און וועלכן בעסערן באַווייז דאַרף מען נאָך, אַז

*) פרידריך ענגעלס, דאָרטן גופא, ז. 275.

דער מאָדערנער סאָציאַליזם איז אַרויסגעוואַקסן קודם כל ווי אַ מאָראַלישער פּראָטעסט אַנטקעגן דער אומגערעכטיקייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, אַז ער איז אַרויסגעוואַקסן פון די עטישע קוואַלן פון אונזער נשמה, אַז דער עטישער פאַקטאָר איז דאָ געווען די הויפּט-קראַפט, וואָס האָט אים אַרויסגעבראַכט אין לעבן ?

אָדער אפשר האָט די פאַרשפּרייטונג פון דעם סאָציאַליזם זיך געקאָנט באַגיין אָן דער עטיק, בפרט פון יענער צייט אָן, זינט דער פּראָלעטאַריאַט האָט אָנגעהויבן גלויבן דעם מאַרקסיזם, אַז די מאָראַל איז נישט מער ווי אַ פאַרביקער שוים, אַרויסגעבראַכט פון דעם ברויזנדיקן קלאַסן-קאַמף ?

דער סאָציאַליזם האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן די אַרבעטער-מאַסן קודם כל אַ דאַנק דער פּראָפּאַגאַנדע און דער אַגיטאַציע פון די סאָציאַליסטן, אַ דאַנק דער קריטיק פון די איצטיקע צושטאַנדן, וועלכע די פּראָפּאַגאַנדע האָט אַריינגעבראַכט אין זייערע מוחות, און דער יסוד פון יענער קריטיק איז אַלעמאָל געווען און איז איצטער געבליבן אַן עטישע, אַ פּראָטעסט אַנטקעגן די אַוולעס און אומגערעכטיקייטן, וואָס ווערן באַגאַנגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם.

און דאָס איז דער פאַל נישט נאָר מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. וועלכע פּראָגרעסיווע באַוועגונג איר זאָלט נישט נעמען אין דער מאָדערנער מענטשלעכער געשיכטע, וועט איר געפינען, אַז זי איז געווען געטראָגן פון געוויסע מאָראַלישע אידעאַלן, פון געדאַנקען וועגן אמת און יושר, וואָס האָבן פריער אָנגעצונדן די הערצער פון די יחידי סגולה, פון דער אינטעליגענציע, — אַלץ איינס דער געבילדעטער אָדער דער נישט-געבילדעטער, — און דערנאָך האָט זיך דאָס פייער אַריבערגעשלאָגן אין די הערצער פון די מאַסן, וואָס האָבן יענע באַוועגונג דורכגעפירט אין לעבן.

די פאַקטן פון דער געשיכטע באַווייזן אונז אויף שריט און טריט, אַז די עטיק, — אָדער די מענטשלעכע פאָרשטע-לונגען וועגן יושר און אוולעס, וועגן דעם, וואָס עס „פּאַסט" פאַר אַ מענטש און וואָס עס איז נישט שיין פאַר אים, — האָט אַלעמאָל מיטגעווירקט ביי אַלע גרויסע איבערקערענישן סיי אין דעם מענטשלעכן דענקען, סיי אין די מענטשלעכע האַנדלונגען.

מען קאָן און מען זאָל געניי פאָרשן און זוכן, פאַרוואָס אין איין צייט האָבן די מענטשן אויפגעפאַסט דעם יושר אין איין זין און אין דער אַנדער צייט אין אַן אַנדערן. מען דאַרף געוויס נישט אַרויסלאָזן פון אויג אויך די עקאָנאָמישע אומשטענדן פון דער צייט, וואָס גיסן אַריין אַ באַשטימטן אינהאַלט אין דער מענטשלעכער איינטיילונג פון „יושר" און „אוולעס", פון „נידעריק" און „הויך", פון „איידל" און „געמיין".

די איינטיילונג גופא איז אָבער אַ זעלבשטענ-דיקע, וואָס פליסט אַרויס פון דער מענטשלעכער נאַטור, ווי גרויס און שטאַרק עס זאָלן נישט זיין די באַדינגונגען, וואָס ווירקן אויף דערדאָזיקער מענטשלעכער נאַטור. און סוף-כּל־סוף האָבן די מאַרקסיסטן אַליין געמוזט צוגעבן די ריכטי-קייט פון אָט דעם שטאַנדפּונקט.

דעם לייענער מוז זיין באַקאַנט דער פאַקט, אַז אין דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" האָבן מאַרקס און ענגעלס נאָך גע-לייקנט, די מ̣ראַל זאָל קאָנען האָבן אַ זעלבשטענדיקע באַדיי-טונג, אומאָפּהענגיק פון דעם, וואָס דער אינהאַלט פון אירע אידייען בייט זיך פון דור צו דור און אויך פון קלאַס צו קלאַס. די זעלבשטענדיקייט פון דער מאָראַל, האָט געלערנט דער „מאַניפעסט", איז נאָר אַ צייטווייליקע, אַ היסטאָ-רישע, וויל אַרויסגעוואַקסן איז זי פון דעם קלאַסנקאַמף און וועט בלייבן אין דעם מענטשלעכן באַוווסטזיין אַזוי לאַנג, ווי עס וועט נאָך הערשן דער קלאַסנקאַמף. מיט דעם פאַרשווינדן פון די קלאַסן און פון זייער קאַמף וועט פאַרשווינדן

ד י  ג אַ נ צ ע  מ אָ ר אַ ל: נישט נאָר דער אָדער יענער בליק אויף דער פראַגע, וואָס איז גערעכט און וואָס איז אומגערעכט, נאָר בכלל די גאַנצע איינטיילונג פון מענטשלעכע האַנדלונגען, אייגנשאַפטן, כאַראַקטערן און ווילנס־שטרעבונגען אין „מאָראַליש" גוטע און „מאָראַליש" שלעכטע. דער פּראָלעטאַריאַט, האָט דער „מאַניפעסט" געלערנט, האָט גאָרנישט צו טאָן מיט דער מאָראַל.

אָבער שוין אין דעם סוף פון די זיבעציקער יאָרן האָט פרידריך ענגעלס ראַדיקאַל איבערגעביטן זיין שטאַנדפּונקט. אין זיין פּאָלעמיק אַנטקעגן דיורינגען ברענגט ער אַרויס דעם געדאַנק, אַז דער א י נ ה אַ ל ט פון די מאָראַלישע אָנשויאונגען בייט זיך אין דער געשיכטע און איז אַלעמאָל געווען אַ פּראָדוקט פון דעם קלאַסנקאַמף און אַז אויך איצטער ראַנגלען זיך אין דער געזעלשאַפט ד ר י י מאָראַל־סיסטעמען: די „קריסטלעך־פעאָדאַלע", וואָס פאַרטרעט די פאַרגאַנגענהייט, די „מאָדערן בירגערלעכע", וואָס פאַרטרעט די קאַפּיטאַליסטישע קעגנוואַרט און די „פּראָלעטאַרישע צ ו ק ו נ פ ט ס־מאָראַל", וואָס האָט אין זיך די גרעסטע צאָל לאַנג־דויערנדיקע עלעמענטן, ווייל זי פאַרטרעט די צוקונפט.

„אַ מאָראַל", זאָגט ער, „וואָס זאָל שטיין איבער די קעגנזאַצן און איבער דעם זכרון וועגן זיי, אַ ו י ר ק ל ע ך־מ ע נ ט ש ל עכ ע מאָראַל, וועט ערשט מעגלעך ווערן אויף אַ שטופע פון דער געזעלשאַפט, וואָס איז נישט נאָר פּאַרטיק געוואָרן מיט דעם קלאַסן־קעגנזאַץ, נאָר וואָס האָט אים שוין פאַרגעסן אין דער פּראַקטיק פון דעם לעבן" *).

נאָך ווייטער פאַר ענגעלסן איז אין דעם פּרט אַוועקגעגאַנגען דער דריטער גרעסטער טעאָרעטיקער פון דעם מאַרקסיזם, קאַרל קאַוטסקי, וועלכער האָט אין דער מאָראַל אויסגעפונען געוויסע עלעמענטן, וואָס זענען לכתחילה געשטאַנען הע

*) זע פר. ענגעלס, אַנטי־דיורינג ז. 83—90.

כער פאַר דעם קלאַסן-קעגנזאַץ, ווייל זיי זענען געבאָרן געוואָרן נאָך איידער דער מענטש האָט געקאָנט באַשאַפן אַ געזעלשאַפט מיט איר איינטיילונג אין קלאַסן, נאָך איידער דער מענטש איז געוואָרן אַ מענטש. דאָס זענען די עלעמענטן, וואָס זענען נויטווענדיק אַרויסגעוואַקסן פון דעם סאָציאַלן צונויפלעבן, פון דער „געזעלשאַפטלעכער סאָלידאַריטעט”, ווי מיר וואָלטן זיך אויסגעדריקט.

אָבער פונוואַנען די מאָראַל זאָל זיך נישט האָבן גענומען אין דער ווייטער-ווייטער פאַרגאַנגענהייט, ווען אַ מענטשלעך באַוווסטזיין האָט אויפגעבליצט אין אַ האַלב-מענטשלעכער, האַלב-חיהשער געזעלשאַפט, פון דעמאָלט אָן איז זי אַריין אין אונזער פלייש און בלוט און פון דעמאָלט אָן באַשטימט די אונזערע האַנדלונגען, אַזוי גוט ווי אַלע אַנדערע אייגנשאַפטן, וואָס כאַראַקטעריזירן די טבע פון אַ מענטש.

און אַקוראַט ווי מיר קאָנען נישט לייקענען די היסטאָרישע ווירקזאַמקייט פון דער מענטשלעכער אַרבעט, דער מענטשלעכער טעכניק, וואָס איז אויך אַ פּראָדוקט פון דעם מענטשנס נאַטור („נאָר דער מענטש אַרבעט”, זאָגט קאַרל מאַרקס אין „קאַפּיטאַל”), אַזוי קאָנען מיר אויך נישט אָפּלייקענען די היסטאָרישע ווירקזאַמקייט פון דער מענטשלעכער מאָראַלישער טבע, ווייל נאָר דער מענטש שטרעבט באַוווסטערהייט צו פאַרווירקלעכן די אידעאַלן פון יושר און סאָלידאַריטעט אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן.

די עטישע זייט פון דעם מענטשלעכן לעבן איז אַ זעלבשטענדיקע, היסטאָריש-ווירקזאַמע קראַפט. מיט איר מוז מען זיך אַלעמאָל רעכענען און זי מוז מען אַלעמאָל אַריינציען אין דעם סאָציאַליסטישן חשבון.

וואָס די נישט-סאָציאַליסטישע וועלט לייקנט אָפּ אונזער סאָציאַליסטישע מאָראַל, איז נישט קיין באַוויז און נישט קיין אַרגומענט אַנטקעגן אונז: זי לייקנט אויך אָפּ אונזער סאָציאַ-

ליסטישן א מ ת. מיר ווערן אָבער נישט נתפעל דערפון, ווייל מיר ווערן דאָ אַוועקגעשטעלט פאַר אַ פשוטן ממה נפשך:

אָדער מיר גלויבן אין אַן אַבסאָלוטן אמת, אַז צ. ב. די עקאָנאָמיק איז דער גרונט-פאַקטאָר פון דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע. אין דעמאָלט ווערן מיר דאָך נישט נתפעל פון דעם, וואָס ביז קאַרל מאַרקסן האָט די מענטשהייט שלעכט פאַרשטאַנען דעם אמת. מיר זאָגן, אַז אַלע אַנדערע געדאַנקען, וואָס די מענטשהייט האָט געטראַכט ביז אַהער, זענען געווען פאַלש. קאָנען מיר דאָך דאָס אויך זאָגן בנוגע צו דעם יושר. ביז צו דעם סאָציאַליזם איז די מענטשהייט נאָך געווען בלינד אין הלכות גערעכטיקייט, ווי זי איז ביז צו קאָפּערניקן געווען בלינד אין אַסטראָנאָמיע, ביז צו דאַר-ווינען בלינד אין דער ביאָלאָגיע.

אָדער — פאַרקערט — מיר נעמען אָן, אַז די מענטש-הייט קאָן נישט אַרויסברענגען קיין אַבסאָלוטע אמתן נישט אין דער וויסנשאַפט, נישט אין דער פילאָזאָפיע און נישט אין דער מאָראַל. ווען מיר דעמאָלט זאָגן, אַז ביידע, סיי די סאָציאַליסטישע וויסנשאַפט, סיי דער סאָציאַליסטישער יושר זע-נען ר ע ל א ט י ו ו ע אמתן פאַר געוויסע צייטן, אָדער געווי-סע גרופּן פון דער מענטשהייט.

אין ביידע פאַלן האָבן מיר קיין רעכט נישט צו מאַכן אַ חילוק צווישן די צוויי גרונט-אַרטן פון דעם מענטשלעכן באַוווסטזיין, צווישן דעם שטרעבן צו אמת און דעם שטרעבן צו יושר. און אין ביידע פאַלן טאָרן מיר נישט אָפּלייקענען דעם „עטישן פאַקטאָר”.

זייער טיף און קלאָר האָט דעם געדאַנק פון דעם עטישן סאָציאַליזם אַרויסגעזאָגט דער נישט-לאַנג פאַרשטאָרבענער זשאַן זשאָרעס, אין זיין אָפּהאַנדלונג: „די מענטשן-רעכט”, אין דעם ערשטן אַרטיקל, וואָס טראָגט דעם נאָמען: „דער סאָציאַליזם און דאָס לעבן”:

„די הערשאַפט פון אַן איינצלנעם קלאַס”, זאָגט זשאָרעס,

„איז אַן אַטענטאַט אויף דער מענטשהייט. דער סאָציאַליזם, וואָס וועט אָפּשאַפן יעדע קלאַסן-הערשאַפט, ווי איבערהויפט יעדן קלאַסן-אונטערשייד, איז דעריבער גלייכבאַדייטנדיק מיט דער ווידעראויפשטעלונג פון דער מענטשהייט. עס איז ממילא פאַר יעדן איינעם אַ פליכט פון דער גערעכטיקייט צו זיין אַ סאָציאַליסט".

„מען דאַרף נאָר נישט גלויבן, ווי דאָס טוען אייניקע סאָציאַליסטן אין פּאָזיטיוויסטן, אַז עס איז קינדיש און אָן אַ ברעקל נוצן צו באַרופן זיך אויף דער גערעכטיקייט; אַז זי איז אַ גאַנץ מעטאַפיזישער באַגריף, וואָס לאָזט זיך אומענדלעך פאַנאַנדערציען און אַז יעדע טיראַניי האָט זיך צוגעשניטן אַ מאַנטל פון יענעם באַנאַלן פורפור. אין דער איצטיקער געזעל-שאַפט באַקומט דאָס וואָרט „גערעכטיקייט" אַן אַלץ מער און מער קלאָרן, מער און מער אַרומנעמענדיקן באַגריף. ער זאָגט, אַז אין יעדן מענטשן, אין יעדן אינדיווידואום דאַרף רעספּעקטירט ווערן די מענטשהייט, אַז אין אים דאַרף אויפן העכסטן גראַד אַנטוויקלט ווערן דאָס מענטשנטום. אָבער אמתע מענטש-לעכע חשיבות קאָן נאָר זיין דאָרטן, וווּ עס הערשט אומאָפּ-הענגיקייט, אַ טעטיקער ווילן, אַ פרייע און פריידיקע צופּאַסונג פון דעם אינדיווידואום צו דעם גאַנצן. אומעטום, וווּ די מענטשן העגנען אָפּ פון אַ צווייטנס גענאָד, וווּ זיי העלפן אויסצופירן אַלגעמיינע אויפגאַבן נישט אויס זייער פרייען ווילן, וווּ דער אינדיווידואום איז אונטערגעוואָרפן אונטער די געזעצן פון דעם כלל, דורך אַ צווייטנס מאַכט אָדער אויס געוווינהייט אָבער נישט פון זיין פרייען באַשלוס, דאָרטן מוז מען אומעטום רעדן פון אַ מינדערווערטיקער, פאַרקריפּלטער מענטשלעכער חשיבות. ממילא וועט די מענטשהייט צו איר רעכט קומען נאָר דעמאָלט, ווען עס וועט אָפּגעשאַפט ווערן דער קאַפּיטאַליזם און עס וועט איינגעפירט ווערן דער סאָציאַליזם"*).

---

*) זע זידעקומס דייטשישע איבערזעצונג פון זשאַרעס' „סאָציאַליסטישע

עס איז פאַר יעדן איינעם אַ פּ ל י כ ט פ ו ן י ו ש ר צו זיין אַ סאָציאַליסט. און עס איז פאַר יעדן סאָציאַליסט אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע פליכט — נ י ש ט צ ו ג יי ן אַ נ ט ־ ק ע ג ן ד י פ אָ ד ע ר ו נ ג ע ן פ ו ן ד ע ם ס אָ צ י אַ ־ ל י ס ט י ש ן י ו ש ר.

איינע פון די וויכטיקסטע פאָדערונגען פון דעם סאָציאַ־ ליסטישן יושר באַשטייט אין דעם, אַז די מיטלען און די גע־ צייג פון דער פּראָדוקציע זאָל געהערן צו די אַרבעטער, אַז דער סאָציאַליסט, וואָס פּראָטעסטירט אַנטקעגן דער עקספּלואַ־ טאַציע פון דעם קאַפּיטאַליסט, זאָל גישט נאָר בשום אופן נישט העלפן דעם קאַפּיטאַליסט אָפּרייסן דעם אַרבעטער פון זיינע אַרבעטס־באַדינגונגען, נאָר ער זאָל אויך קעמפן אַנטקעגן דעם מיט דער גאַנצער מאַכט. און אָט די פאָדערונג פון דעם סאָ־ ציאַליסטישן יושר האָבן די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן גע־ זוכט צו פאַרווירקלעכן אין זייער אַגראַר־פּראָגראַם *).

וואָס טוט מען אָבער, ווען די פאָדערונגען פון דעם סאָ־ ציאַליסטישן יושר גייען להיפּך צו די מסקנות פון דעם וויסנ־ שאַפטלעכן אמת? וואָס טוט מען, ווען דער „אמת פון הארצן", ווי איך האָב אין אַ אַנדער פּלאַץ אָנגערופן די מענטשלעכע אי־ דעאַלן, גייט להיפּך צו דעם אמת פון שכל? וואָס טוט מען, ווען די ו י ס נ ש אַ פ ט ב אַ ו יי ז ט, אַז פון דער קאַפּי־ טאַליסטישער אומגערעכטיקייט אין דער איצטיקער צייט מוז אַרויסוואַקסן די סאָציאַליסטישע גערעכטיקייט פון דער צוקונפט? עס איז געוויס זייער אַן אינטערעסאַנטע און טיפע

---

עטיודן": „אויס טעאָריע און פּראַקסיס" בערלין 1902, פאַרלאַג פון די סאָציאַליסטי־ שע מאָנאַטסהעפטען, ז. 165.

*) דער עטישער עלעמענט אין דעם סאָציאַליזם, וואָס איז געווען אַן אלף־ בית־אמת פאַר די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, הויבט ערשט איצטער אָן געשאַצט צו ווערן פון דער מערב־אייראָפּעאישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, דער עיקר אדאנק די אַרבעטן פון דע—מאַן.

פּראָבלעם — אויסצופאָרשן, וואָס עס קומט פאָר אין דער געשיכטע פון דעם מענטשלעכן געדאַנק, ווען אמת און יושר שטויסן זיך צונויף מיט זייערע שטערנס. דאָ קאָן איך לײדער נישט אויפנעמען דעם ענין. כּדי אויסצומיידן זייער פאַרפלאָנטערטע אונטערזוכונגען וועגן דער טבע פון דעם מענטשלעכן וויסן, לאָמיר אָננעמען, אַז אין אַזאַ פאַל מוז דער סאָציאַליסטישער יושר אָפּטרעטן דעם וועג פאַר דעם וויסנשאַפטלעכן אמת. אָבער אַלעמאָל, ווען ער איז דאָס געצוווּנגען צו טאָן, האָט ער נישט נאָר אַ רעכט, נאָר די דרינגנדסטע פליכט, צו פרעגן ביי דעם אמת דעם פּאַס זיינעם און שטרענג נאָכצוקוקן, צי עס שטימען אַלע סימנים.

ווייל אויב עס זאָל זיך אַרויסשטעלן, אַז דאָס איז גאָרנישט געווען דער אמת, נאָר אַ שווינדל, אַ פאַנטאַזיע, אַ שיינער דרש אָדער פּלפּול, וואָס פאָרט אַרום אונטער אַ פאַלשן נאָמען, דעמאָלט וואָלט געווען די גרעסטע עוולה אָפּצוזאָגן זיך צוליב אים פון זיך אַליין. דאָס קאָן שוין דער יושר נישט דערלאָזן.

און אין אַזאַ לאַגע האָבן זיך געפונען די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, ווען די מאַרקסיסטן האָבן געפאָדערט פון זיי, זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון זייערע אידעאַלן, וואָס זענען אין דערזעלביקער צייט די פאָדערונגען פון דעם סאָציאַליסטישן יושר; זיי זאָלן צוגעבן, אַז די מאַיאָריטעט פון דעם רוסישן אַרבעטנדיקן פאָלק זאָל אָפּגעריסן ווערן פון אירע פּראָדוקציאָנט־מיטלען, זאָל אַרייַנגעוואָרפן ווערן אין דעם קעסל פון דעם קאַפּיטאַליזם, זאָל אויסשטיין אַלע עינויים און יסורים פון דעם פּראָלעטאַריערס לעבן, ווייל אַזוי איז דער גזר־דין פון דעם אמת, וואָס טרעט אַרויס אין דער פאָרם פון דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם.

די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן זענען דעריבער געצוווּנגען געוואָרן איבערצוקוקן די דאָקומענטן ביי דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, כּדי אויף

קלאָר אויסצוגעפינען, צי ער האָט טאַקע אַ רעכט צו טראָגן דעם שטאָלצן נאָמען: „וויסנשאַפט".

און זיי האָבן געפונען, אַז אויף וויפל ער באַשעפטיקט זיך מיט דער אויספאָרשונג פון דער איצטיקער צייט, דער עיקר מיט דעם אויפדעקן פון יענע עקאָנאָמישע פּראָצעסן, וואָס האָלטן פאַרשקלאַפט דעם אַזוי-אָנגערופענעם „פרייען" אַרבעטער, האָט דער מאַרקסיסטישער סאָציאַליזם בלי ספק אַ רעכט שטאָלץ צו זיין אויף דעם רייכן אוצר, וואָס ער האָט אַריינגעטראָגן אין דער וויסנשאַפט: די דריי בענדער „קאַפּיטאַל" אַליין (איצטער שוין פיר) זענען אַן אייביקער מאָנומענט פאַר דער פּראָגרעסיווער און באַפרוכטנדיקער ראָלע, וואָס דער סאָציאַליסטישער געדאַנק האָט געשפּילט אין דער אַנטוויקלונג פון דעם מענטשלעכן וויסן. און דערצו זענען זיי אויך לויט אונזערע אָנשויאונגען דער פעלזנפעסטער וויסנשאַפטלעכער פונדאַמענט, אויף וועלכן עס ווערט געבויט די טעאָריע פון דער סאָציאַליסטישער גערעכטיקייט.

אויף וויפל אָבער דער וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם טרעט אַרויס מיט דער פּרעטענזיע, אַז ער האָט שוין אויסגעפונען דעם הויפּט-פאַקטאָר, וואָס באַהערשט דעם גאַנצן געשיכטלעכן גאַנג פון דער מענטשהייט, און אויף וויפל ער געפינט אין זיך דעם קוראַזש אַרויסצוזאָגן אַבסאָלוט-זיכערע נביאות וועגן דעם, צו וועלכן ענד-ציל עס טראָגט זיך דער סטיכישער אַנטוויקלונגס-פּראָצעס און אויף וועלכע וועגן ער וועט אים דערגרייכן, איז ער זייער ווייט פון צו זיין אַ וויסנשאַפטלעך-באַגרינדעטער אמת.

אין דעם ערשטן פאַל, אין דער פראַגע וועגן דעם הויפּט-פאַקטאָר פון דער געשיכטע, וואָלט ער נאָר דעמאָלט געקאָנט אָנגערופן ווערן וויסנשאַפט, ווען ער וואָלט אויסגעשטודירט די גאַנצע מענטשלעכע געשיכטע און וואָלט מיט פאַקטן און אַנאַליזן אין דער האַנט באַוויזן אַזוי קלאָר ווי דער טאָג, אַז אין אַלע געשיכטלעכע פעריאָדן

האָט דער עקאָנאָמישער פאַקטאָר געשפּילט יענע ראָלע, וועל-כע דער מאַרקסיזם שרייבט אים צו.

דאָס האָט ער אָבער נאָך עד היום נישט דורכגעפירט, און ער קאָן עס נאָך נישט דורכפירן, ווייל דערצו געהער אַ גרונט-באַדינגונג, וואָס איז נאָך נישט אַריינגעטרעטן אין לעבן.

כדי צו באַווייזן, אַז „אַלץ אין דער געשיכטע קומט פאָר לויט דעם, ווי עס ווערט פּראָדוצירט און ווי די פּראָדוקטן ווערן אויסגעביטן איינע אַנטקעגן די אַנדערע", מוז מען פריער גענוי אויספאָרשן די גאַנצע געשיכטע פון דעם עקאָנאָמישן פּראָצעס. אַז נישט, — ווי אַזוי וועט איר וויסן, אַז די איבעריקע דערשיינונגען פון דער געשיכטע זענען פאָרגעקומען לויט יענעם פּראָצעס?

אַזאַ געשיכטע פון דער „עקאָנאָמיק" איז נאָך אָבער גאָר נישטאָ, און אויך דער מאַטעריאַל דערצו איז נאָך נישט גע-נוג אָנגעזאַמלט געוואָרן. און בכלל ליגט נאָך די גאַנצע גע-שיכטס-פילאָזאָפיע אין אירע ווינדעלעך.

„אויף דעם פעלד פון דער מענטשן-געשיכטע", באַקלאָגט זיך ענגעלס, „זענען מיר מיט אונזער וויסנשאַפט נאָך ווייט מער צוריקגעבליבן, איידער אויף דעם פעלד פון דער ביאָ-לאָגיע" *).

פאַרוואָס מאַרקס און ענגעלס, וועמעס געדאַנקען עס זע-נען אויסגעאַרבעט געוואָרן אין די פערציקער יאָרן פון דעם פאָריקן יאָרהונדערט, האָבן נאָך געמעגט גלויבן, אַז זייערע געשיכטס-פילאָזאָפישע טעאָריעס מעגן אָנגערופן ווערן „וויסנ-שאַפט", איז אַן אינטערעסאַנטע פראַגע, וואָס די היסטאָריקער פון דעם מאַרקסיזם מעגן זיך דערמיט באַשעפטיקן.

אין אונזער צייט אָבער, מיט אונזערע מאָדערנע שטרענגע פאָדערונגען, וועלכע מיר שטעלן דער וויסנשאַפט,

*) אַנטי-דיורינג, ז. 83—84.

בדי ארויסצובּרענגען דעם זיכערן אמת, קאָנען מיר זיך נאָר חדושן, ווי אַזוי מען קאָן אויפשטעלן אַלגעמיינע געזעצן אויף אַ וועלכן עס איז פעלד, איידער מען האָט נאָך געקאָנט אַנאַליזירן די וויכטיקסטע פאַקטן, וואָס געהערן צו אים, איידער מען האָט נאָך אין דער האַנט יענעם שליסל (די געשיכטע פון די עקאָנאָמישע פּראָצעסן), וועגן וועלכן מען גלויבט, אַז נאָר ער אַליין קאָן אונז אויפמאַכן אַלע טירן.

העכסטנס, וואָס מען קאָן וועגן אַזעלכע טעאָרעטישע בנינים זאָגן, איז, אַז זיי זענען וויסנשאַפטלעכע סברות, היפּאָטעזן, וואָס קאָנען אפשר ווען-עס-איז דערהויבן ווערן צו דעם ראַנג פון אַ וויסנשאַפטלעכער טעאָריע, ווען דער גאַנצער נויטיקער מאַטעריאַל וועט געזאַמלט ווערן און וועט גליקלעך באַאמתן זייערע הנחות.

די מאַרקסיסטישע געשיכטס-פילאָזאָפיע קאָן דעריבער נישט אָנגערופן ווערן וויסנשאַפט. זי איז העכסטנס אַזויצוזאָגן אַן אַקציען-אונטערנעמונג, וואָס זאָגט צו, אַז אויב מען וועט פּאַנאַנדערגראָבן דעם גאַנצן געשיכטלעכן מאַטעריאַל, וועט מען ארויסגראָבן דאָס ריינע גאָלד פון דער וויסנשאַפטלעכער דערקענטעניש.

איז — ווער עס האָט דעם גלויבן דערצו, זאָל זיך פאַרשרייבן אויף יענע אַקציעס. פאָדערן פון איינעם, אַז ער מוז זיי האַלטן אין דעם נאָמען פון דער וויסנשאַפט, הייסט כאַפּן פיש פאַר דער נעץ. און אַמווייניקסטן קאָן מען דאָס פאָדערן פון די, וואָס דערקלערן לכתחילה, אַז די וויסנשאַפטלעכע דערקענטעניש, וואָס מען פאַרזיכערט זיי, אַז זי וועט ווען-עס-איז ארויסגעפונען ווערן, גייט להיפּך צו זייערע אידעאַלן, וואָס וואַקסן ארויס פון דער סאָציאַליסטישער גערעכטיקייט.

זיי זאָגן: עס איז אונזער סאָציאַליסטישע פליכט דערוויל זיך גאַרנישט צו רעכענען מיט אַזעלכע אַקציען-אונטערנעמונגען, ביז מען וועט נישט אויסגראָבן „דאָס ריינע גאָלד" פון דער וויסנשאַפטלעכער דערקענטעניש.

אויף אַ כּשרן וויסנשאַפטלעכן אינדוקטיוון וועג. און אַז מען וועט אויסגראָבן, וועלן מיר דעמאָלט זען. דערווייל זעען מיר, אַז וואָס מער די מאַרקסיסטן גראָבן זיך אין דער געשיכטע, אַלץ אַן אַנדער פּנים באַקומט זייער אייגענע טעאָריע.

אונטער אַזעלכע אומשטענדן פאָרוועדט דער סאָציאַליסטישער יושר, מען זאָל דעם גורל פון מיליאָנען אַרבעטער („אָדער דעם גורל פון אַ גאַנץ פאָלק", זאָגן מיר איצטער, טראַכטנדיק וועגן אונזער אייגן יידיש פאָלק) מאַכן אָפּהענגיק פון שיינע טעאָרעטישע פּלפּולים.

און ווען אַפילו מען זאָל אָננעמען, אַז די וויסנשאַפטלעכע אונטערזוכונג וועט ווען-עס-איז באַווייזן פּונקט דאָס, וואָס קאַרל מאַרקס האָט געוואָלט פון איר, איז דעמאָלט דער מאַרקסיזם נאָך אויך נישט בּיכולת אַרויסצוטרעטן מיט פּאָזיטיוו-זיכערע נביאות וועגן דעם גאַנג פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג אין דער צוקונפט.

דעם באַווייז דערצו האָב איך געבראַכט אין אַ באַזונדער אַרבעט, וואָס איז דאָ אויך אין דער יידישער שפּראַך, און איך קאָן דעריבער אָפּשיקן דעם לייענער צו איר*).

דאָ וויל איך נאָר ברענגען איין ציטאַט:

„וואָס טוט זיך מיט דעם הויפּט-פאַקטאָר, מיט דעם עקאָנאָמישן פּראָצעס?... כּמעט יעדער מאַרקסיסט גלויבט, אַז וואָס—וואָס, אָבער די באַוועגונגען פון יענער מאַך-ראַד, וואָס טרייבט אָן אַלע אַנדערע רעדער, קאָן מען אַלעמאָל אָוועקשטעלן אונטער דער וויסנשאַפטלעכער קאָנטראָל. דאָס איז אָבער אַ גרויסער און שעדלעכער טעות. גראָד אין דעם פּונקט ליגט פאַרבאָרגן די ערגסטע צרה פאַר דער מאַרקסיסטישער מעטאָדע: די אַנטוויקלונג און דעם גאַנג פון דעם עקאָנאָמישן פּראָצעס

---

*) זע די „געשיכטס-פילאָזאָפיע און דער ענדציל", באַנד 3 פון מיינע „געזאַמלטע שריפטן", ז. 133—191. די אַרבעט איז פריער געווען בעדרוקט אין די דייטשישע „סאָציאַליסטישע מאָנאַטסהעפטע".

איז בעצם נאָך שווערער צו באַשטימען, איידער די אַנטוויקלונג און דעם גאַנג פון אַ סך נישט-עקאָנאָמישע פּראָצעסן, און קיינער האָט דעם פּונקט נישט איינגעזען אַזוי קלאָר, ווי דווקא ענגעלס אַליין".

„אין זיין שטאַרק „אפּיקורסישער" הקדמה צו מאַרקס' ווערק וועגן דעם קלאַסנקאַמף אין פראַנקרייך, געפינען מיר אויך אַזעלכע מיני רייד:

„דעם קלאָרן איבערבליק איבער דער עקאָנאָמישער געשיכטע פון אַ געגעבענעם פּעריאָד קאָן מען קיינמאָל נישט געווינען אין דערזעלבער צייט. נאָר ערשט שפּעטער, ווען דער גאַנצער שטאָף איז צונויפגעזאַמלט און דורכגעמוסטערט. די סטאַטיסטיק איז אַ נויטווענדיקער הילפס-מיטל דערצו און זי הינקט אַלעמאָל נאָך"... *)

„אַזאַ געדאַנק לאָזט אונז הערן אָן אַ ברעקל ספק, אַז די מאַרקסיסטישע מעטאָדע... קאָן בשום אופן נישט זיין קיין מעטאָדע אויף פּאָראויסזען די צוקונפט: — דער סטאַטיסטישער מאַטעריאַל, וועלכן איר אונטערזוכט הייגט, שפּיגלט אין אמתן אָפּ יענע פּראָצעסן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אַ סך פריער און האָבן זיך שוין אפשר אינגאַנצן איבערגעביטן. און בעת איר בויט אייער נבואה אויף דעם גרונט פון דער לעצטער סטאַטיסטיק, זענען אפשר אין די טיפסטע טיפענישן פון דעם פאַרבאָרגענעם עקאָנאָמישן לעבן אויסגעוואַקסן אַזוינע באַדינגונגען, וועמעס ווייטערע אַנטוויקלונג עס וועט לגמרי מאַכן אוממעגלעך, אייער נבואה זאָל ווען-עס-איז מקוים ווערן. איר זעט זיי נאָך נישט, ווייל די סטאַטיסטיק „הינקט" און קאָן קיינמאָל נישט אָניאָגן דעם ווירקלעכן צושטאַנד פון דעם עקאָנאָמישן פּראָצעס".

דעריבער מוזן זיך די מאַרקסיסטן „איבערהויפּט אָפּזאָגן פון אַ וועלכער-עס-איז סאָציאַלער נביאות. אַז נישט קאָנען

*) קאַרל מאַרקס, די קלאַסנקעמפּפע (1895), איינלייטונג, ז. 3.

זיי באַקומען גאָר אַ מאוסן פּאַטש אין פּנים פון יענע וויכטיקע עקאָנאָמישע דערשיינונגען, וואָס ווירקן, לויט ענגעלס, „דאָס רוב א לאַנגע צייט פאַרבאָרגענערהייט, איידער זיי באַווייזן זיך פלוצלונג און געוואַלטזאַם אויף דער אויבערפלעך" *).

ווי אַ נבואה פאַר דער צוקונפט, קאָן דעריבער דער סאָציאַליזם נישט זיין קיין וויסנשאַפט. אָבער לויט דעם בליק פון די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן, איז ער עפּעס אַזוינס, וואָס איז אפשר נישט ווייניקער ווערט איידער די וויסנשאַפט. ער איז אַ גלויבן. אַ גלויבן אין דעם מענטש, אין דער מענטשהייט און אין דעם טריאומף פון מענטשלעכער גערעכטיקייט. ער איז דער בעסטער גלויבן פון דער מענטש-הייט, וואָס קעמפט פאַר איר באַפרייאונג.

און דאָס איז פאַר אים מער, איידער גענוג, כדי צו ווערן אַ ווירקזאַמע היסטאָרישע קראַפט.

ניו-יאָרק 1916.

*) די געשיכטס-פילאָזאָפיע א. אַז. וו., ז. 177—179.

# סאציאליזם און קאמוניזם

# סאָציאַליזם און קאָמוניזם *)

## I

## געשיכטלעכער איבערבליק

סאָציאַליזם און קאָמוניזם: איז דאָ אַװעלכער עס איז אונטערשייד צווישן זיי? און אויב יאָ, איז *װאָס זאָל זיין דער ענדציל פון אונזערע שטרע־בונגען*: דער סאָציאַליזם? דער קאָמוניזם? אָדער אפשר האַלטן זיי ביידע נישט אויס קיין ערנסטע קריטיק און מוזן פאַרביטן ווערן אויף אַ דריטע סיסטעם?

דאָס זענען די פראַגן, וועלכע מיר וואָלטן געוואָלט פאַרענטפערן אין דער איצטיקער אַרבעט.

א קליינע געשיכטלעכע איינלייטונג וועט אונז העלפן פאַנאַנדערקלויבן זיך אין דעם ענין.

אין די צייטן פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעװאָלו־ציע און באַלד נאָך איר, איז שוין פאַר אַ סך דענקנדיקע מוחות געוואָרן קלאָר, אַז מיט אירע וועגן קאָן מען נישט דערגרייכן יענע צילן אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, וועלכע זי האָט פאַרמעל פראָקלאַמירט: די צילן פון „פרייהייט, גלייכ־הייט און ברידערלעכקייט“. מען האָט גענומען טראַכטן וועגן אַנדערע וועגן, ווי צו דערגרייכן זיי.

*) „דאָס נייע לעבן“, 1922—1923.

אין די אגיטאַציאָנס־שריפטן פון אַ באַבעף, אין די טעאָרעטישע אונטערזוכונגען פון די גרויסע „אוטאָפּיסטן" ראָבערט אָוען, סען־סימאָן, פוריע און זייערע נאָענטסטע תּלמידים זענען דעמאָלט געבאָרן געוואָרן סאָציאַל־פילאָזאָפישע שטרעמונגען און פּלענער פאַר דעם איבערבוי פון דער געזעלשאַפט, וואָס האָבן געטראָגן אַ פאַרשיידנאַרטיקן כאַראַקטער. אייניקע פון זיי זענען געווען ריין־קאָמוניסטיש, — ווי די שריפטן פון באַבעף און ראָבערט אָוען. אַנדערע ווידער זענען באַדייטנדיק אָפּגעטראָטן פון דעם ריין־קאָמוניסטישן פּרינציפּ.

פאַר אָט די אַלע פאַרשיידנאַרטיקע שטרעמונגען איז אין די דרייסיקער יאָרן אַרויסגעבראַכט געוואָרן דער נאָמען „סאָציאַליזם". אויף אַזאַ אופן האָט דער „סאָציאַליזם" גענומען באַצייכענען אויך די ריין־קאָמוניסטישע ריכטונג.

דעם העכסטן פּונקט פון זיין אַנטוויקלונג האָט אָט דער אַלגעמיין־סאָציאַליסטישער געדאַנקען־שטראָם דערגרייכט אין די פערציקער יאָרן פון דעם פאָריקן יאָרהונדערט, אין די אַרבעטן פון אַ פּרודאָן, אַ לואי בלאַן, אַ קאַרל מאַרקס.

די סאָציאַליסטישע געדאַנקען־וועלט האָט שוין דעמאָלט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז ס'איז דאָ אַ גרויסער חילוק צווישן קאָמוניזם און סאָציאַליזם. צו די סאָציאַליסטן, האָט מען געוווּסט, געהערן די אָנהענגער פון סען־סימאָן, פוריע און אַ טייל פון די אָועניטן. דער גלענצנדסטער פאַרטרעטער פון דער סאָציאַליסטישער טעאָריע איז פּרודאָן. צו די קאָמוניסטן געהערן דער גרעסטער טייל פון די אָועניטן, אַזעלכע רעוואָלוציאָנערע טוער ווי בלאַנקי, אַזעלכע שריפטשטעלער ווי קאַבע, דעזאַמי, אאַז. זייער גלענצנדסטער און טיפסטער טעאָרעטיקער איז לואי בלאַן, וועמעס ווערק „די אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבעט" גייט אַרויס נאָך אין דעם יאָר 1839.

דער סאָציאַליזם איז פאַרשפּרייט מער צווישן דער שטודירנדיקער יוגנט און דער אינטעליגענציע. זיין געדאַנקענגאַנג דרייט זיך אַרום דעם צענטראַל־פּונקט פון פרייע „אַסאָ-

ציאַציעס" (קאָאָפּעראַטיוון). דער קאָמוניזם האָט מער אָנהענגער צווישן די פּראָגרעסיווסטע רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך פון דעם פּראָלעטאַריאַט און די האַנטווערקער (דער עיקר: פּ ו ע ל י ם). דער צענטראַל-פּונקט פאַר זיין געדאַנקענגאַנג איז די אַלגעמיינע, פּלאַנמעסיק-אָרגאַניזירטע איינאיינציקע געזעלשאַפטלעכע באַלעבאַטישקייט, וואָס ווערט געפירט און רעגולירט פון אַן איינהייטלעכן צענטער.

די דרויסנלאַכע, נישט-סאָציאַליסטישע וועלט האָט גראָד אין אָט די פּערציקער יאָרן זיך גענומען טיף אינטערעסירן מיט די סאָציאַליסטיש-קאָמוניסטישע טעאָריעס, וואָס האָבן גענומען ווערן אַן ערנסטע סכנה פאַר דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג. גראָד די נישט-סאָציאַליסטישע פאָרשער האָבן זיך באַזונדערס פאַראינטערעסירט מיט דער נפקה מיניה צווישן סאָציאַליזם און קאָמוניזם. אייגנטלעך, האָט די קאַפּיטאַליסטישע וועלט געמעגט נישט אַזוי מקפּיד זיין אויף דעם אונטערשייד, ווייל ביידע סיסטעמען זענען געווען גלייך פיינטלעך צו איר און האָבן נישט געוואָלט איבערלאָזן פון איר קיין סימן פון אַ זכר. אָבער זי האָט באַלד באַמערקט, אַז די צוויי, אירע פיינטלעכע צווילינג-ברידער, האָבן דאָך אינדיווידועלע אונטערשיידן אין זייערע פּנימער, און זי האָט באַלד דערשפּירט, אַז דער פּרצוף פון דעם קאָמוניזם איז איר אַ סך מער פאַרהאַסט, איידער די געזיכטס-שטריכן פון דעם סאָציאַליזם.

דער קאָמוניזם טרעט אַרויס אַ סך רעוואָלוציאָנערער, איידער דער סאָציאַליזם. ער גרייפט אָן נישט נאָר די ק אַ פּ י ט אַ ל י ס ט י ש ע אייגנטומס-פאָרמען, נאָר דעם אייגנטומס-פּרינציפּ בכלל. און ער באַנוגנט זיך נישט מיט דעם ריין-עקאָנאָמישן איבערקער פון דער געזעלשאַפט. קאָנסעקווענטער און אויסגעהאַלטענער פאַר די סאָציאַליסטן, פאַלט ער אָן אויף אַלע אַנדערע יסודות פון דעם איצטיקן לעבן: אויף דער קירכע, דער פאַמיליע, דער הערשנדיקער מאָראַל, דעם „פאָטערלאַנד". און ווען אַפילו דער פּרינציפּ פון „מלוכה" האָט ביי די קאָמו-

גיסטן אַ סך מער אָנהענגער איידער בײַ די סאָציאַליסטן, איז ער פּאָרט אַ סך „מלוכה־געפּערלעכער״, איידער דער סאָציאַ־ליזם, ווײַל ער ווירקט מאַגנעטיש אויף די אָרעמע אונטערדריק־טע פֿאָלקס־מאַסן. נישט קוקנדיק אָבער דערויף, וואָס דער אונ־טערשייד צווישן קאָמוניזם און סאָציאַליזם איז פֿאַר קיינעם נישט געווען פֿאַרבאָרגן, האָט מען נישט שטאַרק מקפּיד געווען אויף דעם נאָמען, און אויך קאָמוניסטן האָבן זיך באַנוצט מיט דעם נאָמען סאָציאַליסטן. אַזוי האָבן די אָנהענגער פֿון לואי־בלאַנען זיך גערופֿן „סאָציאַל־דעמאָקראַטן״.

אַזוי איז געווען די לאַגע אין פֿראַנקרייך אין דעם אָנ־הייב פֿון די פּערציקער יאָרן, ווען די סאָציאַליסטישע וועלט איז באַרייכערט געוואָרן מיט אַ נייעם געדאַנקען־שטראָם, וואָס האָט זיך גענומען טראָגן פֿון דײַטשלאַנד.

דײַטשלאַנד האָט אין יענער צײַט שוין פֿאַרמאָגט איינצל־נע אַנטי־קאַפּיטאַליסטישע דענקער, ווי צ. ב. דעם גרויסן פֿי־לאָזאָף פֿיכטע, דעם עלטערן, וואָס איז געווען שטאַרק גענייגט צום קאָמוניזם. די דײַטש־רעדנדיקע וועלט האָט אויך געהאַט איינצלנע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־ און האַנטווערקער־גרופּן,— דער עיקר אין שווייצאַריע און פּאַריז, — וואָס האָבן געטראָגן אַ קלאָר־אויסגעשפּראָכענעם ריין־קאָמוניסטישן כאַראַקטער; זייער וואָרט־פֿירער און טעאָרעטיקער איז געווען „דער געניאַלער שניידער־יונג״, ווייטלינג. אָבער אָט די איינצלנע, צוואָר־פֿענע אויסבילדונגען פֿון דעם גערמאַנישן קאָמוניזם זענען גע־ווען אָפּגעריסן פֿון דעם פּראָגרעסיוון געדאַנקענגאַנג, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער השפּעה פֿון די יונג־העגעליאַנער און פֿון פֿייערבאַכס פֿילאָזאָפֿיע; אויך מיט דער אַלגעמיינער סאָ־ציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט זענען זיי געווען שוואַך פֿאַרבונדן.

עס איז דער היסטאָרישער פֿאַרדינסט פֿון משה העס, „דעם אַלטפֿאָטער פֿון דעם דײַטשישן קאָמוניזם״, וואָס ער האָט ענג־צונויפֿגעבונדן דעם גערמאַנישן סאָציאַליסטישן געדאַנק מיט דעם פֿראַנצויזישן סאָציאַליזם פֿון איין זײַט, מיט דער ראַדיקאַ־

לער פילאָזאָפיע פון א פ י י ע ר ב א ך — פון דער אַנדערער. אויף אָט דעם וועג זענען אַרויפגעטרעטן זיינע ערשטע נאָענטסטע תּלמידים און פריינט: קאַרל גרין, קאַרל מאַרקס, פרידריך ענגעלס און נאָך אַ גאַנצע מחנה געבילדעטע יונגעלייט. זיי אַלע ווערן ק אָ מ ו נ י ס ט ן און באַגרינדן זייער קאָמוניזם אויף די יסודות פון דער פייערבאַכשער פילאָזאָפיע.

אין דער ערשטער צייט איז פאַר זיי אַליין נישט גאַנץ קלאָר געווען די שאַרפע נפקא מיניה צווישן דעם סאָציאַליזם און דעם קאָמוניזם. אין דעם צענטר פון דעם אינטערעס איז אין אָנהויב געשטאַנען די קריטיק פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, און אין דעם פּרט איז די סאָציאַליסטישע ליטעראַטור געווען אַ סך רייכער איידער די קאָמוניסטישע, וואָס האָט געקוקט פאַרצויבערט אין דעם גלענצנדיקן מאָרגן און זיך שוין כּמעט ווי גאָרנישט גערעכנט מיט דעם צום טיִיט-פאַרמשפּטן היינט.

אויף די יונגע דייטשישע קאָמוניסטן האָבן אַ סך מאַגנעטישער געווירקט די קריטישע אַרבעטן פון אַ פוריע און אַ פּרודאָן, איידער די קאָמוניסטישע צוקונפטס-פּלענער פון אַ קאַבע אָדער אַ לואי-בלאַן. אין פּרודאָנס שריפטן האָבן זיי באַמערקט אויך אַ שטאַרקן אָדער פון דער מאָדערנער ראַדיקאַלער פילאָזאָפיע, אַ שטרעבן צו אַ ריין-טעאָרעטישן באַגרינדן פון דעם צוקונפטס-אידעאַל, און פּרודאָן ווערט זייער אָפּגאָט.

דאָס דויערט אָבער נישט לאַנג. ביי קאַרל מאַרקסן הויבן אָן אויסוואַקסן זיינע אייגענע אָדלער-פליגלען. ער ווערט דער טעאָרעטישער פירער פון דער דייטשישער באַוועגונג, און וואָס מער ער טראַכט זיך אַריין אין די סאָציאַלע פּראָבלעמען, אַלץ קלאָרער ווערט פאַר אים דער אונטערשייד צווישן פּרודאָנס סאָציאַליזם און לואי בלאַנס קאָמוניזם. אים ציט מער צו לואי בלאַנען, איידער צו פּרודאָנען, נישט נאָר דערפאַר, ווייל יענער איז אַ קאָמוניסט, נאָר אויך דערפאַר, וואָס לואי בלאַן שטרעבט צו פאַרווירקלעכן זיין קאָמוניזם מיט די מיטלען פון אַ ד ע-

מ אָ ק ר אַ ט י ש ע ר מ ל ו כ ה, בעת פּרודאָן לאָזט איבער אַלץ צו דער פרייער זעלבסטטעטיקייט פון דער אַרבעטערשאַפט. און זיינע סימפּאַטיעס צו דעם לואי-בלאַניזם זענען זייער פאַר־שטענדלעך. דייטשלאַנד האָט זיך דעמאָלט אזוי שטאַרק געגווי־טיקט אין דעמאָקראַטיע; אַ קאַרל מאַרקס האָט מער ווי יע־דער אַנדערער געשפּירט יענע פּאָליטישע לעבנס-נויט, און עס איז פּסיכאָלאָגיש פאַר אים געווען זייער נאַטירלעך, צו דענקען אינאיינעם מיט לואי בלאַנען, אַז דער קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע איז אין דערזעלבער צייט אַ קאַמף פאַר יענע נויטווענדיקע פאָרבאַדינגונגען, אָן וועלכע דער קאָמוניסטישער אידעאַל קאָן נישט מקוים ווערן.

די דערוויטערונג פון פרודאָנען האָט באַלד געפירט צו אַ העפטיקער קעגנערשאַפט אַנטקעגן אים און זיין סאָציאַליזם, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביי מאַרקסן און ענגעלסן זייער לעבן לאַנג.

אין 1846 איז דערשינען פּרודאָנס הויפּט-ווערק: „די פי־לאָזאָפיע פון אָרעמקייט. אַ סיסטעם פון עקאָנאָמישע ווידער־שפּרוכן". אָט די אַרבעט איז באמת געווען אַ מיילן-שטיין אין דער אַנטוויקלונג פון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק. פּרודאָנס סיסטעם איז אינגאַנצן מבטל די אוטאָפּיסטישע טעאָריעס, וואָס האָבן געהערשט ביז צו אים, דער עיקר, די ק אָ מ ו נ י ס ט י ש ע. ער באַגרינדעט אַ ריינעם, נישט-קאָמוניסטישן סאָציאַליזם אויף דעם פונדאַמענט פון אַ העגעליאַניש-מעטאַפיזישער פילאָזאָפיע. פּרודאָן לערנט, אַז די געזעלשאַפט ווערט באַהערשט פון אייביקע געזעצן און אַז מען קאָן זי נישט איבערבויען לויט די סוביעקטיווע אידעאַלן פון דעם אָדער יענעם בעל־טובה. פּרודאָן איז דער ערשטער, וואָס טראָגט אַריין דעם ריין־אָביעקטיוון מעטאָד אין דעם סאָציאַליזם. זיינע אָביעקטיווע געזעצן פון דעם סאָציאַלן געשעען זענען אָבער פון אַ גאַנץ אַנדער נאַטור, איידער די, וועלכע מאַרקס האָט שפּעטער אַרויסגעבראַכט.

די געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונג ווערט באַהערשט, לויט פּרודאָנען, פון איר *אינעווייניקסטער לאָגיק*, פּונקט אַזוי, ווי דאָס קומט אויס לויט דער העגעלשער פילאָזאָפיע אין דעם גאַנצן אַלוועלטלעכן זיין. די אינעווייניקסטע לאָגיק באַשטייט פון אייביקע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אידייען אָדער קאַטעגאָריעס: ווי די „אידייען" פון „אַרבעטסטיילונג", „אויסבייט", „ווערט", „אייגנטום", „קאָנקורענץ" א. אַז. וו. אַלע אָט די אידייען זענען פול מיט ווידערשפּרוכן, און דער גאַנצער פּראָצעס פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג ווערט אָנגעטריבן פון זייערע אינעווייניקסטע סתירות. פאַרענדיקט וועט דער פּראָצעס ווערן, ווען די אינעווייניקסטע ווידערשפּרוכן וועלן זיך אויסגלייכן אין אַ העכערן סינטעז, וואָס וועט זיי אַלע אַרומנעמען אין אַן אייביקער האַרמאָניע. דאָס וועט געשען דעמאָלט, ווען די סאָציאַלע ווירקלעכקייט וועט קאָנען ריכטיק אָפּשפּיגלען די גרונט-אידייע פון דעם סאָציאַלן לעבן: די אידייע פון „ווערט", וואָס פאַרקערפּערט אין זיך די אידייע פון „גערעכטיקייט" אין די מענטשלעכע באַציאונגען און אין דעם פאַרטיילן די פּראָדוקטן פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. ערשט ווען דער ווערט פון דער מענטשלעכער אַרבעט וועט ווערן „קאָנסטיטואירט", איינמאָל פאַר אַלעמאָל פעסטגעשטעלט, אַזוי אַז אַ שעה פון איין מענטשנס אַרבעט וועט אַלעמאָל גלייך זיין אין איר „ווערט" צו אַ שעה פון דעם געניאַלסטן אינזשיניער, — ערשט דעמאָלט וועלן זיך אויסגלייכן אַלע אינעווייניקסטע ווידערשפּרוכן פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, און עס וועלן פאַרשווינדן די איצטיקע אומגערעכטיקייטן, אינאיינעם מיט דעם עלנט און דעם דלות פון די מאַסן. דאָס קאָן אָבער נישט געשען מיטאַמאָל. דער „ווערט" קאָנסטיטואירט זיך ביסלעכווייז, און ביז דעם פולן האַרמאָנישן אָפּשלוס קאָנען פאַרגיין נאָך הונדערטער יאָרן.

די דערשיינונג פון פּרודאָנס ווערק האָט געגעבן מאַרקסן די מעגלעכקייט, אײנגאַנצן צאַנאַנדערצורייסן יענע פעדים, מיט

װעלכע דער קאָמוניזם איז געװען צונױפגעבונדן מיט דעם סאָ־ציאַליזם.

אין זײן ענטפער פּרודאָנען, אין דער היסטאָריש באַרימט־גע־װאָרענער „די אָרעמקײט פון פילאָזאָפיע, אַן ענטפער אויף פּרודאָנס פילאָזאָפיע פון אָרעמקײט״, — פון דעם יאָר 1847— פּאַלט ער העפטיק אָן סײ אויף די פילאָזאָפישע, סײ אויף די עקאָנאָמישע לערעס פון זײן פריערדיקן רבין און חבר. ער מאַכט פון זײביידן אַ תל. מיט אָט דער פּאָלעמיק װיל קאַרל מאַרקס באַגרינדן אַ ריין־קאָמוניסטישן סאָציאַליזם אויף אַ מאַטעריאַליסטיש־פילאָזאָפישן פונדאַמענט, אָנשטאָט פּרודאָנס אַנטי־קאָמוניסטישן סאָציאַליזם, װאָס איז אויפגעבויט אויף אַן אידעאַליסטישער פילאָזאָפיע. די טעאָריע פון דעם קאָנסטיטו־אירטן װערט האַלט נישט אויס קײן ברעקל קריטיק, לויט מאַרקס׳ אַנאַליז. עס זענען נישטאָ קײן אײביקע קאַטעגאָריעס און אי־דײען, אויך דער „װערט״ איז נישט קײן אײביקע סאָציאַלע אידײע, נאָר אַ צײטװײליקע היסטאָרישע דערשײנונג אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, װאָס װעט פאַרשװינדן אינאײנעם מיט איר. אין דעם װירקלעכן סאָציאַלן לעבן גײט עס נישט אין דעם לאָגישן קאַמף פון אײביקע אידײען, נאָר אין דעם היס־טאָרישן קאַמף פון געזעלשאַפטלעכע קלאַסן. דער העגעלשער אידעאַליזם, װעלכן פּרודאָן האָט נאָך דערצו שלעכט פאַרשטאַ־נען, איז נישט מער װי אַ לײדיקע אַבסטראַקציע פון דער מאַ־טעריעלער װירקלעכקײט. און שטודירט מען דידאָזיקע װירק־לעכקײט מיט דעם קלאָרן בליק פון אַ ניכטערן מאַטעריאַליסט, זעט מען, אַז זי איז, אמת, פול פון װידערשפּרוכן, אַז די װי־דערשפּרוכן פירן צו דעם אונטערגאַנג פון דער איצטיקער קאַ־פּיטאַליסטישער געזעלשאַפטס־פאָרם, אָבער אַז אין דערזעלבער צײט פירן זײ צו אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, אין װעלכער עס מוזן פאַרשװינדן אַ סך פון יענע „אײביקע אי־דײען״, װאָס זענען אַזוי טײער פּרודאָנען.

דאָס איז געװען דער אינצװײניקסטער, אָפט נישט אײנ־

גאַנצן קלאָר אַרויסגעבראַכטער תּוך פון מאַרקס' ענטפער אויף פּרודאָנס גרונט-ווערק.

קלאָרער און שאַרפער איז אָט דער תּוך אַרויסגעטרעטן אין דעם „מאַניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי", פון דעם יאָר 1848. דער קאָמוניזם מוז פאַרווירקלעכט ווערן, ווי אַן אומפאַרמיידלעכער פּראָדוקט פון דער איצטיקער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, וואָס באַשאַפט אַ נייעם קלאַס, דעם פּראָלעטאַריאַט און זיין קאַמף אַנטקעגן דער בורזשואַזיע. דער קאָמוניזם ווערט אָביעקטיוו אויפגעבויט אין די פּראָצעסן פון דער עקאָנאָמישער פּראָדוקציע גופא, וואָס באַקומען אַלץ מער און מער אַן איינהייטלעכן און צענטראַליסטישן כאַראַקטער. ער ווערט סוביעקטיוו פאַרגעגרייט אין די מוחות און די הערצער פון דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס ווערט „די אומגעהייער גרויסע מאַיאָריטעט" פון דער געזעלשאַפט, די גאַנצע „נאַציע", און וואָס האָט גאָרנישט צו פאַרלירן, אַ חוץ זיינע קייטן, און אַ גאַנצע וועלט צו געווינען.

די סאָציאַליסטישע טעאָריעס, לערנט דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט", שפּיגלען נישט אָפּ נישט די אינטערעסן, נישט די געדאַנקען און האָפענונגען פון דעם פּראָלעטאַריאַט. עס איז דאָ אַ ריין-בורזשואַזער סאָציאַליזם, און צו אים געהערן אויך די טעאָריעס פון אַ פּרודאָן; ס'איז דאָ אַ קליינבירגערלעכער סאָציאַליזם און אַ כּלומרשט „פילאָזאָפישער" אָדער „אמתער" סאָציאַליזם. זיי אַלע זענען טעאָרעטיש פאַלש און האָבן גאָרנישט צו טאָן מיט דער באַוועגונג און די צילן פון דעם אַרבעטער-קלאַס. ריין-פּראָלעטאַריש איז נאָר די קאָמוניסטישע באַוועגונג, און נאָר דעם קאָמוניזם געהער די צוקונפט אין דער געזעלשאַפט.

אויף אַזאַ אופן איז קאַרל מאַרקס געווען דער ערשטער, וואָס האָט שאַרף פאַנאַנדערגעשיידט צווישן דעם סאָציאַליזם און דעם קאָמוניזם, און וואָס האָט זיי געוואָלט פאַרוואַנדלען אין צוויי פיינטלעכע לאַגערן. מען מוז דאָ באַמערקן, אַז ספּעציעל צו פּרודאָנען איז מאַרקס

געווען באַזונדערס אומגערעכט. ער האָט אים צוגערעכנט צו די ריין-בורזשואַזע סאָציאַליסטן, וועמעס הויפּט-זאַך אין לעבן עס איז דער קאַפּיטאַליסטישער „פּראָפּיט". שפּעטער, אין די זעכציקער יאָרן, נאָך פּרודאָנס טויט, איז מאַרקס געוואָרן אַ ביסל גנעדיקער צו אים: ער האָט אים אַריבערגעפירט פון דעם ריין-בורזשואַזן סאָציאַליזם אין דעם „קליינבירגערלעכן".

אָבער גראָד די העפטיקייט (און אָפטמאָל אומגערעכטיקייט) פון דער פּאָלעמיק אַנטקעגן פּרודאָנען באַווייזט אונז, ווי שטאַרק מאַרקס איז געווען פאַראינטערעסירט, פּאָלעמיש טויט צו מאַכן דעם טאַלענטפולן קעגנער פון דער קאָמוניסטישער ריכטונג.

באַלד נאָך דער פאַרעפנטלעכונג פון דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" איז אין אייראָפּע אויסגעבראָכן „די רעוואָלוציע פון אכט און פערציק", און האָט אָפּגעשטופּט אָן אַ זייט דעם טעאָרעטישן וויכּוח צווישן סאָציאַליזם און קאָמוניזם, וועלכן פּרודאָן און מאַרקס האָבן אָנגעהויבן. ווי יעדע רעוואָלוציע, האָט אויך זי ביז צו אַ געוויסן גראַד צעמישט די קאָרטן פון די פריערדיקע שפּילער. דער אַנאַרכיסטישער סאָציאַליסט פּרודאָן איז אַריין אין פּאַרלאַמענט אינאיינעם מיט דעם „עטאַטיסטישן קאָמוניסט", לואי בלאַן. די קאָמוניסטישע עקספּערימענטן, וועלכע לואי בלאַן האָט געוואָלט דורכפירן מיט דער הילף פון דער בורזשואַזער מלוכה (די „נאַציאָנאַלע וואַרשטאַטן"), האָט די בורזשואַזע מלוכה פאַרוואַנדלט אין אַ שענדלעכער קאַריקאַטור. און ווען לואי-נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט איז פון דעם פאָלק אויסגעקליבן געוואָרן פאַר דעם פּרעזידענט פון דער רעפּובליק און האָט גענומען קאָקעטירן מיט דעם פּראָלעטאַריאַט, לאָזן אים דורכבליקן די מעגלעכקייט פון אַ „סאָציאַלן קייזערטום", האָט ער געפונען אַ שטיצע מצד פּרודאָנען, — אמת, נאָר פאַר אַ גאַנץ קליינער צייט, — בעת דער קאָמוניסט לואי בלאַן האָט זיך נאָך פריער געדאַרפט אָפּטראָגן קיין ענגלאַנד.

די טעאָרעטישע פירער פון דעם קאָמוניזם ווערן איצטער קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס, אָבער זיין באַטייט אין

דער באַוועגונג ווערט אַלץ קלענער און קלענער. אין דער אַרבעטערשאַפט וואַקסט אויס אַ געווערקשאַפטס-באַוועגונג, מיט טאָג-טעגלעכע קאַמפן פאַר קלײנלעכע טאָג-טעגלעכע אינטערעסן, וועלכע מאַרקס און ענגעלס באַגעגענען אויף גאָרנישט קיין פרײנטלעכן אופן. די סאָציאַליסטישע **טעטיקייט** פאַרנעמט זיך דווקא אין ריין-פּרודאָניסטישע וועגן. עס מערן זיך אין פראַנקרייך און בעלגיע די פּרוּוון אויפצובויען אַרבעטער-„אַסאָציאַציעס", וואָס זאָלן דעם פּראָלעטאַריאַט מאַכן עקאָנאָמיש-אומאָפּהענגיק פון דעם קאַפּיטאַליסט. דער קאָמוניזם ווערט אָפּגעשטופּט אָן אַ זייט. אַזוי גייט דאָס אָן ביז צו דעם אָנהויב פון די זעכציקער יאָרן.

אין דעם אָנהויב פון די זעכציקער יאָרן לויכט אויף אין דײטשלאַנד די אַגיטאַציע פון פערדינאַנד לאַסאַל, וואָס הייבט אָן מיט זיך אַ נייעם פּעריאָד אין דער סאָציאַליסטישער **באַוועגונג**. פערדינאַנד לאַסאַל, אַליין אַ קאָמוניסט, אַ אינטימער חבר און פרײנט פון מאַרקסן און ענגעלסן, אַרבעט אויס, צוליב אַגיטאַטאָרישע צוועקן, אַ פּראָגראַם, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ מין סינטעז פון פּרודאָניזם און לואי בלאַניזם. ער וויל פרייע אַרבעטער-קאָאָפּעראַטיוון, ווי פּרודאָן. אָבער געבויט דאַרפן זיי ווערן אויף דעם **קרעדיט**, וואָס זיי וועט געבן די **מלוכה**. די אַרבעטער דאַרפן זיך אָרגאַניזירן אין אַ באַזונדערע פּאָליטישע פּאַרטיי, אויסקעמפן דאָס אַלגעמיינע וואַל-רעכט אין אַ דעמאָקראַטישער מלוכה. זיי מוזן ווערן אַ פּאָליטישע קראַפט, — און זייער קראַפט וועט מוזן וואַקסן אַלץ מער און מער, וואָס מער עס וועט זיך אַנטוויקלען דער קאַפּיטאַליזם, און וואָס צאָלרייכער עס וועט דערפון ווערן דער פּראָלעטאַרישער קלאַס. עס וועט מוזן קומען אַ מאָמענט, ווען זיי, די אַרבעטער, וועלן קאָנען באַהערשן די געזעצגעבונג און דורכפירן יענע געזעצן, וואָס זענען נויטיק פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון דער פּראָגראַם. די נייע „לאַסאַליאַנישע" ריכטונג האָט באַלד באַקומען דעם נאָמען: „די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע".

מאַרקס און ענגעלס און זייערע אָנהענגער אין דייטש־לאַנד האָבן זיך נישט אַריינגעמישט אין אָט דער אַגיטאַציע. עס קאָן זיין, זיי האָבן זי נישט געוואָלט שטערן. זיי האָבן געוווּסט, אַז לאַסאַל שטייט אייגנטלעך מיט ביידע פיס אויף דעם באָדן פון דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" און פון יענע טעאָרעטיש־קאָמוניסטישע אונטערזוכונגען, וועלכע מאַרקס האָט אין דער צווישנצייט פאַרעפנטלעכט אין זיין „צור קריטיק דער פּאָליטישען עקאָנאָמיע". און צו טייער איז זיי געווען דער געדאַנק פון אַ זעלבשטענדיקער פּראָלעטאַרישער קלאַסן־פּאַרטיי, וואָס פירט אין ערשטער ליניע אַ פּאָליטישן קלאַסנקאַמף, זיי זאָלן שטערן אַ פּראָלעטאַרישע באַוועגונג בלויז דערפאַר, וואָס זי איז נישט קיין קלאָר אויסגעשפּראָכן קאָמוניסטישע. אָבער צושטיין צו איר האָבן זיי אויך נישט געוואָלט. צו וויכטיק איז פאַר זיי געווען דער קאָמוניסטישער ענדציל, זיי זאָלן זיך אידענטיפיצירן מיט אַ באַוועגונג, וואָס וויקלט נישט פאַנאַנדער פאַר דער גאַנצער וועלט די קאָמוניסטישע פאָן. דער נאָמען „סאָציאַל־דעמאָקראַטיע" האָט זיי מיאוס געגרילצט אין די אויערן. פון די אַלטע באַרימטע קאָמוניסטן איז נאָר משה העס, אויף לאַסאַלס איינלאַדונג, צוגעשטאַנען צו אים.

על כל פנים האָט דעמאָלט אויסגעזען, אַזוי ווי דער ריין־קאָמוניסטישער געדאַנקען־שטראָם וואָלט אינגאַנצן געוואָרן אויסגעדעמפּט אין דער סאָציאַליסטישער וועלט, דער עיקר, אין דער פּראַקטישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

די לאַגע ענדערט זיך נישט פיל, ווען באַלד נאָך לאַסאַלס טויט ווערט צונויפגערופן דער ערשטער קאָנגרעס פון דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אַסאָציאַציע", פאַר וועלכן קאַרל מאַרקס שרייבט אָן דעם דערעפענונגס־אַדרעס. צוליב דעם „איינהייטלעכן פּראָלעטאַרישן פראָנט", ווי מען וואָלט דאָס איצטער געזאָגט, רעדט דאָרטן קאַרל מאַרקס זייער פאָרזיכטיק וועגן דער צוקונפטיקער פאָרם פון דער געזעלשאַפט. דעם ריין־

קאָמוניסטישן שטאַנדפּונקט פאַרטרעט אויף דעם ערשטן קאָנגרעס משה העס. אָבער קיין גאָר גרויסן איינדרוק מאַכט ער נישט.

דער קאַמף צווישן פּרודאָניזם און מאַרקסיזם ברענט זיך ערשט שפּעטער פאַנאַנדער אין דעם אינטערנאַציאָנאַל, אויף דעם דריטן און פערטן קאָנגרעס. די פּרודאָניסטן, וואָס זענען פריער געווען אין דער מאַיאָריטעט, ווערן אַריבערגעוואויגן דורך די קאָמוניסטן, צו וועלכע עס איז, אין דער פראַגע וועגן דעם עקאָנאָמישן ענדציל, צוגעשטאַנען אויך באַקונין. פון דעמאָלט אָן קעמפט מען שוין נישט מער וועגן דעם עקאָנאָמישן ענדציל, נאָר וועגן דער פּאָליטישער זייט פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע: מען אַמפּערט זיך וועגן דער פראַגע פון אַנאַרכיזם און פּאָליטישן קאַמף. דער פירער פון דעם פּרודאָנישן אַנאַרכיזם ווערט באַקונין. דער פּרודאָניזם פאַרוואַנדלט זיך דאָס רוב אין אַ באַקוניזם, און די הויפּט־פראַגע באַשטייט שוין איצטער נישט וועגן דער עקאָנאָמישער פאָרם פון דער געזעלשאַפט, נאָר וועגן די פּאָליטישע מיטלען, ווי אַזוי זי צו דערגרייכן. רעוואָלוציאָנער אָפּשאַפן די מלוכה, אָדער דעמאָקראַטיש זי אויסנוצן? — דאָס ווערט די הויפּט־פּראָבלעם, וואָס שפּאַלט פאַנאַנדער דעם אינטערנאַציאָנאַל אין אַ אַנאַרכיסט׳ישן פליגל און — אייגנטלעך — אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישן, הגם ער האָט זיך נאָך נישט אָנגערופן מיט אָט דעם נאָמען.

וואָס איז אַזוי־בט געשען, וואָס האָט פּלוצלונג געגעבן די קאָמוניסטן די איבערוואָג איבער די פּרודאָניסטן אינם אינטערנאַציאָנאַל?

אין דער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט איז פאָרגעקומען אייניגע פון יענע שטילע פאַסירונגען, וואָס ווירקן שטאַרקער און דויערהאַפטער, איידער די לאַרעמדיקסטע רעוואָלוציעס. אין 1867 פאַרעפנטלעכט מאַרקס דעם ערשטן באַנד פון זיין קאַפּיטאַלן ווערק „דאָס קאַפּיטאַל”, וואָס מאַכט אַ געוואַלטיקן רושם סיי אויף דער סאָציאַליסטישער, סיי אויף דער נישט־

סאָציאַליסטישער וועלט. דאָס גאַנצע ווערק איז אָבער נישט קיין אַנדער זאַך, ווי אַן עקאָנאָמישע און געשיכטס-פילאָזאָפישע באַגרינדונג פון דעם קאָמוניסטישן ענדציל, וועלכן מאַרקס מאָדיפיצירט אין אַ געוויסן פּרט און פאַרוואַנדלט אים דורך דעם אין אַ קאָלעקטיוויזם.

ווי באַקאַנט, ווערט אין דעם „קאַפּיטאַל" כּמעט גאָרנישט גערעדט וועגן דער צוקונפטיקער פאָרם פון דער געזעלשאַפט. מאַרקס זאָגט זיך אָפּ פון „שרייבן רעצעפּטן פאַר דער גאָרקיך פון דער צוקונפט", אָבער דאָס הייסט נישט, אַז ער האָט נישט קיין באַשטימטן בליק אויף דעם גרונט-פּרינציפּ, וואָס וועט הערשן אין דער צוקונפט, אַנשטאָט דעם איצטיקן קאַפּי-טאַליזם. דער גרונט-פּרינציפּ איז דער קאָמוניסטישער. אין דעם פונדאַמענט פון דעם ווערק גופא, אין דער ווערט-לערע, ווערן אויסגעאַרבעט אַלע אַרגומענטן אַנטקעגן דער טעאָריע פון דעם „קאָנסטיטואירטן" ווערט, אויף וועלכער פּרודאָן האָט אויפגעבויט זיין נישט-קאָמוניסטישן סאָציאַליזם. אין דעם טעקסט גופא פּאָלעמיזירט נישט מאַרקס אַנטקעגן פּרודאָנען; ער קאָן זיך אָבער נישט איינהאַלטן צו רייצן זיך מיט אים אין די פוס-נאָטן.

מאַרקס' „קאַפּיטאַל" איז גלייך געוואָרן די „ביבל פון דעם פּראָלעטאַריאַט" פאַר ביידע ריכטונגען פון דעם אינטער-נאַציאָנאַל: דעם אַנאַרכיסטישן אַזוי גוט, ווי דעם „מאַרקסיס-טישן". אַ דאַנק דעם „קאַפּיטאַל" פאַרלירט אויך דער אַנאַר-כיזם ביי דער גרעסטער צאָל אָנהענגער זיין פּרודאָניסטיש-סאָ-ציאַליסטישן כאַראַקטער און ווערט קאָמוניסטיש. און פון דעם מאָמענט הויבט דער קאָמוניזם אָן צו ווערן דער הערשנדיקער געדאַנק אין דער סאָציאַליסטישער וועלט. פּרו-דאָניסטישע צוקונפטס-טעאָריעס לעבן נאָך, אמת, אַ געוויסע צייט אין בעלגיע און ביי די דייטשישע לאַסאַליאַנער, — אויף תּיפל זיי זענען געוועזן אריינגעאַרבעט אין לאַסאַלס פּראָגראַם. נאָך אין דעם יאָר 1875, ווען די לאַסאַליאַנער און די „איי-

זעגאַכער״ (די מאַרקסיסטן) האָבן זיך פּאַראייניקט אויף דעם קאָנגרעס אין גאָטהאַ, זענען אין זייער געמיינשאַפטלעכער קאָמפּראָמיס-פּראָגראַם אַריינגעאַרבעט געוואָרן אייניקע ריין-פּרודאָניסטישע פּרינציפּן, ווי צ. ב., די גרונט-פאָדערונג, אַז דער גאַנצער סכום פון די אַרבעטס-פּראָדוקטן זאָלן געהערן צו די, וואָס האָבן זיי אויסגעאַרבעט (דאָס „רעכט אויף דעם פולן פּראָדוקט פון דער אַרבעט״). אומזיסט האָט מאַרקס פּראָטעסטירט אַנטקעגן דעם אין אַ בריוו צו די פירער פון די „אייזענאַכער״, זיינע תּלמידים בעבעל און ליבקנעכט. די תּלמידים האָבן נישט געוואָלט פאָלגן דעם רבין נישט ווייל זיי זענען נישט געווען איינס מיט אים אין פּרינציפּ, נאָר ווייל זיי האָבן איינגעזען, אַז דער פּרודאָניזם איז סיי-ווי-סיי פאַרמשפּט צום טויט, און אַז צוליב דער איינהייטלעכקייט פון דעם אַרבעטער-קאַמף לוינט זיך נישט צו פאַרעקשנען אויף דער ריכטיקער פאָרמולירונג פון דעם צוקונפטס-פּרינציפּ.

אַ דאַנק אַט די אַלע דערשיינונגען האָט צום סוף פון די זיבעציקער יאָרן דער נישט-קאָמוניסטישער סאָציאַליזם אינגאַנצן פאַרלאָרן זיין מאַכט איבער דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק. די פאָרשטעלונגען וועגן דער צוקונפט ווערן ריין-קאָמוניסטישע. אָבער בעת דער איינהאַלט פון דעם סאָציאַליזם גיסט זיך צונויף מיט דעם קאָמוניסטישן ענדציל, פאַרשווינדט דער נאָמען „קאָמוניזם״ כּמעט אינגאַנצן פון דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור, דער עיקר, ביי דעם סאָציאַל-דעמאָקראַטישן פליגל. קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס הערן זיך אויף צו שעמען מיט דעם נאָמען סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. זייער לערע ווערט די הערשנדיקע אין אַלע לענדער, ווו עס דערוואַקסט אַ פּראָלעטאַריש-פּאָליטישע באַוועגונג. זי ווערט אָנגערופן „וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם״. און ווען אין „קאָמוניסטישן מאַניפעסט״ איז נאָר דער קאָמוניזם דערקלערט געוואָרן פאַר אַ פּראָלעטאַרישע באַוועגונג, בעת אַלע אַרטן סאָציאַליזם זענען פאַרבראַקירט געוואָרן, אַלס נישט-פּראָלעטאַריש, הייסט עס שוין

איצטער ביי ענגעלסן, אַז „דער ס אָ צ י אַ ל י ז ם איז די דאָקטרין פון דעם פּראָלעטאַריאַט״, ווייל קיין אַנדער סאָציאַליזם, אַ חוץ דעם קאָמוניסטישן, האָט שוין נישט געשפּילט קיין באַדייטנדיקע ראָלע אין דער סאָציאַליסטישער וועלט.

די אַכציקער יאָרן און ניינציקער יאָרן פון דעם פאָריקן יאָרהונדערט זענען די צייט פון דעם פּאַנאַנדערבלי פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און פון דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם. אין דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור אַמפּערט מען זיך נישט מער וועגן די גרונט-פּרינציפּן פון דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט: עס איז שוין „בדוק ומנוסה״, אַז קיין אַנדער צוקונפט אויסער די קאָמוניסטישע, ווערט פאַר דער מענטשהייט אין דער געשיכטע נישט געקאָכט. סכסוכים קומען גאָר פאָר וועגן דעם ו ע ג צו דער צוקונפט: צי דאָס זאָל זיין אַ ריין-פּאַרלאַמענטאַרישער אָדער אַ רעוואָלוציאָנערער. אָבער אָט דער סכסוך ברענגט ווידער אַרויף אויף דער אַרענע די פראַגע פון דעם ע נ ד צ י ל אין אַ גאַנץ נייער אַרט און פאָרם.

אין דעם סוף פון די ניינציקער יאָרן האָט זיך אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אַריינגעריסן דער „רעוויזיאָניזם״ אָדער דער „בערנשטייניאַניזם״. בערנשטיין און זיינע חברים האָבן פאַרלאַנגט, אַז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל זיך אָפּזאָגן פון דער „רעוואָלוציאָנערער פראַזע״ און דעם געדאַנק פון אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע.

קריטיקירנדיק דעם מאַרקסיזם, האָבן זיי אויפגעוויזן, אַז דער עקאָנאָמישער פּראָצעס גייט אין גאַנץ אַנדערע וועגן, איידער די, וועלכע מאַרקס האָט אויסגערעכנט. עס זענען איצטער נישטאָ אין דער ווירקלעכקייט אַזעלכע פּראָצעסן, וואָס זאָלן טרייבן די געזעלשאַפט צו אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע. דערהויפּט איז פאַלש די האָפענונג, אַז די מיטעלערע און קלענערע פּריוואַט-אייגנטימער וועלן פאַרשווינדן און אַז דער קאָמוניסטישער פּראָלעטאַריאַט וועט ווערן דער גרעסטער רוב

פון דער באַפעלקערונג. עס איז נישט באַוויזן, אַז פון דער איצטיקער געזעלשאַפט מוז דוקא אַרויסוואַקסן אַ קאָמוניזם. די לאַגע פון דער אַרבעטערשאַפט פאַרבעסערט זיך אַלץ מער און מער אויף אַ ריין-עוואָלוציאָנערן אופן, און זיין וואָג אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פאַרגרעסערט זיך. דער קאַפּיטאַליזם מוז זיך אַלץ מער און מער רעכענען מיט איר. וואָס פאַר אַ פאָרמען די צוקונפטיקע געזעלשאַפט וועט אָננעמען, קאָן קיינער נישט וויסן. עס קאָן געמאָלט זיין, אַז דער קאַפּיטאַ־ליזם זאָל קיינמאָל אינגאַנצן נישט פאַרשווינדן, עס קאָן זיין, אַז זיין פּלאַץ וועלן פאַרנעמען מלוכה-קאַפּיטאַליסטישע באַלע־באַטישקייטן, ווי אויך פרייע אַרבעטער-קאָאָפּעראַטיוון. עס קאָן זיין, זיי אַלע וועלן פּראָדוצירן סחורות פאַרן מאַרק, ווי איצ־טער, נאָר אונטער אַ סך בעסערע באַדינגונגען פאַר דעם אַר־בעטער, וואָס וועט קאָנען דערביי פירן אַ חשובן מענטשלעכן לעבן. מחמת אָט די טעמים דאַרף די אַרבעטער-באַוועגונג האָבן נאָר איין אויפגאַבע: זען צו פאַרבעסערן דעם אַרבע־טערס לאַגע אין דער איצטיקער געזעלשאַפט, אויף וויפל עס איז נאָר מעגלעך: דורך סאָציאַל-רעפאָרמען אין די פּאַרלאַ־מענטן, דורך דעם עקאָנאָמישן קלאַסנקאַמף אַנטקעגן די פאַ־בריקאַנטן, דורך דער עקאָנאָמישער זעלבסטהילף אין אַלערליי פרייוויליקע קאָאָפּעראַטיוון.

דעם גרונט-געדאַנק פון דעם „רעוויזיאָניזם" האָט בערנ־שטיין אַליין פאָרמולירט אין די ווערטער: „ד ע ר ע נ ד צ י ל א י ז ג אָ ר נ י ש ט ; די באַוועגונג איז אַלץ".

דער בערנשטייניאַניזם האָט אַרויסגערופן אַ העפטיקע פּאָלעמיק אַנטקעגן זיך מצד די, וואָס האָבן זיך גענומען רופן „אָרטאָדאָקסן", אָדער אַלט-גלויביקע מאַרקסיסטן. די פּאָ־לעמיק האָט געוויס אין אַ גרויסער מאָס אָפּגעשוואַכט בערנ־שטיינס אָפּטימיסטישן גלויבן אין דער פרידלעכער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט; האָט אפשר באַדייטנדיק פאַרשטאַרקט דעם גלויבן אין דער אומפאַרמיידלעכקייט פון אַ סאָציאַל-רעוואָלו־

ציאָנערן איבערקער. אָבער זי האָט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטאַרקן די פּאָזיציעס פון אַ גלויבן אין אַ קאָמוניס־טישן איבערקער.

זינט דעם פאַנאַנדערבלי פון דעם „רעוויזיאָניזם" האָט מען איבערהויפּט אַראָפּגעוואָרפן פון דער טאָג־אָרדנונג די פּראָבלעם פון אַ צוקונפטיקן איבערבוי: נישט נאָר וועגן זיינע פּרטים, — דאָס האָט שוין דער מאַרקסיזם פריער אויסגעקאַ־סירט, — נאָר אויך וועגן די הויפּט־פּרינציפּן, וואָס זאָלן אָדער וועלן אַוועקגעלייגט ווערן אין זיין יסוד, האָט מען קיינ־מאָל נישט דעבאַטירט.

אפילו פּאָר אַ סך פון די אָנגעזעענע „אָרטאָדאָקסן" זע־נען אָט די אַלע פּראָבלעמען געוואָרן אַ „תּיקו", וואָס נאָר „אליהו הנביא" וועט קאָנען פאַרענטפערן אין די „משיחס־צייטן". און ווען אין דעם יאָר 1907 האָט דער פירער פון דעם האָלענדישן פּראָלעטאַריאַט טרולסטראַ אויפגעהויבן אויף אַ סאָציאַליסטישער אינטערפּאַרלאַמענטאַרישער קאָנפערענץ די פראַגע וועגן אויסאַרבעטן גרונט־פּרינציפּן פאַר אַ ריין־ס אָ־ציאַליסטישער געזעצגעבונג, האָט דער פאָרשלאַג אַרויס־גערופן אַ גאַנץ שאַרפע קריטיק מצד אַזאַ ליידנשאַפטלעכן קעגנער פון דעם „רעוויזיאָניזם", ווי וויקטאָר אַדלער. און אפילו אַזאַ „אָפּאָרטוניסט", ווי זשאָרעס, וואָס האָט פאַרטיידיקט דעם פאָרשלאַג, האָט אויך נישט געקאָנט רעדן אַנדערש וועגן דעם ענין, ווי מיט אַ לייכטן שמייכל אויף די ליפּן. אַדלערס טענה איז געווען: עס איז נאָך צו פרי צו טראַכטן וועגן אַזעלכע זאַכן. מיט די פּראָבלעמען פון דעם סאָציאַלן איבער־בוי וועלן זיך דאַרפן פאַרנעמען אונזערע קינדער, אפשר אונ־זערע קינדס־קינדער. לאָמיר דאָס איבערלאָזן פאַר זיי. מיר קאָ־נען סיי־ווי־סיי נישט וויסן, מיט וואָס עס וועט זיך ענדיקן דער קאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט אַנטקעגן דער בורזשואַזיע*).

*) זע די אינטערעסאַנטע איינצלהייטן וועגן דעם אין דעם אַרטיקל „דער שטוטגאַרטער קאָנגרעס", מיינע געז. שר. זיבעטער באַנד. ז. 171—174.

איר זעט: מיט נישט מער ווי אַ פופצן יאָר צוריק, האָבן די בעסטע פאַרטרעטער פון דעם אַלוועלטלעכן פּראָלע־טאַריאַט נאָך גאר קיין ברעקל אַנונג נישט געהאַט, אַז די פּראָבלעמען פון אַ סאָציאַליסטישן אויפבוי קאָנען אָנהויבן האַסטיק און אומגעדולדיק קלאַפּן אין טיר. טרוצקי שטעלט אַוועק זיין פראַגע, ווי אַ „הילכתא למשיחא”. זשאָרעס, וואָס אינטערעסירט זיך מיט איר, וואָס האָט שוין אַזויפיל געטראַכט וועגן איר, קאָן נישט רעדן וועגן איר אָן אַ גוטמוטיקן הומאָר: „צום גליק פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם סאָציאַליזם”, זאָגט ער, „האָט ער נישט געקאָנט אויסאַרבעטן די פּראָיעקטן פאַר אַ סאָציאַליסטישן איבערבוי פון דער איצטיקער סיסטעם”; און אַ טיף־טרויעריקער ערנסט קלינגט אַרויס פון אַדלערס רייד, וואָס זעט פאַר זיך נישט אַפילו דעם אָנהויב פון יענעם סאָ־ציאַליסטישן וועג, אויף וועלכן די מענטשהייט וועט דאַרפן אַרויפטרעטן נאָך דעם נצחון פון דעם פּראָלעטאַריאַט, און אָט דער טיף־טרויעריקער ערנסט איז געווען די גרונט־שטימונג, וואָס האָט באַהערשט די אינטערפּאַרלאַמענטאַרישע קאָנפערענץ.

און קיינעם פון אירע אָנטיילנעמער האָט זיך אין יענער צייט אַפילו נישט געחלומט, אַז עס וועלן נישט אַריבער קיין צען יאָר, און דער טאָג־טעגלעכער פּאַמעלעכער גאַנג פון דער סאָציאַלער עוואָלוציע וועט פּלוצים און קאַטאַסטראָפאַל איבער־געריסן ווערן; אַז עס וועט אויסברעכן אַ וועלט־קריג, וואָס וועט פאַנאַנדערשאָקלען אַלע יסודות פון דעם איצטיקן געזעל־שאַפטלעכן זיין; אַז אין אַ פולע מעכטיקע מלוכות, — אין רוסלאַנד, דייטשלאַנד און אונגאַרן, — וועלן אויסברעכן רעוואָ־לוציעס, וואָס וועלן איבערגעבן די מלוכהשע מאַכט אין די הענט פון די אַרבעטנדיקע שיכטן און פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען; אַז אין רוסלאַנד, — דעם לאַנד מיט הונדערט מיל־יאָן איינוווינער, וועט אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי קאָנען אָנהאַלטן איר הערשאַפט אַ לענגערע צייט; אַז זי וועט געצוווּנגען זיין צו טאָן דאָס, וואָס אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי מוז טאָן,

ווי נאָר זי ווערט אָוועקגעשטעלט ביים רודער; אַז זי וועט מוזן זיך נעמען איבערבויען דעם אָקרענט אין דעם רעכטן מיטן פון אַ ברויזנדיקן ציקלאָנישן שטורעם; אַז זי וועט דאָס מוזן טאָן אָן אַ וועלכן עס איז פון פריער אויסגעאַרבעטן פלאַן, אָן וועלכע עס איז פון פריער צוגעגרייטע מאַטעריאַלן.

עס גייט נישט אַריין אין די ראַמען פון מיין היסטאָרי-שער איינלייטונג, אָפּצושאַצן די קאָמוניסטישע עקספּערימענטן פון די רוסישע באָלשעוויקעס. פאַר דער איצטיקער צייט האָבן זיי זיך פאַרענדיקט מיט אַ דורכפאַל. אָבער מיר האָבן לײדער נישט קיין גענוג זיכערן, אומפּאַרטייאיש-אויסגעשטודירטן מאַ-טעריאַל, כדי אויסצוגעפינען, וואָס זענען געווען די אמתע אור-זאַכן פון דעם דורכפאַל: די קאָמוניסטישע צילן, וועלכע זיי האָבן זיך געשטעלט? דער מענטשן-מאַטעריאַל, מיט וועלכן זיי האָבן געדאַרפט בויען דעם קאָמוניזם? די אפשר נישט ריכטיקע וועגן און מעטאָדן, ווי אַזוי זיי זענען צוגעטרעטן צו דער אויפגאַבע און האָבן געפּרוווט דורכפירן זי? אָדער גאָר די אויסערע אומשטענדן פון דעם אויפגעברויזטן ציקלאָ-נישן וועלט-שטורעם, אין וועלכן די איבערבוי-אַרבעט האָט גע-מוזט פאָרקומען, — די אויסערע אומשטענדן, וואָס האָבן גע-מוזט פירן דערצו, אַז דער ריכטיקסטער ענדציל האָט ביי דעם בעסטן מענטשן-מאַטעריאַל און די קליגסטע וועגן און מעטאָדן בשום אופן נישט געקאָנט פאַרווירקלעכט ווערן?

דער באָלשעוויסטישער עקספּערימענט אין רוסלאַנד וועט דאַרפן אויסגעפאָרשט ווערן אין אַלע זיינע פאַזן און דעטאַלן. ערשט דעמאָלט וועט מען קאָנען אַרויסטראָגן דעם לעצטן שלוס וועגן איס. אָבער איין זאַך איז זיכער: מיט וואָס ער זאָל זיך נישט האָבן געענדיקט (אָדער ענדיקן, ווייל אפשר שטייט ער נאָך גאָרנישט ביי זיין סוף); וואָס זיינע רעזולטאַטן זאָלן נישט זיין פאַר דעם אוממיטלבאַרן פאַרווירק-לעכן פון דעם סאָציאַליזם אין רוסלאַנד, — איין זאַך, זאָג

איך, איז זיכער : דער באָלשעוויזם האָט אױפֿגעשטעלט די פּראָבלעם פֿון דער פּראַקטישער סאָציאַליסטישער בױ-אַרבעט אויף דעם סדר היום פֿון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק, און דערמיט גופא האָט ער ווידער געמאַכט ברענענדיק און אַקטועל די אַלטע פּראָבלעמען וועגן סאָציאַליזם און קאָמוניזם, וואָס האָבן באַשעפטיקט דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק אין די פֿערציקער יאָרן, ווען מאַרקס האָט אַריבערגעצויגן די וואָג צום גונסטן פֿון קאָמוניזם אַנטקעגן דעם פּרודאָניסטישן סאָציאַליזם.

שוין איצטער מערקט זיך ווידער אַ פֿאַנאַנדערשיידונג פֿונם סאָציאַליסטישן פּראָלעטאַריאַט אין צוויי פֿליגלען: דרויסן פֿון דער אָפֿיציעלער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער באַוועגונג האָבן זיך אויסגעבילדעט ריכטונגען, אין וועלכע עס זענען ווידער אויפֿגעלעבט געוואָרן אַ סך ריין-פּרודאָניסטישע גרונט-פּרינציפּן. מיר האָבן דאָ אין זין דעם פֿראַנצויזישן „סינדיקאַליזם" און דעם ענגלישן „גילד-סאָציאַליזם", וואָס זענען פֿיינטלעך צו אַ צענטראַליסטיש - געפֿירטער, אַלגעמיינער און איינהייטלעכער באַלעבאַטישקייט, ווי דאָס פֿאַרלאַנגט דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער קאָמוניזם.

פֿון דער אַנדער זייט האַלט די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע גופא ביים פֿאַנאַנדערשפּאַלטן זיך אין אַ קאָמוניסטישער און סאָציאַליסטישער ריכטונג.

אמת : דער פֿאַנאַנדערשפּאַלט קומט נאָך נישט פֿאָר אויף יענער ליניע, אויף וועלכער עס איז געלעגן דער קעגנזאַץ צווישן די פּרודאָנישע סאָציאַליסטן פֿון איין זייט, די קאָמוניסטן מיט מאַרקסן בראש פֿון דער אַנדערער. מען אַמפּערט זיך נאָך אַלץ, ווי אין די צייטן פֿון דער בערנשטיין-דעבאַטע : וועגן דעם וועג צו דעם ענדציל, וועגן דער טאַקטיק פֿון אַ סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין דער איצטיקער צייט, וועגן די בעסטע מעטאָדן, ווי אָנצופּאַלן אויף דעם קאַפּיטאַליזם און ווי צו פֿאַרניכטן אים. מען רעדט אָבער נאָך נישט וועגן דעם

ע נ ד צ י ל  ג ו פ א, ד. ה. וועגן יענעם גרונט-פּרינציפּ, וואָס דאַרף פאַרבייטן דעם קאַפּיטאַליזם.

דאָס וועט אָבער באַלד מוזן ווערן אַנדערש. דער באָלשעוויזם האָט אַוועקגעשטעלט פּראָבלעמען און זיי וועלן מוזן פאַרענטפערט ווערן.

קלאָר און דייטלעך האָט ער אַרויסגעזדונערט אין דער וועלט זיין שטאַנדפּונקט: א) אונזער ענדציל דאַרף זיין דער קאָמוניזם; ב) פאַרווירקלעכט דאַרף ער ווערן דורך דער רעוואָלוציאָנערער דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט, — ווי נאָר די מלוכהשע מאַכט פאַלט אַריין אין זיינע הענט, אַלץ איינס, צי ער בילדעט אַ מאַיאָריטעט אָדער אַ מינאָריטעט פון דער באַפעלקערונג; ג) די פּאָליטישע פאָרם פון יענער דיקטאַטור דאַרף זיין דעם ס אָ וו י ע ט י ז ם.

דאָס זענען די דריי פונדאַמענטאַלע באַהויפּטונגען פון דעם באָלשעוויזם, און יעדער איינער, וואָס וויל באַשטימען, צי ער איז אַ באָלשעוויק, אַ קאָמוניסט, אַן אָנהענגער פון דעם דריטן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אָדער נישט, וועט מוזן קודם כל באַשטימען, צי ער קאָן מסכים זיין מיט די דריי פונדאַמענטאַלע פונקטן, אָדער נישט.

מען קאָן זיך שוין מער נישט אַרויסדרייען פון דעם ענין מיט אַדלערס טענות: נישט מ י ר וועלן דאַרפן פאַרענטפערן אָט די פּראָבלעמען; לאָזט דאָס איבער פאַר אונזערע קינדער און קינדס-קינדער.

קיינער ווייס נישט, ו ע ר עס וועט דאַרפן פאַרענטפערן זיי און ווען דאָס וועט דאַרפן געטאָן ווערן. עס קאָן זיין — מ י ר; עס קאָן זיין — מ אָ ר ג ן.

דער מאָדערנעם סאָציאַליזם נויטיקט זיך נאָך מער, ווי אין בערנשטיינס צייטן, אין אַ גרינטלעכער רעוויזיע. אָבער קודם כל וועט ער דאַרפן רעווידירן יענעם פעלער זיינעם, וואָס ער האָט אויף דער סאָציאַלער רעוואָלוציע געקוקט ווי אויף אַ „הלכתא למשיחא״, ווי אויף אַ ווייטער צוקונפטס-אויפ-

גאַבע, וועלכע דאַרף פּראַקטיש באַשעפטיקן אונזער׳ע אייניקלעך אָדער אור-אייניקלעך.

דער נייער סאָציאַליזם וועט מוזן איינזען, אַז דאָס, וואָס מען האָט אין דעם לעצטן פערטל פון דעם נײַנצנטן יאָרהונדערט אפשר געמעגט באַטראַכטן פאַר אַ ווייטער צוקונפט, האָט זיך שטאַרק צוגערוקט צו אונז אין דעם ערשטן פערטל פון דעם צוואַנציקסטן, אויב דאָס קלאַפּט שוין נישט העפטיק אין אונזערע טירן.

ער וועט נישט קאָנען פאַרמאַכן די אויגן אויף דעם פאַקט, אַז אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע קאָן דאָ אָדער דאָרטן זיך אַרויסרייסן אומגעריכטערהייט; אַז די גאַנצע מלוכהשע מאַכט קאָן אַרייַנפאַלן אין דעם שויס פון דעם פּראָלעטאַריאַט, אפשר ווי נישט גאָר קיין אויסגעצײַטיקטע פרוכט פון אַ בוים, וואָס ווערט געטרייסלט אין אַ שטורעם-ווינט; אַז פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט וועט אויסוואַקסן די אויפגאַבע אַליין אָנצופירן דעם גאַנצן פּראָצעס פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן; אַז ער וועט אָוועקגעשטעלט ווערן פאַר דער ברירה, אָדער אָנצופירן דעם פּראָצעס אין אַ סאָציאַליסטישן גייסט צוליב דער פאַרווירקלעכונג פון זיינע סאָציאַליסטישע ענדצילן, אָדער אַליין, מיט די אייגענע הענט, ווידער איבערגעבן אַלע פּאָזיציעס אין די הענט פון דער בורזשואַזיע; אַליין מיט די אייגענע הענט צוריק אַרויפצווועצן אויף זיינע יענע אַקסלען יענע שונאים זיינע, וועלכע דער שטורעם-ווינט האָט אָט ערשט אַראָפּגעשליידערט, און אַז עס לייגט זיך גיכער אויפן שכל, דער פּראָלעטאַריאַט זאָל נ י ש ט מרוצה זיין ווידער אָנצוטאָן אויף זיך דעם יאָך, פון וועלכן ער האָט זיך אָט ערשט באַפרייט.

פאַר דעם גאַנצן סאָציאַליזם וועלן ווערן ברענענדיק און אַקטועל אַלע יענע פּראָבלעמען פון אַ ריין-קאָנסטרוקטיוון סאָציאַליזם, וואָס זענען פריער אויסגעלאַכט געוואָרן, ווי אוטאָפּיסטישע צוקונפט-מוזיק, און וואָס זענען שוין איצטער געוואָרן ברענענדיק און אַקטועל ביי אַ גרויסער טייל פון דעם רעוואָלו-

ניאָנער-געשטימטן אַרבעטער-קלאַס. ער וועט דאַרפֿן פֿאַרענט-פֿערן די דריי פּראַגן, וועלכע דער באָלשעוויזם האָט אַוועקגע-שטעלט פֿאַר דער סאָציאַליסטישער וועלט.

אין דער ערשטער ליניע וועט אָבער דאַרפֿן פֿאַרענט-פֿערט ווערן די הויפּט-פּראַגע פֿון די דריי׳ די פֿראַגע וועגן דעם ענדציל, ווי מיר האָבן זי פֿאָרמולירט אין דעם אָנהויב פֿון אונזער איצטיקער אַרבעט: וואָס זאָל זיין אונזער ענד-ציל? דער סאָציאַליזם? דער קאָמוניזם? אין וואָס גייען זיי זיך פֿאַנאַנדער? ווער פֿון זיי איז גערעכט? און אויב אפשר ביידע, חלילה, אומגערעכט, אָדער נישט אינגאַנצן גערעכט: וועלכער אַנדערער פּרינציפּ זאָל ווערן אונזער ענדציל?

ווי געזאָגט: פֿון די פּראַגן קאָן מען זיך שוין איצטער נישט אויסדרייען. זיי מוזן פֿאַרענטפֿערט ווערן, כּדי דעם זיג-רייכן סאָציאַליזם, — דאָרטן, ווו ער וועט זיין זיגרייך, — זאָל נישט אויסקומען צו אַרבעטן אונטער דיזעלביקע באַדינגונגען, וואָס די באָלשעוויקעס: נעמען איבערבויען דעם אָקרענט אין רעכטן מיטן ציקלאָנישן שטורעם, אָן אַ וועלכן עס איז פֿירנדיקן פּלאַן, אָן אַ וועלכער עס איז פֿאָרבאַרייטונג.

געוויס קאָן עס דערביי נישט גיין אין אויסאַרבעטן דע-טאַלן און פּראַקטישע איינצלנע בוי-פּלענער, אין וועלכע די פֿאַר-פּרודאָן-מאַרקסיסטישע ליטעראַטור איז געווען אַזוי רייך, ווי נוצפֿול עס וואָלט נישט געווען גריינטלעך נאָכאַמאָל דורכ-צואַרבעטן יענע ליטעראַטור; ווי וואַרשיינלעך עס זאָל נישט זיין, אַז אייניקע פֿון יענע בוי-פּלענער האָבן נאָך עד-היום נישט פֿאַרלאָרן זייער פּראַקטישן ווערט, איז די הויפּטזאַך איצטער — נישט די דעטאַלן און איינצלהייטן, נאָר די אַלגע-מיינע בוי-פּרינציפּן, וואָס דאַרפֿן געבן די הויפּט-ריכטונג פֿאַר דער אַרבעט פֿון דעם איבערבוי.

אויב עס זאָל זיך אַרויסשטעלן, אַז דער סאָציאַליזם און דער קאָמוניזם גייען זיך פֿאַנאַנדער אין זייערע פֿונדאַמענטאַלע

בוי-פּרינציפּן, דעמאָלט ערשט קאָן אַרויסגעבראַכט ווערן דער טעאָרעטישער גרונט פאַר יענער פ ר אַ ק ט י ש ע ר פאַנאַנדערשיידונג, וואָס קומט פאַר פאַר אונזערע אויגן: די פאַנאַנדערשיידונג פון דער אַרבעטער-באַוועגונג אין אַ קאָמוניסטישן און אַ סאָציאַליסטישן לאַגער.

און אויב די קריטישע דורכאַרבעטונג פון די בוי-פּרינציפּן זאָל אַרויסברענגען, אַז זיי ביידע זענען איינזייטיק און האַלטן נישט אויס קיין קריטיק אין זייער איינזייטיקייט, איז דעמאָלט קאָן אפשר געמאָלט זיין, אַז זיי לאָזן זיך ביידע פאַראייניקן אין אַ העכערן פּרינציפּ, וואָס פאַרבינדט האַרמאָניש אַלע זייערע מעלות, און פאַרענטפערט אויף אַזאַ אופן אַלע יענע פּראַקטישע לעבנס-נויטן, פון וועלכע ביידע פּרינציפּן שטאַמען אָפּ.

אָט דער העכערער בוי-פּרינציפּ קאָן דעמאָלט ווערן דער ג ע מ יי נ ש אַ פ ט ל ע כ ע ר ציל סיי פאַר די סאָציאַליסטן, סיי פאַר די קאָמוניסטן. אָט דאָס זענען די נייע פּראָבלעמען, וועלכע די נייע צייט שטעלט אַוועק פאַר דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק.

אונזער איצטיקע אַרבעט וויל בשום אופן נישט פּרעטענדירן אויסצושעפּן זיי ביז צום גרונט. מיר האָפן אָבער, אַז עס וועט זיך אונז איינגעבן אָנצומערקן זייערע הויפּט-פּונקטן און אָנווייזן אויף דעם וועג, אויף וועלכן זיי קאָנען פאַרענטפערט ווערן.

II

## קאָאָפּעראַטיווער סאָציאַליזם

פון דעם געשיכטלעכן איבערבליק האָבן מיר געזען, אַז ס'איז דאָ אַ גרויסע נפקא מיניה צווישן דעם סאָציאַליזם און דעם קאָמוניזם און אַז אָט די נפקא מיניה איז שוין קלאָר

אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין די פּערציקער יאָרן פון דעם פאָ-ריקן יאָרהונדערט אין די ווערק פון פּרודאָנען און לואי בלאַנען.

אין פּרודאָנס אַרבעטן האָט זיך אויפן קלאָרסטן אופן אויסגעדריקט דער ריין-סאָציאַליסטישער געדאַנקען-גאַנג. לואי בלאַן איז געווען דורך און דורך באַהערשט פון דעם קאָמוניסטישן בוי-פּרינציפּ, וועלכן ער האָט געטיילט מיט אַ סך אויסגעשפּראָכענע קאָמוניסטן פון זיין צייט און פון די פריערדיקע יאָרן.

געדאַנקלעך צווישן דער קאָמוניסטישער ריכטונג און פּרו-דאָנען זענען געשטאַנען די איבעריקע מיטצייטלער און פאָר-געגנגער זייערע, וואָס האָבן זיך גענויגט אָדער צו דעם סאָציאַ-ליסטישן בוי-פּרינציפּ אָדער מער צו דעם קאָמוניסטישן, אַריינ-אַרבעטנדיק אין זייערע סיסטעמען אין אַ פאַרשיידענער פּראָ-פּאָרציע די גרונט-אידייען פוןביידע ריכטונגען.

אין וואָס איז באַשטאַנען דער טיפסטער חילוק צווישן דעם ריין-סאָציאַליסטישן בוי-פּרינציפּ, ווי ער טרעט אַרויס ביי פּרודאָנען, און דעם ריין-קאָמוניסטישן בוי-פּרינציפּ, ווי ער ווערט דורכגעפירט ביי לואי בלאַנען און די אַנדערע קאָ-מוניסטן ?

ביידע סיסטעמען האָבן געשטרעבט צו דער פולער באַ-פרייאונג פון דעם אַרבעטער-קלאַס, צו דער אַבסאָלוטער אָפּ-שאַפונג פון דעם קאַפּיטאַליזם און דער לוין-אַרבעט, צו דעם אויפבוי פון אַ געזעלשאַפט-אָרדענונג, אין וועלכער די אייגענע אַרבעט זאָל געבן דאָס רעכט אויף דעם גענוס פון די געשאַפענע רייכטימער.

זיי זענען זיך אָבער פאַנאַנדערגעגאַנגען אין דעם הויפּט-ציל, צוליב וועלכן אַזאַ געזעלשאַפט דאַרף זיין אויפגעבויט.

פאַר דעם סאָציאַליזם איז געווען די הויפּט-זאַך: אָפּשאַפן עקספּלואַטאַציע. די געזעלשאַפט דאַרף זיין אַזוי אָרגאַניזירט, אַז קיינער זאָל נישט קאָנען לעבן אויף דעם אַנדערנס חשבון, יעדער איינער זאָל קאָנען

געניסן אַ לע פּרוכטן פון זיין אַרבעט און אין דערזעלביקער צייט זאָל קיינער נישט קאָנען אַרויפלייגן קיין וועלכע עס איז קייטן אויף דעם אַרבעטנדיקן מענטשן. די אַבסאָלוטע פרייהייט און די אַבסאָלוטע עקאָנאָמישע זעלבשטענדיקייט פון דעם אַר־בעטער, — דאָס איז געווען פּרודאָנס הויפּט־ציל. די אַרבעט דאַרף זיין פריי, פון קיינעם נישט געצווונגען. יעדער מענטש אַרבעט ווען און וויפל ער וויל. זיין גאַנצע אַרבעטס־צייט געהער אים אַליין. עס געהערן אים אַליין, אין פּריוואַט־אייגנטום, אי די געצייג, מיט וועלכע ער אַרבעט, אי די פּראָדוקטן, וועלכע ער ברענגט אַרויס. דעם לוין פאַר זיין אַרבעט באַקומט ער אויף דעם פרייען מאַרק, וווּ ער פאַרקויפט זיינע פּראָדוקטן, לויט זייער אמתן ווירקלעכן ווערט ד. ה. לויט דעם סכום אַרבעט, וואָס איז אַריינגעטאָן געוואָרן אין זיי. און פאַר דעם מקח, וואָס ער וועט באַקומען אויפן מאַרק פאַר זיינע פּראָדוקטן, וועט ער קאָנען באַקומען אַנדערע פּראָ־דוקטן, פון דעמזעלביקן ווערט, ווי זיינע, ווייל אין זיי וועט אויך נישט שטעקן קיין אַנדער סכום מענטשלעכע אַר־בעט, איידער אין זיינע.

ס'איז אמת, אַז אונטער די באַדינגונגען פון דעם איצ־טיקן מאַרק קאָן אַזאַ אַבסאָלוטע גערעכטיקייט אין דעם אויס־בייט פון פּראָדוקטן לויט זייער אינעווייניקסטן אַרבעטס־ווערט גאָר נישט פאָרקומען. כּל זמן עס דאַרף פון איר אַראָפּגעצויגן ווערן אַ חלק פאַר די קאַפּיטאַליסטן, די לענדלאָרדס און די סוחרים; כּל זמן די מענטשן גופא זענען נאָך אַזוי פאַרשיידן אין זייער גייסטיקער אויסבילדונג, אַז דער מענטשלעכער ווערט פון דעם אַרבעטנדיקן המון שטייט אַ סך נידעריקער, איידער דער מענטשלעכער ווערט פון די געבילדעטע קלאַסן, קאָנען די סחורות, וואָס ווערן באַשאַפן פון זיי, נישט רעאַליזירן דעמזעלביקן אַרבעטס־ווערט. אַ שעה אַרבעט פון אַן אינזשיניער ווערט באַצאָלט אַנדערש, איידער אַ שעה אַרבעט פון אַ פּשוטן בעל־מלאכה.

דאָס שטאַמט דערפון, מיינט פּרודאָן, וואָס דער אַרבעטס-ווערט פון די מענטשלעכע פּראָדוקטן האָט זיך נאָך נישט לגמרי „ק אָ נ ס ט י ט ו א י ר ט". אין דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט, וואָס וועט באַשטיין נ אָ ר פון אַרבעטער און ווו אַלע וועלן שטיין אויף דערזעלביקער הויך פון גייסטיקער אויסבילדונג, וועט אַ שעה פון איין אַרט מענטשלעכער אַרבעט נישט קאָנען זיין מער ווערט, אָדער ווייניקער ווערט, איידער אַ שעה פון אַן אַנדער אַרבעט. עס וועט אַריינטרעטן דער פּעריאָד פון אַ „קאָנסטיטואירטן" אַרבעטס-ווערט. די איצטי-קע געלט-סיסטעם, פון וועלכער עס שטאַמען אַזוי פיל צרות, וועט פאַרביטן ווערן אויף אַן אַנדער געלט-סיסטעם, דער סיס-טעם פון א ר ב ע ט ס - געלט: פּשוטע קוויטלעך, וואָס ווייזן אָן, אַז זיי זענען אָנווייזונגען אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער סכום פון מענטשלעכער אַרבעטס-צייט.

מיט דעם אַריינטריט פון דעם „קאָנסטיטואירטן ווערט" און פון דעם אַרבעטס-געלט וועט אויך מוזן אַריינטרעטן אַ פּעריאָד פון אַבסאָלוטער ג ע ר ע כ ט י ק יי ט אין דעם אויס-בייט פון סחורות און ממילא אויך אין דער פאַרטיילונג פון אַלע אויסגעאַרבעטע גיטער. יעדער איינער וועט באַקומען פון דעם מאַרק פּונקט אַזויפיל, וויפל עס איז ווערט דער פּראָדוקט פון זיין אייגענער אַרבעט. עס וועט אָפּהענגען פון אים אַליין, פון דעם פרייען אַרבעטער, צי ער וויל אַרבעטן מער אָדער אַרבעטן ווייניקער און ממילא באַקומען מער אָדער באַקומען ווייניקער.

דאָס הייסט נאָך נישט, פאַרשטייט זיך, אַז פּרודאָן וויל, יעדער אַרבעטער זאָל זיך אַרבעטן פ א ר ז י ך, אונטער זיין פייגנבוים און אין זיין ווייגאָרטן. פּרודאָן ווייס גאַנץ גוט, ווי אָפּצושאַצן די „אידייע" פון קאָאָפּעראַציע. און אין דער צו-קונפט וועט דאָס אויך יעדער אַרבעטער פאַרשטיין. דער ק אָ אָ פּ ע ר א ט י וו וועט זיין דער הערשנדיקער טיפּ אין דעם צוקונפטיקן עקאָנאָמישן לעבן. אָבער עס וועט נישט זיין

קיין צוואַנג צו אַרבעטן דווקא אין אַ קאָאָפּעראַטיוו. די איינצל־ווירטשאַפט ווערט נישט פאַרווערט. דער אַרבעטער בלייבט אַ פרייער אַרבעטער. ער בלייבט דער אַבסאָלוטער אייגנטימער פון זיין אַרבעטס־צייט און ממילא פון אַלץ, וואָס ער קאָן אַרויסברענגען מיט איר הילף. לוינט אים, בלייבט ער אין דעם קאָאָפּעראַטיוו, לוינט אים נישט, טיילט ער זיך אויס, באַקומט וואָס אים קומט, לויט דער אַרבעטס־צייט, וואָס ער האָט אין אים אַריינגעלייגט, ווי זיין חלק, און קאָן אָנהויבן אַרבעטן פאַר זיך אַליין.

ווי מען זעט פון אָט דער סקיצע, שאַפט דער פּרודאָנישער סאָציאַליזם נישט אָפּ: נישט די *איינצל־ווירטשאַפט*, נישט דעם *פּריוואַט־אייגנטום* אויף די מיטלען, געצייג און די פּראָדוקטן פון דער אַרבעט, נישט די פּראָדוקציע פון *סחורות*, נישט דעם *קויף־און־פאַרקויף* אויפן מאַרק, נישט דעם פּרינציפּ פון *געלט*, ווי אַן אויסבייט־מיטל, נישט די *קאָנקורענץ* צווישן די איינצלנע אַרבעטער, און ממילא אויך נישט די *אומגלייכקייט* אין דער פאַרטיילונג פון דעם געזעלשאַפטלעכן רייכטום. אין אַ פּרודאָניסטיש־סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט קאָנען געמאָלט זיין שאַרפע אונטערשיידן אין דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די איינצלנע אַרבעטער: דער, וואָס אַרבעט פיל און שפּאָרט אָפּ אַ סך, קאָן אָנזאַמלען אַ געוויסן רייכטום, און קאָן זיך באָדן אין כל טוב. דער, וואָס אַרבעט ווייניק, וועט זיך מוזן באַנוגענען מיט אַ לעבן אין דחקות.

מען קאָן פרעגן: מיט וואָס איז דאָס *סאָציאַליזם*?

דער ענטפער דערויף איז, אַז סאָציאַליזם איז דאָס דערמיט, וואָס פּרודאָן לייגט די גאַנצע געוויכט פון זיין בוי־פּרינציפּ אויף דעם *עיקר* פון סאָציאַליזם: אויף דער אָפּשאַפונג פון *קאַפּיטאַליזם*, אויף דער אָפּשאַפונג פון *לוין־אַרבעט*, אויף דער אָפּשאַפונג פון *עקספּלואַטאַציע*, פון לעבן אויף דעם חשבון פון „מערוועךט“

(ווי מאַרקס האָט דאָס שפּעטער אָנגערופן), ד. ה. אויף דעם חשבון פון פרעמדער אַרבעט. ער בויט-אויף די אַבסאָלוטע אומאָפּהענגיקייט פון דער מענטשלעכער אַרבעט און אַ לעבן, געשטיצט נאָר אויף איר. עס קאָן דערביי אַרויסקומען אַן אומגלייכקייט אין די עשירות. אָבער דאָס איז נישט קיין מוז: זאָלן אַלע אַרבעטן גלייך, וועלן זיי אַלע געניסן פון דעם רייכטום אין אַ גלייכער מאָס. די מעגלעכע אומגלייכקייט איז דאָ דער פּרייז, וואָס ווערט געצאָלט פאַר דער אַבסאָלוטער פרייהייט און זעלבשטענדיקייט.

גאַנץ אַנדערש פּאַסט אויף דעם באַטייט און דעם לעצטן צוועק פון דעם סאָציאַלן איבערקער דער קאָמוניזם.

אויך אין דעם קאָמוניזם ווערט, פאַרשטייט זיך, נישט אָנגעגריפן דער עיקר פון סאָציאַליזם, די אָפּשאַפונג פון עקספּלואַטאַציע, פון אַ לעבן אויף דעם חשבון פון דעם אַנדערנס אַרבעט. אָבער בעת פאַר פּרודאָנען איז די הויפּט-זאַך — די עקאָנאָמישע זעלבשטענדיקייט און פרייהייט פון דעם איינצלנעם אַרבעטער, איז פאַר דעם קאָמוניזם די הויפּט-זאַך: די אַבסאָלוטע עקאָנאָמישע גלייכקייט פון אַלע אַרבעטער אין דער געזעלשאַפט, אָדער, ווי קאַבע האָט ליב דאָס אָנצורופן: „די ברידערלעכקייט".

דער קאָמוניזם שטרעבט קודם-כל דערצו, אַז אין דער געזעלשאַפט זאָלן פאַרשווינדן אַלע אונטערשיידן פון אָרים און רייך. קיין מענטש טאָר נישט האָבן קיין שום עקאָנאָמישע פּריווילעגיע איבער אַן אַנדער מענטשן. אָבער אַזאַ אידעאַל פון אַבסאָלוטער גלייכקייט קאָן דורכגעפירט ווערן נאָר דעמאָלט, ווען עס זאָל אָפּגעשאַפט ווערן יעדע אַרט פּריוואַט-אייגנטום אין דער פּראָדוקציע און אין דעם פאַרטיילן פון די פּראָדוצירטע גיטער.

לאָמיר דאָ באַמערקן, אַז דער אמתער ריינער קאָמוניזם באַגנוגנט זיך נישט מיט די ספערעס פון פּראָדוקציע און פאַרטיילונג. ער שאַפט אָפּ פּריוואַט-אייגנטום אפילו אויף

יעגע גיטער, וואָס די געזעלשאַפט האָט שוין פאַרטיילט צווישן אירע מיטגלידער צום פאַרברויך. די אַלט-קריסטלעכע קאָמוניסטן האָבן געלערנט, אַז אַ שטיקל אכילה, וואָס אַ מענטש האָט שוין אַריינגענומען אין מויל אַריין, קאָן נישט באַטראַכט ווערן ווי זיין פּריוואַט-אייגנטום. דאָס וויל זאָגן, אַז ווען איינער זאָל אַרויסרייסן יענץ שטיקל אכילה פון מויל און עס אַליין אויפעסן, וועט ער דערמיט באַגיין אַ קרימינעלן פאַרברעך פון פּאַרגוואַלטיקונג, אָבער נישט קיין פּריוואַט-רעכטלעכן פאַרברעך פון אָנרירן איינעמס אייגנטום-רעכט: נישט אַ אַזאַ זאַך, ווי אייגנטום און אייגנטום-רעכט.

דער קאָנסעקווענטער קאָמוניזם פון די עלטערע קריסטן האָט געלייקנט, איינער זאָל האָבן אַ רעכט אויף וועלכע עס איז מאַטעריעלע גיטער, אויף עפּעס אַזוינס, וואָס ליגט מחוץ פון מענטשלעכן קערפּער. אַלע גיטער, וואָס געפינען זיך אין אַ געזעלשאַפט, געהערן צו דער גאַנצער געזעלשאַפט, און קיין איין גוט קאָן נישט געהערן צו קיינעם נישט באַזונדער, אונטער קיין שום אומשטענדן און באַדינגונגען.

דער מאָדערנער קאָמוניזם האָט זיך שוין פון לאַנג אָן אָפּגעזאָגט פון אַזאַ שטרענגער קאָנסעקווענץ-מאַכעריי. ער שיידט פאַנאַנדער אַלע גיטער אין צוויי קלאַסן. צו דעם ערשטן קלאַס געהערן אַלע יענע גיטער, וואָס ווערן באַשטימט: א) פאַר דער ווייטערדיקער פּראָדוקציע, ווי די פּראָדוקציאָנס-מיטלען און די געצייג; ב) פאַר דעם עפנטלעכן נוצן, ווי די עפנטלעכע פּלעצער, וועגן, מוזייען, ביבליאָטעקן, א. א. וו.; ג) פאַר דעם שפּעטערדיקן פאַרטייל צווישן די איינצלנע מיטגלידער (זאַכן אין די מאַגאַזינען, שפּייכלערס, א. א. וו.). אָט-די אַלע גיטער געהערן צו דעם גאַנצן כּלל און קיין יחיד קאָן נישט זיין קיין באַלעבאָס אויף זיי.

צו דעם צווייטן קלאַס אָבער געהערן אַלע יענע גיטער, וועלכע די געזעלשאַפט האָט שוין פאַנאַנדערגעטיילט פאַר דעם פּריוואַטן פאַרברויך. די אַלע גיטער געפינען זיך אין איינ־

ר י ו ו י ד ו אַ ל ן - אַ יי ג נ ט ו ם, און דער איינציקער באַלעבאָס איבער זיי (אין די גרענעצן פון דעם אַלגעמיינעם רעכט) איז דער איינצלנער פּריוואַט-אייגנטימער.

אין אונטערשייד צו דעם אייגנטלעכן קאָנסעקווענטן קאָ-מוניזם, ווערט אַזאַ געזעלשאַפט-פאָרם אָפט אויך אָנגערופן: ק אָ ל ע ק ט י ו ו י ז ם. קאַרל מאַרקס איז מיט דער צייט צוגעשטאַנען צו אים, און אין דעם סוף פון זיין ערשטן באַנד „קאַפּיטאַל" ברענגט ער אַרויס, אַז די קאָלעקטיוויסטישע פאָרם איז אַ העכערער סינטעז פון פריערדיקע געזעלשאַפט-פאָרמען. אין אָט דעם סינטעז ווערט דער אינדיווידואַל-אייגנטום נישט אָפּגעשאַפט, נאָר ווי ד ע ר א ו י פ ג ע ב ו י ט אין אַ העכערער פאָרם, ווייל ער ווערט אַוועקגעשטעלט אויף אַ קאָ-מוניסטישן יסוד.

און מען מוז אינדערראַמתן צוגעבן, אַז אַזאַ אינדיווי-דואַל-אייגנטום, וועלכן דער מאָדערנער קאָמוניזם שטרעבט אויפצובויען, — אַן אייגנטום נאָר אויף זאַכן, וואָס זענען באַ-שטימט צום פ אַ ר ב ר ו י ך, איז אַ סך אַ זיכערערע באַזיץ-פאָרם, ווי דער פּריוואַט-אייגנטום אין אַ וועלכער עס איז אַנדערער פאָרם פון דעם עקאָנאָמישן לעבן. זיכערער איז ער דערפאַר, וואָס הינטער אים שטייט דער גאַנצער רייכטום פון דער געזעלשאַפט. ער ווערט ג אַ ר אַ נ ט י ר ט דורך דעם רעכט פון דעם יחיד אויף יענעם טייל פון דעם געזעלשאַפט-לעכן רייכטום, וואָס אים קומט, ווי יעדן אַנדערן.

ווען דער פּריוואַט-פאַרמעגן פון אַ יחיד אין אַ פּרודאָ-ניסטישער געזעלשאַפט זאָל פאַרשווינדן מחמת דער אָדער יענער סיבה (פאַרברויך אָדער צעשטערונג דורך אַ שרפה) איז קיינער נישט מחויב אים צו באַנייען. ווען עס פאַרשווינדט אָבער דער אינדיווידואַל-באַזיץ אין אַ קאָלעקטיוויסטישער גע-זעלשאַפט, ווערט ער ווידער באַנייט פון דעם אַלגעמיינעם געזעלשאַפטלעכן פאָנד.

דעריבער קאָנען מיר זאָגן, אַז דער מאָדערנער קאָמוניזם

אָדער קאָלעקטיוויזם שאַפט נישט נאָר אָפּ דעם קאַפּיטאַליזם, די עקספּלואַטאַציע פון דעם פרעמדנס אַרבעט און די לוין-אַרבעט און ער בויט נישט נאָר אויף די עקאָנאָמישע גלייכקייט פון באַזיץ, נאָר אויך די זיכערקייט און די פאַר-וואָרנטקייט פון דעם אינדיווידואַל-אייגנטום אויף אַלע יענע גיטער, אין וועלכע אַ מענטש נויטיקט זיך פאַר זיין לעבן און פאַר זיין מענטשלעכער אַנטוויקלונג.

עס פאַרשטייט זיך, אַז צוליב אַט דעם הויפּטצוועק זיינעם איז דער קאָמוניזם געצוווּנגען אָפּצושאַפן כמעט אַלע יסודות פון דעם איצטיקן עקאָנאָמישן לעבן, וואָס קאָנען נאָר פאַר-בלייבן אין אַ ריין-סאָציאַליסטישער סיסטעם: עס מוז אָפּגע-שאַפט ווערן די איינצל-ווירטשאַפט מיט איר פּריוואַט-אייגנטום אויף די מיטלען, געצייג און פּראָדוקטן פון דער אַרבעט; עס מוז אָפּגעשאַפט ווערן דער גאַנצער האַנדל, מיט זיין געלט-ווירטשאַפט, זיין קויף און פאַרקויף, זיין קאָנ-קורענץ. אָנשטאָט זיי ווערט איינגעפירט די איין-איינציקע פּלאַנמעסיקע צענטראַל-ווירטשאַפט, וואָס נעמט אַרום אַלע צווייגן פון דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקציע, און ווו די גיטער ווערן אַרויסגעבראַכט נישט צוליב דעם פאַרקויף אויפן מאַרק, נאָר צוליב דעם אוממיטלבאַרן פאַרנוץ. שאַפט מען אָבער אָפּ די איינצלווירטשאַפט און פירט מען איין די פּלאַנמעסיקע צענטראַליזירטע ווירטשאַפט, אַזוי מוז דערביי אויך אָפּגעשאַפט ווערן די אַבסאָלוטע זעלבשטענ-דיקייט און אומאָפּהענגיקייט פון דעם איינצל-נעם אַרבעטער, זיין רעכט אויף זיין אַרבעטס-צייט. די גאַנצע אַרבעטס-צייט פון יעדן איינצלנעם, וואָס דאַרף אָנגעווענדעט ווערן אויף דער עקאָנאָמישער טעטיקייט (ווי גרויס די דאָזיקע אַרבעטס-צייט זאָל נישט זיין: איין שעה אַ טאָג אָדער אַכט שעה אַ טאָג), געהער נישט אים, נאָר דער גאַנצער געזעל-שאַפט און שטייט אונטער יענע קאָנטראָל-אָרגאַנען, וועלכע זי באַשאַפט. די בינדונג און דיסציפּלינירונג פון דער מענטשלע-

בער אַרבעט, איר אונטעריאָכונג אונטער אַן אַלגעמיינעם פּלאַן און אַן אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע, די אָפּשאַפונג פון דעם אַרבעטערס זעלבשטענדיקייט, פון זיין רעכט אויף זיין אייגע-נער אַרבעטס-קראַפט און אַרבעטס-צייט איז דער פּרייז, וועלכן דער קאָמוניזם צאָלט פאַר דער אַבסאָלוטער אויסגלייכונג און אַבסאָלוטער זיכערונג פון דעם באַזיץ.

אויף אַזאַ אופן האָבן מיר אין דער סאָציאַליסטישער געדאַנקען-וועלט צוויי פאַרשיידענע פונדאַמענטאַלע בוי-פּרינציפּן: איינער איז אַ סאָציאַליסטישער. ער קאָנצענטרירט זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויף דער אָפּשאַפונג פון עקספּלואַטאַציע. דערביי זוכט ער צו פאַרהיטן יענע פרייהייט, זעלבשטענדיקייט און דאָס רעכט אויף זיין אַרבעטס-קראַפט, וועלכע די בירגער-לעכע פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט אויסגעקעמפט פאַר דעם אַרבעטער און וועלכע ער האָט נישט געקאָנט פאַרווירקלעכן אין לעבן, אַ דאַנק דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע. די געזעלשאַפט-פאָרם, צו וועלכער אָט דער בוי-פּרינציפּ שטרעבט, איז ד ע ר פ ר י י ע ר ק אָ אָ פּ ע ר אַ ט י ו, אין וועלכן עס זאָל זיך נישט געפינען קיין שמץ פון געדונגענער לוין-אַרבעט.

דער אַנדערער בוי-פּרינציפּ איז אַ ריין-קאָמוניסטישער: ער קאָנצענטרירט זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויף דער ג ל ײ כ ק ײ ט פון דעם באַזיץ און דער ז י כ ע ר ק ײ ט פון דעם באַזיץ. זיין געזעלשאַפטלעכע פאָרם איז דער פּלאַנ-מעסיקער, גוט-אָרגאַניזירטער געזעלשאַפטלעכער אַרבעטס-פּראָ-צעס, ווו די גאַנצע עקאָנאָמישע אַרבעט פון דעם איינצלנעם דאַרף געהערן דער געזעלשאַפט און אין וועלכן עס איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר קיינע איינצל-ווירטשאַפטן, און ממילא אויך נישט פאַר קאַפּיטאַליסטישע איינצל-ווירטשאַפטן און פאַר דער עקספּלואַטאַציע פון מענטשלעכער אַרבעט.

אַלע אַנדערע סאָציאַליסטישע סיסטעמען זענען אַ געמיש פון אָט די צוויי גרונט-פּרינציפּן, און אָפּטמאָל ווערט אין זיי

נאָך אַריינגעטראָגן עפּעס אַזוינס, וואָס ליגט שוין מחוץ פון דעם סאָציאַליסטישן אידייענקרייז. אַזוי האָט דער פוריעריזם אין זיין פונדאַמענט די ריין-קאָמוניסטישע אַרבעט פון איינצלנע קלענערע געזעלשאַפטן, פון אַן ערך אַ צוויי טויזנט מענטשן יעדערע, וואָס באַשטייען פון דריי קלאַסן: אַרבעטער, „טאַלענטן" אָדער דערפינדער און קאַפּיטאַליסטן. אַלע דריי קלאַסן קאָנען, אויב זיי ווילן, לעבן קאָמוניסטיש אינאיינעם, אין איין ריזן-פּאַלאַץ. אַרבעטן אָבער מוזן זיי קאָמוניסטיש. זיי האָבן אַלץ, וואָס איז נויטיק, פאַר אַ באַקוועם לעבן. דאָס איז זייער אַלעמענס מינימאַלער אַרבעטס-לוין. ער ווערט פאַררעכנט אויף דעם חשבון פון די אונטערנעמונגס-קאָסטן, און יעדער איינער, — סיי אַרבעטער, סיי „טאַלענט", סיי קאַפּיטאַליסט, — באַקומט אַ גלייכן אַרבעטס-לוין. ערשט דאָס, וואָס בלייבט איבער דעם מינימאַלן אַרבעטס-לוין, דער „ריינער ריוח", ווערט פאַנאַנדערגעטיילט צווישן די דריי קלאַסן לויט אַ געוויסער פּראָפּאָרציע, און דעם גרעסטן חלק באַקומט דער קאַפּיטאַליסט. אַזוי אַרום געפינען זיך אין פוריעס סיסטעם געוויסע רעשטלעך פון אַ קלאַסן-איינטיילונג אין דער געזעלשאַפט (מיטאַרבעטנדיקע קאַפּיטאַליסטן און „טאַלענטן") און פון קאַפּיטאַליסטישן מערווערט.

אַזוי לאָזט אויך דער אַמעריקאַנער סאָציאַל-דעמאָקראַט, אַלאַן בענסאָן, צו, אז די צוקונפט-מלוכה זאָל זיין געבויט אויף לוין-אַרבעט; אַלע וויכטיקסטע פּראָדוקציאָנס-צווייגן וועלן געהערן דער מלוכה און די אַרבעטער וועלן פאַרקויפן איר זייער אַרבעטסקראַפט פונקט ווי איצטער. דער, וואָס וועט נישט וועלן אַרבעטן פאַר דער מלוכה, וועט זיך זיין פריי צו זוכן זיין חיונה, ווי ער פאַרשטייט. אויסגעשלאָסן וועלן זיין נאָר פּריוואַט-קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען. ער גיט אויך צו פאַרשטיין, אמת, אין אַ האַלב-סאַטירישן טאָן, — אַז אויב אין דער צוקונפט זאָלן געוויסע פרויען וועלן לעבן

פון פ ר אָ ס ט י ט ו צ י ע, ווען די מלוכה זיך נישט אַריינמישן אין זייערע פּריוואַט-אַנגעלעגנהייטן.

דער ווערט פון אַט די אַלע געמישטע סיסטעמען הענגט אָפּ פון דעם ווערט פון יענע פונדאַמענטאַלע בוי-פּרינציפּן, לויט וועלכע זיי ווערן אויסגעאַרבעט, און די אַקטועלסטע אויפגאַבע פון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק דאַרף איצטער באַשטיין אין דעם, אָפּצוגעבן זיך אַ קלאָרן דין וחשבון וועגן זיי; קריטיש אויסצופאָרשן זייער ווערט, באַטייט און דורכפירבאַרקייט אין אַ מענטשלעכער געזעלשאַפט, כדי אַרויסצוגעפינען און זיכערצושטעלן יענעם בוי-פּרינציפּ, אָדער יענע בוי-פּרינציפּן, וואָס זאָלן אָנגעלייגט ווערן אין דעם יסוד פון דעם צוקונפטס-בנין און אויך אויסצואַרבעטן די פּראַקטישע מעטאָדן, ווי אַמ-צוועקמעסיקסטן צוצוטרעטן צו זייער פאַרווירקלעכונג אין לעבן.

אַט די אויפגאַבע וועלן מיר איצטער אָנהויבן מיט דעם אַנאַליז פון דעם פּרודאָניסטישן קאָאָפּעראַטיוון סאָציאַליזם.

דער הויפּט-ווערט זיינער באַשטייט געוויס אין דעם, וואָס ער וויל אינגאַנצן אָפּשאַפן יעדע קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַטאַציע פון פרעמדער אַרבעט און ממילא אויך אַלע יענע צרות, וואָס שטאַמען פון איר אין דער איצטיקער געזעלשאַפט.

אַ צווייטער באַצויבערנדיקער מאָמענט אין פּרודאָנס קאָנצעפּציע באַשטייט אין דעם, וואָס זי פאַרשאַפט דעם אַרבעטנדיקן מענטשן פ ו ל ע פ ר י י ה י י ט און אומאָפּהענגיקייט; וואָס זי שליסט אויס יעדן צוואַנג און יעדע קאָנטראָל מצד פון וועמען עס איז איבער דעם ווילן פון דעם אַרבעטנדיקן מענטשן און איבער ז יי נ ע באַשלוסן, וואָס צו טאָן אָדער נישט צו טאָן מיט זיין אייגענער אַרבעטס-קראַפט.

דער פּרודאָניזם האָט אָבער נאָך אַ דריטן מאַגנעטישן שטריך. ער באַפרייט דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק פון אַלע פּראָבלעמען פון דער אַזוי אָנגערופענער „אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט".

אין דעם פּרט פון אָרגאַניזירן דעם פּראָצעס פון צ אַ-

שאַפן גיטער איז נישטאָ קיין נפקא מיניה אין פּראָדוקציע סיס־טעם צווישן דער איצטיקער געזעלשאַפט און דער צוקונפטי־קער. די אַרבעט איז דאָך פריי, און די אַרבעטער אָרגאַניזירן זיך, ווי זיי פאַרשטייען, ווי דאָס ווערט דיקטירט פון אירע ריין־טעכנישע נויטן. די בעסטע מעטאָדן, ווי אַזוי צו פירן און צו פאַרוואַלטן אַן אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוו זענען אויך נישט קיין האַרבע מהרש״אס: זיי ווערן שוין איצטער טאָג־טעגלעך אויסגעאַרבעט אין דער פּראַקטיק פון די עקזיסטירנדיקע צאָל־רייכע קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען.

איבערגעבויט און גרונטלעך איבערגעבויט דאַרף ווערן נאָר די קאָמערציעלע זייט פון דעם עקאָנאָמישן פּראָצעס: דער אויסבייט פון די אויסגעאַרבעטע סחורות. מיט דעם אָפּ־שאַצן פון יעדן פאַרמיטלערטום, הענדלערטום און קרעמערטום, אַזוי אַז דער פּראָדוצענט זאָל האָבן צו טאָן נאָר מיט דעם פּראָדוצענט, מוזן אויסגעבויט ווערן אַנשטאַלטן, ווו אָט דער דירעקטער אויסבייט פון סחורות זאָל קאָנען פאָרקו־מען אויף דעם עקאָנאָמישסטן אופן. און אָט דאָס, — באַווייזט פּרודאָן, — קאָן איינגעאָרדנט ווערן אי איינפאַך, אי צוועקמע־סיק, אי וואָלוול. עס דאַרפן נאָר אויסגעבויט ווערן סחורה־שפּייכלערס, אָרגאַניזירט ווערן אַן אַלגעמיינע אַרבעטס־באַנק (מיט פיליעס) און עס דאַרף אַרויסגעלאָזט ווערן אַרבעטס־געלט.

איר אַרבעט אויס אַ סכום פּראָדוקטן, וואָס זענען ווערט, זאָגן מיר, אַ 1000 אַרבעטס־טעג צו אַכט שעה אַ טאָג. ברענגט איר זיי אַריין אין די סחורה־שפּייכלערס, וואָס ווערן פאַרוואַל־טעט פון דער אַרבעטס־באַנק, און איר באַקומט פאַר זיי אַר־בעטס־געלט, וואָס ציילן אָן דעם ווערט פון 8000 שעה. פאַר דעם געלט קויפט איר אין דיזעלביקע שפּייכלערס אַלע אַרטן סחורות, אין וועלכע איר נויטיקט זיך, וואָס זייער פּרייז איז אויך באַרעכנט געוואָרן, לויט דעמזעלביקן „קאָנסטיטואירטן ווערט״, ד.ה. לויט דער אַרבעטס־צייט, וואָס איז אין זיי אַריינ־

געטאָן. אויב אין סחורות בויטיקט איר זיך איצטער נישט, לייגט איר אייער געלט אריין אין באנק אויף אייער חשבון.

אָט דאָס איז די גאַנצע אָרגאַניזאַציע.

אַלץ וואָס די אַרבעטנדיקע מענטשן דאַרפן דעמאָלט טאָן, איז אַרבעטן, וואָס מער אַרבעטן, יעדער איינער וואָס ער וויל און וויפל ער וויל.

דער וואונדער פון אַזאַ איינפאַכער און האַרמאָנישער געזעלשאַפטלעכער פאָרם, וואָס שליסט אויס יעדע עקספּלואַטאַציע פון פרעמדע אַרבעט און פאַרזיכערט יעדן אַרבעטער זיין פריי־הייט און זעלבשטענדיקייט, דערקלערט זיך ביי פּרודאָנען דורך זיין זייער אינטערעסאַנטער און אָריגינעלער טעאָריע וועגן דעם „קאָנסטיטואירטן ווערט", וועלכן מיר האָבן נאָר־וואָס דערמאָנט. א „קאָנסטיטואירטער" ווערט פון א וועלכער עס איז סחורה איז אַזאַ, וואָס קאָן זיך קיינמאָל נישט בייטן, אָדער וואָס קאָן זיך שאָקלען אהין און אהער נאָר אין זייער ענגע גרענעצן. א ביישפּיל פון אַזאַ קאָנסטיטואירטן ווערט איז דער ווערט פון דער סחורה גאָלד. גאָלד קאָן קיינמאָל נישט פאַר־לירן זיין ווערט. עס קאָן אויך נישט שטייגן צו הויך און פאַלן צו נידעריק. אַלע מאָל שטעלט עס מיט זיך פאָר דעם סכום פון מענטשלעכער אַרבעט, וואָס איז פאַרווענדט געוואָרן אויף אויסצוגראָבן אים און צוצוגעבן אים די בויטיקע פאָרם. און דערפאַר, זאָגט פּרודאָן, איז גאָלד געוואָרן די ווערט־מאָס פון אַלע אַנדערע סחורות.

פּרודאָן גלויבט אָבער, אַז דאָס, וואָס איז געשען מיט דער סחורה „גאָלד" איז נאָר אַן אָנהייב פון א פּראָצעס, וואָס דאַרף אַריינגעמען אין זיך יעדן פּראָדוקט פון מענטשלעכער אַרבעט. דער ווערט פון יעדן אַרבעטס־פּראָדוקט וועט פאָר־שטעלן מיט זיך דעם באַשטימטן סכום פון מענטשלעכער אַר־בעט, וואָס איז אַריינגעטאָן געוואָרן אין אים, און אָט דער ווערט וועט קיינמאָל נישט קאָנען גיין פאַרלאָרן, ווען אפילו

ער זאָל זיך אַמאָל שאָקלען אַרויף און אַראָפּ אין זייער ענגע גרענעצן.

עס איז קלאָר, אַז אויב דאָס איז אַזוי, ווי „די פילאָ־זאָפיע פון דלות" לערנט אונז, איז דעמאָלט אַ סוף־אָן־עק צו דעם דלות פון דעם אַרבעטנדיקן מענטש. ווען איך אַרבעט אויס אַ שטיקל סחורה אין דעם ווערט פון אַ גילדערנעם רענדל, איז דאָס פונקט ווי איך וואָלט אויסגעגראָבן דעם גילדערנעם רענדל פון דער ערד. און פונקט ווי איך קאָן מיין גאָלד־שטיק אַריינלייגן אין אַ געלט־באַנק, אַזוי וועל איך קאָנען מיין שטיקל סחורה אריינלייגן אין די שפּייכלערס פון דער אַרבעטס־באַנק. די אַרבעטס־געלט. וואָס זי וועט מיר דערפאַר געבן, וועט אויך האָבן דעמזעלביקן געלט־ווערט, וואָס עס האָט איצטער יעדער באַנקנאָט, געדעקט מיט אַ גאָלד־רע־זערוו.

דעמאָלט בלייבט פאַר יעדן פון אונז נאָר איין זאַך: אַרויספּאָמפּען פון אונזער אייגענעם אַרבעטס־אוצר אַזוי פיל גאָלדענע רענדלעך, וויפל מיר קאָנען און וויפל מיר ווילן. און כּדי דאָס זאָל אָנגיין זייער דערפאָלגרייך, איז די בעסטע זאַך זיך צו פאַראייניקן אין קאָאָפּעראַטיוון, ווו די פּאָמפּ־אַרבעט קאָן געטאָן ווערן אין אַ שנעלערן גאַנג און אויף אַ ברייטערן מאַסשטאַב.

אויף אַזויפיל איז דאָס אַלץ זייער שיין, און די סאָציאַ־לע פראַגע ווערט דאָ פאַרענטפערט אָן רעוואָלוציעס און אָן איבעריקער קאָפּ־מאַטערניש. ביי אַ קאָנסטיטואירטן ווערט קאָן די אַרבעט קיינמאָל נישט זיין קיין קוואַל פון אָרעמקייט, עקספּלואַטאַציע און אומגערעכטיקייט, ווי זי איז דאָס איצטער, נאָר אַלעמאָל אַ קוואַל פון רייכטום און גע־רעכטיקייט.

דאָס איז אַלץ, ווי געזאָגט, זייער שיין און פיין. די צרה מיט דעם פּרודאָניזם איז נאָר, וואָס אין זיין סיסטעם איז אַלץ אויפגעבויט אויף דער טעאָריע פון דעם „קאָנסטיטואירטן

ווערט". די אַזוי אים קינסטלעך אויפצובויען און א ו י פ צ ו־ ה א ל ט ן, ווייס פּרודאָן אַליין נישט. נאָך מער: ער האַלט, אַז דאָס איז איבער די איינצלנע מענטשלעכע כּוחות. די קאָנ־ סטיטואירונג פון דעם ווערט קומט פאָר אין אַ לאַנגזאַמען פּראָ־ צעס פון דער אַלגעמיינער קולטור־אַנטוויקלונג, וואָס קאָן נאָך פאַרנעמען דורות און דורות.

און נאָך אַ גרעסערע צרה מיט דעם פּרודאָניזם איז, וואָס עס איז נאָך אַ גרויסע שאלה, צי די גאַנצע טעאָריע איז ריכטיק און צי די גאַנצע אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט שטרעבט דערצו, אַז דער ווערט פון אַלע מענטשלעכע אַרבעטס־ פּראָדוקטן זאָל זיך ווען־עס־איז קאָנען קאָנסטיטואירן אין אַ פּרודאָנישן זין.

אָט די ספיקות ווערן אַלץ שטאַרקער און באַרעכטיקטער, וואָס מער מען טראַכט זיך אַריין אין קאַרל מאַרקס׳ קריטיק פון פּרודאָנס טעאָריע.

ס׳איז אמת, אַז די מאַרקסישע פּאָלעמיק אַנטקעגן פּרו־ דאָנען איז פול מיט אומגערעכטיקייטן און איינזייטיקייטן. אַ סך איינצל־געדאַנקען פּרודאָנס האָט מאַרקס פאַרדרייט און נישט ריכטיק איבערגעגעבן. אייניקע איינצל־געדאַנקען, פאַר וועלכע ער איז מיט גאַל און שוים אויף די ליפּן אָנגעפאַלן אויף פּרודאָנען, האָט ער שפּעטער אַליין אַריבערגענומען און אַריינ־ געאַרבעט אין זיין ווערט־טעאָריע (ווי, צ. ב., דעם וויכטיקסטן געדאַנק, אַז די אַרבעט, וו אָ ס באַשאַפט ווערט, קאָן אַליין קיין ברעקל ווערט נישט האָבן).

פון דער אַנדערער זייט מוז אָבער יעדער אומפּאַרטייאיי־ שער לייענער צוגעבן, אַז קאַרל מאַרקס האָט אויפגעדעקט די פונדאַמענטאַלע טעותן אין פּרודאָנס טעאָרעטישן חשבון. ער האָט אויפגעוויזן אויף די ריין־היסטאָרישע צייטווייליקע אור־ זאַכן, וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט דעם ש י י ן, אַז דער ווערט פון גאָלד איז שוין איצטער „קאָנסטיטואירט" געוואָרן. ער האָט מיט אַ מערקווירדיקן אַנאַליז אַרויסגעבראַכט, אַז י ע ד ע גע־

זעלבשטאַנדיקע פּראָדוקציע-פאָרם, וואָס איז געבויט צוליב דער פּראָדוקציע פאַרן מאַרק, וואָס לאָזט דעריבער צו „סחורות", „ווערטן" און באַלוינונגען פאַר אַרבעט, מוז פירן צו דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם און ממילא צו עקספּלואַטאַציע, און אַז די אַרבעט, ווי אַ מאָס פון ווערט, קאָן נישט זיין קיין יסוד פאַר דער צוקונפט, ווייל דאָס איז אַ פּאַקטישער געזעץ פאַר דער איצטיקער בירגערלעכער געזעלשאַפט און מוז פאַרשווינדן אינאיינעם מיט איר.

מיר קאָנען דאָ אָבער לאָזן אָן אַ זייט די פראַגע, ווער פון די צוויי גרויסע סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער איז גערעכט אין זיין טעאָריע פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג: פּרודאָן, וואָס האָט געלערנט, אַז די היינטיקע אַנטוויקלונג שטרעבט צו אַ פרייער קאָאָפּעראַטיווער אַרבעטס-פאָרם אויף דעם יסוד פון אַ „קאָנסטיטוּאירטן" ווערט, אָדער קאַרל מאַרקס, וואָס האָט זיך געמיט צו באַווייזן, אַז זי שטרעבט צו אַ צענטראַליזירטער, פּלאַנמעסיק-אָרגאַניזירטער קאָמוניסטישער אַרבעטס-פאָרם, ווו עס ווערן לגמרי אָפּגעשאַפט אַלע „ווערט-שאַצונגען" פון מענטשלעכע אַרבעטן און ממילא אויך אַלע „באַלוינונגען".

פאַר אונזער צוועק איז דאָ וויכטיק צו האָבן אין זין, אַז פאַר אונזער צייט, ווען דער אַרבעטער-קלאַס קאָן געבענטשט אָדער געפלוכט ווערן גאָר אומגעריכטערהייט צו מוזן איבערנעמען אויף זיך די אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, קאָן קיין רייד נישט זיין פון אַ „קאָנסטיטוּאירטן" ווערט, און ממילא קאָנען די פרייע אומאָפּהענגיקע פּרודאָניסטישע קאָאָפּעראַטיוון, וואָס אַרבעטן אויס סחורות אויף צו פאַרקויפן אויפן מאַרק, מיט זייער אַבסאָלוטן אייגנטומס-רעכט אויף די אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן, מיט זייער קאָנקורענץ איינע אַנטקעגן די אַנדערע, אָן אַ פרייער אויסגעאַרבעטן אַלגעמיינעם פּלאַן פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט, וואָס און וויפל עס זאָל פּראָדוצירט ווערן, — אַז אָט דער פּרודאָנישער סאָציאַליזם קאָן בשום אופן נישט פאַרענטפערן די סאָציאַלע פּראָ-

גע און ממילא קאָן ער נישט אָנגענומען ווערן ווי אַ פונדאַ־מענטאַלער בוי־פּרינציפּ.

ביי אַ „קאָנסטיטואירטן" ווערט, האָבן מיר געזען, קאָנען די פּראָדוקטן פון דער מענטשלעכער אַרבעט באַטראַכט ווערן ווי „גאָלדענע רענדלעך". וואָס מער איר באַשאַפט זיי, אַלץ מער גאָלד האָט איר, אַלץ מער רייכטום האָט יענער איינער און די גאַנצע געזעלשאַפט. ביי אַ נישט־קאָנסטיטואירטן ווערט אָבער קאָן אויסקומען דאָס אייגענע, וואָס עס קומט פאָר אין דער איצטיקער געזעלשאַפט, אַ דאַנק אירע אינעווייניקסטע ווידערשפּרוכן: וואָס מער פּראָדוקטן איר באַשאַפט, אַלץ קלע־נער ווערן זייער ווערט, און אונטער געוויסע באַדינגונגען, וואָס שטעלן זיך איין אויף דעם מאַרק, קאָנען זיי פאַרלירן יעדן ווערט איבערהויפּט.

דאָס איז נישט די שולד פון דעם קאַפּיטאַליסטישן מאַרק. דאָס איז די שולד פון יעדן סחורה־מאַרק בכלל. יע־דער מאַרק, וואָס איז געבויט אויף דעם פרייען קויף־און־פאַרקויף און אויף דער פרייער קאָנקורענץ צווישן די פּראָדוצענטן, איז אַן אומקאָנטראָלירבאַרע סטיכישע קראַפט. דאָס באַווייזט די עקאָנאָמישעווירקלעכקייט אויף שריט און טריט, און קאַרל מאַרקס האָט אַרויסגעבראַכט די טעאָרע־טישע טעמים, וואָס מאַכן איינעם קלאָר, פאַרוואָס דאָס מוז זיין אַזוי און עס קאָן נישט זיין אַנדערש. די קאָאָפּעראַטיוון, אַפילו ווען פון זיי זאָלן זיין אויסגעשלאָסן די בלאָסעסטע שאָטנס פון עקספּלואַטאַציע, קאָנען נישט ענדערן די אינעווייניקסטע טבע פון יעדן מאַרק בכלל, קאָנען נישט אָפּשטעלן זיינע שעדלעכע אומפאָראויסגעזעענע ווירקונגען.

די הויפּט־שעדלעכקייט פון דער סחורה־ווירטשאַפט און פון דעם מקח וממכר בכלל איז די — אַנאַרכיע אין דער פּראָדוקציע. יעדער איינער פּראָדוצירט וויפל ער וויל, ד. ה., האָבנדיק זיינע ריכטיקע אָדער פאַלשע אויסרעכע־נונגען, וואָס דער מאַרק איז בכח איינצושלינגען, און דער

פּועל-יוצא דערפון איז אָפּט, אַז אַלע אינאיינעם האָבן זיי פּראָדוצירט צו פ י ל פאַר דעם מאַרק. די איינצלנע פירמעס מוזן אָנהויבן קאָנקורירן איינע מיט דער אַנדערער, וואַרפן די פּרייזן אין דער אַדמה אַריין, פאַרקויפן זיי אונטער זייער ווערט, און אַן אַנדערש מאָל געצוווּנגען זיין צו האַלטן זיך מיט דער סחורה, וואָס קאָן אפילו ביי דעם וואָלוולסטן פּרייז נישט אָפּגעזעצט ווערן. וואָס קאָן דאָ העלפן די קאָאָפּעראַטי- ווע פאָרם פון דער איינצל-אונטערנעמונג ? אָן א „קאָנסטיטו- אירטן" ווערט וועט קיין באַנק אפילו נישט לייען אויף זיי געלט, דערהויפּט אין די צייטן פון א פּאַניק.

און ווי קאָנט איר פאַרמיידן, אַז א וועלכע עס איז „בראַנזשע" זאָל נישט איבערגעפּילט ווערן מיט סחורות ? אויב אייער קאָאָפּעראַטיוו האָט גענומען פּראָדוצירן שיך, קאָנט איר נישט אַרויסלאָזן קיין מודעה, אַז אַלע „פּריינטלעכע אָרגאַני- זאַציעס" זאָלן זיך אָפּהאַלטן פון פּראָדוצירן שיך, ווייל עס האָט זיך אייך „פּאַליוביעט" אויסצוקלויבן אָט דעם געשעפטס- צווייג. אַלע אַנדערע, וואָס האָפן, אַז זיי וועלן דורך שוסטעריי „קומען אויף א גרינעם צווייג", האָבן דאָסזעלביקע רעכט, וואָס איר, און איר אַלע אינאיינעם קאָנט איבערפּילן דעם מאַרק אַזוי געדיכט מיט שיך, אַז אויך אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועט קיין שוסטער, אמת, נישט דאַרפן אומגיין באָרוועס, אָבער א סך שוסטער וועלן נישט קאָנען אויסבייטן זייער סחורה אויף די אַלע אַנדערע נויטיקע לעבנס-מיטלען.

אָדער נעמט די קאָנקורענץ דורך בעסערע און וועלוועלע- רע אַרטיקלען. קיין קאָאָפּעראַטיוו קאָן נישט פאַרווערן דעם אַנדער קאָאָפּעראַטיוו אויסצוטראַכטן בעסערע מאַשינען, וואָס זאָלן אַרויסברענגען א גרעסערע צאָל פון דיזעלביקע פּראָדוקטן, וועלכע אייער קאָאָפּעראַטיוו באַשאַפט, און דעריבער שלאָגן אייך אויף דעם מאַרק מיט זייער ביליקן פּרייז. אייער קאָאָ- פּעראַטיוו קאָן אויך נישט פאַרווערן דעם קאָנקורענט אַריינצו-

פירן אַ נייע, שענערע מאָדע, וואָס וועט אייערע אַרטיקלען אינגאַנצן אַרויסוואַרפן פון געברויך.

קורץ: די קאָאָפּעראַציע, אויב זיי אַרבעטן אומאָפּהענגיק איינע פון די אַנדערע, אויב זיי מוזן אויסשטיין דעם קאָנקורענץ-קאַמף אויפן וועלט-מאַרק, מוזן אונטערפאַלן אונטער דעם געזעץ פון יעדן קאַמף: דער שוואַכערער וועט פאַרשפּילן, דער שטאַרקערער וועט געווינען, און ווי צו די, וואָס האָבן פאַרשפּילט! פאַר דעם דלות, וואָס זיי וועלן ברענגען אַהיים פון דעם וועלט-מאַרק, וועט זיי קנאַפּ-וואָס העלפן די טרייסט, אַז קיינער האָט זיי דערביי נישט עקספּלואַטירט, און אַז קיינער איז נישט שולדיק אין זייער אומגליק; אַז דעם פאַרקויף אויפן מאַרק קאָן מען אַקוראַט אַזוי ווייניק פאָראויסזען, ווי די געוויטערניש אויפן פעלד; אַז עס קאָנען מיט יעדערן טרעפן אומגליקן אויפן מאַרק, ווי קיינער איז נישט באַוואָרנט פון שריפות, האָגל און ערד-ציטערנישן.

דאָס זענען אַלץ חלשות־טרייסטן פאַר דעם שוואַכן, וואָס מוז שטיין אויג־אַנטקעגן אויג מיט דעם פאַקט, אַז די בעסטע און גערעכטסטע פּראָדוקציאָנס־פאָרם — דער אַרבעטאָרישער קאָאָפּעראַטיוו — האָט נישט געקאָנט פאַרזיכערן די עקאָנאָמישע עקזיסטענץ און האָט נישט געקאָנט פאַרווערן דעם דלות, ער זאָל פייפן פון אַלע ווינקעלעך אין די סאָציאַליסטישע שטיבער.

די סיסטעם פון איינצל־ווירטשאַפטן און פּריוואַטקאָאָפּעראַציע איז נישט קיין שמירה אַנטקעגן אָרעמקייט. דאָס איז איינס אַוועק. עס קומט אָבער צו נאָך אַ וויכטיקערער פונקט. ער איז אין דער לעצטער ליניע אויך נישט קיין שמירה אַנטקעגן עקספּלואַטאַציע פון פרעמדער אַרבעט. וועגן דעם וועלן מיר רעדן אין דעם קומענדיקן קאַפּיטל. איך רעד דאָ נישט וועגן יענע פאַלן, וואָס קומען אַזוי אָפט פאַר אין די איצטיקע קאָאָפּעראַציון, ווו מען איז געצוווּנגען צוצודינגען אויף אַ ווײַלע —

דער עיקר פאַר סעזאָן־אַרבעט, — דרויסנדיקע לוין־אַרבעטער, לויט דעם פּרייז אויף דעם אַרבעטס־מאַרק, און אויף אַזאַ אופן אויסצוזויגן פון זיי אַ היפּשן פּראָצענט מערווערט.

מיר קאָנען זיך גאַנץ גוט פאָרשטעלן, אַז די צוקונפטיקע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט וועט אויסגעפינען מיטלען און וועגן, ווי אַזוי נישט צו דערלאָזן, מענטשן זאָלן קאָנען דינגען מענטשן פאַר לוין־אַרבעט, פונקט ווי מען קאָן איצטער נישט קויפן קיין מענטשן פאַר שקלאַפן־דינסט: צי דאָס וועט זיין דורך אַן אַלגעמיינעם געזעץ, וואָס וועט פאַרווערן און באַשטראָפן לוין־אַרבעט, ווי איצטער ווערט פאַרווערט און באַשטראָפט דער מקח וממכר מיט שקלאַפן; אָדער דאָס וועט זיין אַ פרייוויליקער אָפּמאַך אין אַנאַרכיסטישע קהלות, אויפגעהאַלטן דורך אַן איינגעוואָרצלטער און פעסטער עפנטלעכער מיינונג, אַנטקעגן וועלכער קיין יחיד וועט נישט קאָנען אויפקומען: כל זמן די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט וועט וועלן בלייבן אַ סאָציאַליסטישע, וועט זי מוזן זען אויף דעם אָדער יענעם אופן, אַז עס זאָל נישט קאָנען פאָרקומען קיין עקספּלואַטאַציע פון פרעמדער אַרבעט. און דאָרטן, וווּ לוין־אַרבעט אָדער געדונגענע אַרבעט זאָל אפשר ווערן אומפאַרמיידלעך אין סאָציאַליסטישע קאָאָפּעראַציון אונטער געוויסע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, — ווי צ. ב., צוליב שנעל־איינזאַמלען גערעטעניש, זיי זאָלן נישט פאַרדאַרבן ווערן אויפן פעלד אָדער אויפן בוים, — וועט אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט שוין מוזן זאָרגן דערפאַר, אַז דער געדונגענער אַרבעטער זאָל באַקומען דעם פולן עקוויוואַלענט פאַר זיין אַרבעט, זיין חלק פון דעם גאַנצן אונטערנעמען, לויט דעם טייל־רייכטום, וואָס ער האָט געהאָלפן באַשאַפן.

דאָס אַלץ גיבן מיר צו. אָבער די צרה מיט דער מאַרקפּראָדוקציע איז, וואָס זי קאָן באַשאַפן די מעגלעכקייט פון עקספּלואַטאַציע, פון „מערווערט", נישט אין דער אָפענער פאָרם פון שקלאַפעריי אָדער לוין־אַרבעט, ווי דאָס איז געווען ביז

אהער, נאָר אין דער פארבאָרגענער פאָרם פון מ אָ נ אָ פּ אָ ל ן און ט ר ע ס ט ן.

קיינער קאָן נישט פארהערן קיין איין קאָאָפעראטיוו, ער זאָל זיין ע ר פ אָ ל ג ר יי ך אויפן מאַרק. אדרבה, עס איז די א ו י פ ג א ב ע פון יעדער עקאָנאָמישער אונטערנעמונג, וואָס האָט צו טאָן מיטן מארק, זי זאָל ווערן קרעפטיק און ארויס דער זיגער אין דעם קאָנקורענץ-קאמף. אן ערפאָלגרייכער קאָאָפעראטיוו קאָן זיך אָבער פאנאנדערוואקסן צו א ריזיקער אונטערנעמונג, וואָס זאָל קאָנען שלאָגן אלע זיינע קאָנקורענטן, אָדער צ וו י נ ג ע ן זיי, זיי זאָלן מאכן יד־אחת מיט אים. און נישט נאָר ק אָ ן דאָס געשען. קאַרל מארקס באווייזט, אז דאָס מ ו ז אזוי געשען. די אינעווייניקסטע אנטוויקלונג פון יעדער קאָנקורענץ פירט צו איר ה י פ ך, צו דעם אויפהער פון קאָנקורענץ, צו מאָנאָפּאָלן און טרעסטן, וואָס שאפן זי אָפּ, ווייל זיי באהערשן דעם מארק און דיקטירן אים זייערע באַדינגונגען, אין דער פאָרם פון זייער אייגענער פרייז־באשטימונג.

III

## די קריטיק פון קאָאָפעראטיוון סאָציאַליזם

דער קאָאָפעראַטיווער סאָציאַליזם, ווי אַ סיסטעם פון ריין-ארבעטאָרישע איינצל-ווירטשאפטן און פריוואַטע קאָאָפעראַטיוון, וואָס מוזן אויסשטיין אַ העפטיקן קאָנקורענץ-קאַמף אויף דעם סחורה-מאַרק, קאָן בשום אופן נישט פאַרהיטן די געזעלשאפט פון אָרעמקייט און נויט. וועגן דעם האָבן מיר גערעדט באריכות אין דעם פאָריקן קאַפּיטל.

דער הויפט-פעלער זיינער, — פון אַ סאָציאַליסטישן שטאַנדפונקט, — באַשטייט אָבער אין דעם, וואָס ער קאָן — אין דער לעצטער ליניע — נישט זיין אויך קיין שמירה אַנטקעגן

**דער עקספּלואַטאַציע פון פרעמדער אַר־בעט**, וואָס מוז פריער אָדער שפּעטער זיך אַריינגנבענען אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן דורך דער אָפן־געלאָזענער בּרייטער טיר פון מאָנאָפּאָל־און־טרעסט־קאָאָפּעראַטיוון.

די קאָנקורענץ פירט על פּי נויטווענדיקייט צו דער אויסבּילדונג פון „טרעסטן" און „קאַרטעלן", וואָס פאַרכאַפּן אין זייער האַנט אַ גאַנצן צווייג פון דער פּראָדוקציע אָדער זיין גרעסטן און וויכטיקסטן טייל. דורכדעם גופא שאַפן זיי אָפּ די קאָנקורענץ, ווייל זיי בּאַהערשן דעם מאַרק און דיקטירן אים זייערע בּאַדינגונגען, אין דער פאָרם פון זייער אייגענער פּרייז־בּאַשטימונג.

גראָד בּיי אונז, אין אַמעריקע, שפּילט זיך אָפּ אַמשאַרפּסטן אָט־די פאַרוואַנדלונג פון קאָנקורענץ־אונטערנעמונגען אין מאָ־נאָפּאָלן און טרעסטן; און גראָד דאָ, ווו מיר האָבּן די „שער־מאַן־געזעצן" און אַלע אַנדערע אַנטי־טרעסט־דריידלעך, פאַר וועלכע די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי שטעלט זיך אַזוי איין, זעען מיר, ווי אומבּאַהאָלפן די גאַנצע געזעצגעבּונג איז, ווי אומבּאַ־האָלפן אַלע גוטע און פרומע געזעלשאַפטלעכע טוערס זענען (פון הער אונטערמייערס טיפּ), וואָס ווילן ראַטעווען די הייליקע קאָנקורענץ, ווען זיי נעמען זיך אונטער צו גיין אַנטקעגן די אינעווייניקסטע טענדענצן פון דעם קאָנקורענץ־קאַמף, וואָס ווערן געבּאָרן און דורכגעפירט אויף דעם וועלט־מאַרק.

פאַר דעם וועלט־מאַרק איז אָבּער קיין נפקה מיניה נישט, צי דער קאָנקורענץ־קאַמף ווערט געפירט פון אַ קאַפּיטאַליסטי־שער פירמע אַנטקעגן אַ קאַפּיטאַליסטישער פירמע, אָדער פון אַ סאָציאַליסטישן קאָאָפּעראַטיוו אַנטקעגן אַ סאָציאַליסטישן קאָאָ־פּעראַטיוו. אויפן מאַרק קעמפט איין מחנה פּראָדוקטן אַנטקעגן אַן אַנדער מחנה, און עס איז דערבּיי אַלץ איינס, אונטער וואָס פאַר אַ געזעלשאַפטלעכער פאָרם די פּראָדוקטן זענען אַרויסגעבּראַכט געוואָרן. די שטאַרקערע מחנה איז גובר דורך אַ וועלוועלערן פּרייז בּיי דערזעלבּיקער קוואַליטעט אָדער דורך

א בעסערער קוואליטעט בײַ דעמזעלביקן פּרײַז. סוף־כּל־סוף מוזן די שטאַרקערע װערן די אײנציקע האַרן פון דער סיטואַציע. די שוואַכערע קאָנקורענטן מוזן „אַראָפּ פון מאַרק“, און דעמאָלט װערן די שטאַרקערע די מ אָ נ אָ פּ אָ ל י ס ט ן. זײ דיקטירן י ע נ ע פּרײַזן, װעלכע זײ װילן, װעלכע זײ קאָנען אַרױספּרעסן פון דעם מאַרק. אין א נויט־פאַל רעגולירן זײ אַלײן די צאָל פון זײערע פּראָדוקטן, די צופעליקײט זײערע זאָל חלילה נישט פאַרדאַרבן דעם פּרײַז. און אין אט דער אײגעװײניקסטער באַלעבאַטישקײט פון א סאָציאַליסטישן מ אָ נ אָ פּ אָ ל־קאָאָפּעראַטיװ קאָן זיך קײן סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט נישט אַרײַנמישן. פּונקט װי זי קאָן קײנעם נישט פאַרװערן, ער זאָל אַרױסװאַרפן װאָס מ ע ר פּראָדוקטן אױפן מאַרק און פאַרקױפן זײ װאָס װאָלװעלער, אַזוי קאָן זי קײנעם נישט שטײן אין װעג, ער זאָל אַרױסלאָזן אױפן מאַרק װאָס װײניקער פּראָדוקטן און פאַרקױפן זײ װאָס טײערער. דאָס געזעץ פון קאָנקורענץ מוז דאָ בלײַבן דער אײנציקער רעגולאַטאָר פון דעם פּרײַז און פון דעם סכום סחורות אױפן מאַרק. אױב אײנער װעט אױפהױבן זײַנע פּרײַזן צו הױך, װעט דאָך בײַ אים קײנער נישט קױפן, װעט ער מוזן אַראָפּלאָזן פון מקח. אױב ער װעט אַרױסלאָזן צו װײניק סחורות און װעט אַרױסרופן א הונגער נאָך זײ, װעט ער דערמיט װידער עפענען די טױערן פון דער קאָנקורענץ, װײל אַנדערע קאָאָפּעראַטיװן װעלן זיך אַ װאָרף טאָן אױף דער פּראָדוקציע פון דעמזעלביקן אַרטיקל, כּדי צו באַפרידיקן דעם געשטײגערטן באַדאַרף. דאָס אַלץ איז אמת. אָבער אַן ערפאָלגרײַכער, גוט־אױסגערעכנטער קאָאָפּעראַטיװ, װאָס האָט דעם פאַקטישן מאָנאָפּאָל איבער א געװיסן אַרטיקל, קאָן אין געװיסע ז ײ ע ר ב ר ײ ט ע ג ר ע נ ע צ ן אַלעמאָל באַשטימען אַ העכסט־מעגלעכן פּרײַז פאַר זײַנע אַרטיקלען און פאַרקױפן זײ װ ײ ט איבער זײער רײנעם אַרבעטס־װערט. װאָס באַטײט דאָס סאָציאַל? דאָס באַטײט סאָציאַל, אַז זײ באַקומען אױפן מאַרק אַ מ ע ר װ ע ר ט; אַז די אַר־

בעטער פון די אַנדערע קאָאָפּעראַטיוון מוזן מ ע ר אַרבעטן, כּדי צו באַקומען די פּראָדוקטן פון דעם גליקלעכן מאָנאָפּאָליסט, בעת דער מאָנאָפּאָליסטישער אַרבעטער דאַרף ווייניקער אַרבעטן, כּדי צו באַקומען די פּראָדוקטן פון די נישט־מאָנאָפּאָליזירטע אונטערנעמונגען.

עס וועט געוויס נישט שאַטן, ווען מיר וועלן פּרווון נאָך קלאָרער מאַכן אָט דעם זייער וויכטיקן פּונקט דורך אַ פּשוטן ביישפּיל.

זאָל זיין, אַז כּדי צו פּראָדוצירן אַ געוויינלעכע פּאָר שיך, — ביי די בעסטע מעטאָדן, מיט דער בעסטער מאַשינעריע, מיט דער צוועקמעסיקסטער אַרבעטס־טיילונג, — דאַרף געדויערן נישט מער ווי דריי שעה. זאָל זיין, אַז אַ שעה אַרבעט ווערט אויף דעם סאָציאַליסטישן מאַרק, אונטער דעם איינפלוס פון קאָנקורענץ, באַרעכנט מיט 4 טאָלער. דער מקח פון די שיך וועט זיין 12 טאָלער. זאָל זיין, אַז דאָס איז אויך דער מאַרק־ווערט פון אַ געוויינלעכן דראַפּענעם גאַרניטער, ווייל אויך ער קאָן, אונטער דיזעלביקע אויסגעצייכנטע טעכנישע באַדינגונגען, פאַרטיק געמאַכט ווערן אין דריי שעה. אָבער די שוסטער־קאָאָפּעראַטיוון זענען שוין מאָנאָפּאָליזירט, — נישטאָ שוין מער קיין קאָנקורענץ צווישן זיי, — בעת די קליידער־קאָאָפּעראַטיוון מוזן נאָך דורכמאַכן אַ שאַרפן אינעווייניקסטן עקאָנאָמישן קאַמף. זיי זענען געצוווּנגען צו פאַרקויפן דעם גאַרניטער, זאָגן מיר, פאַר אַכט טאָלער. דער פּרייז פון די שיך קאָן אָבער פון דעם מאָנאָפּאָל־קאָאָפּעראַטיוו אויפגעהויבן ווערן, זאָגן מיר, ביז צו זעכצן טאָלער. ווען שיך זאָלן איצטער אויסגעביטן ווערן (דורך דעם קויף און פאַרקויף אויפן מאַרק) אויף קליידער, וועט אַ פּאָר שיך קאָסטן צ וו יי גאַרניטערס, ד. ה. אַז די זעקס שעה פון דעם שניידער ווערן אויסגעביטן אויף דריי שעה פון דעם שוסטער, ד. ה. אַז דער שניידער וועט דאַרפן אַרבעטן אויף דעם שוסטער גאַנצע דריי שעה אומזיסט און אומנישט. דאָס איז אַלץ איינס, ווי דער

שוסטער וואָלט אים לכתחילה אָנגעשטעלט מיט דעם באַדינג, אַז פון יעדע זעקס שעה וואָס דער שניידער אַרבעט, זאָל ער דריי שעה אַרבעטן אָן אַ געצאָלט אויף אים, דעם מאָנאָפּאָליסט.

דערויף קאָן מען ענטפערן, אַז אויב אין דער שוסטעריי האָט זיך, אַ דאַנק דער קאָנקורענץ, געמוזט אויסבילדן אַ מאָנאָפּאָל, וועט דאָך דאָס אויך געשען אין דער שניידעריי. וועלן דעמאָלט אויך די שניידער קאָנען אויפהויבן דעם פּרייז פון זייערע פּראָדוקטן, אַזוי אַז ביידנס ווערטן וועלן זיך אויסגלייכן. און דאָס, וואָס איז מעגלעך אין אַ פּאָר צווייגן פון דער פּראָדוקציע, דאַרף זיין מעגלעך אין אַ ל ע אירע צווייגן. ממילא וועט סוף-כל-סוף אויסקומען אַזוי, אַז די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע באַלעבאַטישקייט וועט באַשטיין פון מאָנאָפּאָליזירטע קאָאָפּעראַטיוון, ווו די סחורות וועלן זיך ממילא מוזן אויסבייטן, לויט דעם סכום אַרבעט, וואָס אין זיי, און פּרודאָנס חלום וועגן אַ קאָנסטיטואירטן ווערט וועט דערביי ממילא מקוים ווערן.

איז אָבער די מעשה מיט די קאָאָפּעראַטיוון, וואָס אַרבעטן פאַרן מאַרק און נישט פאַרן אוממיטלבאַרן פאַרברויך, אַזאַ:

ע ר ש ט נ ס, זענען נישט אַלע צווייגן פון דער מענטשלעכער אַרבעט מסוגל אַריבערגענומען צו ווערן אין אַ קאָאָפּעראַטיוו. אומעטום ווו פּ ע ר ז ע נ ל ע כ ע ר געשמאַק, טאַלענט און באַשטימטע אינדיווידועלע פעאיקייטן קאָנען שפּילן אַ וועלכע עס איז ראָלע אין דער פּראָדוקציע, ווערט אַלץ שווערער אָנצווענדן דעם קאָאָפּעראַטיוון פּרינציפּ; און אָט-די שוועריקייטן וואַקסן אַלץ מער, וואָס גרעסער עס איז די ראָלע וועלכע די אינדיווידועלע אייגנשאַפטן פון דעם פּראָדוצירער שפּילן אין זיי. פון קאָנקורענץ זענען אַזעלכע פּראָדוקציאָנס-צווייגן נישט געשיצט, אָבער אין אַ מאָנאָפּאָל קאָנען זיי זיך קיינמאָל נישט פאַרוואַנדלען. דעריבער וועלן זיי זיין די ערשטע, וואָס וועלן עקספּלואַטירט ווערן ביי דעם אויסבייט פון

זייערע פּראָדוקטן אַנטקעגן די סחורות פון מאָנאָפּאָליזירטע קאָאָפּעראַטיוון. וואָס אינדיווידועלער, וואָס קינסטלערישער און עסטעטישער עס וועלן זיין די פּראָדוקטן, אַלץ ווייניקער וועלן זייערע באַשאַפער זיין געשיצט פון עקספּלואַטאַציע אויף דעם סאָציאַליסטישן וועלט־מאַרק.

צ וו יי ט נ ס, נעמען מיר נאָר יענע בראַנזשעס, וואָס קאָנען יאָ אָרגאַניזירט ווערן אויף אַ קאָאָפּעראַטיוון אופן, גע־פינען מיר אויך צווישן זיי אַ סך צווייגן, וואָס קאָנען זיך נישט פאַרוואַנדלען אין אַ מ אָ נ אָ פּ אָ ל. צו אָט דעם קלאַס געהערן אַלע אונטערנעמונגען, וואָס קאָנען געפירט ווערן מיט אַ קליינעם אויסגעב פון געלט, מיט ווייניק מאַשינעריע און וו די אַרבעטס־טיילונג קאָן זיך נישט פאַרצווייגן צו שטאַרק. צו אָט דעם קלאַס געהערן אויך כמעט אַלע אַ ג ר אַ ר י ש ע אונטערנעמונגען. פאַר אַ פעלד־ אָדער גאָרטן־ווירטשאַפט קאָן זיך נעמען יעדערער, בפרט ווען עס זאָל אָפּגעשאַפט ווערן פּריוואַט־אייגנטום אויף ערד. דער קאָאָפּעראַטיוו־פּרינציפּ לאָזט זיך ביי אַזעלכע ווירטשאַפטן אָנווענדן ביז צו גאָר אַ הויכן גראַד. אָבער זיי קאָנען קיינמאָל נישט אָפּשטעלן די קאָנקורענץ, ווייל עס איז אַזוי גרינג פאַר יעדער אַנדער גרופּע אַרבעטער צו נעמען זיך פאַר דערזעלביקער באַשעפטיקונג.

דערפון זעט מען, אַז די אַגראַרישע אונטערנעמונגען וועלן אין אַ קאָאָפּעראַטיוו־סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט מוזן זיין ווייניקער געשיצט פון דער פאַרדעקטער עקספּלואַטאַציע אויפן מאַרק, איידער אַ סך אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, און אין דעם סוף פּסוק וועט אין די אַגראַר־פּראָדוקטן פאַר דער אינדוסטריעלער באַפעלקערונג שטעקן אַ סך מער מענטש־לעכע אַרבעט, איידער אין יענע אינדוסטריעלע פּראָדוקטן, וואָס דאָס דאָרף וועט באַקומען אין אויסבייט פאַר זיי. דאָס הייסט, אַז אויך אין אַ קאָאָפּעראַטיוו־סאָציאַליסטישער סיסטעם מיט פרייער קאָנקורענץ און פרייער פּרייז־באַשטימונג וועט די שטאָט עקספּלואַטירן דאָס דאָרף, ווי דאָס ווערט געטאָן איצטער; אויך

דעמאָלט וועט דאָס דאַרף זיין עקאָנאָמיש געצוווּנגען אָוועקצו־געבן דער שטאַט אַ געוויסן סכום פון זיין אַרבעטס־צייט ריין אַ מזיסט און אומנישט.

דריטנס אָבער — און דאָס איז די גרעסטע צרה פון דעם ריין־קאָאָפּעראַטיוון סאָציאַליזם — זענען אַפילו די זיכערסטע, די איינגעפונדעוועטסטע מאָנאָפּאָל־קאָאָפּעראַטיוון קיינמאָל נישט געזיכערט פון אַ וועלכן עס איז אומדערוואַר־טעטן, אומגעריכטן עקאָנאָמישן קריזיס.

כּל־זמן מענטשן וועלן פּראָדוצירן סחורות פאַר דעם וועלט־מאַרק, ד. ה. גלאַט אין דער וועלט אַריין, פּראָדוצירן נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבן רוי־מאַטעריאַל, געצייג און אַר־בעטס־הענט; כּל זמן זיי וועלן נישט האָבן קיין איבערבליק איבער די באַדערפעניש, וואָס דאַרפן באַפרידיקט ווערן דורך דער פּראָדוקציע און וועלן זיך נישט רעכענען מיט דעם, וואָס אַנדערע גרופּן פּראָדוצירן; כּל זמן די פאַנאַנדערטיילונג פון די געשאַפענע פּראָדוקטן וועט געשען, ווי איצטער, דורך דעם קויף און פאַרקויף אויף דעם מאַרק, וועט דער וועלט־מאַרק בלייבן אַ בלינדע סטיכישע קראַפט, וועלכע קיין מאַכט אין דער וועלט קאָן נישט קאָנטראָלירן אינגאַנצן — פּונקט אַזאַ בלינדע סטיכישע קראַפט, ווי דער ים; עס קאָנען זיך אויפ־הייבן אויף אים אַזעלכע אומדערוואַרטעטע שטורעמס, אַז אַפילו די שטאַרק־געבויטע שיפן זאָלן מוזן גיין צום גרונט.

דער קאָאָפּעראַטיווער סאָציאַליזם קאָן קיינעם נישט גאַ־ראַנטירן קיין זיכערע עקאָנאָמישע עקזיסטענץ; די נישט־זיכערקייט אין דער עקאָנאָמישער עקזיסטענץ, וואָס לויערט אויף יעדן איינעם אין דער איצטיקער געזעלשאַפט, וועט אויך אויף יעדן איינעם לויערן אין דער צוקונפטיקער.

אָט־די נישט־זיכערקייט איז אָבער איינע פון די וויכטיק־סטע אורזאַכן, פאַרוואָס מענטשן ווערן געטריבן צו זאַמלען וואָס מער און מער רייכטימער אין דעם אייגענעם פּריוואַט־באַזיץ. עס ווילט זיך האָבן אַ רעזערוו, וואָס זאָל איינעם אויס־

העלפן זיין אַן עת-צרה. עס ווילט זיך שטאַרקער מאַכן די ווענט פון דעם אָקרענט, זיי זאָלן קאָנען וואָס מער אויסהאַלטן די געפאַרן פון אַ שטורעם. און אַזוי ווי עס זענען נישטאָ קיין גרענעצן צו יענעם שאָדן, וועלכע אומגעריכטע קריזיסן און פּאַניקן קאָנען ברענגען אויף איינעם; אַזוי ווי מילי אָ-נען קאָנען דעמאָלט פאַרשלונגען און ווערטלאָז געמאַכט ווערן אין אַ הרף-עין, קאָן אויך נישט זיין קיין מאָס פאַר יענעם סכום רייכטום, וועלכן איינער וואָלט געוואָלט אָנזאַמלען ווי אַ שוץ-וואַנט אַרום זיך. און ווייל מען טראַכט דאָך נישט נאָר וועגן זיך, נאָר אויך וועגן די אייגענע קינדער, וועלכע מען וויל זען געשיצט און געוואָרנט פון אַלע עקאָנאָמישע שטורעמס, קאָן נישט זיין קיין שיעור צו דעם שטרעבן אָנצו-זאַמלען וואָס מער רייכטימער, ד. ה. וואָס מער געלט און שוה-כסף אפילו ווען מען זאָל מיט דעם נישט קאָנען עקספּלו-אַטירן קיין אַנדערע.

אַזאַ סאָציאַליסטישע פאָרם, וואָס איז נישט געבויט אויף דעם קאָמוניסטישן פּרינציפּ: „אַלע פאַר יעדן איינעם און יעדער פאַר אַלעמען"; וואָס נעמט זיך נישט אונטער צו גאַראַנטירן יעדן איינעם אַ מענטשלעכע עקאָנאָמישע עקזיסטענץ; וואָס וואַרפט אַרויף די זאָרג און די אַחריות פאַר דער חיונה אויף יעדן יחיד באַזונדער, קאָן אויך נישט אָפּ-שאַפן דעם איצטיקן פאַמיליען-פּרינציפּ (און דאָס טוט טאַקע נישט פּרודאָן) און קאָן אויך נישט אָפּשאַפן דעם ירושה-רעכט, — דעם פאַמיליען-פּרינציפּ און דאָס ירושה-רעכט, וואָס זענען עקאָנאָמיש נישט קיין אַנדער זאַך, ווי די זאָרג פאַר דעם צוקונפטיקן דור. אויב דער סאָציאַליזם זאָל אָפּשאַפן ירושה-רעכט, וועט דאָס זיין נאָר לויט דער אויסערלעכער פאָרם. ווייל די פאַראינטערעסירטע פאַמיליען-פאָטערס וועלן שוין געפינען אַ וועג, ווי אַזוי איבערצולאָזן זייערע פּריוואַט-פאַרמעגנס פאַר יענע אייגענע, וואָס זענען זיי טייער.

דאָרטן אָבער, וווּ באַדייטנדיקע רייכטימער קאָנען זיך

אָנקלייבן אין ווייניקע הענט און איבערגיין בירושה פון דור צו דור, איז שוין די גאַנצע עקזיסטענץ פון דעם סאָציאַליסטישן פּרינציפּ גופא אַוועקגעשטעלט אין געפאַר.

קיינער קאָן נישט צווינגען די קינדער פון די רייכע, זיי זאָלן אויך זיין אַרבעטער, וויבאַלד זיי האָבן גענוג געלט, פאַרוואָס צו קויפן אויפן מאַרק אַלץ וואָס זיי דאַרפן. קוים אָבער ווערט צוגעלאָזן די עקזיסטענץ פון אַ נישט־אַרבעטנדיקן רייכן קלאַס, — אפילו ווען ער לעבט נאָר אויף די כשר־אָנגעהאָרעוועטע געלט פון זיינע עלטערן, — אַזוי מוז זיך אָנהויבן אַ גאַנצע סדרה פון צעפוילטער קאָרופּציע. ווי אַזוי קאָן מען, צום ביישפּיל, פאַרהיטן, אַז די רייכע זאָלן נישט אויסלייען זייער געלט אויף פּראָצענט יענע אַרבעטער, וואָס נויטיקן זיך אין דעם? איר קאָנט מאַכן אוממעגלעך, זיי זאָלן דינגען עפנטלעך לוין־אַרבעטער און לאָזן זיי אַרבעטן אויף זיך. אָבער פאַרן קאַפּיטאַליזם — אין דער פאָרם פון געלט־קאַפּיטאַל — קאָן מען נישט פאַרמאַכן די טיר. און אויב דאָס פּראָצענט־נעמען וועט פריער געטאָן ווערן בסתר, וועט דאָס נאָכדעם מוזן געטאָן ווערן בגלוי און לעגאַליזירט ווערן אויף דעם אָדער יענעם אופן, ווייל דאָס וועט ווערן אַ לעבנס־נויט פאַר די אָרעמערע קאָאָפּעראַטיוון. גיט איר אָבער דעם קאַפּיטאַליזם אַ פינגער אין דער פאָרם פון מעגן נעמען פּראָצענט, איז שוין דאָ די געפאַר, ער זאָל אַריינשלעפּן די גאַנצע האַנט; ווייל עס האָט קיין זין נישט צו פאָדערן, דער פּראָצענט זאָל געצאָלט ווערן נאָר אין געלט און נישט אין אַרבעט, וואָס איז דער אייגנטלעכער באַזיס פון דעם געלט. און אַזוי מוזט איר צולאָזן די עקזיסטענץ פון אַ קלאַס, וואָס וועט לעבן אויף דעם חשבון פון פרעמדער אַרבעט, פונקט ווי אין דער איצטיקער געזעלשאַפט.

צו וואָס פאַר אַ רעפאָרמען וועט דער קאָאָפּעראַטיווער סאָציאַליזם דעמאָלט געטריבן ווערן?

אויב דער ריינער סאָציאַליזם וויל נישט דערלאָזן, אַז זיין גרונט־פּרינציפּ און עיקר, די אָפּשאַפונג פון עקספּלואַטאַציע, — זאָל דורכגעריסן ווערן אויף אַ העכסט־פּאַטאַלן אופן, מוז ער זיך נעמען פאַר דער קאָנטראָל פון דעם וועלט־מאַרק. ער וועט דאַרפן האַלטן אַן אויג אויף דעם גאַנצן גאַנג פון דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקציע. די איינצלנע קאָאָפּעראַטיוון און איינצל־באַלעבאַטישקייטן וועלן נישט קאָנען אָנגיין מיט זייער אַרבעט גאַנץ אומאָפּהענגיק איינע פון די אַנדערע. זיי וועלן מוזן שטיין אין אַן ענגן באַריר איינע מיט דער אַנדערער. אַ צענטראַל־פאַרוואַלטונג וועט מוזן באַשאַפן ווערן, וואָס זאָל אַכטונג געבן, וואָס און וויפל יעדע אונטערנעמונג לאָזט אַרויס אויפן מאַרק. דער צענטער וועט דאַרפן האָבן דאָס רעכט צו פאָדערן, געוויסע אונטערנעמונגען זאָלן איינהאַלטן זייער פּראָדוקטיוון חשק, ווייל די צאָל פון זייערע פּראָדוקטן קאָן איבערפילן דעם מאַרק און ברענגען צו אַ קראַך; געוויסע אַנדערע אונטערנעמונגען זאָלן אַרויסוואַרפן אויפן מאַרק די איינגעשפּייכלערטע פּראָדוקטן, ווייל אַז נישט, קאָן אַריינטרעטן אַ יקרות, וואָס וועט שטערן דעם נאָרמאַלן געשעפטסגאַנג. קורץ, די צענטראַלע קערפּערשאַפט וועט שוין מוזן נעמען אויף זיך די ראָלע צו רעגולירן דעם גאַנצן פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס; מיט דעם גופא וועט זי אָבער דאַרפן איבערנעמען אויף זיך די אחריות פאַר די עקאָנאָמישע רעזולטאַטן פון דער קאָנטראָל.

לאָז זיין, אַז די צענטראַלע קאָנטראָלירנדיקע מאַכט וועט פאַרשרייבן געוויסע קאָאָפּעראַטיוון, זיי זאָלן פּראָדוצירן לאַנגזאַמער, אָדער געוויסע אַנדערע, נאָר־וואָס געגרינדעטע אונטערנעמונגען, זיי זאָלן נאָך גאָרנישט אָנהויבן צו פּראָדוצירן, ווייל דער מאַרק איז שוין איבערפילט מיט יענע אַרטיקלען, — ווער זאָל צאָלן פאַר דער צעריבענער צייט? ווער זאָל אויסהאַלטן די אַרבעטער, וואָס מוזן דערביי אומגיין ליידיק?

אויב דאָס זאָל געטאָן ווערן אויף דעם חשבון פון דעם גאַנצן כּלל, וועט דעמאָלט דער „צענטער" האָבן אַ רעכט צו פאַרלאַנגען, אַז די אַרבעטסצייט, וואָס גייט אום לײדיק אויף זיין חשבון, זאָל אָנגעווענדט ווערן אויף דער פּראָדוקציע פון יענע גיטער, אין וועלכע דער מאַרק נויטיקט זיך נאָך, אָדער אויף געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן, וואָס דינען דעם גאַנצן כּלל. ד. ה.: דער צענטער וועט דאַרפן דורכרייסן די פולע פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט פון אַ געוויסער צאָל אַרבעטער און אַרויפצווינגען אויף זיי געוויסע, פאַר אַלעמען נויטיקע, אַרבעטן.

אַזוי אָבער ווי קיין מיוחסים אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט זענען נישטאָ, וועלן אָט־די אַלע אַרבעטער, אין וועמעס טעטיקייט די צענטראַל־מאַכט מוז זיך אַריינרייסן, אָנהויבן פּראָטעסטירן. זיי וועלן נישט דערלאָזן, אַז נאָר זיי אַליין זאָלן מעגן באַרויבט ווערן פון זייער אַבסאָלוטער פרייהייט צו פּראָדוצירן אָדער נישט צו פּראָדוצירן אויף זייער אייגענעם חשבון, ווי זיי אַליין פאַרשטייען. אויב עס מוז זיין אַ קאָנטראָל און אַ פּלאַן אין דער פּראָדוקציע, כּדי אַלעמענס טעטיקייטן זאָלן שטיין אין פולער האַרמאָניע מיט די באַדערפעניש פון דער געזעלשאַפט, דאַרף דער פּלאַן לכתּחילה אויסגעאַרבעט ווערן, דאַרף די קאָנטראָל אָנגעווענדט ווערן אויף אַלעמען גלייך.

איר זעט שוין וווהין אָט דער דורכרייס פון דעם פריי־קאָאָפּעראַטיוון פּרינציפּ מוז פירן.

די צענטראַלע קאָנטראָלירנדיקע מאַכט וועט מוזן סוף־כּל־סוף איבערנעמען די אחריות פאַר דערגאַנצער פּראָדוקציע, כּדי נישט צו דערלאָזן, אַז אין איר זאָל זיך ווידער אַריינרייסן אַוועלכער עס איז כאַאָטישער עלעמענט. און וואָס מער די גאַנצע עקאָנאָמישע טעטיקייט וועט מוזן אַוועקגעשטעלט ווערן אונטער אַ קאָנטראָלירנדיקער איבערמאַכט, אַלץ מער וועט זי זיך מוזן פאַרוואַנדלען אין אַ צענטראַליסטישער פּלאַנמעסיקגעפירטער אַלגעמיין־געזעלשאַפטלעכער באַלעבאַטישקייט. די

קאָנקורענץ וועט מוזן אָפּגעשאַפט ווערן, ווייל גראָד פון איר שטאַמט דער גרעסטער טייל כאַאָס, וואָס באַווייזט זיך אויף דעם מאַרק. מיט דער אָפּשאַפונג פון דער קאָנקורענץ פאַלט אָבער אַוועק יעדער גרונט פאַר אַן אומגלייכער פאַרטיילונג פון די פּראָדוקטן. דאָס איז זייער אַ וויכטיקער ענין, אין וועלכן מען מוז זיך אַריינטראַכטן.

די אומגלייכקייט האָט געהאַט אַ זין, ווען זי האָט זיך געקאָנט באַהאַלטן הינטער דעם מאַנטל פון „גערעכטיקייט". קאָאָפּעראַטיוון, וואָס האָבן געקאָנט בעסער אויסנוצן די מאַרק־קאָניונקטור, האָבן געקאָנט באַטראַכטן זייער גרעסערן חלק פּראָדוקטן, ווי אַ באַלוינונג פאַר זייערע גרעסערע עקאָנאָמישע פעאיקייטן. די פאַראָרעמטע קאָאָפּעראַטיוון האָבן נישט געהאַט אויף וועמען זיך צו באַקלאָגן. זייער אָרעמקייט האָט געקאָנט שטאַמען פון אייגענע פעלערן: נישט געיאָגט זיך נאָך דער אויסבעסערונג פון זייער טעכניק, געפירט אַ שלעכטע באַלעבאַטישקייט, צופיל אויסגעגעבן אויף דעם לעבנס־באַדאַרף פון די איינצלנע מיטגלידער.

קוים אָבער האָבן די פאַראָרעמטע קאָאָפּעראַטיוון די גערעכטע טענה, אַז מען האָט זיי דורך קאָנטראָלירנדיקע פאַראָרדענונגען נישט געלאָזט אויסנוצן אַלע זייערע פעאיקייטן; אַז ווען מען וואָלט זיי נישט געשטערט, וואָלטן זיי פאַרנומען אויף דעם מאַרק דעם פּלאַץ פון די פיל גליקלעכערע קאָאָפּעראַטיוון, וואָס האָבן אונטער די געגעבענע אומשטענדן געמוזט שטיין אונטער דעם שוץ פון דעם קאָנטראָלירנדיקן צענטער, קורץ, אַז אין זייער פאַראָרעמונג זענען שולדיק די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט, — איז שוין דעמאָלט אַ יושר, אַז די געזעלשאַפט זאָל נעמען אויף זיך אַלע שאָדנס און צעוואַרצן זיי אויף אַלעמען גלייך. און ווי מיט די שאָדנס, אַזוי אויך מיט די פּאָרטייל ן. די מער־גליקלעכע קאָאָפּעראַטיוון האָבן דעמאָלט קיין רעכט נישט אוועקצונעמען אַלע

זייערע רייכע פאַרדינסטן נאָר פ אַ ר ז י ך. זיי, די פאַרדינסטן, שטאַמען דאָך אין דעם פאַל נישט פון דעם קאָאָפּעראַטיווס אייגענעם איינפאַל און פעאיקייטן, נאָר פון די אינטערעסן און די פאַראָרדענונגען פון דעם כלל, וואָס האָבן נישט דערלאָזן די געפערלעכע קאָנקורענץ. ממילא מוזן אַלע יענע פאָרטיילן ווידער פאַנאַנדערגעטיילט ווערן צווישן אַלעמען גלייך. דערביי מוז דאָך אָבער אויסגעוואַקסן אַן אינעווייניקסטער ווידערשפּרוך. נישט אַלע קאָנען נעמען אַ ג ל ײ כ ן אָ נ ט ײ ל אי ן ד ע ר פּ ר אָ ד ו ק צ י ע: איין גרופּע אַרבעטער ווערט אויפגעפאָדערט צו אַרבעטן וואָס מער, די אַנדער גרופּע — צו אַרבעטן וואָס ווייניקער אָדער אינגאַנצן אָפּצושטעלן די אַרבעט, און פונדעסטוועגן מוזן אַלע אַרבעטער באַקומען אין לעצטן חשבון אַ ג ל ײ כ ן חלק. אָט דער אינעווייניקסטער ווידערשפּרוך וועט מוזן אָפּגעשאַפט ווערן אויף אַזאַ אופן, אַז אויך די אַ ר ב ע ט זאָל פאַרטיילט ווערן אַזוי, אַז קיינער זאָל נישט האָבן קיין ברעקל פּריווילעגיע לגבי דער אַנדערן. אַזוי אָבער ווי דאָס איז אַבסאָלוט אוממעגלעך דורכצופירן אין אומאָפּהענגיקע איינצל-ווירטשאַפטן און אומאָפּהענגיקע קאָאָפּעראַטיוון, וועלן זיי אַלע מוזן צונויפגעגאָסן ווערן אין איין-איינציקן, אַלץ-אַרומנעמענדיקן קאָאָפּעראַטיוו.

אָבער איין-איינציקער, אַלץ-אַרומנעמענדיקער געזעלשאַפטלעכער קאָאָפּעראַטיוו איז דאָך שוין נישט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר אַן אַנדער נאָמען פאַר דער איין-איינציקער ק אָ מ ו נ י ס ט י ש ע ר געזעלשאַפט.

היוצא מדברינו:

דער בוי-פּרינציפּ, וועלכן דער ריינער פּרודאָנישער אָדער קאָאָפּעראַטיוויסטישער סאָציאַליזם שלאָגט אונז פאָר, און וואָס באַשטייט אין אָפּשאַפן נאָר דעם קאַפּיטאַליזם, די לוינאַרבעט און די מעגלעכקייט פון עקספּלואַטאַציע און וואָס וויל אין אַלע אַנדערע וויכטיקע פּרטים איבערלאָזן די סאָציאַלע באַלעבאַטישקייט אַזוי ווי איצטער, מיט איר אַבסאָלוטן פּריוואַט-

אייגנטום, קאָנקורענץ, איינצל-באַלעבאַטישקייט און מקח-וממכר, — אָט-דער פּרודאָנישער, ריין-סאָציאַליסטישער בוי-פּרינציפּ קאָן אונז נישט פירן צו דער פאַרווירקלעכונג פון אונזערע ענדצילן. ס׳איז נישט קיין שטאַנדהאַפטיקער פּרינציפּ. ווען איר איבערלאָזן די פולע עקאָנאָמישע אומאָפּהענגיקייט צו די איינצלנע באַלעבאַטישקייטן, עפנט איר אויף טיר און טויער פאַר דעם כאַאָס אויף דעם וועלט-מאַרק, און דערדאָזיקער כאַאָס, אויב נישט פאַרוואָרנט דורך אַ קאָנטראָלירנדיקער מאַכט, מוז פירן צו דעם ווידעראויפבוי פון עקספּלואַטאַציע און קאַפּיטאַליזם אין דער אָדער יענער פאָרם. אויב אָבער איר הויבט אָן איינצוהאַלטן און פאַרוואָרענען דעם כאַאָס דורך אַ קאָנטראָלירנדיקער מאַכט, וואָס טראָגט אַריין פּלאַנמעסיקייט אין דערגאַנצער פּראָדוקציע, פאַרלאָזט איר שוין דעם ריין-סאָציאַליסטישן בוי-פּרינציפּ, און איר טרעט אַרויף אויפן וועג וואָס פירט על פּי נויטווענדיקייט צו דעם קאָמוניזם.

מיר האָבן זיך אַזוי לאַנג אָפּגעשטעלט ביי אַזוי פיל אלף-בית-אמתן בנוגע דעם קאָאָפּעראַטיוויזם, — הגם ער שפּילט איצטער גישט קיין גרויסע ראָלע אין דער אָפיציעלער סאָציאַליסטישער וועלט, — מחמת דעם פאָלגנדיקן טעם.

אַ הוץ דער אָפיציעלער סאָציאַליסטישער וועלט — וואָס איז אין איר מערהייט דורכגעדרונגען מיט דעם מאַרקסיסטישן קאָלעקטיוויזם, — איז נאָך דאָ אַ נישט-אָפיציעלע סאָציאַליסטישע וועלט, וואָס איז געשטאַנען מחוץ פון דער אַלוועלטלעכער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. אין די לעצטע יאָרן פאַר דעם קריג און אין דער איצטיקער צייט באַמערקן מיר גראָד אַן אויפבלי פון אָט די נישט-אָפיציעלע סאָציאַליסטישע שטרעמונגען. דער סינדיקאַליזם אין פראַנקרייך און דער נייער „צעך-סאָציאַליזם" אין ענגלאַנד, וואָס שפּילן שוין אַ גאַנץ אָנגעזעענע ראָלע אין די באַשטרעבונגען פון דעם פראַנצויזישן און ענגלישן פּראָלעטאַריאַט, באַזירן אין תוך אַריין אויף דעמזעלביקן פּרודאָניש-סאָציאַליסטישן בוי-פּרינציפּ: די אָפּשאַפונג פון עקס-

פלואַטאַציע דורך פרייע אומאָפּהענגיקע קאָאָפּעראַטיוון. דער אומגליקלעכער אויסגאַנג פון דעם באָלשעוויסטישן קאָמוניזם, — אפשר נאָר אַ דערווייליקער, — קאָן נאָך גרעסער מאַכן אָט דעם אומצוטרוי צו דעם קאָמוניסטישן בוי-פּרינציפּ און פאַרשטאַרקן די מאַגנעטישע קראַפט, וואָס ליגט אין דעם אידעאַל פון אַ פרייען קאָאָפּעראַטיוויזם.

האָבנדיק דעם אומשטאַנד אין זינען, האָבן מיר געהאַלטן פאַר אונזער חוב אויפצודעקן די גרונט-טעותן, וואָס ליגן אין זיין חשבון.

דאָס הייסט אָבער נישט, אַז מיר פאַרוואַרפן אינגאַנצן דעם קאָאָפּעראַטיוויזם. מיר זענען גאַנץ ווייט פון דעם מסכּים צו זיין מיט ענגעלסן, וואָס האָט אין די זיבעציקער יאָרן פון דעם פאָריקן יאָרהונדערט געזאָגט אויף דעם פּרודאָניזם פון די בעלגישע סאָציאַליסטן, אַז ער „פירט פאָן ניכטס דורך ניכטס צו ניכטס".

גראָד יענע בעלגישע סאָציאַליסטן האָבן מיט זייערע סאָציאַליסטיש-קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען שפּעטער באַוויזן, וואָס פאַר אַ געוואַלטיק-געבענטשטע ראָלע דער קאָאָפּעראַטיוו קאָן שפּילן אין דער אַרבעטער-באַוועגונג. עס איז גאָר קיין ספק נישט, אַז דער קאָאָפּעראַטיוו קאָן העלפן דעם אַרבעטער אין זיין סאָציאַל-עקאָנאָמישער אויסבילדונג; קאָן אים דערציען און פאָרגרייטן צו אַ זעלבשטענדיקער ראָלע אין דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט.

קיין אַרבעטער-באַוועגונג, ווען זי ווערט נאָר שטאַרק און שטעלט זיך אויף אירע אייגענע פיס, קאָן זיך נישט אָפּזאָגן פון דעם קאָאָפּעראַטיוויזם, ווי אַ צווייג פון איר, אַזויצו-זאָגן, „גלות-אַרבעט" אונטער דעם קאַפּיטאַליסטישן יאָך.

אָבער אויך ווי אַ *בוי-פּרינציפּ פאַר דער צוקונפט* קאָן דער קאָאָפּעראַטיוויזם שפּילן אַ געוואַלטיק וויכטיקע ראָלע, אויב ער זאָל אַוועקגעשטעלט ווערן אויף אַ

גאַנץ אַנדער פונדאַמענט, איידער דער, אויף וועלכן פּרודאָן האָט אים אַוועקגעשטעלט.

דאָס וועט אונז קלאָר ווערן, ווען מיר וועלן קריטיש דורכנעמען דעם צווייטן סאָציאַליסטישן בוי־פּרינציפּ, דעם קאָלעקטיוויסטישן, אָדער — ווי ער ווערט נאָך אַלץ אָנגערופן, — דעם קאָמוניסטישן.

## VI. דער קאָמוניזם

יעדע קאָמוניסטישע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג רוט אויף די פאָלגנדיקע יסודות:

א) די גאַנצע עקאָנאָמישע טעטיקייט פון אירע מיטגלי־דער דאַרף געהערן צו דער גאַנצער געזעלשאַפט;

ב) די פאַרטיילונג פון די אויסגעאַרבעטע גיטער און רייכטימער, — מאַטעריעלע און גייסטיקע, — ווערט איינגע־אָרדנט אַזוי, אַז אַלע זאָלן קאָנען געניסן פון זיי אין אַן אַבסאָלוט גלייכן גראַד; אַז קיינער זאָל נישט קאָנען האָבן קיין איין ברעקל עקאָנאָמישן איבערוואָג, קיין איין שאָטן פון אַ פּריווילעגיע איבער דעם אַנדערן.

כדי דאָס צו דערגרייכן מוז ג) אָפּגעשאַפט ווערן יעדער פּריוואַט־אייגנטום אויף אַלע מיטלען און געצייג פון דער פּראָדוקציע און זיי מוזן איבערגיין אין דער אַלגעמיינער פאַר־וואַלטונג פון דער גאַנצער געזעלשאַפט;

ד) עס ווערט אויך אינגאַנצן אָפּגעשאַפט דער האַנדל, די קאָנקורענץ און די געלט־סיסטעם, און פּראָדוצירט ווערן נישט קיין סחורות פאַרן מאַרק, נאָר געברויכס־אַרטיקלען פאַר דעם דירעקטן פאַרברויך פון די מיטגלידער.

דער מאָדערנער מאַרקסיסטישער קאָלעקטיוויזם, אין אונטערשייד פון דעם פאַרצייטיקן פאַרברויכס־קאָמוניזם, איז נאָך מוסיף דעם באַדינג, אַז די גיטער, וואָס יעדער איינער באַקומט פון דעם אַלגעמיינעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס, זאָלן

אַרייַנטרעטן אין זיין אינדיווידואַל-באַזיץ, מיט דעם פולן פרי-וואַט-רעכט צו פאַרברויכן זיי אָדער צו נוצן זיי אַזוי לאַנג, ווי ער וויל, און אַזוי לאַנג, ווי די גאַנצע געזעלשאַפט נויטיקט זיך נישט אין זיי. אין אַ פאַל פון אַן אַלגעמיין-געזעלשאַפטלעכער נויט, — וואָס דאָס קאָן פּאַסירן זייער זעלטן, — הערט אויף אויך דער אינדיווידועלער באַזיץ-רעכט אויף די פאַרטיילטע פאַרברויכס-אַרטיקלען.

מיט דער הילף פון אָט די יסודות האָפּט דער קאָמוניזם נישט נאָר אָפּצושאַפן אויף אייביק די עקספּלואַטאַציע פון דער מענטשלעכער אַרבעט, נאָר אויך צו פאַרזיכערן יעדן איינעם זיין אינדיווידואַל-באַזיץ אין נאָרמאַלע צייטן און דורכצופירן אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן דעם אידעאַל פון פולער סאָציאַלער גלייכקייט.

עס פרעגט זיך איצטער די שאלה, צי זאָל נישט אַ זיגרייכע סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע מאַכן אָט די קאָמוניסטישע יסודות פאַר דעם בוי-פּרינציפּ פון דער נייער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. עס פאַרשטייט זיך, אַז קיינער דערוואַרט נישט, אַז אַזאַ געזעלשאַפטס-פאָרם זאָל קאָנען אַריינגעפירט ווערן אין לעבן מיטאַמאָל. דער איבערבוי וועט אפשר דאַרפן געדויערן אַ לענגערע צייט און וועט פאַרלאַנגען מערערע איבערגאַנגס-שטופן. דער ווערט פון דעם בוי-פּרינציפּ וועט אָבער באַשטיין אין דעם, וואָס ער וועט זיין דער קאָמפּאַס, נאָך וועלכן מען וועט באַשטימען די ריכטונג און דעם אַלגעמיינעם פּלאַן פון דעם איבערבוי אַזוי, אַז אין יעדער געגעבענער צייט זאָלן פאַרווירקלעכט ווערן אַזויפיל פון די קאָמוניסטישע יסודות און אין אַזאַ פולער מאָס, וויפל און ווי פול דאָס קאָן דורכגעפירט ווערן אונטער די עקזיסטירנדיקע אומשטענדן.

ביי דער פאַרענטפערונג פון אָט דער שאלה וועלן מיר קודם כל אויסנעמען דעמזעלביקן תנאי, וועלכן מיר האָבן אָוועקגעשטעלט פאַר דעם אַנאַליז פון דעם ריין-סאָציאַליסטישן

בוי־פּרינציפּ. מיר אונטערזוכן נישט די פראַגע, צי דער אָדער יענער בוי־פּרינציפּ קאָן אָנגעווענדט ווערן אָדער איז ווערט אָנגעווענדט צו ווערן דעמאָלט, ווען אין לעבן זענען שוין אַריינגעטראָטן אַלע יענע פּ אָ ר ב אַ ד י נ ג ו נ ג ע ן, וועלכע די טעאָריע האָט אויסגעאַרבעט פאַר אים. אַזוי האָבן מיר אינ־גאַנצן געלאָזן אָן אַ זייט די פראַגע, צי וואָלט דער ריין־קאָאָפּעראַטיווער סאָציאַליזם, געבויט אויף די יסודות פון אַב־סאָלוט־פרייער אַרבעט, פּריוואַט־אייגנטום, קאָנקורענץ און האַנדל, געקאָנט זיין דער ענדציל פון אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע, ווען זיין טעאָרעטישער פאָרבאַדינג — דער „קאָנסטיטואירטער ווערט״ — וואָלט שוין גענומען באַהערשן דעם גאַנצן אויסבייט פון סחורות. מיר האָבן גענומען די איצטיקע וועלט און דעם איצטיקן מענטשן, ווי זיי זענען, און האָבן זיך געפרעגט, צי קאָן דער ריינער סאָציאַליסטישער קאָאָפּעראַטיוויזם זיין דער וועג־ווייזער פאַר אַ סאָציאַלן איבערבוי אין דער איצטיקער צייט. פּונקט אַזוי וועלן מיר זיך באַגיין ביי דעם אַנאַליז פון דעם קאָמוניזם.

מיר וועלן לאָזן אָן אַ זייט די פראַגע, צי וואָלט דער קאָמוניזם געדאַרפט זיין דער ענדציל פון אונזער רעוואָלוציע, ווען אין לעבן וואָלטן שוין זיין אַריינגעטראָטן יענע פאָרבאַ־דינגונגען, וועלכע קאַרל מאַרקס האָט דערוואַרט אויף דעם סמך פון זיין אַנאַליז פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט: ווען די וויכטיקסטע צווייגן פון דער מענטשלעכער אַרבעט וואָלטן שוין צענטראַליזירט געוואָרן אין גיגאַנטישע אונטער־נעמונגען און דער אַרבעטס־פּראָצעס פאַרגעזעלשאַפטלעכט ביז צום העכסטן גראַד; ווען אין אַלע אָט די צווייגן — די אַגראַר־ווירטשאַפט אַריינגערעכנט — וואָלטן געאַרבעט צו טויזנטער מענטשן איינאיינעם, קיינער זאָל נישט קאָנען אויפווייזן, וועלכער טייל פון וועמענס אַרבעט עס שטעקט אין וועלכן טייל פון אַלעמענס פּראָדוקט; ווען מען וואָלט זיך טעכניש געקאָנט באַגיין אָן דער דיריגירנדיקער ראָלע פון דעם קאַפּיטאַליסט;

ווען אין אָט די וויכטיקסטע צענטראַליזירטעווירטשאַפטס-צווייגן וואָלט געווען באַשעפטיקט דאָס גרעסטע רוב פון דער אַרבעטנ-דיקער באַפעלקערונג אין דער פאָרם פון לוין־אַרבעטער, וואָס האָבן זיך שוין לאַנג אָפּגעוווינט פון צו אַרבעטן אויף זיך אליין און צו באַטראַכטן די פּראָדוקטן פון זייער אַרבעט פאַר זייער אינדיווידועלן אייגנטום; ווען ביי אָט די לוין־אַרבעטער, וואָס וואָלטן מיט זיך פאָרגעשטעלט די „אומגעהייערע מאַיאָ-ריטעט פון דער באַפעלקערונג" וואָלט שוין אַריין אין פלייש און בלוט דער קאָמוניסטישער געפיל און באַוווסטזיין, אַז די פּראָדוקטן, וואָס ווערן באַשאַפן פון אַלעמען אינאיינעם, דאַרפן געהערן צו אַלעמען אינאיינעם און פאַרטיילט ווערן לויט אַ פּרינציפּ, וואָס זאָל קאַווירן אַלעמען אַ גלייכן רעכט אויף זיי.

ס'איז אָבער אונז קיין דאגה נישט אין דער איצטיקער אַרבעט, צי מוז דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס אַרויסברענגען אַלע יענע אָביעקטיווע און סוביעקטיווע פאָר-באַדינגען פאַר דעם קאָמוניזם, וועלכע מאַרקס זעט דאָ פאָראויס. מיר רעדן וועגן אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע אין דער איצטי-קער צייט, ווען קיין איינער פון די אויבן־אָנגעמערקטע פאָרבאַ-דינגען איז נאָך ערגעץ נישט אויסגעוואַקסן צו אַ באַדייטנדיקער מאָס. דער אַנאַליז פון דעם קאָמוניזם, ווי אַ גרונט-פּרינציפּ פאַר דעם איבערבוי פון דער איצטיקער געזעלשאַפט, דאַרף נעמען די געזעלשאַפט און די מענטשן אַזוינע, ווי זיי זענען איצטער; און נאָר רעכענענדיק זיך מיט די פאַקטישע צושטאַנדן פון דעם היינט קאָן ערנסט גערעדט ווערן וועגן דער פּראָבלעם, צי זאָל דער קאָמוניזם ווערן דער בוי-פּרינציפּ פון אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע אין אונזערע איצטיקע צייטן.

איבערגייענדיק צו אָט דער פראַגע, מוז מען פריער פאַר אַלץ קלאָר מאַכן, ווי אַזוי דער קאָמוניזם שטעלט זיך פאַר דעם פּרינציפּ פון גלייכקייט אין דער פאַרטיילונג פון אַרבעט און פּראָדוקטן צווישן די מיטגלידער פון דער געזעל-שאַפט. די פראַגע איז די וויכטיקסטע, ווייל אין דעם ענטפער

אויף איר ליגט שוין איינגעשלאָסן דער אָרגאַניזאַציאָנס-פּלאַן פון דעם קאָמוניסטישן לעבן און ווירקן.

ווערט מען באַקאַנט מיט דער קאָמוניסטישער ליטעראַטור וועגן אָט דעם ענין, געפינט מען, אַז אַלע ענטפערס וואָס זענען ביז אַהער געגעבן געוואָרן אויף אונזער פּראָבלעם, קאָנען צוריקגעפירט ווערן צו דריי גרונט-טיפּן, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר דריי פאַרשיידענע אַרטן, ווי אַזוי צו פאַרטיילן די אַרבעט און די אַרבעטס-פּראָדוקטן אין אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפט.

די ערשטע אַרט קאָן פאָרמולירט ווערן מיט דעם כּלל: „יעדער אַרבעט וואָס, ווען און וויפל ער וויל און נעמט אויך פון די פּראָדוקטן וואָס, ווען און וויפל ער וויל". אַ קאָנסעקווענטער קאָמוניסטישער אַנאַרכיזם וואָלט געדאַרפט געפירט ווערן פון אַזאַ כּלל, און ווי אוטאָפּיסטיש ער זאָל נישט אויסזען אויף דעם ערשטן בליק, איז אין דער אמתן נישטאָ קיין ברעקל גרונט צו צווייפלען, אַז אַזאַ צושטאַנד זאָל ווען עס איז קאָנען אַריינטרעטן אין לעבן. סיי זיינע אָביעקטיווע, סיי זיינע סוביעקטיווע באַדינגונגען ליגן זיכער אין די גרענעצן פון אַ מענטשלעכער מעגלעכקייט. אָביעקטיוו מוז די פּראָדוקטיוויטעט פון דער מענטשלעכער אַרבעט שטייגן אויף אַזאַ הויך, אַז אַלע אַרטיקלען פון דער מאַטעריעלער פּראָדוקציע זאָלן קאָנען אַרויסגעבראַכט ווערן כּמעט אין אַ גרענעצלאָזער שפע — און דאָס ליגט אין דער טענדענץ פון דער איצטיקער טעכנישער וויסנשאַפט. סוביעקטיוו ווערט דערביי געפאָדערט, אַז מענטשן זאָלן אין דורכשניט אויפהערן צו זיין אַזוי להוט נאָך אַ ריין-מאַטעריעלן געניוס; אַז די גייסטיקע אַרבעטן און פאַרגעניגנס, וואָס נויטיקן זיך נישט אין מאַטעריעלער פּראָדוקציע און עקאָנאָמישער טעטיקייט, זאָלן ביי זיי אָנהויבן שפּילן אַ גרעסערע ראָלע, איידער דאָס קומט

איצטער פאַר. ס'איז אויך נויטיק דערצו, דער מענטש זאָל ווערן א ביסעלע לייטישער בנוגע צו די מיטמענטשן און האָבן אין זינען אויך ז יי ע ר ע נויטן און פאַרלאַנגען, — א גראַד פון אַ ל ט ר ו א י ז ם, וואָס איז נישט, גאָט ווייס, ווי הויך. א האָרעלע זעלבסט-קאָנטראָל, קאָנען האַלטן זיך אין צוים אין יענע צייטן, ווען דאָס ווערט געפאָדערט פון טובת הכלל, געהער אויך נישט צו אַזעלכע מעלות, וואָס דאַרפן באַטראַכט ווערן פאַר איבערמענטשלעך. נעמט איר נאָך צו צו דעם די מעגלעכקייט צו קאָנטראָלירן די גרויס פון דער באַפעלקערונג מיט אַזעלכע מיטלען, וואָס גייען נישט להיפך נישט צו דער מענטשלעכער נאַטור, נישט צו די אידעאַלן פון מענטשלעכער חשיבות, זעט מען בשום אופן נישט איין, פאַר-וואָס דער קאָמוניסטישער אַנאַרכיזם, — אין וועלכן די פולע פאַרזיכערונג פון אייגעמס אינדיווידואַל-באַזיץ איז אין דער-זעלביקער צייט צונויפגעגאָסן מיט דער פולסטער פערזענלעכער פרייקייט און אומאָפהענגיקייט, — זאָל נישט דערקלערט ווערן פאַר יענעם סאָציאַלן אידעאַל, צו וועלכן די פּראָגרעסיוועסטע מענטשהייט מוז שטרעבן אין איר אַנטוויקלונג און וועלכער קאָן ווען עס איז מקוים ווערן.

אויך די ריין-טעכנישע אָרגאַניזאַציע פון אַזאַ קאָמוניס-טיש-אַנאַרכיסטישער געזעלשאַפט דאַרף זיך נישט אָנשטויסן אויף איבערמאָסיקע שוועריקייטן. אויסבויען אַלע נויטיקע פאַבריקן, וואַרשטאַט-הייזער, אַלערליי פּראָדוקציאָנס-געצייג און טעכנישע אַנשטאַלטן, אַלערליי שפּייכלערס און מעכאַנישע דיס-טריביוטיוו-קראָמען; אויסאַרבעטן מעטאָדן, ווי אַזוי כ מ ע ט א ו י ט אָ מ אַ ט י ש אָפּצוליווערן די אויסגעאַרבעטע אַרטיקלען און כמעט אויטאָמאַטיש צו באַקומען זיי צוריק לויטן באַדאַרף; אָרגאַניזירן די דערציאונג קודם כל אויף די יסודות פון טעכ-נישער אויסבילדונג אין אַלע גרונט-אַרטן פון דער מענטשלע-כער אַרבעט, — דאָס איז אַלץ, וואָס איז נויטיק פאַר דעם באַזיס פון א קאָמוניסטיש-אַנאַרכיסטישער געזעלשאַפט, און

דאָס אַלץ וואָלט מען געקאָנט דורכפירן אַפילו מיט אונזערע איצטיקע טעכנישע מיטלען.

און פונדעסטוועגן איז דער אַנאַרכיסטישער קאָמוניזם פאַר דער איצטיקער צייט אַ ריינע אוטאָפּיע. אַ געזעלשאַפט, ווען אַפילו זי וואָלט געקאָנט אויסבויען דעם נויטיקן טעכנישן אָרגאַניזאַציאָנס-באַזיס, און וואָס וואָלט אָפּגעשאַפט יעדע קאָנטראָל און יעדן צוואַנג, דערקלערנדיק, אַז יעדערער מעג פון איצטער אָן אַרבעטן וואָס, ווען און וויפל ער וויל און אויך נעמען וואָס, ווען און וויפל ער וויל, וואָלט אין אַ קורצער צייט צוזאַמענגעבראָכן אין זיך גופא.

קודם איז די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבעט, — דער עיקר אין דער אַגראַר-ווירטשאַפט, — נאָך בשום אופן נישט געשטיגן צו אַזאַ הויך, זי זאָל קאָנען אַרויסברענגען אַלע מעגלעכע אַרטיקלען אין דעם גרעסטן איבערפלוס. די פּראָדוקציע פון אַ סך גאָר וויכטיקע מאַטעריעלע גיטער, סיי אין דער דאָרף-ווירטשאַפט, סיי אין דער אינדוסטריע, — ווי צ. ב. די אויסגראָבונג און ערשטע באַאַרבעטונג פון רוי-מאַטעריאַלן, — פאָדערט נאָך עד היום אַ סך אַרבעט און אַ סך שווערע אַרבעט. ביי אַזעלכע באַדינגונגען וואָלט אַ פרייע קאָמוניסטישע געזעלשאַפט זיך געקאָנט האַלטן נאָר אויף מענטשן פון אַ גאַנץ אַנדער מאָראַלישן כאַראַקטער, איידער דער געוויינטלעכער.

מיר געהערן נישט צו די מקטרגים פון דעם מענטשן. מיר האַלטן זייער פיל פון אים אַפילו אין זיין איצטיקן מהות. אָבער אויך מיר מוזן מודה זיין, אַז די גרעסטע מאַיאָריטעט פון דער איצטיקער מענטשהייט — זאָל דאָס איר צו קיין גנאי נישט זיין — איז נאָך זייער ווייט פון יענעם מינימום קאָמוניסטישע און מאָראַלישע געפילן, וואָס וואָלטן איבעריק געמאַכט יעדע קאָנטראָל און יעדן צוואַנג. די פויערים, באַלמעלאָכעס, „קליגערע” אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, — ווער רעדט שוין פון די ריין-בורזשואַזע שיכטן, — זענען אין זייער מאַיאָריטעט נישט קאָמוניסטיש, נאָר ריין-אינדיווידואַליס-

טיש געשטימט, מיט אַ שטאַרקער נייגונג אָוועקצושטעלן דעם מאַטעריעלן רייכטום און גענוס אַ סך העכער אין זייער אָפּשאַצונג און פּאַקטישן פאַרלאַנג, איידער דעם גייסטיקן. און צו זייער גנאי מוז נעבעך געזאָגט ווערן, אַז זיי, — איך מיין דאָס גרעסטע רוב זייערס, — קאָן צו אַלע צייטן פּועלן ביי זיך, — צו געבן וואָס ווייניקער און צו נעמען וואָס מער.

ווער רעדט שוין וועגן דער זעלבסט־קאָנטראָל און דער באַצווינגונג פון דעם אייגענעם ווילן צוליב דעם טובת הכלל! צו אָט דער מדרגה דערגרייכן נישט אַ סך און אַ סך אפילו פון די בעסטע און די איידלסטע. די גרעסטע צאָל פון די קאָמוניסטישע עקספּערימענטן האָט זיך ביז אַהער נישט איינגעגעבן גראָד מחמת דעם, וואָס ביי די מענטשן האָט אין זייער כאַראַקטער אויסגעפעלט אָט דער גאָרנישט אַזוי איבעריקס העלדישער שטריך. און אויסגעפעלט האָט ער אפילו ביי די איידלסטע און בעסטע. זיי אַלע האָבן אין דער פּראַקטיק פאַרלאַנגט, דער כלל זאָל מבטל זיין זיין ווילן צוליב זייערן און נישט פאַרקערט. די קאָמוניסטישע עקספּערימענטן, וואָס האָבן זיך ביז צו אַ געוויסן גראַד יאָ איינגעגעבן ביז אַהער,— ווי צ. ב. די קאָמונעס פון די אסיים אין אַלט־ארץ־ישראל און די נאָך איצט בליִענדיקע קאָמוניסטישע געזעלשאַפטן דאָ אין לאַנד, — זענען געווען — און זענען עד היום — אויפגעבויט אויף דעם יסוד פון אַ טיפן טעאָלאָגישן גלויבן און האָבן אין דער רעליגיעזער ליידנשאַפט געפונען די בייטש אויף דעם ווידערשפּעניקן אינדיווידועלן ווילן.

אונטער אַזעלכע אומשטענדן קאָן מען בשום אופן נישט קאָווירן, אַז ווי נאָר אין פּראָדוקציע און קאָנסום וועט פּראָקלאַמירט ווערן דער כלל פון „וואָס איינער וויל", זאָל די מאַיאָריטעט זיך נישט תיכף אַ וואָרף טאָן אויף די לייכטסטע באַשעפטיקונגען, אַז די אָנגעזאַמלטע רייכטימער פון די שווערע אַרבעטס־אַרטן זאָלן נישט צעכאַפּט ווערן און צערויבט

ווערן אין אַ הרף עין. יעדער איינער וועט וועלן אַרבעטן וואָס וויניקער און נאָר דאָס, וואָס *אים* געפעלט, נישט דאָס, אין וואָס די געזעלשאַפט נויטיקט זיך; נעמען וועט יעדער איינער וועלן דווקא וואָס מער און די גאַנצע געזעלשאַפט וועט מחמת דעם אַריין אין אַ צושטאַנד פון כאַאָס און פון אינעווייניקסטן קאַמף, נאָך אַן ערגערן איידער איצטער.

ביז די מענטשלעכע פּראָדוקטיוו־קרעפטן וועלן זיך נישט דערהויבן צו אַ העכערער הויך און ביז בײַ דעם מענטשן וועט זיך נישט איינשטעלן אַ געוויסער מער אַלטרויסטיש־סאָציאַלער כאַראַקטער, מיט אַ שטאַרקערן איבערוואָג פון אידעאַליסטישע און מאָראַלישע נייגונגען, איז דער קאָמוניזם געצוווּנגען צו בויען זיינע האָפענונגען אויף אַ פּרינציפּ, וואָס זאָל כולל זיין אין זיך אַ געוויסע שטרענגע *רעגולירונג* סיי פון די אַרבעטן, סיי פון דעם פּראָדוקטן־פּאַרטייל. דער באַקאַנטסטער פון אַזעלכע רעגולירונגס־פּרינציפּן איז דער, וועלכן *לואי בלאַן* האָט פּאַרטיידיקט אין זיין שריפט „די אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבעט" און וועלכן מיר באַטראַכטן פאַר דער צווייטער טיפּישער אַרט, ווי אַזוי צו בויען אַ קאָמוניסטישע געזעלשאַפט.

לואי בלאַנס כלל פאָדערט: „*פון* יעדן, לויט זיינע פעאיקייטן, *צו* יעדן לויט זיינע באַדערפענישן". מערקט אייך גוט: דאָ הייסט עס: „*פעאיקייטן*" און נישט: „נייגונגען" „באַדערפענישן" און נישט „גלוסטונגען". נישט „וואָס און וויפל; איינער *וויל* געבן" ווערט פאַרלאַנגט פון יעדן, נאָר „וואָס און וויפל איינער *קאָן* געבן", און נישט „וואָס און וויפל איינער *גלוסט*" ווערט יעדן געגעבן, נאָר „וואָס און וויפל איינער דאַרף".

אויך קאַרל מאַרקס און ענגעלס זענען פול און גאַנץ צוגעשטאַנען צו אָט דעם לואי בלאַנישן כלל, ווען אפילו ער איז בײַ זיי נישט אַלע מאָל פאָרמולירט געוואָרן אין די זעלביקע ווערטער. דאָס קאָן מען שליסן פון יענע קאַרגע, צופעליי

קע באַמערקונגען, וועלכע זיי פלעגן לאָזן פאַלן אין דעם לויף פון שטרענגערע, ריין־טעאָרעטישע אונטערזוכונגען און דורך וועלכע מיר קאָנען געווינען אַן איינבליק אין זייערע פאָרשטעלונגען וועגן דער צוקונפט.

אַזאַ צופעליק־צוגעוואָרפענע באַמערקונג געפינען מיר צום ביישפיל ביי פרידריך ענגעלסן אין זיין פּאָלעמיק אַנטקעגן דיורינגען. קעמפנדיק אַנטקעגן דיורינגס ווערט־טעאָריע, וואָס פירט צו אַ צוקונפטס־געזעלשאַפט מיט אַרבעטס־טיילונג און אַרבעטס־לוין, און פאַרוואַרפנדיק ביידע זאַכן, אי דעם פּרינציפּ פון אַרבעטס־טיילונג אי דעם פּרינציפּ פון אַרבעטס־לוין, לאָזט ענגעלס פאַלן עטלעכע שורות, וואָס עפענען פאַר אונז אַן איינבליק אין די טיפערע שיכטן פון דער מאַרקסיסטישער סיסטעם.

ער שרייבט: „פאַר דעם סאָציאַליזם, וואָס וויל באַפרייען די מענטשלעכע אַרבעטס־קראַפט פון איר שטעלונג, ווי אַ סחורה־אַרטיקל, איז פון הויכער וויכטיקייט איינצוזען, אַז די אַרבעט האָט נישט קיין ווערט און קאָן קיין ווערט נישט האָבן. מיט דעם איינזען פאַלן אַראָפּ אַלע פרוון, וועלכע הער דיורינג האָט געירשנט פון דעם נאַטור־וווקסיקן אַרבעטער־סאָציאַליזם, צו רעגולירן אין דער צוקונפט די פאַרטיילונג פון עקזיסטענץ־מיטלען, ווי אַ מין העכערן אַרבעטס־לוין. פון דעם גופא שפּריצט אַרויס דער ווייטערער איינזען, אַז אויף וויפל די פאַרטיילונג ווערט באַהערשט פון ריין־עקאָנאָמישע מאָטיוון, וועט זי גערעגלט ווערן דורך די אינטערעסן פון דער פּראָדוקציע און די פּראָדוקציע ווערט געהאָלפן דורך אַזאַ פאַרטיילונגס־אופן, וואָס דערלויבט אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט, זיי זאָלן אויף וויפל מעגלעך אַלזייטיק אויסבילדן, דערהאַלטן און אויסנוצן אַלע זייערע פעאיקייטן. פאַר הער דיורינגס אַרט דענקען, דעם אַריבערגעוומעגעם פון דעם לומדים

קלאַס, מוז בלי ספק אויסקומען מאוימדיק, עס זאָלן אַמאָל נישט זיין מער נישט קיין טאַטשקע־שטופּערס, נישט קיין אַרכיטעקטן פון פּראָפעסיע, און אַז אַ מאַן, וואָס האָט אַ האַלבע שעה לאַנג געגעבן דירעקטיוון, ווי אַן אַרכיטעקט, זאָל אַ לאַנגע צייט שטופּן די טאַטשקע, ביז מען וועט ווידער דאַרפן זיין טעטיקייט ווי אַן אַרכיטעקט. („ביז זיינע טעטיגקייט אַלס אַרכיטעקט ווידער אין אַנשפּרוך גענאָממען ווירד”). אַ שיינער סאָציאַליזם וואָס וויל פאַראייביקן דעם טאַטשקע־שטופּער פון פּראָפעסיע!” *)

פון אָט דער שטעלע איז קלאָר, אַז פון אַ ריין־עק נאָמישן שטאַנדפּונקט ווערן אַרבעט און פאַרברויך רעגולירט לויט איין־איינציקן פּרינציפּ: די באַדערפעניש פון דער פּראָדוקציע. אָבער אין די גרענעצן פון אָט דעם פּרינציפּ ווערט זי פּאַקטיש דורכגעפירט לויט דער לואי בלאַנישער פאָרמול. פון יעדן איינעם ווערט פאַרלאַנגט וואָס ער קאָן. אַ טאַטשקע־שטופּער קאָן יעדער זיין, אָבער אויב ער קאָן נאָך דערצו זיין אַן אַרכיטעקט, ווערט דאָס אויסגענוצט. און געבן גיט מען יעדן איינעם וויפל ער דאַרף, כדי צו קאָנען אַנטוויקלען און אויסנוצן אַלע זיינע מענטשלעכע פעאיקייטן.

אויך די רוסישע קאָמוניסטן, ווייזט אויס, האָבן געוואָלט אָנהויבן בויען דאָס קאָמוניסטישע רוסלאַנד, רעכענענדיק זיך מיט אָט דעם לואי־בלאַניש־מאַרקסיסטישן בוי־פּרינציפּ. פון די „ספּעצן” (ספּעציאַליסטן) האָבן זיי פאַרלאַנגט „וואָס איינער קאָן” און דורך דער באַשטימונג פון פאַרשיידענע „ראַציאָנען” (פּאַיאָק, חלק) פאַר פאַרשיידענע גרופּן האָבן זיי געוואָלט — אויף וויפל מעגלעך — זיין טריי דעם כּלל פון „וואָס איינער דאַרף”.

ס'איז אויך קלאָר, אַז באַשטימען וואָס איינער „קאָן” און

*) זע פר. ענגעלס, אַנטי־דיורינג, דייטשישע אויסגאַבע פון 1894 ז. 212—213.

וואָס איינער „דאַרף“, — דאָס קאָן נישט איבערגעלאָזן ווערן צו יעדן איינצלנעם באַזונדער. אויב מען זאָל (האָבנדיק דעם איצטיקן דורכשניט-מענטשן אין אוי̇ג) לאָזן יעדן איינעם באַשטימען, צו וואָס ער טויג, וויפל שעה אַרבעט ער קאָן פאַרטראָגן, און וואָס ער דאַרף אויף אויסצובילדן און אויסצונוצן אַלע זיינע פעאיקייטן, וועלן מיר זיך ווידער אומקערן צו דער ממשלה פון דעם ערשטן כלל: „יעדער גיט און נעמט וואָס און וויפל ער וויל“. די זייער וויכטיקע באַשטימונג פון דער אַרבעט-מאָס און דער פאַרברויך-מאָס מוז דורכגעפירט ווערן פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג. אָבער גראָד אין אָט דער נויטווענדיקייט ליגן די הויפּטפעלערן פון אַזאַ בוי-פּרינציפּ פאַר דער איצטיקער צייט.

לאָמיר קודם-כל נישט פאַרגעסן, אַז ביי דעם אַריינפירן פון אַ קאָמוניסטישער אָרדענונג אין דער איצטיקער צייט וועט מען זיך בשום אופן נישט קאָנען אָפּזאָגן פון דער אַרבעטס-טיילונג אין דער געזעלשאַפט. דער „טאַטשקע-שטופּער“ וועט מוזן בלייבן אַ „טאַטשקע-שטופּער“ און דער אַרכיטעקט אַן אַרכיטעקט פאַר אַ לאַנגער צייט. די אָפּשאַפונג פון דער אַרבעטס-טיילונג וועט קאָנען דורכגעפירט ווערן ערשט אין אַ פּאָר דורות אַרום, אויב זי וועט בכלל קאָנען דורכגעפירט ווערן אין אַ באַדייטנדיקער מאָס. די צענטראַלע פאַרוואַלטונג וועט דעריבער דאַרפן באַשטימען, אין וועלכן צווייג פון דער פּראָדוקציע עס זאָלן אויסגענוצט ווערן איינעמס פעאיקייטן און וואָס פאַר אַ ראָלע ער זאָל שפּילן אין יענעם צווייג.

כדי די צענטראַלע פאַרוואַלטונג זאָל קאָנען באַשטימען, צו וואָס אַ מענטש איז פעאיק, דאַרף זי אָבער באַזיצן אַן אומגעהייערן גראַד פון וויסן, וועלכע די איצטיקע מענטשהייט פאַרמאָגט נאָך גאָרנישט. אין דער געשיכטע פון דער מענטשלעכער קולטור זענען פאַרצייכנט געוואָרן פאַלן, וואָס גיבן איינעם אַ באַגריף, אויף וויפל מען קאָן זיך פאַרלאָזן אויף

דער געניטקייט אין דעם שאַרפבליק פון אַזעלכע אָפּשאַצנדיקע פאַרוואַלטנדיקע אינסטאַנצן. מיר וועלן דאָ ברענגען נאָר די צוויי באַרימטסטע און קאָמישסטע פון זיי, ווייל זיי פאַרדינען באמת פאַרצייכנט צו ווערן לדורות.

ווען דער גרויסער דייטשישער פילאָזאָף העגעל האָט געענדיקט גימנאַזיע, האָט מען אים אַרויסגעגעבן אַן אַטעסטאַט, ווי עס זענען, לויט דעם מנהג פון יענע צייטן, אויסגערעכנט און כאַראַקטעריזירט געוועזן זיינע השלמות און פעאיקייטן. אין יענעם אַטעסטאַט האָט עס געהייסן, אַז אין דער פילאָזאָפיע איז העגעל — — — „אַן אייזל". דער צווייטער, נאָך אינטערעסאַנטערער פאַל, איז פאָרגעקומען שוין אין אונזערע יאָרן מיט דעם באַרימטן געלערנטן און דענקער, פּראָפ. אַלבערט איינשטיין. ווען ער האָט געענדיקט דאָס פּאָליטעכניקום אין ציריך, האָט ער אַריינגעשיקט אין דער ציריכער אוניווערזיטעט אַ מאַטעמאַטיש-פיזיקאַלישע דיסערטאַציע, כדי צו באַקומען אויף איר סמך דעם דאָקטאָר-טיטל, וואָס זאָל אים עפענען אַן אַקאַדעמישע קאַריערע. אין יענער דיסערטאַציע האָט ער שוין אָנגעמערקט די גרונטשטריכן פון זיין באַרימטער רעלאַטיוויטעט-טעאָריע. די געלערנטע האָבן אים צוריקגעשיקט די ארבעט מיט דער באַמערקונג: „אומזינ!" איינשטיין איז געצוווּנגען געוואָרן אָנצונעמען אין בערן די שטעלע פון אַ סטאַטיסטיקער. זיין פאָרשונג האָט ער אָבער פאַרעפנטלעכט אין אַ וויסנשאַפטלעכן זשורנאַל און אויף איר סמך איז ער איינגעלאַדן געוואָרן ווי אַ פּראָפעסאָר (אָן אַ דאָקטאָר-טיטל) אין דער גראַצער אוניווערזיטעט *).

איצטער לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז אָט די צוויי עפּיזאָדן

*) אין איינשטיינס לעבנס-באַשרייבונגען האָב איך אין ערגעץ נישט אָנגעטראָפן קיין באַריכט וועגן אָט דעם עפּיזאָד. איך האָב אים אָבער פון זייער אַ פאַרטרויענס-ווערטער קוועלע אין שווייצאַריע.

קומען פאַר אין אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, וואָס אַרבעט און לעבט לויט דעם פּרינציפּ: „פ ו ן יעדן לויט זיינע פעאיקייטן, צ ו יעדן לויט זיינע באַדערפעכישן”, און ווי ביידע, אי די פעאיקייטן, אי די באַדערפעניש דאַרפן באַשטימט ווערן דורך אַ צענטראַלער פאַרוואַלטונג. העגעל און איינשטיין ווענדן זיך צו דעם „צענטראַלוויס” („צענטראַלע פאַרוואַלטונג פאַר וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן”) מיט דעם פאַרלאַנג, מען זאָל זיי באַפרייען פון אַלע אַנדערע אַרבעטן און געבן זיי די מעגלעכקייט, איינעם, צו אַנטוויקלען זיינע פילאָזאָפישע פעאיקייטן, דעם אַנדערן — צו ווידמען זיך אינגאַנצן דער אויסאַרבעטונג פון זיינע וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס. דער „צענטראַלוויס” גיט איבער די אָנגעלעגנהייט צו זיינע ספּעציאַליסטן. העגעלס בקשה ווערט גלייך אָפּגעוואָרפן אויף דעם סמך פון זיין אַטעסטאַט: „אין פילאָזאָפיע — אַן אייזל”. איינשטיינס אַרבעט ווערט דורכגעמוסטערט פון די בעסטע געלערנטע אין דער מאַטעמאַטישער פיזיק, מיר האָבן אָבער קיין רעכט נישט אָנצונעמען, אַז זיי וועלן זיך אַרויסווייזן פאַר אַ סך שאַרפזיניקער איידער די געלערנטע פון דעם ציריכער פאַקולטעט. זיי וועלן זיין נאָך אַ סך ש ט ר ע נ ג ע ר אין זייער באַטראַכטונג פון דעם ענין, וויל דאָ וועט עס גיין אין אויסהאַלטן אויף דעם חשבון פון קהלשער אַרבעט אַ מענטש, וואָס טראָגט זיך אַרום מיט „אומזיניקע” טעאָריעס. על פּי העכסטער וואַרשיינלעכקייט וועלן זיי אים באַשטימען פאַר אַ סטאַטיסטיקער. און אין אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, ווו אַלע אַרבעטן, אויך די גייסטיקע, ווערן רעגולירט „מטעם הממשלה”, וואָלט איינשטיין נישט געהאַט קיין שאַנס אפילו צו פאַרעפנטלעכן ערגעץ־ווו זיין פאָרשונג, וויל די „ממשלה” וואָלט אויף דערויף נישט געוואָלט און אפשר אויך נישט געטאָרט אויסגעבן קיין איבעריקע קהלשע אַרבעטס־קראַפט.

עס מוז דאָ נאָך באַמערקט ווערן, אַז די איצטיקע פּרוון, וואָס ווערן דאָ אין אַמעריקע געמאַכט, צו באַשטימען

די פּעאיקייטן פֿון אַ מענטשן אויף דעם סמך פֿון אַ „פּסיכאָלאָגיש׳ן עקזאַמען״ האָבן זיך דערוויילע אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ פֿולשטענדיקן דורכפֿאַל. און אַפֿילו ווען מען זאָל אָננעמען, אַז די פּסיכאָלאָגישע וויסנשאַפֿט זאָל שפּעטער אויסאַרבעטן בעסערע און צופֿערלעסיקערע מעטאָדן, ווי צו באַשטימען איינעמס פּעאיקייטן, טאָר מען נאָך אויך נישט אויף זייער סמך פֿאַרמשפּטן אַ מענטשן אויף אַ באַשטימטער קאַריערע פֿאַר דער לענג פֿון זײַן לעבן. די פּעאיקייטן פֿון אַ מענטשן בייטן זיך אין דעם לויף פֿון זײַנע יאָרן. פֿיל פֿון זיי שלומערן אין דער יוגנט און באַווייזן זיך אָפֿט ערשט אין אַ שפּעטערן פּעריאָד.

און דיזעלביקע צרה, וואָס מיט די פּעאיקייטן, איז אויך מיט די באַדערפֿעניש׳ן. אַ צענטראַלע פֿאַרוואַלטונג קאָן נישט זײַן די לעצטע אינסטאַנץ נישט אין דער פֿראַגע, „וואָס איינער קאָן״, נ׳שט אין דער פֿראַגע „וואָס איינער דאַרף״.

אמת, אין דעם פּרט פֿון באַדערפֿעניש׳ן מוזן מיר דער צענטראַלער פֿאַרוואַלטונג צושרייבן אַ סך אַ גרעסערע קאָמפּעטענץ, איידער אין דעם פּרט פֿון פּעאיקייטן, ווייל געוויסע מענטשלעכע באַדערפֿעניש׳ן קאָנען באַשטימט און פֿעסטגעשטעלט ווערן אויף אַ ריין־וויסנשאַפֿטלעכן ראַציאָנעלן אופֿן. די מעדיצין און די פּעדאַגאָגיק קאָנען דאָ ברענגען אַ העכסט־נוצפֿולע הילף. אין די פֿינף פֿונדאַמענטאַלע באַדערפֿעניש׳ן פֿון דעם איצטיקן מענטשן: שפּייז, קליידונג, וווינונג, געזונט און בילדונג, קאָן די וויסנשאַפֿט זײַן דער בעסטער וועג־פֿירער און אירע געבאָטן קאָנען לייכט צוגעפּאַסט ווערן צו די אינדיווידועלע אייגנשאַפֿטן און געשמאַקן פֿון יעדן איינעם. אָבער אָט די פֿינף פֿונדאַמענטאַלע באַדערפֿעניש׳ן האָבן דאָך נאָר צו טאָן מיט די געוויינלעכסטע און עלעמענטאַרסטע לעבנס־נויטן. גייט מען אַריבער פֿון זיי צו לוקסוס־זאַכן און צו העכערע, ריין־פּסיכישע באַדערפֿעניש׳ן אין וויסנשאַפֿט, פֿילאָזאָפֿיע, קונסט און רעליגיע, ווו די פֿרייע באַשאַ־

פונג-כוחות פונם מענטשן זענען אזוי פארשיידנארטיק, ווי די אינדיווידועלע גוסטן און נויגונגען קאנען נישט אנערקענען איבער זיך קיין איין אויבערהאר, אזוי פארלירט מען יעדן מאסשטאב, וואס זאל קאנען פון דרויסן באשטימען „וואס איינער דארף”, כדי פול און גאנץ צו באפרידיקן זיינע אינטעלעקטועלע, מאראלישע און עסטעטישע פארלאנגען; ממילא קאן מען אויך נישט באשטימען, וועלכע העכערע לוקסוס-ארטיקלען און קולטור-גיטער עס דארפן צו דעם צוועק פראדוצירט ווערן. אין אט די העכערע עולמות פון דער מענטשלעכער קולטור מוז מען זיך אינגאנצן פארלאזן אויף יעדן איינעמס אינדיווידועלן באשלוס און פארלאנג. אבער דאס ווידער איז, ווי מיר האבן אויבן געזאגט, נאך אן אוממעגלעכקייט מיט דעם איצטיקן מענטשן און ביי דעם איצטיקן צושטאנד פון די פראדוקטיוו-כוחות. די געזעלשאפט קאן זיך נאך בשום-אופן נישט אונטערנעמען צו באפרידיקן מיט דער ארבעט פון דעם כלל אלע געלוסטן און אפטמאל קאפריזן פון דעם פרט.

אזוי האבן אין קאמוניסטישן רוסלאנד די רעגירונגס-פארלאגן זיך אפגעזאגט צו דרוקן אויף קהלשן חשבון געוויסע פראדוקטן פון דער היפער-מאדערנער פאעזיע. ס'קאן זיין, אז די צענזארן זענען געווען גערעכט פון א ליטעראריש-עסטעטישן שטאנדפונקט. ס'קאן אבער אויך זיין, אז זיי האבן דורך דעם געשאדט דער אנטוויקלונג פון דער פאעטישער קונסט: אין א שטרענג-קאמוניסטישער געזעלשאפט האבן דאך די דיכטער קיין אנדער וועג נישט צו פארעפנטלעכן זייערע ווערק, ווי נאר אויף דעם חשבון פון קהלשער ארבעט. און על-פי-פנים זענען זייערע באדערפענישן געבליבן אומבאפרידיקט.

און נאך א פונקט.

איבערלאזן די באשטימונג פון פעאיקייטן און באדערפענישן צו א צענטראלער פארוואלטונג, וואלט אין אונזער איצטיקן געשיכטלעכן פעריאד געווען נישט נאר אן אוממעגלעכ

קייט און אַן אומגערעכטיקייט, נאָר אויך אַ דירעקטע געזעלשאַפטלעכע געפאַר, ווייל דער גורל פון דעם מענטשן, פון זיין אַרבעט און פון זיין געניוס, ד. ה. פון זיין גאַנצן לעבן, וואָלט דאָ איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון מענטשן, וואָס וועלן אפשר נישט זיין פריי פון קאָרופּציע און מוטוויליקייט. אין דער באַשטימונג, וואָס איינער זאָל אַרבעטן לויט זיינע פעאיקייטן, און וואָס איינער זאָל באַקומען, לויט זיינע באַדערפעגישן, קאָנען די צענטראַלע פאַרוואַלטונגען געפירט ווערן פון אייגענע פניות, פריינטשאַפטן און אַפילו פשוטן כאַבאַר. אַלע דערפאַרונגען, וואָס זענען ביז אַהער געמאַכט געוואָרן בנוגע דעם ענין, באַרעכטיקן און פאַרשטאַרקן אַזאַ מין חשד, און גאַנץ זיכער איז דער פונקט געווען איינער פון די פיל, וואָס האָבן אַרויסגערופן דעם באַנקראָט פון דעם קאָמוניסטישן עקספּערימענט אין רוסלאַנד.

דער רוסישער קאָמוניזם — ווי שוין באַמערקט — האָט גאַנץ קאָנסעקווענט גענומען בויען זיין בנין לויט דעם לואַיבלאַנש-מאַרקסיסטישן פּרינציפּ. די גאַנצע מענטשלעכע אַרבעט איז דערקלערט געוואָרן פאַר אַן אייגנטום פון דער געזעלשאַפט, אָדער — דערווייל — פון דער מלוכה. די מלוכה האָט אויך גענומען אויף זיך צו באַפרידיקן אַלע באַדערפעגישן פון דער געזעלשאַפט, אָנגעהויבן פון שפייז און געענדיקט מיט באַלעט און ליטעראַטור. די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט האָט געדאַרפט איסהאַלטן דעם ברויט-בעקער אַזוי גוט ווי דעם אָפּערע-זינגער, דעם שוסטער אַזוי גוט ווי דעם באַלעט-טענצער, דעם שמיד אַזוי גוט ווי דעם פּאָעט. דורך די אָרגאַנען פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג האָט זי אויך געדאַרפט באַשטימען, וואָס איינער קאָן און וואָס איינער דאַרף, און גראָד דאָ האָט זיך באַוויזן, ווי אומפעאיק די איצטיקע מענטשהייט איז נאָך צו פירן אַ געזעלשאַפטלעכע באַלעבאַטישקייט אויף אַזאַ יסוד.

עס זענען געווען געגוג פאַלן, ווו ספּעציאַליסטן אין

אין פאַך זענען, אַנטקעגן זייער אייגענעם ווילן, צוגעשטעלט געוואָרן צו אַרבעטן, וועגן וועלכע זיי האָבן נישט געהאַט קיין ברעקל באַגריף. אַנדערע ווידער האָבן דורך רעקאָמענדאַציעס און פריינטשאַפט באַקומען וויכטיקע, בעסער-באַלוינטע פּאָסטנס, פאַר וועלכע זיי האָבן נישט געטויגט. אין דער באַפרידיקונג פון די באַדערפענישן האָט דער פערסאָנאַל פון די פאַרוואַלטונגס-אָרגאַנען קודם כל געטראַכט וועגן זיך און וועגן די נאָענטע. נישט זעלטן פלעגן אויך פאָרקומען גנבות. גאַנצע לאַגערן פון באַדאַרפס-אַרטיקלען פלעגן פאַנאַנדערגעשלעפּט און פאַרקויפט ווערן בשתיקה. דאָס האָט געפירט צו דער אויסבילדונג פון אַ גאַנצער נעץ קאָנטראָל-אָרגאַנען מיט קאָנטראָלערן און איבער-קאָנטראָלערן, מיט אַ מעגלעכקייט פאַר נייער קאָרופּציע, מוטווילן, כאַבאַר און פאַרשלעפּענישן. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, אַז יעדע „באַדערפעניש" האָט פריער געדאַרפט דורכגיין אַ דריי-פיר קאַנצעלאַריעס, באַשטעטיקט ווערן דורך אַ דריי-פיר „פּאַפּירן", איידער זי האָט געקאָנט באַפרידיקט ווערן פון דעם אַלגעמיינעם גיטער-אוצר. אַזוי האָט מען, צום ביישפּיל (איין ביישפּיל פון הונדערטער), אין אַ משך פון דריי טעג אַרומלויפעניש נישט געקאָנט קריגן פאַר אַ קראַנקן קיין אַנטי-טאָקסין-סערום פון די מלוכה-לאַבאָראַטאָריעס, ווייל עס איז שווער געווען צו באַקומען אַלע נויטיקע „פּאַפּירן". דעם נויטיקן שטאָף האָט מען געמוזט קויפן אויף דעם פאַרבאָטענעם מאַרק. סוף-כל-סוף איז יעדער חלל אין דער מאַשין פון אַלגעמיינער פּראָדוקציע און דיסטריבוציע „פאַרשטאָפּט געוואָרן מיט פּאַפּיר", און די מאַשין האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן.

דער קאָמוניסטישער עקספּערימענט האָט געמוזט צוזאַמענברעכן שוין דערפאַר אַליין, וואָס ער האָט ביי דעם איצטיקן מצב פון די פּראָדוקטיוו-קרעפטן און די איצטיקע בורזשואַזע-עגאָאיסטישע נייגונגען פון דעם מענטשלעכן כאַראַקטער, אָנגעהויבן בויען די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג לויט דעם פּרינציפּ

פון „וואָס איינער קאָן און וואָס איינער דאַרף". די דורכפירונג פון אַזאַ פּרינציפּ פאַרלאַנגט אַן איבערמאָסיק-פאַרצווייגטע, איבערמאָסיק-אַנטוויקלטע ב י ו ר אָ ק ר אַ ט י ע, און ס'איז אַ כּלל אין דער פּאָליטיק, וואָס איז פאַראַמתט געוואָרן אין אַלע דערפאַרונגען, אַז ווו איבערמאָסיקע ביוראָקראַטיע, דאָרטן איז פוילעניש, קאָרופּציע, כאַבאַר, און — אין בעסטן פאַל — פאַרשלעפעניש, און עקאָנאָמישע אָפּגעלאָזנקייט און אומפעאיקייט.

די רוסישע קאָמוניסטן, וואָס האָבן זיך געגרויסט מיט זייער טרייקייט צו דער לערע פון דעם מאַרקסיזם, האָבן, תּייזט אויס, פאַרגעסן יענע שטעלע פון מאַרקס' בריוו וועגן דער גאָטאַשער פּראָגראַם, ווו עס ווערט בפירוש געזאָגט, אַז דער פּרינציפּ פון „וואָס איינער קאָן און וואָס איינער דאַרף" קאָן אַריינגעפירט ווערן אין לעבן נאָר אויף דער ה ע כ ס ט ע ר שטופע פון דער קאָמוניסטישער אַנטוויקלונג. ד. ה., אַז די געזעלשאַפט מוז פריער נישט נאָר זיך אינגאַנצן באַפרייען פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, נאָר דורכמאַכן אַ סך פאַזן פון ריין-אַ ר ב ע ט אָ ר י ש ע ר באַלעבאַטישקייט, איידער עס קאָן געמאָלט זיין די אָנווענדונג פון יענעם פּרינציפּ.

אַזוי שרייבט קאַרל מאַרקס: „אויף דער העכסטער פאַזע פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, ערשט דערנאָך, ווי עס וועט פאַרשווינדן די אַרבעטס-טיילונג, וואָס פאַרשקלאַפט דעם מענטשן; ווען מיט דעם גופא וועט פאַרשווינדן דער היפּך פון גייסטיקער און פיזישער אַרבעט; ווען די אַרבעט וועט אויפהערן צו זיין נאָר אַ מיטל צום לעבן, און וועט אַליין ווערן די ערשטע באַדערפעניש אין לעבן; ווען מיט דער אַל-זייטיקער אַנטוויקלונג פון די יחידים וועלן אויסוואַקסן אויך די פּראָדוקטיווע קרעפטן, און אַלע קוואַלן פון דעם געזעל-שאַפטלעכן רייכטום וועלן זיך אַ גאַס טאָן אין אַ פולן שטראָם, — נאָר דעמאָלט וועט מען קאָנען גובר זיין דעם ענגן האָרי-זאָנט פון דעם בורזשואַזן רעכט, און די געזעלשאַפט יועט קאָ-

נעמען אָנשרייבן אויף איר פאָן: „פון יעדן לויט זיינע פעאיקייטן, צו יעדן לויט זיינע באַדערפעונישן"*).

טראַכט מען זיך אַריין אין אָט דעם ציטאַט פון קאַרל מאַרקס, זעט מען קלאָר, אַז ער האָט אין זין אַזאַ צושטאַנד פון דער מענטשלעכער און דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג, ווו די מאַס פון אַרבעט און די מאַס פון די באַדערפעונישן וועט שוין נישט דאַרפן באַשטימט ווערן פון וועלכע עס איז דרויסנדלעכע אויטאָריטעטן, נאָר וועט קאָנען איבערגעלאָזט ווערן צו די אַרבעטנדיקע מענטשן גופא, ביי וועמען „די אַרבעט אַליין וועט ווערן די ערשטע באַדערפעניש אין לעבן". אָבער אין אַזאַ צושטאַנד פאַלט דער לואי-בלאַנשער פּרינציפּ אינגאַנצן צונויף מיט דעם אַנאַרכיסטישן פּרינציפּ פון „וואָס, ווען און וויפל איינער וויל".

על-כל-פנים איז פון אונזער אַנאַליז קלאָר, אַז אָט די צוויי קאָמוניסטישע כּללים קאָנען אונז נישט דינען ווי בוי-פּרינציפּן. זיי שטעלן מיט זיך פאָר נישט דאָס בויענדיקע, נאָר דאָס אויסגעבויטע; נישט דעם וועג-ווייזער פאַר די ערשטע טריט, נאָר די פאָן, וואָס פלאַטערט אויף דעם שפּיץ דאַך פון דעם שוין בשלימות פאַרטיקן בנין.

*) ציטירט ביי לענינען אין זיין אַרבעט: „די מלוכה און די רעוואָ-לוציע. מאַרקס' לערע וועגן דער מלוכה און די אויפגאַבן פון דעם פּראָלעטאַריאַט אין דער רעוואָלוציע". פּעטראָגראַד, 1918, ז, 89-90. ווי אַזוי לענין האָט געקאָנט דער-לאָזן, מען זאָל גלייך אָנהייבן מיט די העכסטע פאָרמען פון קאָמוניזם, מיט אויס-האַלטן זיגגער און טענצער אויף קהלשן חשבון און אין דערזעלביקער צייט שיקן פּראָפעסאָרן פון דער איניווערזיטעט, זיי זאָלן שלעפּן קלעצער פון די באַרזשעס, — דערזעלביקער לענין, וואָס האָט אין דער ציטירטער אַרבעט אַרויסגעוויזן אַ היפּשע פאַרשטענדעניש פאַר דער מאַרקסיסטישער סיסטעם, — געהער צו יענע שאלות, וואָס וועלן קאָנען פאַרענטפערט ווערן ערשט דעמאָלט, ווען די גאַנצע געשיכטע פון דעם קאָמוניסטישן עקספּערימענט וועט פאַרעפנטלעכט ווערן אין אַלע אירע וויכטיקסטע עטאַפּן און דעטאַלן.

און יעדע פראָלעטאַרישע רעוואָלוציע, וואָס וואָלט גלייך פון אָנהויב אָן געוואָלט ביסלעכווייז אַריינפירן אין לעבן די הערשאַפט פון אָט די פּרינציפּן, וואָלט באַגאַנגען דעמזעלביקן פאַטאַלן פעלער, אין וועלכן עס וואָלט אַריינגעפאַלן אַ פּעדאַגאָג, ווען ער וואָלט שוין אין דעם קינדער־גאָרטן גענומען „ביסלעכווייז" אַריינפּויקן אין די מחות פון די עופהלעך קאַנטס „קריטיק פון דעם ריינעם שכל" און איינשטיינס „טעאָריע פון רעלאַטיוויטעט". ביידע וואָלטן דערביי דערגרייכט פּונקט דעם היפּך פון יענע רעזולטאַטן, וועלכע זיי דערוואַרטן.

פאַר דעם קאָמוניזם בלייבט דעריבער נישט קיין אַנדער אויסוועג, ווי נאָר אָנצופּאַרטרויען זיך דעם דריטן קאָמוניסטישן רעגולירונגס־פּרינציפּ, וואָס איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן אין דער לעצטער צייט פון דעם אַמעריקאַנער קאָמוניסט, בעלאַמי.

אין בעלאַמיס סיסטעם ווערט נישט געפרעגט, וואָס איינער וויל, קאָן אָדער דאַרף. אָדער ריכטיקער: דאָס ווערט געפרעגט נאָר אין די גרענעצן פון אַן אַנדער פונדאַמענטאַלן פּרינציפּ, וועלכער באַשטימט די נויטיקע אַרבעטס־צייט, וואָס יעדער איינער מוז געבן דער געזעלשאַפט, און דעם מעגלעכן חלק, וואָס יעדער איינער באַקומט פון די פּראָדוצירטע גיטער. דער פּרינציפּ באַשטייט אין דעם, וואָס סיי די אַרבעט, סיי די גיטער ווערן פאַרטיילט צווישן אַלעמען אין גלייכע חלקים. אַלע זענען מחויב צו געבן דער געזעלשאַפט אַ גלייכן סכום אַרבעטסקראַפט און אַלע באַקומען פון דער געזעלשאַפט אַ גלייכן חלק פון די פּראָדוקטן.

## V

## בעלאמיס קאָמוניסטישער בוי-פּרינציפּ

מיר מוזן דאָ תיכף באַמערקן, אַז אויך בעלאַמי פאַר־שטייט זיין גלייכקייטס-פּרינציפּ נישט אין אַ פּרימיטיוון מאַ־טעמאַטישן זין. עס קאָן, צ. ב., נישט פאַרלאַנגט ווערן, אַז דער קוילנגרעבער זאָל אַרבעטן פּונקט אַזוי פיל שעה, ווי, זאָגן מיר, דער סטאַטיסטיקער, אָדער דער אויפזעער פון אַ קינדער-גאָרטן. אַ גלייכער ס כ ו ם א ר ב ע ט הייסט נאָך נישט אַ גלייכע צאָל שעה. אַ פּאָר שעה שווערע אָדער עקלהאַפטע אַרבעט קאָן געזעלשאַפטלעך פאָרשטעלן מיט זיך דעמזעלביקן סכום, וואָס דריי מאָל אַזוי פיל שעה פאַרבראַכט אין אַ לייכטער אָדער אַן אָנגענעמער באַשעפטיקונג. די גלייכקייט אין דעם פאַרלאַנגטן סכום אַרבעט ווערט דאָ דורכגעפירט דורך איר ג ל י י כ ו ו ע ר ט י ק י י ט, און ווי שווער און אפשר אוממעגלעך עס זאָל נישט זיין מאַטעמאַטיש אויסצורעכענען וויפל שעה פון קוילן-גראָבעריי איז גלייכווערטיק פאַר אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפט צו וויפל שעה פון קינדער-גאָרטן-אויפזעעריי, קאָן גאַנץ זיכער אין דעם פּראַקטישן לעבן זיך אויסאַרבעטן דער נויטיקער פאַרגלייך-מעסטער, וואָס זאָל אויסגלייכן די רעלאַטי־ווע אַרבעטס-סכומען אין אַלע באַשעפטיקונגען, און באַפרידיקן דערביי דעם אַלגעמיין-מענטשלעכן יושר און דעם זין פאַר גלייכקייט. ס'איז, אמת, נישט אַזאַ איינפאַכע זאַך, ווי אייניקע קאָנען זיך דאָס אפשר פאָרשטעלן אויף דעם ערשטן בליק, אָבער ס'איז אויך נישט אַזאַ אוממעגלעכקייט, — ווי דאָס קאָן זיך אפשר אויסדוכטן אַנדערע, — אַז אָן דעם אליין זאָל זיך צעשלאָגן בעלאַמיס קאָמוניסטישער פּלאַן.

אויך אין דער פאַרטיילונג פון די פּראָדוקטן רעדט זיך נישט וועגן פּינקטלעכער מאַטעמאַטישער גלייכקייט. עס קומט קיינעם נישט אַרויף אויפן זינען צו פאָדערן, אַז יעדער איי־

נער זאָל באַקומען זיין האַלבן גלעזל שאַמפּאַניער פון דעם קאָמוניסטישן וויין־קעלער, אָדער זיין פערטל שעה שפּאַציר־רייט אויף די קאָמוניסטישע רייט־פערד. אויך דאָ מיינט גלייכקייט — *גלייכווערטיקייט*, און דעם גלייכן ווערט פון די פּראָדוקטן איז אַ סך גרינגער אויסצורעכענען, איידער דעם גלייכן סכום אַרבעט פון פאַרשיידענע באַשעפטיקונגען.

אויב די אַרבעטס־אויסגלייכונג איז דורכגעפירט געוואָרן, קאָן מען גרינג אויסגעפינען, וויפל שעה געזעלשאַפטלעך־*גלייכווערטיקע* אַרבעט עס שטעקט אין יעדן פּראָדוקט. דער סכום פון אַלע פּראָדוצירטע גיטער אין אַ יאָר צייט אין ביי אַ געזעלשאַפט פון, זאָגן מיר, אַ מיליאָן מענטשן גלייך, זאָגן מיר, צו צען ביליאָן געזעלשאַפטלעך־גלייכווערטיקע צייט־איינהייטן, וואָס קאָנען אויך אָנגערופן ווערן מיט דעם איצטיקן געלט־נאָמען „טאָלערס“. דעמאָלט באַקומט יעדער איינער פאַר דעם יאָר אַן אָנווייזונג אויף צען טויזנט טאָלער, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר זיין גלייכן חלק אין דעם פּראָדוקט, און פאַר אָט־דעם סכום קאָן ער אין די געזעלשאַפטלעכע מאַגאַזינען באַקומען נאָך זיין אייגענעם אויסקלייב אַלע אַרטן גיטער, וואָס זאָלן בסך הכל נישט איבערשטייגן אין זייער ווערט דעם אינדיווידועלן חלק פון צען טויזנט „טאָלער“ יערלעך.

לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז אויך ביי די צוויי אַנדערע קאָמוניסטישע בוי־פּרינציפּן, — דעם אַנאַרכיסטישן : („יעדער איינער גיט און נעמט וואָס ער וויל“) און דעם לואי בלאַניש־מאַרקסיסטישן : („פון יעדן איינעם לויט זיינע פעאיקייטן, יעדן איינעם לויט זיינע באַדערפעניש“) — אַז אויך ביי זיי, זאָג איך, ליגט אין יסוד נישט די מאַטעמאַטישע גלייכקייט, נאָר די *גלייכווערטיקייט*.

ווען איך וויל היינט אַרבעטן פיר שעה קוילן־גראָבעריי און דיר ווילט זיך אַרבעטן נישט מער ווי צוויי שעה קינדער־אויפזעעריי, זענען די סכומים אַרבעט, וואָס יעדער פון אונז

זים דערביי דער געזעלשאַפט ב״ום אופן נישט גלייך, אָבער די ביידע סכומען זענען פאַר א ו נ ז גלייכווערטיק אין דעם זין, וואָס זיי ביידע באַפרידיקן אין אַ ג ל י י כ ע ר מ אָ ס אונזער אַרבעטס-לוסט פאַר דעם היינטיקן טאָג. און ווען איך רייב אַריין נאָך מיין אַרבעט צוויי פונט בלוטיקן ביפשטיק און דו — נאָר צוויי בייגל מיט אַ גלאָז מילך, זענען אויך די חלקים, וואָס מיר האָבן ביידע גענומען פון דער געזעלשאַפט בשום אופן נישט גלייך. זיי זענען אָבער פ אַ ר א ו נ ז גלייכ־ווערטיק אין דעם זין, וואָס זיי ביידע שטילן א י ן ג ל י י כ ע ר מ אָ ס אונזער אַפעטיט.

דאָס אייגענע איז אויך מיט דעם לואי בלאַנישן בוי־פרינציפ.

אויב איך ק אָ ן אַרבעטן גאַנצע פיר שעה קוילן-גראָ־בעריי און דו ק אָ נ ס ט מער נישט אַרבעטן ווי צוויי שעה קינדער-אויפזעעריי, שטעקט אין אונזער ביידנס אַרבעט, ווי פאַרשיידן עס זאָלן נישט זיין אירע אָביעקטיווע מאָסן, די גלייכע מאָס פון ס ו ב י ע ק ט י ו ו ע ר אָ נ ש ט ר ע נ ג ו נ ג ; און ביי דעם גיטער-פאַרטייל לויט די באַדערפעניש, קאָן אודאי קיין רייד נישט זיין וועגן אָביעקטיוו-גלייכע חלקים, נאָר וועגן סוביעקטיוו-גלייכווערטיקע באַפרידיקונגען.

ס'איז אָבער, ווי מען קאָן זיך גרינג אָנשטויסן, אַ גרוי־סער חילוק צווישן דעם פרינציפ פון גלייכווערטיקייט ביי בע־לאַמי און דעמזעלביקן פרינציפ אין דעם אַנאַרכיסטישן אָדער בלאַניש-מאַרקסיסטישן קאָמוניזם. אין די צוויי לעצטע איז די גלייכווערטיקייט, ווי מיר האָבן געזען, אַ סוביעקטיווע און אַן אינדיווידועלע. די סכומען אַרבעט און די סכומען פאַנאַנדער־געטיילטע פראָדוקטן זענען גלייכווערטיק, לויט דער סוביעקטי־ווער אָפשאַצונג פון יענע אינדיווידואומען, וואָס טוען די אַרבעט און געניסן די פראָדוקטן. גאַנץ אַנדערש איז דאָס אין בעלאַמיס סיסטעם. דאָ איז די אָפשאַצונג אַן אָביעקטיווע און אַ געזעלשאַפטלעכע. די ג ע ז ע ל ש אַ פ ט באַשטימט, וויפל שעה

אַרבעט אין איין פאַך איז גלייכווערטיק צו וויפל שעה אַרבעט אין אַן אַנדער פאַך, און די פאַרטיילטע פּראָדוקטן פאַרקערפּערן דעם אָביעקטיוו-גלייכן סכום פון געזעלשאַפטלעך-גלייכגעווערטיקטער אַרבעט.

אויף דעם ערשטן בליק וואָלט מען דעריבער געמעגט מיינען, אַז אַ קאָנסעקווענטער מ אַ ר ק ס י ז ם, וואָס לייגט אומעטום אַזוי פיל וואָג אויף אָביעקטיוויטעט לגבי סוביעקטיוויטעט און אויף געזעלשאַפטלעכקייט לגבי אינדיווידואַליטעט, וואָלט אויך דאָ געדאַרפט געבן דעם בעלאַמישן בוי-פּרינציפּ די בכורה איבער דעם אַנאַרכיסטישן אָדער בלאַניש-מאַרקסישן, וואָס גיסן זיך ביידע צונויף, — ווי מיר האָבן דאָס געזען אין דעם פאָריקן קאַפּיטל, — אויף דער העכסטער שטופע פון דער קאָמוניסטישער אַנטוויקלונג.

אינדעראמתן איז דאָס אָבער נישט אַזוי, ווען אַפילו דאָס וואָלט אפשר געשטימט מיט דעם „פּראָסטן פּשט" פונם מאַרקסיזם. אינדעראמתן וואָלט קאַרל מאַרקס געמוזט באַטראַכטן בעלאַמיס פּרינציפּ, נישט קוקנדיק אויף זיין קאָנסעקווענטן קאָמוניזם און זיין קאָנסעקווענטער אָביעקטיווער גלייכקייט, ווי אויף אַ נ י ד ע ר י ק ע ר ן אַרט קאָמוניזם, ביי וועלכן די שיריים פון דעם בורזשואַזן סאָציאַלן געדאַנק זענען נאָך נישט פאַרטיליקט געוואָרן אינגאַנצן, נישט אויסגעוועבט געוואָרן ביז צום לעצטן טראָפּן.

די מעשה איז דאָ אַזאַ. אין בעלאַמיס סיסטעם ווערט די מענטשלעכע אַרבעט נאָך נישט אויפגענומען, ווי „די ערשטע לעבנס-באַדערפעניש", ווי קאַרל מאַרקס האָט זי אָנגערופן אין זיין קריטיק פון דער גאָטאַשער פּראָגראַם, אָדער ווי דער וויכטיקסטער „לעבנס-אַרויסווייז", ווי טאַקע ער גופא האָט זי אַמאָל כאַראַקטעריזירט אין זיין שריפט „לוין-אַרבעט און קאַפּיטאַל". אין בעלאַמיס אויפנעם שטעקט נאָך דער לעצטער גילגול פון דעם בורזשואַזן בליק אויף דער אַרבעט, ווי אויף אַ „סחורה", וואָס האָט אַ „ווערט" אין זיך, מיט וועלכער עס קאָן דעריבער געטריבן ווערן אַ „מקח וממכר". פּאַקטיש קלינגט נאָך דורך

אין בעלאַמיס קאָמוניזם דער „מקח וממכר"-מאָטיוו, ווען אַפילו אין אַ זייער אָפּגעשוואַכטער פאָרם. זיין פּלאַן פון דער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע איז אַ האַנדלס-געשעפט צווישן דער אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט פון איין זייט און אַלע מיטגלידער אירע פון דער אַנדערער. די מיטגלידער גיבן דער געזעלשאַפט, יעדער איינער, אַ גלייכן סכום אַרבעט, און דערפאַר גיט זיי די געזעלשאַפט, יעדן איינעם, דעם „שוה כסף", דעם „פולן ווערט" אירן אין דער פאָרם פון אַ גלייכן חלק אין דעם אויסגעאַרבעטן פּראָדוקט. אָדער: גלייכע „שותפים" טיילן זיך דאָ מיט דעם „ריוח" אין גלייכע חלקים פּראָדוקט פאַר די גלייכע חלקים „קאַפּיטאַל", וועלכע זיי לייגן אַריין — אין דער פאָרם פון גלייכע „אַרבעט-סכומען" — אין דעם „געשעפט".

ווי ווייט דער בעלאַמישער קאָמוניזם זאָל אינדעראמתן נישט זיין פון דער איצטיקער בורזשואַזער געזעלשאַפט; ווי גרונט-פאַרשידן אַרבעטס-סכומען, וואָס ווערן פון קיינעם נישט עקספּלואַטירט, זאָלן נישט זיין פון „קאַפּיטאַל" (ווייל „קאַפּיטאַל" איז נאָר עקספּלואַטירטע אַרבעט); ווי טיף עס זאָל נישט זיין דער תהום צווישן אַ „געשעפט", וואָס דאַרף רעאַליזירן זיין ריוח אויפן מאַרק דורך פאַרקויף פון סחורות, און אַ געזעלשאַפטלעכן אַרבעטס-פּראָצעס, וואָס גיט איבער דעם פּראָדוקטן-איינקום צום פאַרברויך פון די מיטגלידער דורך אַ גערעכטן גלייכהייטלעכן פאַרטייל, — ווערט דאָך אין דער בעלאַמישער סיסטעם פאַרטונקלט דער ת ו ך פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, ווי פון אַ אָ ר ג אַ נ י ש ע ר א יי נ ה יי ט, וואָס דאַרף, לויט קאַרל מאַרקס, קלאָר אַרויסטרעטן אין אַ ריין-קאָמוניסטישער לעבנס-פאָרם. געוויס איז די געזעלשאַפט נישט קיין אָרגאַניזם אין ביאָלאָגישן זין פון דעם וואָרט; אָבער זי איז פאָרט אַ „כמו"-אָרגאַניזם, אַן איינהייטלעך-אָרגאַנישעס גאַנצעס, וואָס זיין וויכטיקסטער „לעבנס-אַרויסווייז" איז די אַרבעט. די שייכותן פון מיטגליד צו מיטגליד און פון אַלע מיטגלידער צום גאַנצן כלל דאַרפן זיין אַזוי ווי די שייכותן

פון צעל צו צעל און פון אַלע צעלן צו דעם גאַנצן גוף. די צעלן טוען פאַר דעם אָרגאַניזם, יעדע צעל וואָס זי ק אָ ן, און זיי באַקומען פון אים, יעדע צעל וואָס זי ד אַ ר ף. דער אָרגאַניזם רעכנט זיך נישט אויס, איין צעל זאָל חלילה נישט באַקומען קיין קלענערן חלק, איידער אַן אַנדערע.

דער בעלאַמישער בוי-פּרינציפּ, נישט קוקנדיק אויף דעם אָביעקטיוויזם און דעם געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער פון זיין גלייכקייטס-באַגריף, מוז דעריבער, פון אַ מאַרקסיסטישן שטאַנד-פּונקט, באַטראַכט ווערן פאַר אַ נידעריקערע אַרט סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע, איידער די בוי-פּרינציפּן פון דעם אַנאַרכיסטישן אָדער דעם בלאַניש-מאַרקסישן קאָמוניזם. אָבער אָט דער חסרון זיינער איז נאָר אַ חסרון, ווען מען האָט אין זין דעם העכסטן שטאַפּל פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, אויף וועלכן „דער ענגער האָריזאָנט פון דעם בורזשואַזן רעכט", וואָס רעכנט זיך מיט דעם, „וואָס מ י ר קומט און וואָס ד י ר קומט", איז שוין פאַרשוווּנדן ביז צו דעם לעצטן שפּור. פון דעם שטאַנדפּונקט, פון וועלכן מיר באַהאַנדלען איצטער אונזער פּראָבלעם, איז אָט-דער חסרון נישט נאָר קיין חסרון נישט, נאָר דווקא אַ מעלה. אויב דער קאָמוניזם זאָל איינגעפירט ווערן אין לעבן אין אונזערע צייטן, דאַרף זיין בוי-פּרינציפּ זיין צוגעפּאַסט נישט נאָר צו דעם אָרעמען צושטאַנד פון די פּראָדוקטיוו-כוחות, נאָר אויך צו דער צוריקגעשטאַנענקייט פון דער איצטיקער מענטשלעכער פּסיכיק און צו דעם „ענגן האָריזאָנט פון דעם בורזשואַזן רעכט", וואָס באַהערשט די נשמות פון דער גרעסטער מאַיאָריטעט אין דער געזעלשאַפט.

דאָס טוט דער בעלאַמישער בוי-פּרינציפּ, ווייניקסטנס אין דער טעאָריע. ער פאַרלאָזט זיך נישט אויף דעם אַלטרויִסטישן יושר פון דעם מענטשן, יעדער איינער זאָל מעגן אַרבעטן און פאַרברויכן „וואָס, ווען און וויפל ער וויל". ער וואַרפט אויך נישט אַרויף אויף דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג די אויפגאַבע צו באַשטימען, וואָס איינער קאָן און דאַרף. די

געזעלשאַפט פאַרלאַנגט פון יעדן אַ גלייכן, ד. ה. גלייכווערטיקן סכום אַרבעט און, לויט דעם יושר פון דעם הערשנדיקן „בורזשואַזן רעכט", גיט זי יעדן איינעם אַ גלייכן, ד. ה., גלייכווערטיקן חלק פון די געוווּנענע פּראָדוקטן.

דערצו איז נאָר נויטיק — באַשטימען סטאַטיסטיש די באַדערפענישן פון דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקציע, אויסרעכענען וויפל אַרבעט עס דאַרף אָנגעווענדט ווערן אויף דער גאַנצער פּראָדוקציע, — לויט דער גלייכווערטיקייטס־טאַבלג, — און פאַנאַנדערטיילן די געפונענע צאָל אַרבעטס־צייט אויף דער צאָל פון די אַרבעטספעאיקע מיטגלידער. די ספּעציעלערע פאַנאַנדערטיילונג פון די מיטגלידער אין אַרבעטס־פאַכן, וואָס זאָל זיך דערביי, אויך וויפל מעגלעך, רעכענען מיט די פעאיקייטן און דעם ווילן פון יעדן איינעם, געהער נישט, ווי געזאָגט, צו די אומגעהייערע שוועריקייטן, וועלכע מען זאָל נישט קאָנען גובר זיין. די פאַרטיילונג פון די פּראָדוקטן מאַכט שוין דערנאָך גאָר קיין ברעקל שוועריקייט נישט. יעדער איינער באַשטימט אַליין וואָס און וויפל ער זאָל נעמען פון די אָנגעפאַרטיקטע גיטער, אין די גרענעצן פון זיין יערלעכן באַלאַנס, לויט די פּרייזן, וואָס ווערן פון דער געזעלשאַפט אויסגערעכנט פאַר יעדן אַרט פּראָדוקט.

ס'ווייזט אויס, אַז אויך דער רוסישער קאָמוניזם האָט זיך שטאַרק גערעכנט מיט דעם בעלאַמישן בויפּרינציפּ. ווייניקסטנס איז בוכאַרין, וואָס ווערט אין דער לעצטער צייט אָפט דערמאָנט ווי דער פירער פון דעם לינקן פליגל אין דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, שטאַרק נוטה צו אים און לייגט זיינע האָפענונגען ביי דער אַרבעטס־פאַרטיילונג אויף דער סטאַטיסטיק פון די פּראָדוקציאָנס־באַדערפענישן.

אַזוי מאָלט ער אונדז אויס — אין זיין „אַלף־בית פון

קאָמוניזם״ — אַזאַ ראָזעווען בילד פון דער אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט:

„די הויפּט-פירונג וועט ליגן אין אַלערליי רעכן-קאַנטאָרן אָדער סטאַטיסטישע ביוראָס. דאָרטן וועט מען טאָג-טעגלעך מאַכן דעם חשבון פון דער גאַנצער פּראָדוקציע און פון די פּראָדוקציאָנס-באַדערפעניש. עס וועט אויך אָנגעוויזן ווערן, הוי מען מוז צוגעבן אַרבעטס-הענט, ווו אַוועקנעמען און ווי לאַנג אַרבעטן. און אַזוי ווי אַלע וועלן פון קינדהייט אָן צוגעווינט זיין צו געזעלשאַפטלעכע אַרבעט און פאַרשטיין, אַז עס לעבט זיך גרינגער פאַר אַלע, ווען אַלץ גייט ווי פּוטער, לויט אַן אויסגערעכנטן פּלאַן, איז אַרבעטן אַלע לויט די אָנגאַבן פון די סטאַטיסטישע ביוראָס. דערביי דאַרף מען נישט האָבן נישט קיין באַזונדערע מיניסטאָרן, נישט קיין פּאָליציי, נישט קיין תפיסות, נישט קיין געזעצן און דעקרעטן, — גאָרנישט נישט. ווי אין אַן אָרקעסטער קוקט מען אויף דעם דיריזשאָרס שטעקעלע און מען שפּילט מיטן בליק אויף אים, אַזוי וועט מען אויך דאָ קוקן אויף די סטאַטיסטישע טאַבעלן און לויט זיי פירן די אַרבעט״*).

פון אַלע דריי קאָמוניסטישע בוי-פּרינציפּן איז דער בעלאַמישער — אויף אַזאַ אופן — גאַנץ זיכער דער קאָנסעקווענטסטער אין אָביעקטיווער גלייכקייט, דער איינפאַכסטער אין

---

*) זע: נ. בוכארין און יע. פּרעאָבראַזשענסקי „דער אלף-בית פון קאָמוניזם. אַ פּאָפּולערע דערקלערונג פון דער פּראָגראַם פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי באָלשעוויקעס, אָנגענומען אויף דעם אַכטן צענויפפאָר״ (אין רוסיש). דער קאַפּיטל וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון דער אינדוסטריע, ווי אויך אַנדערע קאַפּיטלען, שטאַמט, לויטן פאָרוואָרט, פון בוכארינס פּעדער. דער פאָרוואָרט איז דאַטירט: „דעם 5-טן אָקטאָבער 1919״. מיר מוזן זיך מודה זיין, אַז לייענענדיק בוכארינס קאַפּיטלען אין דער שריפט האָט זיך אונז אָפט געדוכט, אַז דער נאָמען אירער דאַרף זיין נישט: „דער אלף-בית פון קאָמוניזם״, נאָר: „דער קאָמוניזם פון אַן אלף-בית-יינגל״.

דער קאָנסטרוקציע און דער נענטסטער צו דעם איצטיקן מענטשלעכן כאַראַקטער. און פונדעסטוועגן, טראַכט מען זיך אַריין אַביסל טיפער אויך אין אים, דערמאָנט מען זיך נישט־ווילנדיק אָן דעם באַקאַנטן ווערטל שלום עליכמס: „איז דאָך דאָס שוין גוט, האַ? טויג עס ערשט נישט"...

מיר וועלן אָנהויבן אונזער קריטיק מיט אַ פּאָר קליינִי־קייטן.

קודם כּל טאָר מען זיך נישט פאָרשטעלן, אַז די קאָמוּ־ניסטישע סטאַטיסטיק איז איינע פון די גרינגסטע זאַכן, אַז אין דער אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציע קאָן מען זיך באַגיין נאָר מיט „אַלערליי רעכן־קאַנטאָרן און סטאַטיסטישע ביוראָס", און אַז דער גאַנצער פּראָצעס קאָן אַראָפּגיין אַזוי גלאַט, ווי דאָס שילדערט אונז בוכאַרין.

די סטאַטיסטיק איז, אמת, שוין גוט אויסגעאַרבעט געוואָרן אין דער איצטיקער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט; אָבער נישט אַלץ, וואָס זי, מיט אירע איצטיקע מעטאָדן, קאָן געבן, טויג פאַר אַ קאָמוניסטישער באַלעבאַטישקייט, און נישט אין אַלץ, אין וואָס דער קאָמוניזם נויטיקט זיך, קאָן אים העלפן די איצטיקע סטאַטיסטישע טעכניק.

אָט־דער אומשטאַנד ווערט אונז קלאָר, ווען מיר לייענען זיך אַריין אין דער אינטערעסאַנטער אַרבעט פון פּ. אַ מ אַ ס אָ ו און א. ס אַ ו י ט ש, וועלכע דער „פּעטראָגראַדער סאָוויעט פון פאָלקס־ווירטשאַפט" האָט אַרויסגעגעבן נישט לאַנג צוריק (אין 1921). די אַרבעט רופט זיך: „די פּראָבלעם פון אַ מאַטעריעלן חשבון־האַלטן אין אַ סאָציאַליסטישער באַלעבאַטישקייט"*).

מיר וועלן זיך מוזן אָפּשטעלן אַביסל לענגער אויף אָט דער אַרבעט, ווייל זי מאַכט אונז אַביסל בעסער באַקאַנט מיט

---

*) פּ. אַמאַסאָוו און אַ. סאַוויטש (איבר. סאַגאָוויטש): „פּראָבלעמאַ מאַטעריאַל־נאַוואַ אוטשאָטאַ וו סאָציאַליסטישעסקאָם כאָזיאַיסטווע". פּעטראָגראַד, איזראַט. אָטד׳ פּ. ס. נ. כ. 1921.

דעם אינטערעסאַנטן ענין און אגב גיט זי אויך אַן אַריינבליק אין דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין רוסלאַנד מיט דעם קאָמוניסטישן עקספּערימענט.

אין דעם פאָרוואָרט קאָנסטאַטירן די מחברים דעם פאַקט, „אַז די פראַגן פון חשבון-האַלטן האָבן אין סאָוויעט-רוסלאַנד נאָך עד-היום נישט געפונען קיין פּראַקטישע פאַרענטפערונג. די צאָלרייכע פרוון, וואָס פאַרשיידענע סאָוויעטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך אונטערגענומען, האָבן נישט געגעבן יענע רעזולטאַטן, וואָס וואָלטן פאַרענטפערט די אויסרעכענונגס-פּראָבלעם. דאָס איז נאָך מער טרויעריק, ווייל דאָס חשבון-האַלטן און די ריכטיקע פאַנאַנדערטיילונג, וואָס באַזירט אויף אים, זענען יענע גרונט-פאַקטאָרן, וואָס באַשטימען דעם אויפבוי פון אַ פּלאַנמעסיק-אָרגאַניזירטער סאָציאַליסטישער באַלעבאַטישקייט".

שולדיק אין דעם, מיינען די מחברים, זענען די סאָוויעטישע סטאַטיסטיקער און חשבונות-פירער, וואָס האָבן נישט איינגעזען דעם פאַקט, אַז אַ סאָציאַליסטישע סטאַטיסטיק און חשבון-פיר דאַרף געבויט ווערן אויף גאַנץ אַנדערע יסודות, איידער די איצט-הערשנדיקע. אין זייער בוך שלאָגן די מחברים פאָר אַ נייע סיסטעם פון סאָציאַליסטישער בוכפירונג און חשבון-האַלטן, וועלכע די סאָוויעטישע רעגירונג האָט אויך אָנגענומען. „די מחברים", שרייבט דער פאָרוואָרט, „זענען לכתחילה פאָראויס די פילפאַכע טענות מצד די סאָוויעטישע אַרבעטער אַנטקעגן די ניי-אַרויסגערוקטע פּרינציפּן". דער עיקר דערוואַרטן די מחברים אַ געהייל („וואָי") מצד יענע „פיל הונדערטער און טויזנטער ספּעצן אין דער לומדישער בוכהאַלטעריע („קניזשנאַי בוכהאַלטעריאַי"), וואָס זענען נישט ווייטער איידער זייער נאָז, וועלכע זיי האָבן אַריינגעראָבן אין די פון זיי באַליבטע פאָליאַנטן פון דער קאָמערציעלער בוכפירונג". אָבער די מחברים שרעקן זיך נישט דערפאַר. זיי פאָלגן דעם דעוויז, וועלכן אויך אַ קאַרל מאַרקס האָט געפאָלגט: „גיי זיך דיין וועג און לאָז זיך די מענטשן ריידן וואָס זיי ווילן". (ז. 4).

שוין פון אָט די פּאָר שטעלן טרעט קלאָר ארויס די מיינונג פון די מחברים וועגן דער וויכטיקייט פון דער סטאַטיסטישער פּראָבלעם פאַר אַ קאָמוניסטישער באַלעבאַטישקייט. שיר ווילן זיי נישט זאָגן, אַז איידער מען קאָן מאַכן אַ רעוואָלוציע אין דעם עקאָנאָמישן לעבן, דאַרף מען פריער מאַכן אַ רעוואָלוציע אין... דער סטאַטיסטיק, און אַז די לעצטע רעוואָלוציע קאָן זיין נישט קיין קלענערע, איידער די, וואָס קאַרל מארקס האָט דורכגעפירט אין דער עקאָנאָמישער וויסנשאַפט, און באַגעגנט ווערן מיט נישט קיין ווייניקער העפטיקער קעגנערשאַפט, איידער זי.

אין וואָס גייט דאָ דער ענין?

אין דעם איינלייטנדיקן קאפּיטל ווערט ריכטיק באַמערקט, אַז „די גרונט-אויפגאַבן באַשטייען אין חשבון-האַלטן אויף דעם סכום פון די פּאַראַנענע מאַטעריעלע גיטער, חשבון-האַלטן אויף די באַדערפעונישן אין זיי און חשבון-האַלטן אויף די פּראָדוקציאָנס-מעגלעכקייטן".

דאָס גאַנצע בוך אָבער באַשעפטיקט זיך נאָר מיט דער אויפשטעלונג פון נייע מעטאָדן, ווי אַזוי אויסצורעכענען און צו קאָנטראָלירן די שוין-פּאַראַנענע גיטער, וואָס דאָס גרעסטע רוב זייערע איז באַשאַפן געוואָרן אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. און דאָס איז קיין חידוש נישט. דער ניי-איינגעפירטער קאָמוניזם האָט געדאַרפט אויף דער ערשטער צייט לעבן פון די פריער אָנגעזאַמלטע פּראָדוקטן, און די ערשטע עקאָנאָמישע אויפגאַבע איז באַשטאַנען אין איבערנעמען, פאַנאַנדערסאָרטירן, פאַרשרייבן, אָפּהיטן און פאַרטיילן דעם גאַנצן רייכטום פון דעם לאַנד פון איין איינציקן צענטער. וואָס פאַר אַ מין „באַלעבאַטישקייט" עס איז דערפון אַליין ארויסגעקומען, קאָן מען זיך משער זיין פון די פאָלגנדיקע שורות: „די הויפּט-פּאַרוואַלטונגען און די צענטרען, די סעקציעס און די קאָמיסיעס, וועלכע האָבן זייערע אייגענע אָרגאַנען פאַר חשבון-האַלטן, וואָס זענען אַדמיניסטראַטיוו פּאַראינטערעסירט אין דעם

לאַגער פון זייערע פאַבריקן און רוי־מאַטעריאַל, גיבן דעם צענטער כמעט אַלעמאָל ידיעות, וואָס שטימען נישט מיט דערווירקלעכקייט, און ווער ווייס, צי ווייסן זיי אַליין וועגן די ריכטיקע סכומען פון זייערע לאַגערן" (ז. 17). ביי אַ רעוויזיע פון די לאַגער־הייזער האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז „כמעט אין אַלע סאָוויעטישע שפּייכלערס, וואָס שטייען אונטער דעם חשבון ביי פאַרשיידענע אינסטיטוציעס, געפינט זיך אויך דאָס אַזוי אָנגערופענע „אָן־באַלאַבּ־גיטער" („בעז־כאָזאַימושטשעסטוואָ"), ד. ה. עס ווערן געהאַלטן פּראָדוקטן, וואָס האָבן קיין ברעקל שייכות נישט צו דער געגעבענער אינ־סטיטוציע. אַזוי האָט מען, צ. ב., געפונען אין די לאַגערן פון דעם אַרכאַנגעלסקער „גוב־מעטאַל": 5 פּוד זאַלץ, 13 זעקלעך קאַקאַאָ, 18 פּוד טיפּאָגראַפישע פאַרב, 3 קעסטלעך רענטגען־רערלעך, 70 פּוד כעמישע פּראָדוקטן, און 224 גראָס גראַמאָפאָן־נאָדלען, אונטער דעם נאָמען טיפּאָגראַפישע אַרטיק־לען. אין אַ אַפּטייק־לאַגערהויז האָט מען געפונען עטלעכע קעסטלעך מאַכאָרקע, שוועבעלעך א. אַז. וו.; ביי דעם „אוטיל"— 100 פּוד זאַלץ, פּעפּער, 100 פּוד זאַלץ־זויערקייט א. אַז. וו.; ביי דעם „קאָמכאָז" — 20 קעסטלעך סאַרדינען, אַ גרויסע קוואַנטיטעט שטעכל־דראָט, קאָנסערווירטע מילך, שמאַנט־פּוטער" (אויס די באַריכטן אין דעצעמבער 1920). (ז. 97). שולדיק אין דעם איז, לויט אונזערע מחברים, נישט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר דער שלעכטער חשבון־האַלטן.

„די אומנאָרמאַלע לאַגע פון דעם חשבון־האַלטן העלפט די מאַסן־רויבן, וואָס קומען איצטער פאָר אין די מלוכהשע לאַגער־שפּייכלערס. אויף די זאַוואָדן העלפט דעמזעלביקן רויב־פּראָצעס דאָס פעלן פון אינווענטאַריזאַציע: די טייערסטע טיילן פון די מאַשינען ווערן נישט זעלטן אַוועקגעטראָגן פון די זאַוואָדן און ווערן האַנדלס־אַרטיקלען אויפן מאַרק. אָן גוזמא קאָן מען זאָגן, אַז 90 פּראָצענט פון די האַנדלס־אַרטיקלען אויף דעם ספּעקולאַטיוון מאַרק באַשטייען פון מאַטעריאַלן,

וואָס זענען אוועקגערויבט געוואָרן פון די נאַציאָנאַליזירטע מלוכהשע לאַגער־שפּייכלערס״ (ז. 17). „דער מאַנגל אין פּינקט־לעכע ידיעות וועגן די ערטער, ווו עס געפינען זיך די אָדער יענע פּראָדוקטן, צווינגט דעם פּאַרטיילנדיקן אָרגאַן אַרויסצוגעבן אָרדערס אויף עטלעכע שפּייכלערס מיטאַמאָל און דעם פּאַר־בּרויכער — אַרומלויפן מיט זיי אין אומזיסטע זוכענישן נאָך דעם נויטיקן פּראָדוקט״ (ז. 18).

אָט די אַלע צרות קאָנען אָבער פאַרמיטן ווערן, ווען מען זאָל נאָר איינפירן דעם ריכטיקן אופן חשבון־האַלטן, וועלכן די מחברים האָבן אויסגעאַרבעט. דער שכל פון דער נייער המצאה באַשטייט דער עיקר אין אַ סיסטעם פון קאַרט־לעך און אין אַ ריכטיקער קלאַסיפיקאַציע פון די פּראָדוקטן. יעדער פּראָדוקט, ווי נאָר ער ווערט פּאַרטיק צום אָפּליווערן, באַקומט זיין קאַרטל, אַ מין „פּאַכפּ͏ָרט״, וואָס באַגלייט זיין „לעבנס־וועג״ אין אַלע זיינע עטאַפּן ביז צום פּאַרבּרויכער, און אין דעם פּאַספּאָרט ווערן אויסגערעכנט אַלע זיינע וויכטיקע סימנים: צו וועלכער „גרופּע״ ער געהערט, צו וועלכן „טייל״ זיין גרופּע באַלאַנגט און אין וועלכער „סעקציע״ דער טייל געפינט זיך.

מיר מוזן איבערלאָזן צו ספּעציאַליסטן אין סטאַטיסטיק קלאַסיפיקאַציע און חשבון־האַלטן, זיי זאָלן באַשטימען דעם ווערט פון דער נייער סיסטעם: צי איז דאָס באמת אַ נייעס און אַ פּאַרבּעסערונג לגבי דער „לומדישער בוכהאַלטעריע״, אָדער אַן ערגערע פּאַרשלעפּעניש, אָדער גאָר אַן „אוטאָפּיע״, וואָס קאָן קיינמאָל אין דער ווירקלעכקייט נישט אַרבּעטן ריכטיק, ווייל די קאָנטראָל איבער דעם „פּאַספּאָרטן־סיסטעם״ מוז דערביי איבערגעגעבן ווערן צו דער גאַנצער אַרבּעטערשאַפט, וואָס דאַרף האַלטן אויג, אַז דער פּראָדוקט זאָל חלילה נישט פּאַרלירן זיין פּאַספּאָרט, אָדער נישט פּאַרבּייטן זיין מאַרשרוט.

פאַר אונזער ציל איז דאָ וויכטיק דער ה ו י פ ט - ב אַ ד י נ ג, מיט וועלכן עס איז פאַרבונדן די דורכפירונג פון אַ קאָמוניסטישן חשבון־האַלטן; דער הויפּט-תּנאַי באַשטייט אין דעם, וואָס דער גאַנצער חשבון-האַלטן „קאָן נאָר דעמאָלט פאַרטיק ווערן מיט אַלע זיינע התחייבותן און דערגרייכן די צילן, וואָס שטייען פאַר אים, ווען די קאַרטל-סיסטעם, אָט דער מאַרך פון דעם איבער-חשבון, וועט אין זיין גאַנצן מעכאַניזם ערגעץ נישט געבן קיין איבערשלאָג, אָנגעהויבן פון דעם לאַגערהויז אָדער זאַוואָד און געענדיקט מיט דעם צענטראַל-אָרגאַן פון חשבון-האַלטן; ווען די קאַרטלעך-צירקולאַציע צווישן דער פעריפעריע און דעם צענטער וועט זיין אַן אָרגאַנישע, אַ נישט-איבערגעריסענע און אַן איינהייטלעכע, אַזאַ, וואָס וועט דערגרייכן דעמזעלביקן גראַד פון פינקטלעכקייט און איינהייטלעכקייט, ווי די סיסטעם פון בלוט-צירקולאַציע אין אַ מענטשלעכן אָרגאַניזם. פּונקט ווי ווען אין אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם רייסן זיך צווישן אומאָרדענונגען אין דעם סיסטעם פון בלוט-צירקולאַציע, מוזן אויפטרעטן אַ סך קראַנקהאַפטע דערשיינונגען, וואָס פירן אין לעצטן סך הכל צו דעם טויט פון דעם אָרגאַניזם, אַזוי מוז אויך דער אָרגאַניזם פון דעם איבער-חשבון מכולה ווערן, אויב עס זאָלן אויפטרעטן איבערשלאָגן אין דער באַוועגונג פון די קאַרטלעך, וואָס וועלן אוממעגלעך מאַכן די דורכפירונג פון די חשבון-האַלטערישע אויפגאַבן" (ז. 110).

דאָס איז זייער אַן ערנסטער תּנאַי, וואָס דעקט פאַר אונז אויף די גאַנצע געפאַר פון אַ צענטראַלער קאָמוניסטישער באַלעבאַטישקייט, געבויט אויף סטאַטיסטיק. אמת, י ע ד ע עקאָנאָמישע אונטערנעמונג מוז קאָנען האַלטן אַ ריכטיקן חשבון פאַר אַלץ, וואָס אין איר קומט פאָר. דאָס איז צו גוט באַקאַנט יעדן געשעפטס-מאַן, מיר זאָלן זיך דאַרפן אָפּשטעלן אויף דעם. גרויסע אונטערנעמונגען קאָנען רואינירט ווערן, אויב זיי פאַרשטייען נישט, ווי צו האַלטן חשבון, און אויב זיי זענען געבויט אויף פאַלשע אויסרעכענונגען. אין דער איצטיקער סיס-

טעם און אין יעדער אַנדער עקאָנאָמישער סיסטעם, וואָס לאָזט צו איינצלנע אומאָפּהענגיקע באַלעבאַטישקייטן, קאָנען אָבער די „טעותן אין חשבון" ברענגען שאָדן נאָר די איינצלנע עקאָנאָמישע אָרגאַניזמען. אַ געשעפט מיט אַ שלעכטן חשבון-האַלטן און אַ שלעכטער אויסרעכענונג וועט רואינירט ווערן און אַן אַנדער געשעפט, וואָס איז בעסער אָרגאַניזירט אין אַט דעם פּרט, וועט פאַרנעמען זיין פּלאַץ. אין אַ צענטראַליסטיש-קאָמוניסטישער באַלעבאַטישקייט איז דאָס אוממעגלעך. זי איז באמת אַן איינהייטלעכער אָרגאַניזם, און אויב אַלץ אין אים איז געבויט, — ווי דאָס איז דער פאַל מיט דעם בעלאַמישן קאָמוניזם, — אויף דעם ריכטיקן חשבון-האַלטן און דער פּינקט-לעכער אויסרעכענונג, — קאָן יעדע ערנסטע אומאָרדענונג אין דער „בלוט-צירקולאַציע" אַרויסרופן „אַ סך קראַנקהאַפטע דער-שיינונגען, וואָס וועלן פירן צו זיין טויט".

ווי זאָל מען אָפּהיטן די ריכטיקע פונקציאָנירונג פון דער „בלוט-צירקולאַציע" פאַרלאָזן זיך אויף דער פרייוויליקער קאָנטראָל פון יעדן אַרבעטער איז זייער גוט... אין דער טע-אָ ־יע. אין דער ווירקלעכקייט האָט אויך די סאָוויעט-רעגירונג, דאָרטן, ווו זי האָט איינגעפירט די קאַרטלעך-סיסטעם, זיך נישט געקאָנט פאַרלאָזן אויף דער זעלבסט-קאָנטראָל פון דער אַרבעטערשאַפט און האָט צו די אַלגעמיינע קאָנטראָל-אָרגאַנען געמוזט אויסבויען, אויף דער פעריפעריע, נאָך אַ נייע „גאַנצע נעץ פון קאָנטראָל-פונקטן מיט אַ שטאַט פון קאָנטראָליאָרן אין זיי", וואָס זאָלן אַכטונג געבן אויף דעם ריכטיקן חשבון-האַלטן (ז. 111).

געהאָלפן האָט דאָס, ליידער, נישט קיין סך. אדרבה: די רויב-ווירטשאַפט איז אין אַ סך פאַלן נאָך פאַרגרעסערט געוואָרן. אונזערע מחברים דערקלערן דאָס גאָר פּשוט. אַ דאַנק דער קאַרטלעך-סיסטעם קאָן מען אין יעדן מאָמענט מאַכן אַ רעוויזיע און גרינג אויסגעפינען פאַלשקייטן אין דער הכנסה-הוצאה פון די פּראָדוקטן. „ס'איז נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך,

אַז אַזאַ לאַגע איז נישט גאַנץ נאָך דעם גוסט פון יענע הונ-דערטער און טויזנטער לאַגערערס, וואָס פאַרוואַלטן די מאַגאַ-זינען, לאַגער-הייזער א. אַז. וו. און וואָס שטאָפּן נישט זעלטן אָן זייערע טאַשן אויף דעם חשבון פון די פּראָדוקטן, וועלכע געפינען זיך אין זייערע הענט. עס איז דעריבער פאַרשטענד-לעך יענער שטאַרקער ווידערשטאַנד, וועלכן דער אויבער-חשבון האָט באַגעגנט מצד אָט די מענטשן ביים דורכפירן די קאַרטלעך-סיסטעם, וואָס גיט די מעגלעכקייט פון אַן אומבארחמנות-דיקער מעכאַנישער קאָנטראָל איבער דער באַוועגונג פון די מאַ-טעריעלע רעסורסן. עס ווערט איצטער קלאָר, פאַרוואָס אין דער ערשטער צייט, בעת מען האָט געדאַרפט דורכפירן סיי דעם גאַנצן חשבון-האַלטן, סיי די קאָנטראָל, זענען די רויב-דערשיינונגען אין די לאַגער-הייזער און אונטערנעמונגען נאָך פאַרגרעסערט געוואָרן אין פאַרגלייך מיט פריער. די געוועזע-נע סוחרים, פאַבריקאַנטן, חשבון-פירערס און בוכהאַלטערס, די אַלטע באַלעבאַטים פון די מאַגאַזינען, די מעקלערס און אַרטעל-שטשיקעס א. אַז. וו., וואָס האָבן זיך איינגעאָרדנט אין די מאַטעריאַלישע אָפּטיילונגען פון די סאָוויעטישע אָרגאַניזאַציעס, ווי פּאַטענטירטע ספּעצן אין מאַטעריעלן השבון-פירן, האָבן אויסטערליש וויל פאַרשטאַנען, אַז מיט דעם איינפיר פון אַן אָרגאַניזירטן חשבון-פיר און אַן אַקטיווער מעכאַנישער קאָנטראָל ווערט פּאַקטיש געמאַכט אַ סוף צו יענע ספּעקולאַציע, רויב און געשעפטמאַכעריי, וואָס האָבן זיך אַזוי רייך פאַנאַנדערגע-בליט אין אונזערע לאַגערהייזער. האָבן זיי באַשלאָסן צום לעצטן מאָל אָנצוואַרעמען זייערע טאַשן מיט אַן עודף אויף שפּעטער" (ז. 114).

אונזערע מחברים זענען אָבער איבערצייגט, אַז די קאָנ-סעקווענטע דורכפירונג פון זייער קאַרטלעך-סיסטעם אומעטום וועט סוף-כל-סוף מאַכן אוממעגלעך אַזעלכע דערשיינונגען. דער-ווייל אָבער זענען, ווי באַקאַנט, אונטערגעקומען נייע צייטן, וואָס האָבן גאָר אוממעגלעך געמאַכט די ווייטערדיקע עקספּע-

רימענטן מיט דעם קאָמוניזם. דער גאַנצער רוסישער קאָמוניזם איז איינגעפּאַקט געוואָרן און אַוועקגעפירט געוואָרן אין די לאַגער־הייזער פון דער געשיכטע, מיט אַ „קאַרטל", וועלכע טראָצקי האָט מיט זיין אייגענער האַנט אָנגעשריבן און וואָס לייענט זיך אַזוי: „פּראָדוקט: קאָמוניזם; גרופּע: מלחמה־קאָמוניזם; סעקציע: געצווונגענע אומפּראָדוקטיווע אונטערנעמונגען אויס קריגס־נויט; טייל: רוסלאַנד; הויפּט־קלאַס: קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט; שפּייכלער: מוזיי פון היסטאָרישע אַלטערטימער".

וואָס אונזערע מחברים ווילן בשום אופן נישט איינזען, איז דער פּשוטער פאַקט, אַז אַן אַבסאָלוט מעכאַנישע קאָנטראָל איבער מענטשלעכע ענינים איז אַ זאַך, וואָס קאָן נישט געמאָלט זיין אין מציאות. יעדע קאָנטראָל דאַרף דורכגעפירט ווערן פון אַ קאָנטראָליאָר, פון אַ לעבעדיקן מענטשן. כל זמן ביי דעם דורכשניטס־מענטש האָט זיך נאָך נישט אַנטוויקלט דער מאָראַלישער חוש פון אחריות פאַרן טובת הכלל; כל זמן מענטשן וועלן נאָך קאָנען פועלן ביי זיך, זיי זאָלן אויסנוצן זייער פּריווילעגירטע לאַגע אין דעם אָדער יענעם פּרט, צוליב אייגענע צילן, קאָנען דאָ נישט העלפן קיין געניאַלסטע קאַרטלעך־סיסטעמען, מוז יעדער קאָנטראָליאָר האָבן אַן אויבער־קאָנטראָליאָר איבער זיך און אויף אַזאַ אופן ווערט אויך דער בעלאַמישער קאָמוניזם נישט באַפרייט פון אַן איבערמאָסיק־אויסגעוואַקסענער ביוראָקראַטישער סיסטעם, מיט אירע אומפאַרענדערלעכע אייגנשאַפטן: אָפּגעלאָזנקייט, פאַרשלעפּעניש און קאָרופּציע. רייסן זיך אָבער אָט די געבענטשטע מעלות אַריין אין דער סיסטעם פון דעם חשבון־ביר, אין דער „בלוט־צירקולאַציע" פון דער גאַנצער באַלעבאַטישקייט, מוזן סוף־כל־סוף אַריינטרעטן יענע „קראַנקהאַפטע דערשיינונגען", וואָס שטעלן אַוועק אין סכנה די עקזיסטענץ גופא פון דעם אָרגאַניזם.

ס'איז אמת, עס זענען דאָ טעמים אָנצונעמען, אַז מיט

אַ דורות-לאַנגן לעבן אין אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפט וואָלט זיך ביי אירע מיטגלידער סוף-כּל-סוף אפשר איינגעשטעלט דער מינימאַלער גראַד פון יענער מינימאַלער מאָראַלישער אָנשטענדיקייט בנוגע איינעמס פליכטן צו דעם כּלל, וואָס זאָל מאַכן אוממעגלעך די איבנדערמאָנטע חולאתן פון אַ ביוראָקראַטישן רעזשים. אָבער זעט מען דען נישט, אַז דער קאָמוניזם פאַרוויקלט זיך דאָ אין אַ פאַרכשופטן קרייז. כּדי איינצופירן דעם קאָמוניזם מוז מען האָבן אַ העכערן מין מענטש, איידער דעם איצטיקן; כּדי צו האָבן אָט דעם מין מענטש, מוז מען האָבן פריער איינגעפירט דעם קאָמוניזם.

דער אויספיר דערפון איז אַ פשוטער: מען קאָן נישט אָנהויבן מיט איינפירן קאָמוניזם. אָנהויבן דאַרף מען מיט אַ גאַנץ אַנדער זאַך, וואָס זאָל אויך זיין ביכולת אויפצוהויבן דעם מענטש אויף אַ העכערער מאָראַלישער מדרגה, און ערשט דעמאָלט וועט מען קאָנען איבערגיין צו ריין-קאָמוניסטישע לעבנס-פאָרמען.

פון דעם גאַנצן בעלאַמישן קאָמוניזם האָבן מיר דערווייל דורכגענומען נאָר איין-איינציקן פּרט: די אָרגאַניזאַציע פון דעם חשבון-פיר פאַר די געשאַפענע פּראָדוקטן, — אמת, אַ פּרט, וואָס באַלאַנגט צו „יענע גרונט-פאַקטאָרן, וועלכע באַשטימען דעם אויפבוי פון אַ פּלאַנמעסיק-אָרגאַניזירטער סאָציאַליסטישער באַלעבאַטישקייט”. אָבער צו אָט דעם נויטיקן חשבון-פיר געהער דאָך נישט נאָר די אויסרעכענונג און די איבערוואַכונג פון די געשאַפענע פּראָדוקטן. נאָך וויכטיקער פאַר דעם בוי פון אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט איז די באַשטימונג פון די באַדערפענישן, וואָס דאַרפן באַפרידיקט ווערן אין דער פּראָדוקציע, און די איבערוואַכונג פון די אַרבעטס-סכומען, וואָס דאַרפן אָנגעווענדט ווערן אין איר. ווער זאָל אָט די דאָזיקע באַדערפענישן באַשטימען? לויט וועלכן פּרינציפּ און מאַסשטאַב? ווער זאָל דורכפירן די איבערוואַכונג און ווי אַזוי זאָל זי דורכגעפירט ווערן? מיר

האָבן נאָך אַפילו נישט אָנגערירט אָט די פראַגן, און מיר קלויבן זיך נישט איצטער צו טאָן דאָס. דאָ איז גענוג נאָר די באַמערקונג, אַז שוין דורכפירן אַ סטאַטיסטיק פון באַדערפענישן, פון נויטיקע אַרבעטס־סכומען און אַ קאָנטראָל איבער דעם גאַנצן געזעלשאַפטלעכן פראָדוקציאָנס־פּראָצעס איז אַ פּראָבלעם, וואָס איז נישט לפי ערך שווערער, איידער דורכפירן אַ פּראָדוקטן־סטאַטיסטיק און אַ קאָנטראָל איבער זיי. עס קאָן גאָר קיין רייד נישט זיין, מען זאָל זיך דערביי קאָנען באַגיין נאָר מיט דער אָרגאַניזאַציע פון „אַלערליי רעכן־קאַנטאָרן אָדער סטאַטיסטישע ביוראָס". בוכאַרין אַליין ווייס און פאַרשטייט דאָס גאַנץ גוט. לויט זיין באַהויפּטונג וועט אין זיי ליגן נאָר די „הויפּט־זאַך". נאָך אַ סך אַנדערע ביוראָקראַטישע אינסטיטוטן מוזן צו דעם צוועק געשאַפן ווערן, וועמעס טעטיקייט, אָבער, עס קאָן בשום אופן נישט באַטראַכט ווערן, ווי אַ „נעבן־זאַך".

אין אַ לייסטער פון אינסטיטוטן, וועלכע די סאָוויעטישע רעגירונג האָט ביז צו האַרבסט 1919 באַשאַפן, כדי צו רעגולירן און צו פירן דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס אין די נאַציאָנאַליזירטע אונטערנעמונגען, רעכנט בוכאַרין אויס נישט ווייניקער ווי 59 נייע „צענטערן" און „הויפּטן", וואָס דאַרפן האָבן די השגחה איבער אים: אַ צוגאָב צו יענע פאַרוואַלטונגס־אַפּאַראַטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין יעדער אונטערנעמונג באַזונדער.

וואָס דאָרטן האָט זיך אָפּגעטאָן — און טוט זיך נאָך עד היום אָפּ — און ווי דאָרטן איז די פאַרוואַלטונג געפירט געוואָרן, — און ווערט נאָך עד היום געפירט אין די רעשטלעך פון די רעגירונגס־אונטערנעמונגען — וועגן דעם האָבן געהאַט — און האָבן נאָך עד היום — צו זינגען און צו זאָגן אַ סך עדות. מען קאָן נאָך אָבער עד היום נישט זיין זיכער, צי די שרעקלעכע אומאָרדענונגען, אומנויטיקע פאַרשווענדונגען פון מיטלען און ענערגיע, וואָס ווערן אַזוי אָפט קאָנסטאַטירט

אין דער רוסישער קאָמוניסטישער פּרעסע, זענען אַן אומפאַר־מיידלעכער רעזולטאַט פון אַ קאָמוניסטישער ביוראָקראַטיע בכלל, אָדער אַ „ביי־פּראָדוקט" פון „סאָוויעטישער" אומגעלומפּערטקייט, וואָס שטאַמט אפשר פון רוסלאַנדס נידעריקער קולטורעלער מדרגה.

לאָמיר דעריבער אָננעמען, אַז דאָרטן איז אַלץ צוגע־גאַנגען — און גייט נאָך צו — כשר וישר. אָבער דער פאַקט אַליין, וואָס אויף די פריערדיקע פאַרוואַלטונגס־אָרגאַנען פון דער אינדוסטריע האָט ווי אַ נייער צוגאָב געמוזט אויסגעבויט ווערן אַ גאַנצער עטאַזש פון דיריגירנדיקע און קאָנטראָלירנ־דיקע פאַרוואַלטונגען, איז גענוג, מען זאָל איינזען, אַז דער בעלאַמישער קאָמוניזם מוז פירן צו אַ ריין־אויסגעצווייגטער סיסטעם פון ביוראָקראַטישע אינסטאַנצן, צו דער ממשלה פון יענע „פאַפּירן", וואָס האָבן פאַרשטאָפּט אַלע רעדער פון דער קאָמוניסטישער פּראָדוקציע און האָבן זי געצוווּנגען זיך אָפּצו־שטעלן.

און גאָר נאַאיוו קלינגט בוכאַרינס באַמערקונג, אַז פאַר דער קאָמוניסטישער גלייכמאָסיקער פאַרטיילונג פון די ארבעטס־סכומען, וואָס קאָן אַריינגעפירט ווערן אין דער איצטיקער צייט, „דאַרף מען נישט האָבן נישט קיין באַזונדערע מיניסטאָרן, נישט קיין פּאָליציי, נישט קיין תּפיסות, נישט קיין געזעצן און דעקרעטן, — גאָרנישט נישט", — מען דאַרף נאָר „קוקן אויפן דירעזשאָרס שטעקעלע", — וואָס ווערט געפירט פון די רעכן־קאַנטאָרן.

דאָס איז שוין באמת „קאָמוניזם פון אַן אַלף־בית־יינגל". ערנסטער און ניכטערער האָט געקוקט אויף דעם ענין ל. טראָצקי. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז צו דעם „דיריזשאָרס שטע־קעלע" מוז צוגעבונדן ווערן אַ קאָזאַקישע „נאַהייקעלע" און האָט פאַרלאַנגט, אַז די קאָמוניסטישע אַרבעט זאָל געפירט ווערן פון אַרבעטער־אַרמייען אונטער אַ שטרענגער מיליטערישער דיסציפּלין. דאָס שטימט פולקאָם

אַי מיט קאַרל מאַרקסן, וואָס האָט אין „מאַניפעסט” געפאָדערט די בילדונג פון אַרבעטער-אַרמייען, אַי מיט בעלאַמין, וואָס רעדט אויך וועגן אַרבעטער-אַרמייען, ווי וועגן דעם גרונט-פּרינציפּ פון זיין קאָמוניסטישן פּלאַן.

און עס קאָן גאָר קיין ספק נישט זיין, אַז אויב מיר ווילן זיך רעכענען מיט דער איצטיקער מענטשלעכער נאַטור, איז די דורכפירונג פון אַ בעלאַמישן קאָמוניזם מעגלעך נאָר מיט די מיטלען פון אַ שטרענגן צוואַנג, ווו די גאַנצע עקאָנאָמישע טעטיקייט פון דער געזעלשאַפט זאָל געפירט ווערן פון אַן אייזערנער מיליטערישער דיסציפּלין.

אָט די פּאָר באַמערקונגען צו בוכאַרינס קאָמוניסטישער אידיליע האָבן מיר אויבן אָנגערופן: „קליינינקייטן”. דער לייענער זעט, אַז אָט די קליינינקייטן זענען, ווי קליינע געשווירן, וואָס ווען זיי זעצן זיך, צ. ב., אין האַלז, קאָנען זיי גאַנץ זיכער פירן צו דעם טויט פון דעם אָרגאַניזם. און פונדעסטוועגן זענען דאָס פּרינציפּיעל פּאָרט נישט מער ווי קליינינקייטן. עס שטייט גאָרנישט אין וועג אָנצונעמען, אַז אַ בעלאַמישער קאָמוניזם קאָן זיך פּאָרט ווי עס איז, ווען עס איז, באַפרייען פון זיי. געניאַלע אַנטדעקונגען אין די מעטאָדן פון חשבון-האַלטן קאָנען אפשר פירן צו אַ באַפרידיקנדיקער סטאַטיסטיק נישט נאָר פון די אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן, נאָר אויך פון די שוין-אָנגעוואַקסענע באַדערפענישן און פון די סכומען אַרבעט, וואָס זענען נויטיק אין דער פּראָדוקציע. עס קאָן אויך געמאָלט זיין, אַז די אַרבעטנדיקע מענטשהייט זאָל זיך צוגעוווינען צו דער בייטש פון דער מיליטערישער דיסציפּלין, און אַז די אַרבעט אונטער איר אויפזיכט זאָל זיין נישט ווייניקער פּראָדוקטיוו, איידער אין דער איצטיקער געזעלשאַפט. פרעגט זיך איצטער די שאלה: זאָל דער בעלאַמישער קאָמוניזם ווערן אונזער ענדציל? זאָל זיין בוי-פּרינציפּ פון גלייכע אַרבעט-סכומען און גלייכע חלקים אָנגעווענדט ווערן אין דער קומענדיקער סאָציאַלער רעוואָלוציע? קאָן אזא

געזעלשאַפטס-פאָרם באַפרידיקן אונזערע פאָדערונגען פון נאָרמאַלן געזונטן חשובן מענטשלעכן לעבן?

אויף אָט די פראַגן מוזן מיר זיך אָפּשטעלן באַזונדער.

## VI

## בעלאַמיס קאָמוניסטישער בוי-פּרינציפּ

(שלוס)

א קאָמוניסטישע געזעלשאַפט איז, ווי מיר האָבן געזען, אַזאַ געזעלשאַפט, אין וועלכער די גאַנצע עקאָנאָמישע טעטי-קייט פון די איינצלנע מיטגלידער געהער דעם גאַנצן כלל און ווו אַלע אירע פּראָדוקטן ווערן פאַנאַנדערגעטיילט צווישן זיי אין אַ וועלכער עס איז גלייכהייטלעכער מאָס. דער בעלאַמישער קאָמוניזם פירט דורך דעם גלייכהייטס-פּרינציפּ דורך דער איינאָרדנונג, אַז פון יעדן איינעם זאָל געפאָדערט ווערן אַ גלייכע סכום אַרבעט און יעדער איינער זאָל באַקו-מען אַ גלייכן חלק פון די באַשאַפענע גיטער. דער סכום גע-זעלשאַפטלעך-נויטיקע אַרבעט, וואָס דאַרף אין אַ גלייכער מאָס פאַנאַנדערגעטיילט ווערן צווישן די מיטגלידער, ווערט באַ-שטימט דורך דעם מצב פון די באַדערפעענישן, וואָס דאַרפן באַפרידיקט ווערן, און אָט דער מצב ווערט אויסגעפונען מיט די מיטלען פון דער סטאַטיסטיק.

מיר האָבן שוין אין דעם פאָריקן קאַפּיטל אָנגעוויזן, ווי שווער עס איז צו פירן אַ קהלשע באַלעבאַטישקייט, וואָס זאָל אַרומנעמען אַלע צווייגן פון דעם געזעלשאַפטלעכן פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס, ווען אַלץ אין אים זאָל אָפּהענגען פון דער ריכטי-קער צאָל און דער ריכטיקער מאָס; וואָס פאַר אַן אומגעהייע-ערע מאַסע פון געזעלשאַפטלעכער ענערגיע עס דאַרף אויסגע-געבן ווערן, כדי די סטאַטיסטישע אַרבעט גופא זאָל קאָנען דורכגעפירט און אוועקגעשטעלט ווערן אונטער אַ ריכטיקער

קאָנטראָל; וויפל נייע, ריין-ביוראָקראַטישע פאַרוואַלטונגס-אַפּאַראַטן עס דאַרפן צוליב דעם צוועק אַרויסגערופן ווערן אין לעבן און וואָס פאַרא שעדלעכע ווירקונג עס קאָן האָבן אויף דעם גאַנצן עקאָנאָמישן פּראָצעס אַ פאַנאַנדערגעוואַקסענע, פּילפאַרצווייגטע ביוראָקראַטיע.

מיר האָבן אָבער דאָרטן אויך באַמערקט, אַז „שווער" איז נישט דער טייטש „אוממעגלעך", און אַז עס לאָזט זיך דענקען, די געזעלשאַפט זאָל פאָרט ווען עס איז קאָנען אויסאַרבעטן אַ סיסטעם פון געגן-גיפטן אַנטקעגן דער ביוראָקראַטיע, וואָס זאָל פאַראַליזירן אירע שעדלעכע אייגנשאַפטן. אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע, וואָס זאָל זיך אין די איצטיקע צייטן וועלן אָנפאַרטרויען דעם בעלאַמישן בוי-פּרינציפּ, וועט דאָס קאָנען טאָן נאָר אין דער אויסזיכט, אַז זי וועט זיין ביכולת ווען עס איז ביי וקומען אָט די אַלע שוועריקייטן. זי וועט דעריבער לכתחילה מוזן אָפּמאַכן ביי זיך, אַז זי וועט ביי איר אַריינטריט אין לעבן, אין דער ערשטער צייט, נישט נאָר נישט פאַרבעסערן דעם אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן מעמד, נאָר פאַרערגערן אים; אַז די געזעלשאַפט וועט דאַרפן, ווי לעגין האָט דערקלערט, „פערציק יאָר" אויסגעריסן ווערן, איידער די קאָמוניסטישע באַלעבאַטישקייט וועט אָנהויבן צו פונקציאָנירן צו אַלעמענס צופרידנקייט.

דאָס אַליין איז געוויס אַ וויכטיקער טעם, פאַרוואָס אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע זאָל אין דער איצטיקער צייט נ י ש ט אָנהויבן מיט דעם בוי פון אַ בעלאַמישן קאָמוניזם. „פערציק יאָר!" — דאָס האָבן נאָר די יידן געקאָנט אויסהאַלטן אין מדבר, איידער זיי זענען אַריין אין דעם געבענטשטן לאַנד כנען. און אויך זיי האָבן דאָס געקאָנט, ווייל ס'איז קיין אַנדער ברירה פאַר זיי נישט געווען; אַ שטאַרקער דעספּאָטישער ווילן האָט זיי געפירט, ווו און ווי ע ר האָט געוואָלט; און אויך ע ר האָט געמוזט מאַכן „קאָמפּראָמיסן": לאָזן פאַלן אויף אַן איבערנאַטירלעכן אופן מן פון הימל, מאַכן שלאָגן

קוואַלן וואַסער פון אַ פעלז, לאָזן פליען מחנות געבראָטענע טייבעלעך. די אַלע קאָמפּראָמיסן זענען אָבער נישט געגאַנגען להיפּך צו דעם גרונט-ציל: דער צייטווייליקער וואַנדערונג אין דעם מדבר.

אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע קאָן אַזעלכע קאָמפּראָמיסן נישט מאַכן. אויב זי וויל, לאָז זיין אויף וויפל עס איז גרינגער מאַכן די עקאָנאָמישע לאַגע אין די „פערציק יאָר אויסגעריסן ווערן”, מוז זי אָנקומען צו מיטלען, וואָס גראָבן אונטער דעם קאָמוניסטישן פּרינציפּ. זי מוז געבן אַ פינגער יענעם שד, וואָס האָט די קראַפט אַריינצוכאַפּן די גאַנצע האַנט. און כּל-זמן דער שד האַלט אַפילו אַ פינגער, קאָן קיין רייד נישט זיין פון קאָמוניזם; און רייסט מען ווידער אַרויס דעם פינגער פון דעם שדס האַנט, הויבן זיך אָן אויפסניי די „פערציק יאָר אויסגעריסן ווערן”, אין וועלכע דער עולם קאָן נישט ביישטיין דעם נסיון און הויבט אָן צו בענקען נאָך דעם „אַלט-מצרים” פון דעם קאַפּיטאַליסטישן רעזשים, וואָס איז געווען אַ גן-עדן לגבי די חבלי-לידה פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט.

אַ קאָמוניסטישע רעוואָלוציע, וואָס איז געצווונגען, ווי דאָס איז איצטער דער פאַל מיט דער רוסישער, ווידער צו מאַכן ערנסטע קאָמפּראָמיסן דעם קאַפּיטאַליזם, הערט דורך דעם גופא אויף צו זיין אַ קאָמוניסטישע רעוואָלוציע: זי דערקלערט זיך באַנקראָט אין איר אויפגאַבע תּיכּף צו בויען אַ קאָמוניסטישע געזעלשאַפט. דער קאָמוניזם ווערט דערביי ווידער דערקלערט פאַר אַ וויטן ענדציל, צו וועלכן מען דאַרף צוקומען אויף נישט-קאָמוניסטישע וועגן, ווי דאָס איז געלערנט געווען אין דער סאָציאַליסטישער טעאָריע, נאָך איידער דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

אָבער נאָך אויך נישט אין דעם פאַקט ליגט דער הויפּט-טעם, פאַרוואָס אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע אין דער איצטיקער צייט טאָר נישט אָנהויבן מיט אַ בעלאַמישן קאָמוניזם. אַלע צרות, וואָס זענען באַפאַלן דעם רוסישן קאָמוניסטישן עקספּע-

רימענט, — חי עס זאָל זיך נישט לייגן אויפן שכל, אַז זיי אַלע שטאַמען פון דעם קאָמוניזם גופא, ווען מען וויל אים אַריינפירן אונטער די איצטיקע אומשטענדן, — קאָנען נאָך אויסגעטייטשט ווערן אין אַן אַנדער זין און די שולד אין זיי קאָן אַלץ נאָך אַרויפגעוואָרפן ווערן אויף צופעליקע, ריין-היסטאָרישע צושטאַנדן (וועלט-קריג, נישט-געראָטענע פירערשאַפט), אָדער אויף דעם נידעריקערן קולטורעלן מצב פון דעם רוסישן פאָלק, אָדער ווידער אויף יענעם היסטאָרישן אויסנאַם-פאַל, וואָס די רוסישע קאָמוניסטישע רעוואָלוציע האָט זיך געמוזט צונויפפלאָנטערן מיט אַ גרויסער צאָל נאָך אַנדערע רעוואָלוציעס, — צו פּאָליטישע, אַ פויערישע, אַ קאַפּיטאַליסטי-שע, אַ רעליגיעזע און אַ נאַציאָנאַלע (ווי דאָס האָט אונז נישט לאַנג דערקלערט וו. טשערנאָוו, אין זיין אומגעהייער לער-רייכן אַרטיקל „די סתירות ערב-רעוואָלוציע” אין „דאָס נייע לעבן”.

אויף דעם סמך פון אַזעלכע און ענלעכע באַטראַכטונגען קאָן מען קומען צו דעם שלוס, אַז אויב אַ סאָציאַלע רעוואָ-לוציע וואָלט זיך אַרויסגעריסן נישט אין רוסלאַנד, נאָר ביי אַ מאָדערנעם געבילדעטן פאָלק, מיט אַ שטאַרקן, דיסציפּלי-נירטן פּראָלעטאַריאַט, וואָס זאָל קאָנען אַליין האַלטן אין צוים זיינע פירער און נישט דערלאָזן, אַז זיין דיקטאַטור זאָל פאַר-וואַנדלט ווערן אין אַ פּאַרטיי-דיקטאַטור איבער אים, אַז אים זאָל מען פאַרמאַכן דאָס מויל, אַז ביי אים זאָל מען פאַר-שמירן אַלע שפּעלטעלעך, דורך וועלכע עס דרינגט אַריין די פרישע לופט פון פּאָליטישער פרייהייט; ווען די סאָציאַלע רעוואָלוציע, זאָג איך, זאָל אויסברעכן ביי אַזאַ קולטורעלן פאָלק, וואָס האָט שוין לאַנג איבערגעפּאָקט און איבערגעמאָזלט אַלע אַנדערע רעוואָלוציעס, וואָלט אפשר דער קאָמוניסטישער עקספּערימענט געקאָנט גאָר פון אָנהויב אָן גובר זיין אַלע מניעות, געקאָנט שוין אויפן שטעל אַ הויב טאָן דעם עקאָנאָ-מישן חוילשטאַנד פון די מאַסן, אָפּשאַפן אינגאַנצן די נויטי-

קייט אין „פערציק יאָר" חבלי-לידה און — מיט אַלע אומפאַר־מיידלעכע שווערִיקייטן — פּאָרט אָנהויבן לייגן אַ ציגל אויף אַ ציגל אין דעם קאָמוניסטישן בנין, לויט דעם בעלאַמישן בוי-פּרינציפּ, און דערפירן אים ביז צום סוף.

דער הויפּט-טעם פאַרוואָס מיר מוזן לכתחילה מבטל זיין די קאָנסעקווענטע דורכפירונג פון דעם בעלאַמישן בוי-פּרינציפּ סיי פּאַר איצטער, סיי פּאַר אַ וואָסער עס איז אַנדער צייט אין דער צוקונפט, ליגט אין דעם אומשטאַנד, וואָס ער טראָגט אין זיך, לויט זיין עצם, אַ שטער פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע. ווען די געזעלשאַפט הויבט אָן צו אַרבעטן נאָך צוליב דעם, כדי עס זאָלן באַפרידיקט ווערן די שוין-אַנגעוואַקסענע, שוין-אַרויסגעטרעטענע באַדערפעניש, אַזוי מוז זיך אָפּשטעלן און פאַרגליווערט ווערן דער גאַנצער שטראָם פון דעם טעכנישן פּראָגרעס.

אין פלוג קלינגט דאָס פּאַראַדאָקסאַל. ס'איז שווער איינצוזען, פאַרוואָס דאָס זאָל זיין אַזוי. דער געוויינלעכער בליק אויף דער זאַך איז, אַז די פּראָדוקציע ווערט אַרויסגערופן פון די באַדערפעניש און אַז די מענטשלעכע באַדערפעניש אַנטוויקלען זיך, אַזויצוזאָגן, „פון זיך אַליין", פון דעם גאַנצן סכום אומשטענדן און געשעענישן, וואָס באַשטימען די היסטאָרישע אַנטוויקלונג. ענדערט זיך אין דעם לויף פון דער געשיכטע דער מענטש, ענדערן זיך אויך זיינע באַדערפענישן. און וואָס מער דער מענטש לעבט אַ קולטורעלן לעבן, אַלץ שטאַרקער וואַקסן זיי אָן. מיט זייער פאַרמערונג ווערט אָבער אַוועקגעלייגט דער יסוד פאַר אַ העכערער אַנטוויקלטער פּראָדוקציע און אַזוי קאָן דאָס גיין פון דור צו דור אָדער אַפילו פון יאָר צו יאָר. יעדע אַנטוויקלונג פון די באַדערפענישן מוז ווירקן אויף דער פּראָדוקציע ווי אַ שטויס, וואָס טרייבט זי אַרויף אויף אַלץ העכערע און העכערע שטופן. די „סטאַטיס־טיק" און דער באַשלוס צו פּראָדוצירן נאָר דאָס, אין וואָס די געזעלשאַפט נויטיקט זיך שוין, קאָן גאָרנישט נישט ענדערן

אין דער לאגע פון דער זאך. וועלן אָנוואקסן נייע באַדערפע-
נישן, וועט זיך דאָס זיכער מוזן אָפּשפּיגלען אין דער סטאַ-
טיסטיק, און ממילא אויך אין דעמגאַנצן פּראָדוקציאָנס-פּראָ-
צעס, וואָס איז געבויט אויף איר יסוד.

אַזוי דוכט זיך דאָס אויס אויף דעם ערשטן בליק. אָבער
נישט אַזוי איז דאָס אין דעם תוך פון דעם ענין, און עס איז
פון דער גרעסטער וויכטיקייט פאַר דעם סאָציאַליסטישן גע-
דאַנק, מען זאָל זיך פאַנאַנדערקלייבן און קלאָר ווערן אין
אים.

אנטקעגן דעם געוויינלעכן גלויבן, אַז די עקאָנאָמישע
באַדערפענישן רופן אַרויס און באַהערשן די טעכנישע פּראָדוק-
ציע, האָט קאַרל מאַרקס, אין זיין פּאָלעמישן בוך אנטקעגן
פּרודאָנען, אַרויסגעשטעלט דעם פּונקט-פאַרקערטן געדאַנק, אַז
נישט די באַדערפעניש רופט אַרויס די פּראָדוקציע, נאָר אַז
די פּראָדוקציע רופט אַרויס די באַדערפעניש.

וועלכע פון די צוויי מיינונגען איז די ריכטיקע? —
אין זייער אַבסטראַקטער פאָרמולירונג זענען ביידע געדאַנקען
געווען איינזייטיק און ממילא אויף אַזוי פיל פאַלש.

קיינער קאָן נישט לייקענען דעם פאַקט, אַז די מענטשי-
הייט, וואָס האָט זיך נאָר-וואָס גענומען אַרויסרייסן פון דער
אַנימאַלישער וועלט, האָט שוין, ווי יעדע חיה, געהאַט באַדערי-
פענישן, וועלכע זי האָט גענומען באַפרידיקן דורך איר פּרי-
מיטיווער אַרבעט אין דער פּרימיטיווער אינדוסטריע, און אַז
יעדע פּראָדוקציע וואָלט נישט געקאָנט האָבן קיין קיום, ווען
זי וואָלט נישט באַפרידיקט אַ געוויסע שוין-פאַראַנענע באַדער-
פעניש. ממילא איז קלאָר, אַז די באַדערפעניש איז די „ערשטע
אורזאך", וואָס רופט אַרויס און טרייבט אָן דעמגאַנצן עקאָ-
נאָמישן פּראָצעס.

פון דער אַנדער זייט קאָן אָבער אויך קיינער נישט ליי-
קענען דעם פאַקט, אַז ס'איז געווען אַ צייט, ווען די מענטשי-
הייט האָט נאָך נישט געהאַט קיין ברעקל באַדערפעניש אין

ברויט און אין אַגראַר־פּראָדוקטן בכלל. פון וואַנען האָט זיך אַזאַ פונדאַמענטאַלע באַדערפעניש גענומען? דער מענטש האָט דאָך נישט געקאָנט האָבן קיין ברעקל אַנונג פון איר. איידער די פּראָדוקציע האָט אים באַקאַנט געמאַכט מיט די גיטער פון דער אַגראַר־אינדוסטריע און איידער ער האָט איינגעזען זייער נוצן. ביז צו דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע האָט זיך אין אייראָפּע קיינער נישט געגוויטיקט אין קאַרטאָפל. קיינער האָט נישט געהאַט די באַדערפעניש צו רויכערן טאַבאַק. ערשט די פּראָדוקציע פון אָט די צוויי אַרטיקלען האָט אַרויסגערופן די נויט אין זיי. ממילא איז קלאָר, אַז אין אָט די און ענלעכע פאַלן איז „דער ערשטער באַוועגער" געווען נישט די באַדערפעניש, נאָר די פּראָדוקציע, און אַז ערשט זי האָט אַרויסגערופן די איר נויטיקע באַדערפענישן.

ווי ס'ווייזט, דרייען מיר זיך דאָ אין אַ פאַרכשופטן קרייז, און די פראַגע הויבט אָן ווערן ענלעך צו דער באַרימטער פּראָבלעם: וואָס איז געווען פריער, — די הון אָדער די איי?

דער גאַנצער פאַרכשופטער קרייז פאַרשווינדט אָבער אויפן שטעל, ווען מען זאָגט זיך לכתחילה אָפּ פון דער אַבסטראַקטער איינזייטיקער פאָרמולירונג פון דעם ענין. די מענטשהייט האָט געוויסע אַלגעמיינע באַדערפענישן אין שפּייז, קליידונג, וווינונג, געזונט, פאַרווייַלונג, נערוועזע אויפרעגונג און אַזוי ווייטער, באַדערפענישן, וואָס ווערן דיקטירט דורך די פיזיאָלאָגישע און פּסיכאָלאָגישע פּראָצעסן אין אַלע אָרגאַנען פון דעם מענטשלעכן אָרגאַניזם. אָט די אַלגעמיינע, אָרגאַנישע באַדערפענישן ליגן אין דעם יסוד און מאַכן מעגלעך יעדע אינדוסטריע. אָבער באַפרידיקט ווערן קאָנען זיי נאָר אויף אַ גאַנץ באַשטימטן קאָנקרעטן אופן. דער באַשטימטער אופן פון דער באַפרידיקונג ווערט געגעבן דורך דער מענטשלעכער המצאה, דורך דעם אויסטראַכט פון זיין שכל, אין דער קולטור. נאָר די קולטור פאַרוואַנדלט אַ מעגי־

לעכע אָרגאַנישע באַדערפעניש אין אַ ווירקלעכער, אַ קולטורעלער.

שפייזן דעם אָרגאַניזם איז אַן אָרגאַני,שע באַדערפעניש, אַן אַלגעמיינע. אָבער שפייזן אים מיט ברויט איז אַ קאָנקרעטע קולטורעלע באַדערפעניש, וואָס איז אויסגעוואָקסן אויף אַ באַשטימטער שטופע פון דער מענטשלעכער קולטור־אַנטוויקלונג. באַשעפטיקן די פאַנטאַזיע איז אַן אָרגאַנישע מענטשלעכע באַדערפעניש (אַ „פסיכישע”) אָבער באַשעפטיקן זי מיט חלומות אין אַן אָפיום־שלאָף, אָדער מיט דערציילונגען וועגן געטער, מלאכים און שדים, אָדער מיט פאַנטאַסטישע מעשיות, איז אַ באַשטימטע קולטורעלע באַדערפעניש. באַרואיקן אָדער אונטערצושמייסן די טעטיקייט פון די נערוון איז אַן אָרגאַנישע באַדערפעניש, אָבער באַפרידיקן זי דורך טאַבאַק אָדער אַלקאָהאָל איז אַ קולטורעלע באַדערפעניש.

פון די געבראַכטע ביישפילן איז אויך קלאָר, אַז דאָס רוב אָרגאַנישע באַדערפענישן, ווי לאָזן שפילן די פאַנטאַזיע, געניסן „גייסטיקע שפייז” אָדער סטימולירן די טעטיקייט פון די נערוון וכדומה, וואָס געפינען זיך ביי דער איצטיקער מענטשהייט און וואָס פעלן אינגאַנצן ביי די חיות, זענען אַליין אַ פראָדוקט פון דעם פאַקט, וואָס דער מענטשלעכער אָרגאַניזם לעבט אין אַ משך פון דורות אין אַן אַטמאָספער פון קולטור. די פרימיטיווע באַדערפענישן, וועלכע דער מענטש האָט באַקומען פון דער אַנימאַלישער וועלט, זענען געווען דער אויסגאַנגס־פונקט פאַר זיין קולטור־שאַפנידיקער טעטיקייט. זי האָט זיי פאַרוואַנדלט אין קאָנקרעטע קולטורעלע באַדערפענישן, באַפרידיקנדיק זיי דורך קולטור־מיטלען, ד. ה. דורך אַזעלכע מיטלען, וואָס זענען פריער דורכגעגאַנגען דורך אַ מענטשלעכן גייסטיקן באַשאַפונגס־פראָצעס. אָט דער גייסטיקער באַשאַפונגס־פראָצע־ האָט אַרויסגעבראַכט אַ רייכערע צאָל וועגן און מיטס

לען, ווי אַזוי צו באַפרידיקן זיי. אַ גרויסע טייל פון דער אויסגעוואַקסענער צאָל קולטורעלע באַדערפענישן האָט זיך פון איר זייט אָפּגעזונדערט אין דעם אָרגאַניזם, ווי אַ גאַנץ ביי־נעץ פון אָרגאַנישע באַדערפענישן. זיי ווערן ווידער דער אויס־גאַנגס־פּונקט פאַר אַ נייעם שוווּנג פון קולטורעלן גייסטיקן שאַפן, וואָס געפינט אויס נאָך רייכערע מיטלען און וועגן, ווי צו באַפרידיקן זיי. ווערן זיי אַ לענגערע צייט באַפרידיקט אויף איין און דעמזעלבן שטייגער, פאַרוואַנדלען זיי זיך ווי־דער אין קולטורעלע באַדערפענישן, וואָס קריסטאַליזירן זיך אָפּטמאָל ווידער אין נייע אָרגאַנישע נויטן און פאָדערונגען. און אַזוי גייט דאָס כסדר. און אַלעמאָל ווערן די רייכערע אָרגאַנישע באַדערפענישן אַרויסגערופן פון די פריער־דיקע קולטורעלע אויפטועכישן.

אויף וויפל אַן אָרגאַנישע באַדערפעניש, אַ פּרימיטיווע נאַטור־באַדערפעניש, (צ. ב. שפּייז), אָדער אַ שפּעטערדיקע קולטורי באַדערפעניש (צ ב. געקאָכטע, געבראָטענע, גע־ווירצטע שפּייז), מוזן באַפרידיקט ווערן דורך דער מאַטע־ריעלער טעכניק, ד. ה. דער מענטשלעכער באַאַרבעטונג פון נאַטור־פּראָדוקטן, אויף אַזוי פיל איז די מאַטעריע־לע פּראָדוקציע זייער פּאָטער און באַשאַפער; און עס איז איצטער כמעט נישטאָ קיין איין נאַטור־באַדערפעניש, וואָס זאָל נישט באַפרידיקט ווערן מיט דער הילף פון דער מענטשלעכער מאַטעריעלער טעכניק, וואָס פאַר־וואַנדלט דידאָזיקע נאַטור־באַדערפעניש אין אַ קולטור־באַדער־פעניש *).

---

*) פּראָפעסאָר פרויד באַמערקט ערגעץ־ווו, אַז נאָר די סעקסועלע נאַטור־באַדערפעניש איז בדרך כלל געבליבן פריי פון אַ טעכנישער איינ־ווירקונג און איז דעריבער נאָכנישט באַרייכערט געוואָרן מיט נייע וועגן און מיטלען ווי צו באַפרידיקן זי. דער מחבר מאַכט דערביי דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט דאָס באַדויערט און ווי ער וואָלט באַשולדיקט די הערשנדיקע מאָראַל אין אָט־דעם. —

מיר קאָנען דאָ לאָזן אָן אַ זייט די ווייטערע חקירה פון קאַרל מאַרקס, וואָס וויל האָבן, אַז דער פּראָצעס פון דער מאַטעריעלער פּראָדוקציע איז דער פאָטער און באַשאַפער פון דער גאַנצער מענטשלעכער קולטור בכלל, ווי אויך פון דעם ג אַ נ צ ן היסטאָרישן פּראָצעס. זיכער איז אָבער, אַז אין דער מאָדערנער צייט, ווו כמעט יעדע אָ ר ג אַ נ י ש ע באַדערפעניש קאָן אַרויסטרעטן נאָר אין דער פאָרם פון אַ ק ו ל ט ו ר ע ל ע ר, זענען אַלע ע ק אָ נ אָ מ י ש ע באַדערפענישן, וואָס קאָנען באַפרידיקט ווערן נאָר דורך דער הילף פון דער אינדוסטריעלער טעטיקייט, אַ פּראָדוקט פון דער מאַטעריעלער פּראָדוקציע און נישט פאַרקערט.

און די געשיכטע פון דער גאַנצער מענטשלעכער עקאָנאָמיק פאַראמתט אָט-דעם מאַרקסיסטישן געדאַנק. אַז נישט די באַדערפענישן רופן אַרויס די פּראָדוקציע, נאָר די פּראָדוקציע רופט אַרויס די באַדערפענישן, אויב מען זאָל אָט-דעם געדאַנק פאַרשטיין אין דעם נאָר-וואָס דערקלערטן זין.

דאָס לעבן אין דער קולטור האָט באַשאַפן די „אָרגאַני-שע" באַדערפעניש אין „ר יי נ ל ע כ ק יי ט", אָבער נאָר די ט ע כ נ י ק האָט אַרויסגערופן די קולטורעלע באַדערפעניש אין אַ קינסטלעכער באָד מיט זייף. דאָסזעלביקע לעבן האָט אַרויסגערופן די אָרגאַנישע באַדערפעניש אין סטימולירן די נערוון, אָבער די כעמישע אינדוסטריע האָט באַשאַפן די באַדערפענישן אין אַלע אַלקאָהאָלישע, טאָקסישע און נאַרקאָטישע פּרעפּאַראַטן, פון דעם וויין און טאַבאַק ביז דעם האַשיש און קאָקאַאין. דאָס קולטור-לעבן האָט באַשאַפן די באַדערפעניש צו מעסטן די צייט, אָבער נאָר די זייגער-אינדוסטריע האָט באַשאַפן די אַזוי ווייט פאַרשפּרייטע באַדערפעניש צו טראָגן אַ

---

משמעות, זייער טרויעריקן, — צושטאַנד. עס זענען אָבער דאָ טיפערע טעמים, וואָס מאַכן איינעם גלויבן, אַז אָט דער צושטאַנד וועט א ו י ף א יי ב י ק בלייבן אַזאַ ווי ער איז, — ד. ה. מחוץ פון מענטשלעכער „טעכניק".

זייגער. די אָרגאַנישע באַדערפעניש אין קליידונג און צירונג איז אויך אויסגעוואַקסן אין דעם קולטור־לעבן, אָבער נאָר די אידוסטריע האָט באַשאַפן די קאָנקרעטע קולטור־באַדער־פעניש אין די הונדערטער, יאָ, טויזנטער אַרטן פון אַלערליי קליידונגס־שטיק און צירונגס־שטיק. די קולטור האָט באַשאַפן די באַדערפעניש צו באַזיגן די רוימלעכע מהלכים דורך קינסטלעכע טראַנספּאָרט־מיטלען, אָבער די טעכניק און די אינדוסטריע האָבן באַשאַפן די קולטור־נויט אין אייזנבאַנען, טראַמווייען און אויטאָמאָבילן.

גראָד אויף דעם ביישפּיל פון דעם אויטאָמאָביל קאָן מען גרינגער פאַר אַלץ איינזען די ריכטיקייט פון דעם מאַרק־סיסטישן כלל, אַז די פּראָדוקציע רופט אַרויס די באַדערפע־ניש. ווער האָט מיט אַ יאָר צוואַנציק־דרייסיק צוריק געקאָנט קלערן, אַז אַזאַ זאַך, ווי אַן אויטאָמאָביל, קאָן ווערן אַ טאָג־טעגלעכע באַדערפעניש און, אין פיל פאַלן, אַ דרינגנדיקע נויט? ער איז דאָס נישט געווען, און קיינער פון די, וואָס קאָנען זיך איצטער אָן אים נישט באַגיין, האָבן אַפילו נישט געחלומט וועגן אים. און דאָס איז מחמת דעם פּשוטן טעם, ווייל די אויטאָמאָביל־אינדוסטריע איז נאָך נישט געווען ביכולת צו מאַכן דעם אויטאָמאָביל פאַר אַ מאַסן־אַרטיקל. ערשט איצטער ווערט זי דאָס, און ערשט איצטער ווערט דער אויטאָמאָביל אַ מאַסן־באַדערפעניש ביז צו אַזאַ גראַד, אַז מען ווילט זיך שוין וועגן דער צייט, ווען יעדער מענטש וועט געבאָרן ווערן מיט אַ קליינינקן אויטאָמאָ־ביל, וואָס וועט וואַקסן אינאיינעם מיט אים.

אַרומפליען אין לופטן אויף אַעראָפּלאַנען אָדער צעפּעלי־נען איז נאָך נישט קיין עקאָנאָמישע נויט. ס'איז אמת, אַז אין דעם משך פון דעם קולטורעלן לעבן איז אין דעם מענטשנס נשמה שוין לאַנג אויסגעוואַקסן אַ בענקשאַפט אַרומ־צופליען אין לופטן ווי די פויגעלעך. דאָס באַווייזט די גריכי־שע איקאַר־לעגענדע, די יידישע אַלעקסאַנדער־מוקדון־לעגענדע

און נאָך אַ גרויסע צאָל אַנדערע לעגענדן, גלויבונגען און פאָלקס-מעשיות. דאָס פליען קאָן דעריבער — ביז צו אַ געוויסן גראַד — באַטראַכט ווערן, ווי אַן „אָרגאַנישע" באַדערפעניש פון אַ ריין-מענטשלעכער נשמה, אָבער אָט-די „אָרגאַנישע" בענקשאַפט איז נאָך נישט געוואָרן קיין קאָנקרעטע קולטורעלע באַדערפעניש, ווייל די טעכנישע אינדוסטריע אין אָט-דעם פאַך איז נאָך נישט בכוח צו פּראָדוצירן דעם אַעראָפּלאַן ווי אַ מאַסן-אַרטיקל. פאַר אונזערע אויגן „פליט" דערצויענע אינדוסטריע, און ווען זי וועט „דערפליען", וועט מען זיך וואונדערן, ווי אַזוי מענטשן האָבן אַמאָל געקאָנט אויסקומען אָן אַן אַעראָפּלאַן.

מיר וואָלטן געקאָנט פאַרמערן אָט-די ביישפּילן מיט נאָך הונדערטער און טויזנטער, און זיי אַלע וואָלטן גערעדט איינע און דיזעלביקע קלאָרע דיבורים. זיי אַלע מאַכן אַזוי קלאָר, ווי דער טאָג, די ריכטיקייט פון דעם מאַרקסיסטישן געדאַנק, אַז דער טעכנישער פּראָגרעס איז דער פאָטער און באַשאַפער פון דער גאַנצער עקאָנאָמישער באַלעבאַטישקייט מיט אַלע אירע נויטן, באַדערפענישן און באַפרידיקונגען.

קוקן מיר אָבער זיך נענטער צו צו יענע קרעפטן, וועלכע רופן אַרויס און מאַכן מעגלעך דעם טעכנישן פּראָגרעס, אַזוי באַמערקן מיר, אַז די הויפּט-ראָל אין אים שפּילן דער אינדיווידועלער איינפאַל און די פערזענלעכע ריזיקע און די פערזענלעכע איניציאַטיוו פון די, וואָס פאַרווירקלעכן די דערפינדונג אין לעבן. און די פערזענלעכע ריזיקע איז דאָ אַ געוואַלטיקע. נישט יעדע נייע דערפינדונג קאָן גלייך ווערן עקאָנאָמיש ווערטפול פאַר דעם מענטשן. דאָס פליען אין לופטן האָט אָפּגעקאָסט דער מענטשהייט אומצאָליקע עקספּערימענטן און אַפילו מענטשלעכע קרבנות. נאָר דער אינדיווידועלער גלויבן און די אינדיווידועלע ריזיקע האָט גובר געווען אַלע

מניעות, און האָט געבראַכט די לופט־פּליערײ צו איר איצטיקן, שוין בלי ספק גלענצנדיקן מעמד.

נישט יעדע נײַע דערפינדונג קאָן אויך דערלעבן די מדרגה פון ווערן אויף אַן ערנסטן אופן אויסגעפּרוווט. די סטאַטיסטיק פון פּאַטענטן באַווײַזט, אַז נאָר אַ קלײנער פּראָצענט דערפינדונגען ווערט פאַרווירקלעכט אין לעבן, אָדער טרעט אפילו נאָר אַרײַן אין דער ספערע פון פּראָדוקציע. זײער גרעסטע צאָל בלײַבט ליגן אין דער פאָרם פון דעם פּאַפּירענעם פּאַטענט און דעם שפּילערישן מאָדעל. און נישט יעדע דערפינדונג דערלעבט דעם נחת צו ווערן פּאַטענטירט. הונדערטער, אפשר טויזנטער דערפינדער איבער דער גאַנצער וועלט גיבן אַוועק זײער גאַנצע צײַט אויף אַרויסצוברענגען אַ נײַעם „חידוש", דאַרן און קוואַרן, בויען און ברעכן און בויען ווידער און עס קומט נאָך אַלץ נישט אַרויס ווי מען דאַרף. עדיסאָן, וואָס איז אַ מומחא אין דעם פאַך, טרייסט אַזעלכע דערפינדער און דערמוטיקט זײ מיט זײַן כּלל: פּרוווט הונדערט מאָל, פּרוווט טויזנט מאָל, און ערשט ווען בײַ דעם טויזנטסטן מאָל וועט זיך אײַך נישט אײַנגעבן, הויבט אויפסנײַ אָן מיט דעם טויזנט־און־אײנטן...

בײַ די טעכנישע דערפינדונגען האָבן מיר צו טאָן מיט אַן אָפּקלײַב פון אַן אָפּקלײַב פון אַן אָפּקלײַב. טויזנטער דערפינדער ברעכן זײערע מוחות אויף נײַע המצאות, און נאָר אַ קלײנער פּראָצענט פון זײ דערלעבט די גדולה פּאַטענטירט צו ווערן. טויזנטער פּאַטענטן וואַלגערן זיך אין די שופלאָדן און טיש־קעסטלעך און נאָר אַ קלײנער פּראָצענט פון זײ געפינט דעם נויטיקן קאַפּיטאַליסט, וואָס זאָל ריזיקירן מיט זײַער פאַרווירקלעכונג. הונדערטער פאַרווירקלעכטע המצאות קומען אויפן מאַרק, אָבער נאָר ווייניקע פון זײ האָבן אַ קיום. און אָט־די ווייניקע, די אויסדערוויילטע פון גרויסע מחנות, טרײַבן דאָס די רעדער פון דעם טעכנישן פּראָגרעס.

פרעגט זיך איצטער די גרויסע שאלה: צי קאָן אַזאַ

טעכנישער פּראָגרעס, וואָס איז על פּי זיין אינעווייניקסטער טבע פאַרבונדן מיט אינדיווידועלן איינפאַל און פּערזענלעכער איניציאַטיוו, נאָך ווייטער אָנגיין אין אַ געזעלשאַפט וואָס לעבט אויף בעלאַמי׳שקאָמוניסטישע יסודות, ווו די גאַנצע אַרבעט פון יעדן איינעם איז נאָרמירט דורך די שוין־עקזיסטירנדיקע באַדערפעגישן פון דעם גאַנצן כּלל; ווו דער גאַנצער כּלל איז דער באַלעבאָס און דער איינציקער דעה־זאָגער אויף יעדן טראָפּן פּראָדוקטיווע אַרבעט, וואָס דער איינצלנער דאַרף אַרויסגעבן?

שוין אָן אַפּריאָריש־טעאָרעטישע באַגרינדונג מוז אונז פירן צו דעם רעזולטאַט, אַז אין אַזאַ געזעלשאַפט איז אַזאַ פּראָגרעס פּשוט אוממעגלעך. האָט איר שוין געטראַכט וועגן דער שאלה: פאַרוואָס גייט דער טעכנישער, וויסנשאַפטלעכער, קינסטלערישער און גייסטיקער פּראָגרעס בכלל אַזוי שנעל און זיכער פאָראויס, בעת דער מאָראַלישער פּראָגרעס און דער סאָציאַלער שלעפּט זיך מיט אַזעלכע שנעקן־טריט אָדער שטייט גאָר אויף איין אָרט? דאָס רוב פאָרשער מיינען, אַז דאָס איז שוין נעבעך אַזאַ טבע ביי דעם מאָראַלישן און סאָציאַלן צווייג פון דער מענטשלעכער קולטור, זיי זאָלן אָדער ליגן פאַראַליזירטע אָדער זיך שאַרן פאָראויס מיט דער גיכקייט פון אַ שפּאַן אין טויזנט יאָר. אינדערעמתן איז די דערקלערונג דאָ אַ פּשוטע. טעכנישע, וויסנשאַפטלעכע און קינסטלערישע אויפטואונגען קאָן אַ יחיד אָדער אַ גרופּע פון יחידים אויס־פירן לויט זייער אייגענער איניציאַטיוו און אויף זייער איי־גענער אחריות.ליידן זיי דערביי אַ מפּלה, ליידט דער־פון קיינער נישט, אַחוץ זיי. גיט זיך זיי איין זייער אויפטו, ווערט ער געקרוינט מיט דער עפנטלעכער אָנערקענונג, און „די וועלט“ מאַכט זיי נאָך. מאָראַלישע און סאָציאַלע אויפ־טואונגען קאָנען אָבער נישט דורכגעפירט ווערן דורך יחידים אָן דער מיטאַרבעט פון דעם גאַנצן כּלל. איז דער אויפטו אַ פאַלשער, ליידט דערפון דער גאַנצער כּלל. איז שוין מחמת

דעם אַליין דער כּלל זייער פּאָרזיכטיק, און וויל גיין — מיט דעם אייגענעם ווילן — נאָר אויף אַ זיכערן בריק. זיכער אָבער פאַר דעם כּלל איז דאָס, וואָס עקזיסטירט שוין אין לעבן, און יעדע „נייעס" ווערט דעריבער באַגעגנט מיט אַ חשד.

טראַכט איך אויס, זאָגן מיר, אַ טאַשן־אעראָפּלאַן, קאָן מיר קיינער נישט פאַרווערן אויסצובויען אים און דערנאָך צו דעמאָנסטרירן אים אויף אַלע גאַס־ווינקלען, צו באַווייזן, ווי אַזוי פון אַ פּאָר דרעטלעך און סטענגעס, וואָס איך שלעפּ אַרויס פון בוזים־טאַש, שטעל איך צונויף אין אַ תּוך־כּדי־דיבור אַ פלי־מאַשין, זעץ מיך אַריין אין איר און פלי. און ווער עס וויל, קויפט דאָס ביי מיר (אַ ניקל אַ שטיק!), און אין אַ פּאָר יאָר אַרום ווערט דאָס אַן אַלגעמיינע קולטורעלע באַדערפעניש, כאָטש דער גרעסטער טייל עולם וועט אַליין נישט פאַרשטיין, וועלכן קונציקן שכל איך האָב אָנגעווענדט אין מיין חידושדיקער מאַשין.

אַרבעט איך אָבער אויס אַ נייעם פּלאַן פון אַ סאָציאַלער רעפאָרם, אָדער אַ נייעם מאָראַלישן פּרינציפּ, קאָן איך נישט באַווייזן זייער ווערט און טויגלעכקייט, ביז אַלע מיטמענטשן שטימען מיט מיר איין און פירן דאָס איין אין אַלעמענס לעבן. קריסטוסעס מאָראַלישער פּרינציפּ צו ליבן בלב ונפש דעם אַנדערן און צו לעבן נאָר פאַר אים און נישט אַ ברעקל פאַר זיך אַליין, וואָלט זיך אפשר אַרויסגעוויזן פאַר דער קליגסטער און גליקלעכסטער מאָראַלישער המצאה אין דער וועלט, ווען אַלע מענטשן וואָלטן מיטאַמאָל געוואָלט אָדער געקאָנט אויספּרובירן אים אין לעבן אין אַ משך פון אַ פּאָר דורות. זיי האָבן דאָס אָבער נישט געוואָלט אָדער נישט געקאָנט. ליגט זיין טויזנטמאָל פּאַטענטירטע המצאה אַן אומבאַנוצטע עד היום, אַן אומפּעאיקע אַ רוק צו טאָן דעם מאָראַלישן פּראָגרעס אפילו אויף אַ האָר פאָראויס. און דאָס אייגענע איז מיט פוריעס „פּאַלאַנסטערס" און אַלע אַנדערע סאָציאַלע

„אוטאָפּיעס“. זיי וואָלטן אפשר נישט געווען קיין „אוטאָפּיעס“, ווען זיי וואָלטן געוווּנען אַלעמענס ווילן, אָדער ריכטיקער: ווען זיי וואָלטן נישט געמוזט אָפּהענגען פון אַלעמענס ווילן.

מאַכט מען אויך די אויפטואונגען פון דעם טעכנישן פּראָגרעס פאַר אַ קהלשע זאַך, אויף וועלכער דער גאַנצער קהל איז דער דעה-זאָגער, קאָן זייער גרינג טרעפן, אַז קיין דערפינדונג וועט נישט אַרויסגיין פון איר „אוטאָפּיסטישן“ מעמד, און אויב דער דערפינדער זאָל ברענגען דעם עולם דערצו, עס זאָל געמאַכט ווערן אַן עקספּערימענט, און אויב דער פּרוּוו זאָל זיך דערביי נישט איינגעבן (און ווי מיר האָבן געזען, איז דאָך די וואַרשיינלעכקייט, אַז דער ערשטער פּרוּוו זאָל זיך טאַקע נישט איינגעבן) איז אַ סוף-אַן-עק צו דער גאַנצער אידייע אויף יאָרן און יאָרן.

איקאַר, דער יחיד, האָט געקאָנט צוקלעפּן קינסטלעכע פליגלען צו זיין גוף און זיך לאָזן פליען צו דער זון. איז ער געניזיקט געוואָרן, אָבער די פליי-בענקשאַפט האָט אַרויסגערופן ווייטערע איקאַרס, וואָס וועלן שוין זיך דערשלאָגן צו זייערס. וואָלט אָבער איקאַר געווען אַ מיטגליד פון אַ בעלאַמישער „איקאַריע“, וואָלט ער גאָר קיינמאָל נישט געקומען צו זיין עקספּערימענט; ווייל „איקאַריע“ האָט — אויב איר ווילט — גאָר קיין רעכט נישט צו פאַרשווענדן קהלשע גוטס אויף ריזיקאַלישע פּרוּוון, וואָס ווער ווייס וווהין זיי וועלן פירן.

אָט די ריין-אַבריאָרישע באַטראַכטונג ווערט פאַראמתט דורך אַ סך בולטע פאַקטן אויס דער געשיכטע פון דער מענטשלעכער קולטור. דער גייסטיקער פּראָצעס אין וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע האָט אין דער צייט פון דעם מיטלאלטער נישט געקאָנט מאַכן קיין איין ערנסטן שריט פאָראויס, כל זמן די אינדיווידועלע טעטיקייט אין זיי איז נישט געווען אַבסאָלוט פריי און האָט געמוזט אָנערקענען די קאָנטראָל פון דער קירכלעכער אויטאָריטעט איבער זיך. פון דער אַנדער זייט

זעען מיר, אַז גענניאַלע טעכנישע אויפטואונגען האָבן געמוזט אויסשטיין שווערע נסיונות ביז זיי האָבן געפונען די זייער קליינע, אָבער נויטיקע צאָל מענטשן, וואָס זענען געווען מרוצה צו נעמען אויף זיך די ריזיקע פון די נייע אונטערנעמונגען.

וויפל איז דאָס קאָלומבוס אויסגעלאַכט געוואָרן, ביז אים האָט זיך איינגעגעבן צו געווינען דעם צוטרוי פון אַ פּאָר נויטיקע און מעכטיקע יחידים, וואָס האָבן אים געגעבן די מעגלעכקייט דורכצופירן זיין רייזע! און מיינט נישט, אַז דאָס איז געשען דערפּאַר, וואָס קאָלומבוס האָט געלעבט אין אַ צייט, ווען דער „פינסטערער" מיטלאַלטער האָט נאָך געהאַט די גרעס־טע שליטה אויף דער גרעסטער צאָל מוחות. פּרינציפּיעל די אייגענע זאַך האָט זיך אָפּגעשפּילט מיט דער דערפינדונג פון דעם דאַמף־שיף, שוין אין אונזערע מאָדערנע צייטן. ווען נאַ־פּאָלעאָן דער גרויסער, אפשר דער גרעסטער גאון אין די ענינים פונם פּראַקטישן פאַרשטאַנד, האָט צום ערשטן מאָל דערזען די אומגעלומפּערטע פאַרזעעניש, וואָס האָט געפּאַטשט מיט אירע לאָפּעטעס די וואַסערן פון דער סענע, האָט ער גלייך מיט זיין פּראַקטישן שכל אַרויסגעטראָגן דעם גזר־דין, אַז דאָס איז גאָרנישט נישט ווערט און אַז דערפון קאָן גאָר־נישט אַרויס.

וואָלט אין די צייטן פון קאָלומבוס און אין די צייטן פון פולטאָנען שוין געהערשט אין לעבן אַ בעלאַמישער קאָמוניזם, וואָלט קאָלומבוס גאַנץ זיכער נישט געפונען די נויטי־קע הילף, ווייל די מאַיאָריטעט וואָלט באַטראַכט זיינע געדאַנ־קען פאַר ריינע משוגעת, און די דאַמף־שיפעריי וואָלט אפילו נישט געקאָנט מאַכן קיין ברעקל אָנהויב, ווייל די גצזעלשאַפט, וואָס דאַרף אַרבעטן לויט די סטאַטיסטיש־פעסטגעשטעלטע, שוין עקזיסטירנדיקע באַדערפעענישן, וואָלט גאָר נישט געגעבן דעם נויטיקן מאַטעריאַל אויף צו מאַכן דעם ערשטן עקספּערימענט.

דער טעכנישער פּראָגרעס מוז האָבן פאַר זיך אַן אַט־מאָספער פון אַבסאָלוטער פרייהייט, און פון אַבסאָלוטן באַ־

זיך-רעכט אויף אַזעלכע מ אַ ט ע ר י אַ ל ן, וועלכע ער מוז איבערפירן אין אַ גרויסער מאָס, ביז אים גליקט צו געפינען וואָס ער דאַרף. אין אַ פ ר יי ע ן קאָמוניזם פון אַ קראָפּאָטקינשן אָדער בלאַניש-מאַרקסישן טיפּ, אין אַ ריין-סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, געבויט אויף פּ ר ו ד אָ נ י ש ע פּרינציפּן, מוז די דערפינדערישקייט געפינען נאָך רייכערע שאַנסן פאַר איר אַנטוויקלונג, איידער אין אַ קאַפּיטאַליסטישער. אין זיי, אין אַלע, וואָלט דער דערפינדער געווען געשיצט פון יענער עקספּלואַטאַציע, וועלכע ער האָט איצטער אויסצושטיין מצד דעם פינאַנסירנדיקן קאַפּיטאַליסט. און אין אַ פריי-קאָמוניסטישער באַלעבאַטישקייט וואָלט ער געקאָנט אוועקגעבן דעם גרעסטן טייל פון זיין אַרבעטס-צייט פאַר זיינע עקספּערימענטן און וואָלט נאָך אויך נישט געדאַרפט צאָלן פאַר דעם רוי-מאַטעריאַל, וואָס מוז ביי אים אוועקגיין לאיבוד. ער וואָלט געמאָן וואָס ער ק אָ ן און וואָלט גענומען וואָס ער ד אַ ר ף, ד. ה. — אויף די העכסטע שטופן פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג — וו אָ ס ע ר וו י ל.

נישט אַזוי אין אַ בעלאַמישער געזעלשאַפט. דאָ מוז יעדע גאַנצע אַרבעטס-קראַפט נאָרמירט ווערן דורך די נויטן פון דער שוין-עקזיסטירנדיקער פּראָדוקציע, כדי צו באַפרידיקן די שוין-עקזיסטירנדיקע לעבנס-באַדערפעגישן. קיין יחיד און קיין גרופּע קאָן נישט פּראָדוצירן אויף זייער אייגענער אַחריות און ריזיקע, לויט זייער אייגענעם ווילן און פאַרשטאַנד. דער טעכנישער פּראָגרעס מוז דערביי אָדער פאַרגליווערט אָדער פאַרשווערט ווערן אַזוי אומגעהייער, אַז די געזעלשאַפט וואָלט גאָר קיין שאַנסן נישט געהאַט אויפצוהויבן זיך אויף יענער הויך אין דעם פּרט פון פּראָדוקטיוו-קרעפטן, וואָס זאָל מעגלעך מאַכן דעם איבערגאַנג צו פריי-קאָמוניסטישע לעבנס-פאָרמען.

דאָס אַליין איז שוין גענוג, אַז אַ מאָדערנע סאָציאַלע רעוואָלוציע, וואָס דאַרף קודם כל טראַכטן וועגן אַ העכערער

מדרגה פון פראָדוקטיוויטעט, זאָל נישט טאָרן אָנהויבן בויען איר באַלעבאַטישקייט מיט אַ קאָנסעקווענטער דורכפירונג פון דעם בעלאַמישן פרינציפּ, ווי דאָס האָבן געוואָלט טאָן אין רוסלאַנד בוכאַרין און זיינע חברים.

עס זענען אָבער דאָ נאָך אַנדערע טעמים, פאַרוואָס דער בעלאַמיזם, וואָס אויף דעם ערשטן בליק זעט ער אויס צו זיין אַזוי פּראַקטיש און אַזוי צוגעפּאַסט גראָד צו דעם איצטיקן מצב פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג, זאָל נישט טאָרן ווערן אונזער געזעלשאַפטלעכער אידעאַל. אויסצורעכענען זיי אַלע, וואָלט ביי אונז פאַרנומען צופיל פּלאַץ. אָבער איניקע וויכטיקערע פון זיי מוזן דאָ לפּחות סקיצירט ווערן.

1) צווישן די באַדערפעענישן, וועלכע די סטאַטיסטיק דאַרף אויפנעמען, געפינען זיך אויך אַזעלכע, וואָס טראָגן אַ ריין־אינדיווידועלן כאַראַקטער, אין וועלכע נישט אַלע קאָנען זיין פאַראינטערעסירט און וועמעס ווערט פאַר דער געזעלשאַפט, ווי אַ גאַנצעס, איז אויך פון אַ צווייפלהאַפטן כאַראַקטער. אַהערצו געהערן אַזעלכע ערנסטע זאַכן, ווי די אַרטיקלען און בנינים פון די רעליגיעזע קולטן (קירכן, מעטשעטן, בתי־מדרשים, טליתים, תפילין, צלמים, געבעט־ביכער, א. אַז. וו.). ווי זאָל זיין מיט זיי? זאָלן אויך אָט־די באַדערפעענישן אַריינגענומען ווערן אין חשבון און יעדער איינער זאָל זיין מ ח ו י ב צו אַרבעטן אַן איבעריקע צייט, כּדי אויך זיי זאָלן באַפרידיקט ווערן? אָבער דעמאָלט צווינגען מיר אַרויף אויף מענטשן אַן אַרבעט, וואָס גייט לגמרי אַנטקעגן זייער אינעווייניקסטער איבערצייגונג! אָדער זאָל די געזעלשאַפט בכלל פ אַ ר וו ע ר ן די פּראָדוקציע פון אַרטיקלען, וואָס גייען להיפּך צו איינעמס רעליגיעזן געוויסן? אָבער דעמאָלט נעמט שוין אויף זיך די געזעלשאַפט צו באַשטימען, וואָס אַ מענטש זאָל דאַרפן און וואָס נישט, און רייסט זיך מיט אירע גראָבע שטיוול אַריין אין די אינטימסטע און הייליקסטע איבערלעבונ־

גען פון דעם אינדיווידואום. די געזעלשאַפט פאַרלירט דעמאָלט אינגאַנצן איר מ ע נ ט ש ל ע כ ן כאַראַקטער און ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ בינשטאָק. אָדער אפשר דערלויבן די רעליגיעזגלויביקע, זיי זאָלן, אין זייערע פרייע שטונדן, פּראָדוצירן אַלע זייערע רעליגיעזע אַרטיקלען צוליב דעם אייגענעם פאַרברויך? אָבער דעמאָלט רייסן מיר דורך די פּרינציפּיעלע גאַנצקייט פון דעם בעלאַמישן בנין, געבויט אויף דעם פּרינציפּ פון דער קאָנסעקווענטסטער גלייכקייט, וואָס לאָזט נישט צו, פאַר קיינעם נישט, קיין איין שמץ פון אַ וועלכער עס איז פּריווילעגירטער שטעלונג. די געזעלשאַפט האָט שוין דעמאָלט פּריווילעגירטע ש י כ ט ן, וואָס מעגן אַרבעטן נישט נאָר פאַר דער געזעלשאַפט, נאָר אויך פאַר זיך אַליין און וואָס מעגן צונעמען פאַר זיך אַליין די פּראָדוקטן פון יענער אַרבעט.

2) יעדער איינער באַקומט יערלעך זיין חלק אין די אויסגעאַרבעטע גיטער. ער קאָן זיי אויפצערן אין דעם יאָר, אָבער קאָן אויך שפּאָרן און זאַמלען (אין דער פאָרם פון געברויכס-אַרטיקלען) אַזוי, אַז נאָך אַ פּאָר יאָר אָפּשפּאָרעניש וועט ער זיין פאַרוואָרנט אויף זיין גאַנצן לעבן און וועט זיך עקאָנאָמיש בכלל נישט נויטיקן מער אין דער הילף פון דער געזעלשאַפט און אין איר קאָמוניסטישער אַרבעט. האָט ער אַ רעכט דערצו אָדער נישט? אויב נישט, וועלן מיר אים דאַרפן קאָנטראָלירן, ער זאָל דאָס נישט טאָן בשתיקה, און ווען ער האָט דאָס געטאָן, באַשטראָפן אים, אוועקנעמען זיין כשר-פאַרדינטן חלק, ד. ה. באַהאַנדלען אים, ווי אַ ו ו י י נ י ק ע ר באַרעכטיקטן מיטגליד פון דער געזעלשאַפט. מיר קאָנען אויך לאָזן אים זיין חלק און פאָרט צווינגען אים, ער זאָל גיין ווייטער אַרבעטן, אַפילו ווען ער דאַרף דאָס שוין נישט, אָבער דעמאָלט פאַרוואַנדלען מיר אים אין אַן אייביקן עבד-כנעני. האָט ער אָבער יאָ אַ רעכט צו לעבן פון דעם אָנגעזאַמלטן און נישט צו אַרבעטן, דעמאָלט ווערן ווידער באַשאַפן פריי-

לעגירטע אינדיווידואומען, וואָס זענען פטור פון דער געזעלי שאַפטלעכער אַרבעט.

3) ועל כולם, אויב ס׳איז אמת, וואָס דער סאָציאַליזם לערנט אונז, אַז די אַרבעט, די פיזישע און די גייסטיקע, דער שאַפונגס־פּראָצעס, איז נישט קיין קללה, אַרויפגעוואָרפן פון אַ בייזן שיקזאַל אויף אים, נאָר די וויכטיקסטע מענטש־לעכע באַדערפעניש; אויב ס׳איז אמת, וואָס קאַרל מאַרקס לערנט אונז, אַז „נאָר דער מ ע נ ט ש אַרבעט״, אַז די „אַר־בעט איז דער אַרויסווייז פון דעם מענטשלעכן לעבן״, דאַרף אַ גערעכטע מענטשלעכע געזעלשאַפט זען צו געבן דעם מענטשן וואָס מער פ ר י י ה י י ט א י ן ז י י ן א ר ב ע ט: כ י ז ה כ ל ה א ד ם, ווייל נאָר אין זיין פרייער אַרבעט דריקט אויס דער מענטש זיין אייגענעם אינדיווידועלן מהות און קאָן געפינען די באַפרידיקונג אין זיין עקזיסטענץ אויף דער וועלט. דער בעלאַמישער קאָמוניזם אָבער, וואָס לייקנט דעם העכערן קאָ־מוניסטישן פּרינציפּ פון „יעדער זאָל אַרבעטן וואָס, ווען און וויפל ער וויל״, וואָס פ אָ ד ע ר ט פון יעדן אַ געוויסן סכום אַרבעט פאַר דער געזעלשאַפט פאַר דער גאַנצער צייט פון אייגענעם לעבן; וואָס ב אַ ש ט י מ ט לכתחילה דידאָזיקע אַרבעט לויט דער סטאַטיסטיק פון אַלעמענס באַדערפענישן, קאָן באמת פאַרוואַנדלען די מענטשלעכע אַרבעט אין אַ יאָך און אַ קללה און דאָס מענטשלעכע לעבן אין אַן אָפּקומעניש, אַפילו מען זאָל דערביי האָבן קאַשע אין פולע שיסלען און אַזוי פיל שמאַלץ אין דער קאַשע, אַז זי זאָל רינען איבער די ליפּן.

---

ציען מיר דעם סך־הכל פון אונזער אַנאַליז פאַר ב י י־ד ע פונדאַמענטאַלע בוי־פּרינציפּן, דעם ריין־סאָציאַליסטישן און דעם ריין־קאָמוניסטישן, דעמאָלט קומען מיר צו דעם רע־זולטאַט, אַז קיין איינער פון זיי קאָן אין זיין ריינקייט נישט

זיין אונזער ענדציל; דאָס הייסט, אַז נישט דער ריינער סאָציאַליזם, נישט דער ריינער קאָמוניזם קאָנען נישט זיין דער בוי־פרינציפ פאַר אַ נייער געזעלשאַפט, אויב אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע זאָל דורכגעפירט ווערן אין אונזער צייט, ביי דער איצטיקער מדרגה פון די פראָדוקטיוו־קרעפטן און מיט דעם איצטיקן מהות מענטש.

דער ריינער סאָציאַליזם אין זיין פרודאָנישער געשטאַלט, וואָס האָט אַזוי באַצויבערט די סאָציאַליסטישע וועלט, אַז אויך אַ קאַרל מאַרקס איז אַ צייט געשטאַנען פאַר אים אויף די קני, וויל אָפּשאַפן די עקספּלואַטאַציע פון דער אַרבעט, וויל אָפּהיטן, ווי אַ שוואַרצאַפּל פון אויג, דאָס העכסטע מענטשלעכע גוט, די פרייהייט צו אַרבעטן וואָס, ווען און וויפל איינער וויל. אָבער בויענדיק אַלץ אויף דער פּראָדוקציע פון סחורות פאַרן מאַרק, מיט זיין קאָנקורענץ און מיט זיין פולן פּריוואַט־אייגנטום, באַשאַפט ער נישט קיין געזעלשאַפטלעכע גאַראַנטיעס פאַר איינעמס עקאָנאָמישער עקזיסטענץ, און דערלאָזט אויף אַזאַ אופן אומבאַרירט אַ צושטאַנד פון עקאָנאָמישער אומזיכערקייט, וואָס מוז פירן אָדער צו דעם ווידעראויפבוי פון קאַפּיטאַליזם און עקספּלואַטאַציע, אָדער צו דעם איבערגאַנג אין אַ קאָמוניסטישע לעבנספאָרם.

דער ריינער קאָמוניזם אין זיינע העכסטע פאָרמען, ווי זיי זענען דורכגעטראַכט געוואָרן פון אַ לואי בלאַן, אַ קאַרל מאַרקס, אַ קראָפּאָטקין, וויל אונז געבן נישט נאָר די העכסט־מעגלעכע פרייהייט, ווי פרודאָן, נאָר אויך די העכסט־מעגלעכע גלייכקייט (גלייכווערטיקייט) און די העכסט־מעגלעכע פאַרזיכערונג פון דעם אינדיווידואַל־באַזיק. אָט דער פאָלקאָמענער פרייהייטלעכער קאָמוניזם איז באמת דער העכסטער אידעאַל, ביז צו וועלכן דער איצטיקער מענטשלעכער גייסט האָט זיך געקאָנט דערטראַכטן. אָבער זיין פאָרבאַדינג איז — די אומגעהייער הויכע אַנטוויקלונג פון פּראָדוקטיוו־קרעפטן און אַ געשטייגערטע עטישע קולטור, צו וועלכער דער איצטיקער

מענטש איז נאָך נישט דערגאַנגען. אַזאַ קאָמוניזם קאָן אונז איצטער נישט דינען, ווי אַ בוי־פּרינציפּ, ווייל ער איז דער אויסלאָז און נישט דער אָנהויב פון אַ ריין־אַרבעטאָרישער באַלעבאַטישקייט.

אַזאַ אָנהויב וואָלט געקאָנט געמאַכט ווערן מיט דעם בעלאַמישן צענטראַליסטישן צוואַנג־קאָמוניזם, ווייל ער איז די נידעריקסטע אַרט פון קאָמוניזם בכלל און ממילא נענטער צו אונז און אונזערע אומשטענדן. איז אָבער די צרה מיט אים, וואָס ער איז פאַרבונדן מיט אַ געוואַלדיקן ביוראָקראַטיזם; וואָס אין אים ווערט דער מענטש פאַרוואַנדלט אין אַן אַרבעטס־מאַשין; וואָס ער שניידט אָפּ די מעגלעכקייט פאַר אַ שנעל־טעכנישן פּראָגרעס און ממילא שאַפט ער אָפּ דעם שאַנס, מען זאָל זיך דורך אים קאָנען דורכרייסן צו אַ העכערער פּרייהייטלעך־קאָמוניסטישער לעבנס־פאָרם.

ליידער האָט נאָך די דענקנדיקע מענטשהייט נישט אַרויסגעבראַכט קיין אַנדערע ריינע, איינהייטלעכע בוי־פּרינציפּן, וואָס זאָלן שטרעבן צו דיזעלביקע צילן, וואָס דער סאָציאַליזם און דער קאָמוניזם. עס ווערט דעריבער קלאָר, אַז דער אויסוועג פאַר אונזער צייט דאַרף ליגן ערגעץ־ווו אויף אַ מיטל־וועג צווישן סאָציאַליזם און קאָמוניזם, ערגעץ־ווו אין אַ האַרמאָנישער צונויפּפאַסונג פון די צוויי פּרינציפּן — דעם בעלאַמישן צוואַנג־קאָמוניזם מיט דעם פּרודאָנישן פּרייהייטס־סאָציאַליזם — אָבער אַזוי, אַז זיי ביידע זאָלן פאַרלירן זייער איינזייטיקייט און ענגקייט און זאָלן, העלפנדיק דער געזעלשאַפט אין אירע ערשטע אַרבעטאָרישע פּרוון, נישט שאַפן פאַר איר קיין מניעות פאַר דעם אַריינוואַקסן אין אַ העכערער קאָמוניסטישער אָרדענונג.

ס'ווייזט אויס, אַז אויך קאַרל מאַרקס האָט געשפּירט די נויטיקייט פון אַזאַ סאָציאַליסטיש־קאָמוניסטישער אָנהויבס־פאָרם. אין דעם סוף פון דעם דריטן באַנד

פון זיין „קאַפּיטאַל", ווו ער זוכט צונויפצוּוועבן אינאיינעם אַלע איינצלנע פעדים פון זיין פּאַרשן, — אַ פּאַרזוך, וואָס איז, ליידער, געבליבן נישט פאַרענדיקט, — ווייזט ער אָן אויך צ ו ו י י גרונט־פּרינציפּן פון אַ צוקונפטס־בנין: די „נויט־ווענדיקייט", ווי אַ יסוד, און די „פרייהייט", ווי אַן איבערבוי.

לאָמיר זיך דעריבער ווענדן צו דעם אַנאַליז פון יענע שטעלן, און אויפהויבן דעם פּאָדים דאָרטן, ווו דער געניאַלער סאָציאַליסטישער דענקער האָט אים געמוזט לאָזן פאַלן פון זיינע הענט.

## VII

## דער מאַרקסיסטישער בוי־פּלאַן

אין דעם סוף פון פּאָריקן קאַפּיטל האָבן מיר אָנגעוויזן, אַז אויך קאַרל מאַרקס האָט אין דער שפּעטערער צייט איינ־געזען די נויטווענדיקייט פון אַ פשרה צווישן דעם בוי־פּרינ־ציפּ פון דעם ריין־פרייהייטלעכן סאָציאַליזם און דעם בוי־פּרינציפּ פון אַן אָבליגאַטאָרישן קאָמוניזם, — אַ פשרה, וואָס זאָל דורכגעפירט ווערן און אָנהאַלטן לפּחות אין די ע ר ש ט ע פּעריאָדן נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, ביז די ריין־אַרבע־טאָרישע געזעלשאַפטלעכקייט וועט קאָנען אַריבערגיין צו הע־כערע פאָרמען פון דעם סאָציאַלן לעבן.

פאַר דער גאָר ווייטער צוקונפט איז מאַרקס געבליבן טריי יענער פאָרשטעלונג וועגן איר, וועלכע ער האָט אויסגע־דריקט צו פאַרשיידענע צייטן ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן,— דער עיקר אָבער אין זיין פּאָלעמישן בריוו אַנטקעגן מיכאַיי־לאָווסקין און אין זיין קריטיק פון דער גאָטאַשער פּראָגראַם. אין דעם באַקאַנטן „מיכאַילאָווסקי־בריוו" (אָפּגעדרוקט אין דעם „וועסטניק נאַראָדנאַי וואָלי") פאָרמולירט ער ווי דעם לעצטן ציל פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג דעם אויפבוי פון

אַזאַ עקאָנאָמישער געזעלשאַפטס־אָרדענונג, וואָס זאָל אין דערזעלביקער צייט „באַוואָרענען סיי די ווי־ווייט־מעגלעך גרעסטע אַנטוויקלונג פון די געזעלשאַפטלעכע פּראָדוקטיוו־כּוחות, סיי די ווי־ווייט־מעגלעך העכסטע אַלזייטיקע אַנטוויקלונג פון דעם מענטשן גופא". און אין דער קריטיק פון דער גאָטאַשער פּראָגראַם באַטראַכט ער די ע נ ד ל ע כ ע פאָרם פון אַזאַ געזעלשאַפטלעכן בנין, ווי אַזאַ פאָרם, אין וועלכער עס קאָן אין פולער מאָס פאַרווירקלעכט ווערן דער ריין־קאָמוניסטישער פּרינציפּ. יעדער איינער זאָל געבן דער געזעלשאַפט אַלץ וואָס ער קאָן און נעמען פון איר אַלץ וואָס ער דאַרף.

דאָס איז — פאַר דער גאָר ווייטער צוקונפט. ניִשט מיט איר גרונד־פּרינציפּ קאָן מען אָבער אָ נ ה ו י ב ן בויען אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט. דער אָנהויב דאַרף געמאַכט ווערן מיט אַ מ י ש ־ פ אָ ר ם, און די אַלגעמיינע פּרינציפּן פון יענער מיש־פאָרם האָט ער געפּרווט אַרויסברענגען, — ווי דאָס פלעגט ביי אים אָפט געשען, — א ג ב א ו ר ח א, אַנאַליזירנדיק אַ ספּעציעלן עקאָנאָמישן ענין. די שטעלע, וואָס מיר האָבן דאָ אין אויג, געפינט זיך אין דעם דריטן באַנד „קאַפּיטאַל". רעדנדיק וועגן דער „מ ע ר ־ אַרבעט", ווי דעם קוואַל פון רייכטום, נעמט דאָרטן קאַרל מאַרקס פּלוצלונג רעדן בזה הלשון:

„די ממשלה פון פרייהייט הויבט זיך אָן ערשט דעמאָלט, ווען מען גייט אַריבער דעם פונקט, וווּ אַרבעט ווערט געפאָדערט אונטער דעם צוואַנג פון נויטווענדיקייט און פון חיצוניותדיקן נוצן („עקסטוירנעל יוטיליטי"). לויט דער נאַטור גופא פון דער זאַך ליגט זי [די ממשלה פון פרייהייט. — זש.] מחוץ דער ספערע פון מאַטעריעלער פּראָדוקציע אין דעם ענגן זין פון דעם וואָרט. פונקט ווי דער ווילדער מוז זיך ראַנגלען מיט דער נאַטור, כּדי צו באַפרידיקן זיינע הצטרכותן, כּדי אויפצוהאַלטן זיין לעבן און צו רעפּראָדוצירן עס, אַזוי מוז דאָס טאָן אויך דער ציוויליזירטער מענטש, און ער מוז דאָס טאָן אין אַלע געזעלשאַפטלעכע פאָרמען און אונטער אַלע מעגלעכע

אופנים פון פּראָדוקציע. מיט זיין אַנטוויקלונג שפּרייט זיך אויס די ממשלה פון נאַטירלעכער נויטווענדיקייט, ווייל עס פאַרגרעסערן זיך זיינע הצטרכותן; אָבער אין דערזעלביקער צייט פאַרגרעסערן זיך די פּראָדוקטיווע כּוחות, וואָס דורך זיי ווערן יענע הצטרכותן באַפרידיקט. די פרייהייט אָט אויף דעם פעלד קאָן נישט באַשטיין אין קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר אין דעם פאַקט, וואָס דער פאַרגעזעלשאַפטעטער מענטש, די פאַראייניקטע פּראָדוצענטן רעגולירן זייער שטאָף-אויסבייט מיט דער נאַטור אויף אַ ראַציאָנאַלן אופן; וואָס זיי ברענגען אים אונטער דער אַלגעמיינער קאָנטראָל, אָנשטאָט באַהערשט צו ווערן פון אים, ווי פון אַ בלינדער מאַכט; און אויך אין דעם, וואָס זיי פירן דורך זייער אויפגאַב מיט דעם קלענסטן אויסגאַב פון ענערגיע און אונטער באַדינגונגען, וואָס זענען אַמבעסטן צוגעפּאַסט צו זייער מענטשלעכער נאַטור און זענען אין בעסטן איינקלאַנג מיט איר חשיבות. אָבער דאָס בלייבט תּמיד אַ ממשלה פון נויטווענדיקייט. מחוץ פון איר הויבט זיך אָן יענע אַנטוויקלונג פון מענטשלעכער קראַפט, וואָס האָט איר אייגענעם ציל אין זיך גופא, די אמתע ממשלה פון פרייהייט, וואָס קאָן אָבער אויפבליען נאָר אויף דער ממשלה פון נויטווענדיקייט, ווי אויף איר באַזיס. די פאַרקירצונג פון דעם אַרבעטסטאָג איז איר פונדאַמענטאַלער פאָרבאַדינג.* *)

אין אָט דער צונויפגעפּרעסטער כאַראַקטעריסטיק וואַרפט אונז קאַרל מאַרקס אָן די גרונט-שטריכן פון יענעם סאָציאַלן בנין, וואָס דאַרף, לויט זיין מיינונג נאָך, אַרויסוואַקסן פון דער איצטיקער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. אָט די כאַראַקטעריסטיק דאַרפן מיר נעמען פאַר דעם אויסגאַנגס-פּונקט פון אונזערע באַטראַכטונגען. קודם, מוזן מיר באַמערקן, אַז ווי שאַרף און בולט דער גרונט-געדאַנק זאָל דאָ נישט זיין אַרויסגעבראַכט, זענען אייניקע, זייער וויכטיקע פּרטים נישט אַרויסגע-

---

*) קאַרל מאַרקס, „קאַפּיטאַל״, באַנד 3 (ענגלישע איבערזעצונג), ז. 954.

קומען מיט דער נויטיקער קלאָרקייט, און קאָנען ריכטיק פאַרשטאַנען ווערן ערשט דעמאָלט, ווען מען טראַכט זיך טיפער אַריין אין דעם באַטייט פון דעם גאַנצן געדאַנק.

דער שווערסטער און דער אומקלאָרסטער פונקט איז דאָ — דער כאַראַקטער פון דער דריטער ממשלה פון „אמתער פרייהייט". וואָס איז איר עובדא? וואָס טוט דער מענטש אין איר? מאַרקס באַגנוגנט זיך מיט דעם ענטפער, אַז אין איר טרעט אַרויס די אַנטוויקלונג פון דער „מענטשלעכער קראַפט, וואָס האָט איר אייגענעם ציל אין זיך גופא", בעת די קראַפט, וואָס ווערט אָנגעווענדט אין דער ממשלה פון דער נויטווענדיקייט, טראָגט אויף זיך דעם שטעמפל פון „חיצוניותדיקן נוצן". וואָס זאָל דאָס אָבער באַדייטן? וועלכע מענטשלעכע קראַפט טראָגט איר אייגענעם ציל אין זיך גופא און וועלכע איז נישט מער, ווי אַ מיטל צו אַן אַנדער ציל?

די ערשטע זאַך, וואָס קומט דערבײַ אַרויף אויפן זין איז דער געדאַנק, אַז אין דער אײַנטיילונג פון דעם מענטשלעכן שאַפן אין אַ נויטווענדיקייטס-ספערע און אַ פרייהייטס-ספערע האָבן מיר צו טאָן מיט דער אַלט-באַקאַנטער אײַנטיילונג זײַנער אין „מאַטעריעלע" און „אידעעלע" — „גשמיותדיקע" און „רוחניותדיקע" — שאַפונגען און גיטער.

נייען שיך, מעלקן אַ קו, אַקערן אַ פעלד זענען ריין-מאַטעריעלע פּראָדוקציאָנס-פּראָצעסן. שיך, מילך און ברויט זענען ריין-מאַטעריעלע פּראָדוקטן; „אין זיך גופא" האָבן זיי קיין ברעקל ווערט נישט פאַר אונז. זייער גאַנצער באַטייט באַשטייט אין דעם נוצן, וואָס מיר ציען פון זיי. מיר פאַרוואַנדלען זייערע נאַטירלעכע אייגנשאַפטן אין אונזער אייגן פלייש און בלוט; מיר נוצן אויס יענע אייגנשאַפטן, כדי צו פאַרשטאַרקן די ווידערשטאַנדס-קראַפט פון אונזער קערפּער און באַשיצן זײַן לעבן אין דעם שטענדיקן קאַמף, וואָס גייט אָן צווישן אים און דער נאַטור. אַלע אָט די ריין-מאַטעריעלע שאַפונגען און גיטער טראָגן אויף זיך דעם קלאָרן שטעמפל

פון „דרויסנלעכן נוצן". קיינער שאַפט זיי נישט צוליב דעם שאַפונגס-פּראָצעס גופא, אָדער צוליב דעם פּראָדוקט גופא.

א גאַנץ אַנדער כאַראַקטער האָבן די אידעעלע שאַפונגען און גיטער. ווען איינער שרייבט אַ שיר, מאָלט אַ בילד, אָדער בויט אַ גייסטיקן טעאָרעטישן בנין אין וויסנשאַפט, פילאָזאָפיע, רעליגיע, גיט דער פּראָצעס פון שאַפן גופא שוין אַן אייגנאַרטיקע באַפרידיקונג. און אויך די פּראָדוקטן פון אַזאַ שאַפן טראָגן זייער ווערט און באַטייט אין זיך גופא. זיי זענען גייסטיקע פּראָדוקטן. זיי האָבן נישט קיין פיזישע אייגנשאַפטן, וואָס וואָלטן געקאָנט אוממיטלבאַר פאַרוואַנדלט ווערן אין דער לעבעדיקער מאַטעריע פון אונזער קערפּער, אָדער מאַטעריעל שטאַרקן זיין ווידערשטאַנד אַנטקעגן דער נאַטור און באַשיצן אים פון אירע שעדלעכע איינווירקונגען. דער ווערט און באַטייט פון דעם שיר, דעם בילד, דעם טעאָרעטישן בנין ליגט אין זיי גופא. ווען קאָפּערניק האָט אויסגעפונען דעם אַסטראָנאָמישן אמת, אַז די זון שטייט און די ערד דרייט זיך אַרום איר, האָט ער דערביי נישט געקאָנט טראַכטן וועגן אַ וועלכן עס איז פּראַקטישן נוצן פאַר דעם מענטש. פאַר אונזער לעבן דאָ, אויף דער ערד, איז נאָך עד היום קיין שום חלוק נישט, ווער עס דרייט זיך דאָרטן אין די הימלען אַרום וועמען. וואָס קאָפּערניק האָט געוואָלט אַרויסברענגען איז נאָר דעם ריינעם אמת וועגן דעם ענין, דעם ריינעם אמת צוליב דעם אמת און נישט לשם אַ וועלכן עס איז נוצן. און זיין סיסטעם וועט האָבן זיין לאָגישן ווערט אין זיך גופא, אַזוי לאַנג ווי די מענטשן וועלן גלויבן אין זיין אמת; אָבער אפילו דעמאָלט, ווען זיי זאָלן אויפהערן צו גלויבן אין אים, וועט דער היסטאָרישער ווערט פון דער קאָפּערניקאַנישער סיסטעם בלייבן אייביק „אין זיך גופא", ווייל ער וועט מיט זיך פאָרשטעלן אַ גויסיקן וויכטיקן עטאַפּ אין דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. און אַזוי איז דאָס אויך מיט אַלע אַנדערע

גייסטיקע פּראָצעסן און פּראָדוקטן אין דעם טעאָרעטישן און עסטעטישן שאַפן. זיי ווערן אַרויסגעבראַכט צוליב זייער אינע־ווייניקסטן אינהאַלט און באַטייט, אָבער נישט צוליב אַ וועלכן עס איז חיצוניותדיקן נוצן. אַזאַ שאַפן און אַזעלכע גיטער האָבן זייער „צוועק אין זיך גופא".

מאַרקס' געדאַנק וועגן דעם בוי פון דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט מוז לפי דעם פאַרשטאַנען ווערן אַזוי:

די פּראָדוקציע פון אַ ל ע מ אַ ט ע ר י ע ל ע גיטער, ווי אויך די פּראָצעסן, וואָס דאַרפן אָנגעווענדט ווערן אין איר, געהערן צו דער ממשלה פון דער נויטווענדיקייט. דאָ הערשט דער צוואַנג און די קאָנטראָל פון דעם כּלל. די שאַפונג אָבער פון אַלע א י ד ע ע ל ע גיטער געהער צו דער ממשלה פון פרייהייט. דאָ הערט אויף דער צוואַנג און די קאָנטראָל. יעדער איינער באַשעפטיקט זיך אין אָט די פרייהייטלעכע שאַ־פונגען, לויט זיין אייגענעם פאַרשטאַנד, געשמאַק און ווילן.

אָט די אַלע אידעעלע שאַפונגען און גיטער, וואָס דאַרפן שפּייזן און שיצן נישט דעם „גוף", נאָר אָנפילן מיט זיך די מענטשלעכע נשמה, געהערן, גאַנץ זיכער, צו דער ממשלה פון פרייהייט, און איינזען אָט דעם געדאַנק איז זייער וויכטיק פאַר יעדן איינעם, וואָס וויל זיך אַריינטראַכטן אין דעם מאַרק־סיסטישן צוקונפטס־אידעאַל. נאָך עד היום טרעפט מען נישט זעלטן „מאַרקסיסטן", וואָס מיינען, אַז י ע ד ע מענטשלעכע טעטיקייט, — די גייסטיקע אַזוי גוט ווי די מאַטעריעלע, — דאַרף נאָרמירט און קאָנטראָלירט ווערן פון דער געזעלשאַפט; אַז זי מוז מיט אירע מאַטעריעלע גיטער אויסהאַלטן אויף דעם פּאָעט, דעם מאָלער און דעם פילאָזאָף. מען שטעלט זיך פאָר, אַז דער פּאָעט וועט זיך שרייבן זיינע לידלעך, דער מאָלער וועט זיך פּינזלען זיינע בילדלעך, דער פילאָזאָף וועט זיך חקרענען אין זיינע טעאָריעס און דערפאַר וועלן אַנדערע אַקערן פאַר זיי די ערד, מעלקן די קי און נייען שיך. די־זעלביקע, ריין־אוטאָפּיסטישע פאָרשטעלונג האָבן אויך געהאַט

די רוסישע קאָמוניסטן, ווען זיי האָבן נאַציאָנאַליזירט די גייסטיקע אַרבעטן.

דער, וואָס טראַכט זיך אָבער אַריין אין דער אויבנגעבראַכטער שטעלע פון קאַרל מאַרקס, יענעם ווערט תיכּף קלאָר, אַז נישט דאָס איז דער מיין פון דעם מאַרקסיסטישן צוקונפטס-פּלאַן. די ממשלה פון פרייהייט איז שאַרף אָפּגעטיילט פון דער ממשלה פון נויטווענדיקייט. אירע שאַפונגען קומען פאָר נישט אין דער נויטווענדיקער אַרבעטס-צייט, נאָר אין דער פרייער צייט, נאָך דער אַרבעט און דעריבער איז „די פאַרקירצונג פון דעם אַרבעטס-טאָג איר פונדאַמענטאַלער פאָרבאַדינג”.

פון דער אַרבעט, וואָס ווערט אָנגעווענדט אין דער ממשלה פון נויטווענדיקייט, איז קיינער נישט באַפרייט, נישט דער קינסטלער, נישט דער געלערנטער, נישט דער דענקער. זיי אַלע מוזן זיך באַטייליקן אין דער פּראָדוקציע פון מאַטעריעלע גיטער, און זיי אַלע באַקומען זייער חלק פון די געשאַפענע פּראָדוקטן לויט די פאַרטיילונגס-אופנים, וואָס הערשן אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. ערשט ווען זיי האָבן אָפּגעטאָן זייער געזעלשאַפטלעך-נויטיקע אַרבעט, ווי אַלע אַנדערע בשר ודמס, קענען זיי אין דער פרייער צייט קלעטערן אויפן פּאַרנאַס אָדער זיך אַרומטראָגן אין די אָדער יענע הויכע עולמות, מיט די אידעעלע גיטער, וואָס זיי באַשאַפן אין זייער פרייער צייט, קענען זיי טאָן וואָס זיי ווילן, מחמת דעם פּשוטן טעם, וואָס יענע שאַפונגען געהערן צו דער ממשלה פון דער פרייהייט און ווייל אויף אָט דער ממשלה איז נישטאָ קיין ברעקל קאָנטראָל מצד דער געזעלשאַפט.

אין אָט דעם פּרט איז די זאַך קלאָר. און פונדעסטוועגן איז נאָך נישט אַזוי קלאָר דער גאַנצער ענין פון איינטיילן די מענטשלעכע טואונגען אין די צוויי פאַרשיידענע ספערעס. אויב מען זאָל די טיילונגס-ליניע ציען צווישן דער מאַ-

ט ע ר י ע ל ע ר פּראָדוקציע פון איין זייט און א י ד ע ע ל ע שאַפונגען פון דער אַנדערער.

קודם כל איז קשה, ווי אַזוי מען קאָן בכלל ציען אַזאַ שאַרפע גרענעץ צווישן „מאַטעריע״ און „גייסט״, צווישן „גשמיות״ און „רוחניות״ אין דער ספערע פון מענטשלעכע שאַפונגען, — דער עיקר נאָך, ווען דער ספּעציפישער סימן זייערער זאָל ליגן אין „דרויסנדלעכע נוצלעכקייט״ פון איין זייט, און „צוועק אין זיך גופא״ פון דער אַנדערער.

אויך די גייסטיקע שאַפונג נויטיקט זיך אין געוויסע מ אַ ט ע ר י ע ל ע חפצים, וואָס אָן זיי קאָן זי נישט דורכגעפירט ווערן. דער מאָלער קאָן נישט מאָלן אָן לייוונט, פאַרבן און פּענזלען; דער סקולפּטאָר דאַרף האָבן שטיינער, געצייג, מעטאַל און קאָמפּליצירטע פּראָצעסן און מאַשינעריעס, אויף אויסצוגיסן זיינע סטאַטועס אין מעטאַל. דער מוזיקער דאַרף האָבן מוזיק-אינסטרומענטן און נאָטן-פּאַפּיר. דער געלערנטער נויטיקט זיך אין וויסנשאַפטלעכע אַפּאַראַטן. אפילו דער פילאָזאָף קאָן נישט אויסקומען אָן ביכער. און אַזוי ווי די גייסטיקע שאַפונגען ווערן דאָך נישט געמאַכט צוליב די באַשאַפער אליין, נאָר צוליב דער גאַנצער געזעלשאַפט, צוליב דעם גאַנצן אַרבעטנדיקן עולם, וואָס וויל געניסן די אידעעלע גיטער אין דער פרייער צייט, וואָס דאַרף אין אָט דעם געניוס פון דעם אַנדערנס שאַפן „אַנטוויקלען די מענטשלעכע קראַפט, וואָס האָט איר אייגענעם ציל אין זיך גופא״, מוזן די באַשאַפענע „רוחניותדיקע״ גיטער רעפּראָדוצירט ווערן אין צאָלרייכע עקזעמפּלאַרן. דאָס הייסט, אַז אַ באַדייטנדיקער טייל פון ריין-מ אַ ט ע ר י ע ל ע ר פּראָדוקציע וועט דאַרפן אַוועקגיין אויף אַרויסברענגען אַלע נויטיקע מאַטעריאַלן און מכשירים פאַר דער ריין-גייסטיקער באַשעפטיקונג און אויף צו ר ע פּ ר אָ ד ו צ י ר ן די געשאַפענע רוחניותדיקע גיטער פאַר דעם גרעסערן עולם. שוין אין דער איצטיקער געזעלשאַפט שלינגט אָט דער טייל פון דער פּראָדוקציע איין אַ גאַנץ געוואַלטיקן סכום פון

מענטשלעכער אַרבעטס-קראַפט: לייענט אין דער סטאַטיסטיק וועגן דער פּראָדוקציע פון מוזיקאַלישע און וויסנשאַפטלעכע אינסטרומענטן, פון ביכער און געדרוקטע בילדער, פון קאָפּיר-טע סקולפּטורן, פון פאַרבן און מכשירים פאַר אַלע אַרטן קונסט. און ס'איז קלאָר, אַז וואָס מער די מענטשהייט וועט שטייגן אין איר קולטורעלער אַנטוויקלונג, אַלץ אַ גרעסערע ראָלע וועט די „ממשלה פון פרייהייט" מוזן אָנהויבן שפּילן אין איר לעבן. עס וועט וואַקסן אין איר סיי די צאָל פון די שאַפער, סיי די צאָל פון די געניסער, סיי דער סכום פון די געגאָסענע רוחניותדיקע אוצרות. דאָס הייסט אָבער אויך, אַז אַן אַלץ גרעסערער טייל פון דעם מענטשנס פּראָדוצירנדיקער אַר-בעטס-קראַפט וועט דאַרפן אויסגעגעבן ווערן אויף צו באַדינען די „ממשלה פון פרייהייט". וואַקסט דעריבער אויס די פראַגע: צו וועלכער ספערע זאָל מען צורעכענען דעם גאַנצן סכום פון אָט די מאַטעריעלע פּראָדוקציאָנס-פּראָצעסן? לויט דעם פּשט, וואָס מיר האָבן נאָכן משקל ראשון אַריינגעטייטשט אין מאַרקס' גרונט-געדאַנק, דאַרף אויך אָט דער טייל פון דער מאַטעריעלער פּראָדוקציע געהערן צו דער „ממשלה פון דער נויטווענדיקייט", און שטיין אונטער דער אַלגעמיינער קאָנטראָל פון דער געזעלשאַפט. און דאָס — מחמת דעם פּשוטן טעם, ווייל אָט די אַרבעט פון באַשאַפן מ אַ ט ע ר י אַ ל און ג ע-צ ײ ג (אינסטרומענטן) פאַר דער גייסטיקער אַרבעט, טראָגט אויך אויף זיך דעם קלאָרן שטעמפּל פון „דרויסנלעכן נוצן". ג ע ב ר ו י כ ן אַ טעלעסקאָפּ ביים שטודירן אַסטראָנאָמישע דער-שיינונגען איז, אמת, אַן אַרויסווייז פון אַ קראַפט, וואָס האָט איר אייגענעם ציל אין זיך גופא, אָבער ב ו י ע ן אַ טעלעס-קאָפּ איז אַ חצוניותדיקע אַרבעט, וואָס ווערט דאָס רוב געטאָן פון מענטשן, וועלכע האָבן קיין ברעקל אינטערעס נישט אין דער ריין-רוחניותדיקער אַסטראָנאָמישער שאַפונג. פאַר ז יי קאָן די אַרבעט נישט זיין קיין זעלבסט-ציל, און ממילא קאָן זי נישט געניסן די פּריווילעגיעס פון דער פרייהייטס-ספערע. און

אַזוי איז דאָס אויך מיט אַלע אַנדערע אַרבעטן פון דעמזעלביקן קלאַס.

די פּריווילעגיעס פון דער „פרייהייט" וועלן דעריבער באַשטיין נאָר אין דעם, וואָס דער גייסטיקער שאַפער וועט האָבן אַ רעכט צו שאַפן פריי זיינע אידייען אויף אַ ריין־רוחניותדיקן אופן, ד. ה., ט ר אַ כ ט ן זיי, ר ע ד ן וועגן זיי. קוים וועט ער אָבער וועלן פ אַ ר וו י ר ק ל ע כ ן זיינע אידייען מיט דער הילף פון דעם שפלן חומר, און פאַרשפּרייטן זיי מיט דערזעלביקער הילף, אַזוי וועט ער שוין דאַרפן אָנקומען צו דער „געזעלשאַפט", צו די „פאַראייניקטע פּראָדוצירער". פון וועמעס ד ע ה עס וועט אָפּהענגען, צי זיין אידייע זאָל ווען עס איז אָננעמען אַ ממשותדיקע געשטאַלט. האָסט אַ נייע פילאָזאָפישע סיסטעם? זייער וויל! קיינער קאָן דיר נישט פאַרווערן צו ט ר אַ כ ט ן וועגן דעם. אפילו צו לייענען לעקציעס וועגן דעם. דו לעבסט אין דער ממשלה פון פרייהייט און ביסט פריי. אָבער אָפּדרוקן דיין סיסטעם אין בוך? דאָס, ברודערל, פועל פריער ביי ברוכן און ביי זרחן. אויב ז י י וועט דיין פילאָזאָפיע געפעלן, אויב ז י י וועלן געפינען, אַז די אַרבעט פון פאַרעפנטלעכן דיין ווערק איז נישט קיין „אומזיסטער אויסגעב פון ענערגיע", וועט זי אַריינגענומען ווערן אין דער „ממשלה פון נויטווענדיקייט". אלא נישט — איז נישט. אַליין אָבער דרוקן דאָס ווערק, אָדער טאָן דאָס מיט דער הילף פון חברים, וואָס זענען פאַראינטערעסירט אין דעם, — פאַרשטייט זיך, נאָר אין דער פרייער צייט, — דאָס לא! אין דער ממשלה פון פרייהייט שאַפט מען נאָר גייסטיק, אָבער חלילה נישט מאַטעריעל.

ס'איז קלאָר, אַז דאָס האָט נישט געקאָנט זיין דער מיין פון קאַרל מאַרקס. די ממשלה פון פרייהייט וואָלט נישט ווערט געווען קיין אויסגעבלאָזן איי. מיר האָבן דעריבער קיין רעכט נישט אָנצונעמען, אַז מיט דעם אויסדרוק: „מענטשלעכע קראַפט, וואָס האָט איר איינענעם ציל אין זיך גופא" פאַרשטייט ער

נאָר די אידעעלע שאַפונג אין די עולמות העליונים פון דעם מענטשלעכן גייסט. נאָך מער: נישט איין מאָל האָט ער אין זיינע ווערק איבערגעחזרט זיין ליבלינגס-געדאַנק, אַז אויך די ריין פיזישע, גשמיותדיקע אַרבעט איז נישט נאָר אַ מיטל צום צוועק (צו באַשאַפן לעבנסמיטלען), נאָר אויך אַ ציל אין זיך גופא, ווייל זי איז „דער אַרויסווייז פון לעבן" *).

שטעלן מיר זיך אָבער אָט אויף דעם שטאַנדפונקט און באַטראַכטן מיר פון אים זיין איינטיילונג אין די צוויי פאַרשיידענע ספערעס, קומען מיר צו גאַנץ אַנדערע רעזולטאַטן. עס קאָן אונז איצטער אויסקומען, אַז די שיידונגס-ליניע צווישן זיי ליגט נישט אין דעם היפך פון מאַטעריעלער אַרבעט און אידעאַלער שאַפונג, נאָר אין דער ס ו ב י ע ק ט י ו ו ע ר שטעלונג פון דעם אַרבעטנדיקן מענטש צו די צילן פון זיין אַרבעט. אויב ער ברענגט אַרויס אַ װעלכע עס איז שאַפונג, — אַלץ איינס, אַ „מאַטעריעלע" אָדער „אידעאַלע", — ווי אַ חיצוניותדיקן מיטל צו עפּעס אַן אַנדער זאַך, איז זי אַליין פון „חיצוניותדיקן נוצן" און געהער דעריבער צו דער ממשלה פון נויטווענדיקייט. ווערט זי אָבער אַרויסגעבראַכט צוליב דעם פּראָצעס פון אַרבעטן לשם שאַפן, דעמאָלט „טראָגט זי איר אייגענעם ציל אין זיך גופא" און מוז ממילא געהערן צו דער ממשלה פון פרייהייט.

לויט אָט דעם אויסטייטש וואָלט יעדער איינער געקאָנט זיך עקאָנאָמיש באַשעפטיקן אין זיין פרייער צייט מיט וואָס ער וויל, ווייל ביי יעדער אַרבעט זיינער וואָלט ער געקאָנט פּרעטענדירן, אַז זי איז געבאָרן אין פרייהייט און ווערט אַרויסגעבראַכט לשם פרייהייט; אַז ער גייט שיך נישט לשם זייער דרויסנלעכן נוצן, נאָר לשם דער הנאָה פון דער אַרבעט

---

*) זע צ. ב. אויך אין דעם דריטן באַנד „קאַפּיטאַל", מיט אַ פּאָר בלעטלעך פאַר אונזער ציטאַט: „אַרבעט איז אַן אַלגעמיינער אויסדרוק און באַוייזונג פון לעבן".

גופא; און אויף אַזאַ אופן וואָלט איינגאַנצן אָפּגעווישט געוואָרן דער גרענעץ צווישן „נויטווענדיקייט" און „פרייהייט", ווייל אויך די לעצטע קאָן ווי די ערשטע אָנגעפילט ווערן מיט „מאַטעריעלער פּראָדוקציע". און עס ווערט אונז נישט געגעבן קיין איין אָנווייז, וואָס זאָל קלאָר באַשטימען, וועלכע מינים מאַטעריעלע פּראָדוקציע דאַרפן שטיין אונטער דער געזעלשאַפטלעכער קאָנטראָל און וועלכע קאָנען איבערגעלאָזן ווערן צו דער פרייער טעטיקייט פון דעם יחיד.

דער רעזולטאַט פון אונזער איצטיקן אַנאַליז איז, אַז מיט די אָנגעגעבענע סימנים פון דרויסנלעכן נוצן און אינעווייניקסטן זעלבסטציל קאָנען מיר נישט ווייט איינפאָרן אין דער באַשטימונג פון קאַרל מאַרקס' בוי-פּלאַן פאַר דער צוקונפט. מיר ווייסן נאָר, אַז די מענטשלעכע טעטיקייטן דאַרפן איינגעטיילט ווערן אין „נויטווענדיקע" און „פרייהייטלעכע", אַז די סאָציאַליסטישע קאָנטראָל נעמט אַרום נאָר די ערשטע. מיר ווייסן אָבער נישט, וווּ עס זאָל געצויגן ווערן די שיידונגס-ליניע צווישן זיי.

כדי דאָס אויסצוגעפינען, לאָמיר דעריבער לאָזן אויף אַ ווײַלע פאַלן דעם פּאַרפירערישן אָבער אומבאַשטימטן „ציל אין זיך גופא" און קאָנצענטרירן אונזער אויפמערקזאַמקייט אויף יענע גרונט-שטריכן מיט וועלכע קאַרל מאַרקס כאַראַקטעריזירט די ממשלה פון נויטווענדיקייט.

ראשית זעען מיר, אַז אין איר ווערט די אַרבעט געפאָדערט „אונטער דעם צוואַנג פון נויטווענדיקייט און פון חיצוניותדיקן נוצן". מיר זעען ווייטער, אַז זי נעמט אַרום נישט אַלע מאַטעריעלע פּראָדוקציאָנס-פּראָצעסן, נאָר מער נישט ווי יענע, וואָס ליגן אין „דער ספערע פון מאַטעריעלער פּראָדוקציע אין דעם ענגן זין פון דעם וואָרט". מאַרקס קאָרגט דערביי נישט אין דער דערקלערונג, ווו מען זאָל זוכן אָט דעם „ענגערן זין". ער ווערט געגעבן דורך דער מענטשלעכער גוים, „זיך צו ראַנגלען

מיט דער נאַטור" פאַר זיין עקזיסטענץ, „כ ד י א ו י פ צ ו ־ האַ ל ט ן ז י י ן ל ע ב ן א ו ן צ ו ר ע פ ר אָ ד ו ־ צ י ר ן ע ס".

אויף דעם ערשטן בליק וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט דער פּראָדוקציע פון דעם אַזוי־גערופענעם ע ק ז י ס ט ע נ ץ ־ מ י נ י מ ו ם. די געזעלשאַפט, ווי אַ גאַנצעס, ווי אַ פאַראיין פון גלייכבאַרעכטיקטע פּראָדו־צענטן, נעמט איבער אויף זיך די אָרגאַניזאַציע פון נאָר יענע אַרבעטן, וואָס זענען נויטיק, כּדי צו פאַרזיכערן יעדן איינעם אַ מ י נ י מ ו ם פון עקזיסטענץ־מיטלען, — שפּייז, קליידונג, וווינונג, — וואָס זאָלן קאָנען אויפהאַלטן ז י י ן לעבן און דאָס לעבן פון זייערע קינדער – אַ מינימום, וואָס קאָן ריין אָביעקטיוו אויסגערעכנט ווערן, אויף קווינט און שפּאַן, מיט די מעטאָדן פון דער מאָדערנער מעדיצינישער וויסנשאַפט.

קאַרל מאַרקס איז אָבער גאַנץ ווייט פון אַזאַ געדאַנק. שוין אין זיין אַנאַליז פון דער מאָדערנער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, דאָרטן, ווו ער האָט געדאַרפט אויספאָרשן דעם „ווערט" פון יענער „מענטשלעכער אַרבעטס־קראַפט", וואָס ווערט געקויפט אויפן מאַרק, האָט ער ארויסגעבראַכט, אַז דער סכום פּראָדוקטן, וואָס זענען נויטיק אויף אויפצוהאַלטן דאָס לעבן פון דעם אַרבעטער און זיין פאַמיליע, קאָן נישט זיין אַ געגעבענער איינמאָל פאַר אַלעמאָל און קאָן נישט פיסקירט ווערן דורך אַ ריין־ביאָלאָגישער אויסרעכענונג. דער לעבנס־ביהאָ פון אַן אַרבעטער ב י י ט ז י ך ג ע ש י כ ט ל ע ך און איז אַ פּראָדוקט פון דער גאַנצער ק ו ל ט ו ר ע ל ע ר אַנטוויקלונג פון דעם פאָלק. וואָס ביי איין פאָלק, אויף איין קולטור־שטופע, וואָלט באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ לוקסוס, אַ זאַך, אָן וו ע ל־כ ע ר מ ע ן ק אָ ן א ו י ס ק ו מ ע ן, ווערט ביי אַן אַנדער פאָלק אָדער אויף אַ העכערער קולטור־שטופע ביי דעמזעלביקן פאָלק פאַררעכנט פאַר אַ לעבנס־נויטווענדיקייט, אָן וועלכער אַן אַרבעטנדיקער מענטש ק אָ ן נ י ש ט א ו י ס ק ו מ ע ן. מיט

דער אַנטוויקלונג פון דער קולטור וואַקסן דעריבער דעם מענטשנס לעבנס־נויטן, „עס פאַרגרעסערן זיך זײַנע הצטרכותן". רעכענען מיר אויס, אין וואָס אַ מענטש נויטיקט זיך, כדי אויפצוהאַלטן זיך און זײַנע קינדער אויף אַ באַשטימטער מדרגה פון קולטורעלן לעבן, באַקומען מיר דעמאָלט אַ סכום און צונויפשטעל פון פּראָדוקטן און באַפרידיקונגען, וואָס שטײַגט אַריבער דעם ריין־ביאָלאָגישן עקזיסטענץ־מינימום און קאָן אָנגערופן ווערן אַ „קולטור־מינימום". די באַשאַפונג פון אָט־דעם קולטור־מינימום איז לויט דעם זין פון מאַרקס׳ רייד די אויפגאַבע פון דער מאַטעריעלער פּראָדוקציע „אין דעם ענגערן זין פון דעם וואָרט"; זי ווערט פאַר דער געזעלשאַפט באמת דיקטירט דורך אַ „צוואַנג פון נויטווענדיקייט", ווײַל אָן יענע פּראָדוקטן און באַפרידיקונגען קאָן מען — אויף דער געגעבענער קולטור־שטופע — נישט אויסקומען, און זי — יענע מאַטעריעלע פּראָדוקציע „אין ענגערן זין פון וואָרט" — איז אויך פאַר דער געזעלשאַפט געשטעמפּלט מיט דער כאַראַקטעריסטיק פון „חיצוניותדיקן נוצן", און נישט פון „אַ ציל אין זיך גופא". מעג איינער ווי פאַרליבט זײַן אין דעם פּראָצעס פון נייען שיך, אָדער מעלקן אַ קו, — די מענטשלעכע געזעלשאַפט, „דער פאַרגעזעלשאַפטעטער מענטש" קאָן נישט זען אין דעם קיין פרייען זעלבסטציל. פאַר דער געזעלשאַפט זענען זיי נאָר מיטלען, ווי אויפצוהאַלטן דאָס לעבן פון אירע מיטגלידער אויף אַ געוויסער קולטורעלער הויך. דאָס מענטשלעכע לעבן גופא אָבער האָט זײַן זין און באַטייט אין אַ העכערער זאַך, איידער אויפצוהאַלטן זיך אַליין און צו רעפּראָדוצירן זיך אַליין אין דעם קומענדיקן דור. דער זין און באַטייט פון לעבן באַשטייט, לויט מאַרקס, אין „יענער אַנטוויקלונג פון מענטשלעכער קראַפט, וואָס האָט איר אייגענעם ציל אין זיך גופא". קאַרל מאַרקס איז דאָ גאַנץ זיכער צו־קאַרג אין ווערטער און דערקלערונגען; אָבער דאָס איז ער אַלע מאָל, ווען אים קומט

אויס צו רעדן וועגן אַלגעמיין-טעאָרעטישע ענינים. תמיד זוכט ער דערביי צו פאָרמולירן זיין געדאַנק אַזוי אַלגעמיין און אַבסטראַקט, אַז ער זאָל קאָנען ארומנעמען אַלע דערלאָזבארע פעלן און פירושים.

וועלכע מענטשלעכע קרעפטן עס זאָלן נישט זיין באַזונדערס טייער דעם מענטש,—די אַזוי-אָנגערופענע „מאַטעריעלע", אָדער די אַזוי-אָנגערופענע „אידעאַלע",—אויב זיין טעטיקייט ווענדט ער אָן, כדי צו אַנטוויקלען זיי און נישט צוליב דעם מאַטעיעלן נוצן, וואָס ער קאָן ציען פון זיי, — טראָגט אַזאַ טעטיקייט „איר ציל אין זיך גופא", איז זי דער אויסדרוק פון דעם מענטשנס דראַנג צו „פרייהייט", וואָס איז, לויט שפינאָזאַ, נישט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר „די ווירקונג לויט דער אייגענער נאַטור". אָט די טעטיקייטן מוזן לויט מאַרקסן בלייבן פריי. דערצו מוז דער מענטש האָבן אַ סך פרייע צייט, — פריי פון דער דאגת חיונה און פון דער ריין-מאַטעריעלער נויט. די אויפגאַבע פון דעם סאָציאַליזם באַשטייט דעריבער לויט מאַרקסן, נישט אין קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר אין דער באַשאַפונג פון אָט דער פרייער צייט פאַר יעדן איינעם.

צוליב אָט דעם צוועק ווערט פון אַלע מענטשלעכע טעטיקייטן אויך אין דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט אַרויסגעטיילט אַ ממשלה פון נויטווענדיקייט, וואָס דאַרף יעדן איינעם פאַרזיכערן די באַפרידיקונג פון זיינע לעבנס-נויטן, כדי ער זאָל קאָנען פריי שטרעבן צו דער פאַרווירקלעכונג פון זיינע לעבנס-צילן אין דער ממשלה פון פרייהייט. ס'איז אוממעגלעך אָנצוגעבן אין וועלכע אַרטן טעטיקייט דער מענטש זאָל זיי זוכן. דאָס מוז מען איבערלאָזן יעדן איינעם צו באַשטימען פאַר זיך אַליין. דעריבער קאָן קיינמאָל נישט באַשטימט ווערן, וואָס עס זאָל געהערן צו דער ממשלה פון פרייהייט. דערפאַר קאָן אָבער אַלע מאָל באַשטימט ווערן, וואָס עס מוז געהערן צו דער ממשלה פון נויטווענדיקייט. די געזעלשאַפט דאַרף נאָר אויסרעכענען אין וואָס עס באַשטייען

אירע אַלגעמיין-מענטשלעכע נויטן אויף יענער קולטורעלער שטופע, אויף וועלכער זי געפינט זיך.

די ממשלה פון דער נויטווענדיקייט פאַלט דעריבער צונויף מיט דער ממשלה פון דעם קולטור-מינימום. מיר זאָגן בפירוש: פון דעם קולטור-מינימום און נישט דעם קולטור-מאַקסימום, ווייל מען דאַרף זען בכל הכּוחות די געצוווּנגענע אַרבעט זאָל פאַרנעמען וואָס ווייניקער צייט, כּדי עס זאָל בלייבן וואָס מער פרייע צייט פאַר דער „ממשלה פון פרייהייט‟, פאַר יענע פרייע באַשעפטיקונגען, וואָס ווערן פון קיינעם נישט רעגולירט.

געוויס ווייס קאַרל מאַרקס זייער גוט, אַז די „מאַטעריעלע פּראָדוקציע אין ענגערן זין פון וואָרט‟, וואָס ווערט געפאָדערט „אונטער דעם צוואַנג פון נויטווענדיקייט און חיצוניות-דיקן נוצן‟, — אַז די ממשלה פון נויטווענדיקייט קאָן נישט האָבן קיין פעסטע, אויף אייביק באַשטימטע גרענעצן. אַ סך זאַכן, וואָס ווערן אין אַ פריערדיקן פעריאָד באַטראַכט ווי אַ לוקסוס, ווערן אויף אַ העכערער קולטור-שטופע אָנגעזען ווי אַ לעבנס-נויט. מיט דער אַנטוויקלונג פון דעם מענטש „שפּרייט זיך אויס די ממשלה פון נאַטירלעכער נויטווענדיקייט, ווייל עס פאַרגרעסערן זיך זיינע הצטרכותן‟. אָבער דאָס הייסט נישט, אַז אין דערזעלביקער פּראָפּאָרציע דאַרף אויך פאַרגרעסערט ווערן דער סכום פון דער נויטווענדיקער אַרבעט, פאַרקלענערט ווערן דער סכום פון דער פרייער צייט און ממילא אויך — דער פאַרנעם פון דער ממשלה פון פרייהייט. מיט דער אַנטוויקלונג פון דער קולטור פאַרגרעסערן זיך נישט נאָר די באַדערפענישן, נאָר אויך די פּראָדוקטיוו-כּוחות, און מיט זייער וווּקס קאָן די געזעלשאַפטלעך-נויטווענדיקע מאַטעריעלע אַרבעט, אין וועלכער אַלע מוזן זיך באַטייליקן און וואָס מוז שטיין אונטער דער געזעלשאַפטלעכער קאָנטראָל, נישט נאָר נישט פאַרגרעסערט ווערן, נאָר אויך נאָך איינגעשרומפּט ווערן, כּדי אויף אַזאַ אופן געווינען אַלץ מער צייט סיי פאַר יענער

מאַטעריעלער פּראָדוקציע, וואָס שפּרייזט אַריבער דעם „ענגערן זין פון דעם וואָרט", סיי פאַר יענע ריין-אידעאַלע באַשעפטי- קונגען, וואָס פון זיי באַשטייט דעם מענטשס טעטיקייט אין דער ממשלה פון פרייהייט.

אָבער צוליב וואָס אָט דער גאַנצער יאָך? צוליב וואָס די געזעלשאַפטלעכע קאָנטראָל אין עקאָנאָמישע ענינים בכלל? פאַרוואָס נישט זען, אַז דער גאַנצער סכום פון מענטש- לעכע טעטיקייטן, — מאַטעריעלע ווי אידעאַלע, — זאָלן זיך קאָנען אָפּשפּיגלען אין אַ ריין-פרייהייטלעכער ספערע? פאַרוואָס נישט גלויבן דער בורזשואַזער עקאָנאָמישער וויסנשאַפט, אַז די בעסטע און ראַציאָנאַלסטע זאַך אין דעם עקאָנאָמישן לעבן איז איבערלאָזן אים אינגאַנצן צו דעם פרייען שפּיל פון עקאָ- נאָמישע קרעפטן און שייכותן? אויך אויף דער שאלה זוכט אונזער טעקסט צו געבן דעם קורצסטן און פּינקטלעכסטן ענטפער.

די איצטיקע „פרייהייט" איז נאָר אַ פלומרשטדיקע, אַן אילוזיאָנערע. נישט דער מענטש באַהערשט איצטער די עקאָנאָמישע אומשטענדן, נאָר די אומשטענדן באַהערשן איצ- טער דעם מענטש, ווי אַ בלינדע מאַכט. די גאַנצע שאַרפקייט און טיפקייט פון זיין טעאָרעטישן אַנאַליז האָט מאַרקס אָנגע- ווענדעט אין זיינע אַרגומענטאַלע וויסנשאַפטלעכע ווערק, כדי אַרויסצוברענגען אויף קלאָר, פון וואַנען עס נעמט זיך די „בלינדע מאַכט" אין דעם עקאָנאָמישן לעבן און אין וואָס עס באַשטייט איר ווירקונג.

די וויכטיקסטע און גרעסטע אויפטואונג פון דער מאַרק- סיסטישער וויסנשאַפט באַשטייט אָבער אין דעם באַווייז, אַז די בלינדע עקאָנאָמישע מאַכט, וואָס באַהערשט איצטער דאָס גאַנ- צע עקאָנאָמישע לעבן, נעמט זיך פון איין-איינציקן מקור: פון דעם פאַקט, אין וועלכן אַלע בורזשואַזע עקאָנאָמיסטן זעען דעם טריאומף פון מענטשלעכער פרייהייט און דעם באַזיץ פאַר דער פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. מיר מיינען דאָ דעם פאַקט, וואָס די „מאַטעריעלע פּראָדוקציע אין דעם

ענגערן זין פון דעם וואָרט" האָט איר נאָענטסטן ציל צו באַ־
שאַפן ס ח ו ר ו ת פ אַ ר ן מ אַ ר ק. און דאָס ווידער איז
אַרויסגעוואַקסן פון דעם פאַקט, וואָס דער גאַנצער פּראָצעס פון
אַרויסברענגען די נויטווענדיקע לעבנס-מיטלען, איז נאָך דעם
פאַנאַנדערפאַל פון דעם פּרימיטיוון קאָמוניזם — צעשפּאָלטן גע־
וואָרן אין א יי נ צ ל נ ע באַלעבאַטישקייטן, מיט פּריוואַט-אייגנ־
טום אויף די מיטלען און די געצייג פון דער פּראָדוקציע.

אָט דער פאַקט האָט דאָס געפירט דערצו, וואָס מען האָט
גענומען פּראָדוצירן נישט צוליב דעם אוממיטלבאַרן פאַרברויך,
נ אָ ר צ ו ל י ב ד ע ם פ אַ ר ק ו י ף. כמעט יעדער פאַרי
ברויך־אַרטיקל מוז פריער מגולגל ווערן אין אַ שטיקל ס ח ו ר ה
אויפן מאַרק, איידער ער קאָן אַרייננגיין אין דער ספערע פון
אינדיווידועלן קאָנסום. די אַרבעט פאַרן מאַרק האָט אָבער
אַרייננגעבראַכט אַ כאַאָס אין דער פּראָדוקציע. עס איז אויס־
געוואַקסן ד י פ ר יי ע ק אָ נ ק ו ר ע נ ץ צווישן די פּראָדו־
צענטן. מען פּראָדוצירט נישט דאָס און נישט אַזוי פיל, וואָס
און וויפל די גאַנצע געזעלשאַפט האָט נויטיק פאַר אַ געזי־
כערטן לעבן, נאָר דאָס און אַזויפיל, וואָס און וויפל יעדער
איינער האָפט צו פאַרקויפן אויפן מאַרק. דערמיט זענען גע־
עפנט געוואָרן טיר און טויער פאַר אַלערליי עקאָנאָמישע ק ר י־
ז י ס ן, אין וועלכע די שוואַכערע פאַרלירן זייער עקאָנאָמישע
עקזיסטענץ און די שטאַרקערע קאָנצענטרירן אין זייערע הענט
אַלץ מער און מער פון דעם געזעלשאַפטלעכן רייכטום.

דער כאַאָס, די קאָנקורענץ און די קריזיסן, — אָט די
דריי קינדער פון דער ס ח ו ר ה - וו י ר ט ש אַ פ ט, — האָבן
געמוזט פירן דערצו, אַז דער אַרבעטנדיקער מענטש זאָל אָפּ־
געריסן ווערן פון זיינע נאַטירלעכע אַרבעטס-באַדינגונגען, —
פון דעם רוי-שטאָף און די געצייג, — דער עיקר, אַז דער
פויער, וואָס איז געווען די אומגעהייער-גרעסטע מאַיאָריטעט
פון דער באַפעלקערונג, זאָל פאַרלירן זיין לאַנד און ווערן אַ
באַזיצלאָזער פּראָלעטאַריער. אויף אַזאַ אופן איז פון דער

סחורה-ווירטשאַפט אַרויסגעוואַקסן די איצטיקע קאַפּיטאַליסטישע באַלעבאַטישקייט, וואָס איז געבויט אויף דעם פונדאַמענט פון לוין-אַרבעט, ד. ה., אויף דעם גרונט-פּרינציפּ, אַז אויך די מענטשלעכע אַרבעטס-קראַפט (נישט די מענטשלעכע אַרבעט) — און דערמיט אויך דער גאַנצער מענטש — איז אַ סחורה אויפן מאַרק ווי אַלע אַנדערע סחורות, וואָס איז אונטערגעוואָרפן אונטער דיזעלביקע געזעצן פון ווערט-מעסטונג, ווי אַלע אַנדערע סחורות, און וואָס קאָן אויך אַרויסגעשליידערט ווערן פון מאַרק, — אין די צייטן פון אַ קריזיס, — פונקט ווי זיי.

די איצטיקע עקאָנאָמישע „פרייהייט״ איז דעריבער אין תוך אריין אַ פאַרשקלאַפונג צו בלינד-ווירקנדיקע ריין-עקאָנאָמישע קרעפטן, וואָס מוזן פירן צו נאָך אַ שאַרפערן אָפּרייסן דעם אַרבעטער פון זיינע פּראָדוקציע-באַדינגונגען, צו נאָך אַ שרעקלעכערער פאַרעלענדונג פון די מאַסן, צו נאָך העפטיקערע קריזיסן, אין וועלכע קאָלאָסאַלע סכומען פון מענטשלעכער ענערגיע גייען אינגאַנצן לאבוד; צו אַ נאָך אַ גרעסערער קאָנצענטרירונג פון רייכטימער אין ווייניקע הענט; צו נאָך ערגערע פאַרשווענדונגען פון מענטשלעכער ענערגיע אין דער פאָרם פון רעקלאַמע, האַנדלס-אַגענטן און פאַרמיטלערטום, — ועל כולם צו נאָך אַ טיפערע געפאַלנקייט פון דער מענטשלעכער השיבות, ווייל כמעט יעדע מענטשלעכע אייגנשאַפט און שאַפונגס-קראַפט ווערט דערביי פאַרוואַנדלט אין אַ סחורה, אין אַ מקח-וממכר אַרטיקל פאַרן מאַרק.

אָט דאָס איז דער הויפּט-רעזולטאַט, צו וועלכן קאַרל מאַרקס איז געקומען אין זיין טעאָרעטישער אונטערזוכונג פון דעם עקאָנאָמישן פּראָצעס. ער האָט דעריבער נישט געקאָנט מסכּים זיין מיט פּרודאָנס צוקונפטס-אידעאַל: ווידער פאַראיי-ניקן די אַרבעטער מיט די אַרבעטס-מיטלען-און-געצייג, אַסאָצי-אירן זיי אין פרייע קאָאָפּעראַטיוון, אָבער דערביי לאָזן אומ-

באַרירט דעם ה ו י פּ ט ־ ו ו אָ ר צ ל, פון וועלכן עס איז אויס געוואַקסן דער קאַפּיטאַליזם: די פּראָדוקציע פון ס ח ו ר ו ת פאַרן מאַרק. קוים ווערט ד אָ ס נישט אָפּגעשאַפט, מוזן אַפילו די טרייסטע און ערלעכסטע קאָאָפּעראַטיוון, אַ דאַנק דער בלינדער מאַכט, וואָס באַהערשט דעם מאַרק, ווידער פירן צו דעם אויפבוי פון אַ קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם (ווי מיר האָבן דאָס דערקלערט אין איינעם פון אונזערע פריערדיקע אַרטיקלען).

אָט פאַרוואָס קאַרל מאַרקס איז פון אַ פּרודאָניסטישן סאָציאַליסט געוואָרן אַ קאָמוניסט, פאַר וועמען די הויפּט-זאַך איז — די אָפּשאַפונג פון דעם ה אַ נ ד ל, פון דעם מקח-וממכר פון דעם מאַרק מיט זיינע סחורות. ב ל ײ ב ט קאַרל מאַרקס אַ קאָמוניסט אין דעמזעלביקן זין ווי דער אַלטער קאָמוניזם פון אַ לואי בלאַן, אָדער אַ קאַבע? פאַרלאַנגט ער, אַז מען זאָל אַ ל ע מענטשלעכע טעטיקייטן דערקלערן פאַר געזעלשאַפטלע־כע פונקציעס, וואָס שטייען אונטער דער קאָנטראָל פון דער געזעלשאַפט? פאַר דער ווייטער-ווייטער צוקונפט — יאָ. מיר האָבן שוין געזען, אַז לויט אים. מוז די געזעלשאַפט דער־גרייכן אין איר אַנטוויקלונג אַזאַ שטופע, ווו יעדער איינער וועט געבן דער געזעלשאַפט וואָס ער ק אָ ן און נעמען פון איר וואָס ער ד אַ ר ף. דאָס זעצט פאָראויס אַ ריין־קאָמוניס־טישע באַלעבאַטישקייט, ווו יעדער פּראָדוצירטער אַרטיקל גע־הער פריער דער גאַנצער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט און ערשט פון איר ווערט ער אַריבערגענומען אין דעם אינדיווי־דואַל-באַזיץ פאַר דעם איינצל-פאַרברויך, לויט איינעמס באַדאַרף.

אָבער פאָדערט דען מאַרקס, מען זאָל אַזאַ געזעלשאַפטס־פאָרם איינפירן גלייך נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע? פריער האָט זיך דאָס געקאָנט ד ו כ ט ן אַזוי. דער אַנאַליז אָבער פון אונזער ציטאַט באַווייזט, אַז ער איז געווען גאַנץ ווייט דערפון. ער פאַרלאַנגט נ י ש ט, אַז דער קאָמוניזם, מיט זיין פּלאַנמעסיק־געפירטער צענטראַליזירטער באַלעבאַטישקייט, זאָל אַרומנעמען אַ ל ע אַרטן פון דער מענטשלעכער טעטיקייט. ער פאָדערט,

אַז די פּלאַנמעסיק־געפירטע געזעלשאַפטלעכע באַלעבאַטישקייט זאָל אַרייַנגעפירט ווערן נאָר אין אַזאַ מאָס, אויף וויפל דאָס איז נויטיק צו באַפרייען זיך פון דער איצטיקער שקלאַפערײַ, און וויפל דאָס איז נויטיק צו מאַכן אַ תל פון דער „בלינדער מאַכט". און דאָס קאָן דערגרייכט ווערן, ווען די געזעלשאַפטלעכע קאָנטראָל ווערט אַרייַנגעפירט אין דער ספערע פון „נויטווענדיקייט", „פון מאַטעריעלער פּראָדוקציע אין דעם ענגערן זין פון דעם וואָרט", ד. ה. ווי מיר האָבן אויבן געזען, אין יענער ספערע, וואָס דאַרף באַזאָרגן יעדן איינעם מיט אַ „קולטור־מינימום": וואָס דאַרף אין אונזערע צייטן געבן יעדן איינעם גענוג שפּייז, קליידונג, וווינונג, מעדיצינישע הילף און אַ געוויסן גראַד בילדונג.

און אינדעראמתן. קוים איז דערגרייכט אַזאַ עקאָנאָמישע מצב, אַז יעדער איינער איז באַפרייט פון דאגות־חיונה פאַר זיך און זיינע קינדער, — אַ דאַנק דער פּלאַנמעסיק־אָרגאַניזירטער אַרבעט אין דער ספערע פון נויטווענדיקייט, — אַזוי מוז די פאַרשקלאַפנדיקע ווירקונג פון דער „בלינדער מאַכט", ד. ה. פון דעם סחורה־מאַרק מיט זיינע אינעווייניקסטע עקאָנאָמישע געזעצן, אינגאַנצן פאַרשווינדן. און וואָס פאַר אַ סאָציאַלע פאָרמען עס זאָלן נישט פאָרקומען די „פרייע" מענטשלעכע טעטיקייטן אין דער ממשלה פון פרייהייט, — אין איינצל־ווירטשאַפטלעכע, פּראָדוקטיוו־שותפותדיקע, אָדער אַפילו ריין־קאַפּיטאַליסטישע, אויף דעם באַזיס פון לוין־אַרבעט — קאָנען נישט געמאָלט זיין יענע דערשיינונגען, וואָס וואַקסן אַרויס פון אַ קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, אָדער וואָס מוזן סוף־כל־סוף אַרויסוואַקסן אין אַ סיסטעם פון פרייע איינצל־קאָאָפּעראַציון. וויבאַלד דער אַרבעטנדיקער מענטש איז שוין מער נישט געצוווּנגען צו פאַרקויפן זיין אַרבעטס־קראַפט, — ווייל אין אַ חשובן קולטור־מינימום איז ער פאַרזיכערט דורך זיין אַרבעט און „דער ממשלה פון נויטווענדיקייט", — קאָן קיין קריזיס נישט אָוועקשטעלן אין געפאַר זיין עקאָנאָמי־

שע עקזיסטענץ; קאָן קיין פאַראייניקונג פון כל הקאַפּיטאַליסטן שבעולם נישט אַרויפוואַרפן אויף אים זייער עקאָנאָמישע איבערהערשאַפט. אויב אַ קאַפּיטאַליסט זאָל דעמאָלט פאָרט געפינען מענטשן, וואָס ווילן אַרבעטן פאַר אים פאַר אַ געוויסן לוין, קאָן דאָס געמאָלט זיין נאָר דעמאָלט, ווען זיי וועלן איינזען, אַז די אַרבעט גופא אָדער אירע פּראָדוקטן קאָנען זיי געבן עפּעס אַזויגס, וואָס זיי אַליין, מיט זייערע אייגענע כּוחות, אָן דער הילף פון דעם קאַפּיטאַליסט, וואָלטן דאָס נישט געקאָנט אַרויסברענגען. דעם אמת געזאָגט, קאָנען מיר זיך נישט פאָרשטעלן קיין אַנדער קאָנקרעטן פאַל פון אַזאַ מין, ווי נאָר אינם פאַל, ווען דער „קאַפּיטאַליסט" איז אַ דערפינדער פון אַ נייעם „חידוש" און נויטיקט זיך אין אַרבעטער אויף צו פאַרווירקלעכן זיין דערפינדונג אין לעבן. אָבער אויך דעמאָלט לייגט זיך עס נישט אויפן שכל, אַז די אַרבעטער, וואָס זענען שוין פריי נישט נאָר יורידיש, ווי איצטער, נאָר אויך עקאָנאָמיש, זאָלן וועלן אַריינטרעטן אין אַ לוין-אָפּמאַך מיט אַ קאַפּיטאַליסט, און נישט בעסער פאָרשלאָגן, זיי זאָלן אינאיינעם מיט אים גרינדן אַ קאָאָפּעראַטיוו. אָבער אָנגענומען, אַז זיי גייען אַריין אין אַזאַ לוין־אָפּמאַך: קאָן דער אָפּמאַך זיי קיינמאָל נישט פאַרשקלאַפן. ווייל זיי קאָנען שטעלן יענע לוין-באַדינגונגען, וועלכע זיי לוינט זיך באמת, און זיי קאָנען אַלע ווײַלע אַרויס פון דעם אָפּמאַך, ווי נאָר דאָס זאָל זיי אויפהערן זיך צו לוינען. פון אַזאַ לוין-אַרבעט קאָן נישט אַרויסוואַקסן נישט קיין פאַרעלענדונג פון די מאַסן, נישט קיין שקלאַפישע אונטערטעניקייט, ווייל אַ חשוב מענטשלעך לעבן איז זיי סיי-ווי-סיי געזיכערט אין דער ממשלה פון נויטווענדיקייט.

און אויב אַלע עקאָנאָמישע טעטיקייטן אין דער פריי-הייטס-ספערע זאָלן פאָרקומען אין די פאָרמען פון פּרודאָניס-טישע פרייע זעלבשטענדיקע קאָאָפּעראַטיוון — און עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז דאָס וועט — מיט חייניק אויסנאַמען —

זיין דער הערשנדיקער פאַל, — זענען דעמאָלט אויך די קאָפּ-
פּעראַטיוון פאַרזיכערט פון דער צעשטערנדיקער ווירקונג פון
דער „בלינדער מאַכט", פון דעם קאָנקורענץ-קאַמף אויף דעם
מאַרק, וואָס טרייבט זיי איצטער צום אונטערגאַנג אָדער פאַר-
וואַנדלט זיי אין קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען. אין די
צייטן פון אַ שטורעם אויף דעם ים פון דעם וועלט-מאַרק קאָ-
נען געוויס די שיפן פון אַ קאָאָפּעראַטיוו אונטערגיין, אָבער
די אַרבעטער, וואָס בילדן אים, בלייבן ג אַ נ ץ אין דעם זיכערן
האַפן פון דעם געזיכערטן קולטור-מינימום.

קוים איז אָפּגעשאַפט די הו נ ג ע ר - ב ײ ט ש, קוים
הענגט נישט מער איבער קיינעמס נאַקן דער דאַמאָקל-שווערד
פון דאגות-חיונה און עקאָנאָמישער אומזיכערקייט אין דער צו-
קונפט, קאָן קיין מאַכט קיינעם נישט צווינגען צו אַרבעטן, ווען
מען וויל נישט, אָדער אויף באַדינגונגען, וואָס באַפרידיקן נישט.
אַ דאַנק אָט דעם פּשוטן אומשטאַנד אַליין מוזן סוף-כל-סוף
פאַרשווינדן פון דער געזעלשאַפט אַלערליי פאָרמען פון דער
מענטשלעכער עקספּלואַטאַציע און פון אומגערעכטיקייט; ווייל
מיט דער פאַרזיכערונג פון אַ קולטור-מינימום פאַר יעדן איינעם
איז שוין נישטאָ מער קיין „בלינדע מאַכט", וואָס זאָל וועמען
עס איז קאָנען צווינגען אַריינצוטאָן זיין קאָפּ אין אַ יעלכן
עס איז יאָך, אייגנוויליקן צו אַן אָפּמאַך, וועלכן ער באַטראַכט
פאַר אומגערעכט.

מיר, סאָציאַליסטן, האָבן גענוג גרונט אָנצונעמען, אַז
פריער אָדער שפּעטער וועט די „ממשלה פון פרייהייט" זיך
אַליין אָרגאַניזירן אין פ ר ײ ה ײ ט ל ע כ ע ק אָ מ ו נ ע ס,
וואָס וועלן פאַרווירקלעכן אין לעבן דעם אידעאַל פון פ ו ל ע ר
ב ר י ד ע ר ל ע כ ק ײ ט אין עקאָנאָמישן לעבן, ווו קיינער
ר ע כ נ ט זיך נישט מיט דעם פּרינציפּ „פון מיר אַ פּיצל,
דיר אַ פּיצל" און „חס-וחלילה, נעם נישט קיין גרעסערן לע-
קאַכל פון מיינעם"; נאָר ווו יעדער אַרבעט וואָס, ווען און
וויפל ער וויל און נעמט אויך וואָס, ווען און וויפל ער וויל,

ווייל דאָס קאָמוניסטישע לעבן וועט שוין אויסאַרבעטן די פּאַסיקע אינסטינקטן און געוווינהייטן, אַז קיינער זאָל נישט וועלן באַוולען דעם אַנדערן. אָבער ערשט ווען אַט די העכערע, מאָראַליש-קאָמוניסטישע אינסטינקטן וועלן זיך איינשטעלן אין דער מענטשלעכער נאַטור, וועט מען קאָנען אינגאַנצן אָפּשאַפן די גרענעץ צווישן „נויטווענדיקייט" און „פרייהייט", ווייל אויך די נויטווענדיקע אַרבעטן וועט מען קאָנען אַריבערנעמען אין דער ממשלה פון פרייהייט.

ביז צו דעם — און בפּרט אין דעם אָנהויב פון אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע און אין די ערשטע צייטן פון אַ סאָציאַליסטישן לעבן, מוז מען קודם-כּל האָבן אין זינען גראָד אַט די גרענעץ. די זיגרייכע סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, — פון וועמען זי זאָל נישט באַשטיין, — טאָר נישט אָנהויבן מיט אַ בלינדער נאַציאָנאַליזירונג פון אַלץ, אָדער מיט אַ בלינדער צעשטערונג פון דעם איצטיקן עקאָנאָמישן לעבנסרעזשים, ווי דאָס האָט געטאָן דער רוסישער קאָמוניזם. איר הויפּט-אויפגאַבע דאַרף זיין: נאַציאָנאַליזירן נאָר דאָס און נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל דאָס איז נויטיק, כּדי צו קאָנען אָרגאַניזירן די ממשלה פון נויטווענדיקייט, די פאַרזאָרגונג פון יעדן איינעם מיט שפּייז, קליידונג, וווינונג, מעדיצינישע הילף און עלעמענטאַרע בילדונג. אין אַלע אַנדערע עקאָנאָמישע פּראָצעסן, וואָס טרעטן אַריבער אַט די גרענעץ, האָט די זיגרייכע רעוואָלוציע נישט וואָס אַריינצומישן זיך. קוים פירט זי דורך, אַז די הונגער-בייטש איז אָפּגעשאַפט, אַז יעדער, אַרבעטנדיקער מענטש — און יעדער מענטש מוז אַרבעטן אַ געוויסע צייט אין דער ממשלה פון נויטווענדיקייט — זאָל קאָנען עקאָנאָמיש פריי אָטעמען, אַזוי קאָן זי איבערלאָזן דעם גאַנצן עקאָנאָמישן פּראָצעס פאַר דער פרייער שפּיל פון די באַפרייטע מענטשלעכע ווילנס.

ווי זאָל אָבער אָרגאַניזירט זיין די ממשלה פון נויט-

חענדיקייט, די ספערע פון דער געצוווּנגענער מענטשלעכער אַרבעט?

אין איינצלנע אָרגאַניזאַציע-דעטאַלן לאָזט זיך דאָ מאַרקס נישט אַריין. עס איז פאַר אים גענוג, ווען ער שטעלט אַוועק די גרונט-פאָדערונגען, אַז די אָרגאַניזאַציע פון דער סאָציאַליסטישער צוואַנגס-אַרבעט זאָל קאָסטן וואָס ווייניקער געזעלשאַפטלעכע ענערגיע, אַז אירע אַרבעטס-באַדינגונגען זאָלן נישט גיין להיפך צו דער מענטשלעכער נאַטור און זאָלן זיין „אין בעסטן איינקלאַנג מיט איר חשיבות".

דאָס איז, באמת גערעדט, אַביסל קאַרגלעך, אָבער דערפאַר זענען די צוויי לעצטע באַדינגונגען פון אַן אומגעהייער וויכטיקן באַטייט פאַר דעם גייסט, וואָס באַהערשט מאַרקס' בוי-פּלאַן; אפשר אויך פאַר דעם גייסט, וואָס באַלעבט זיין גאַנצע, כלומרשט „מאַטעריאַליסטישע", סאָציאַל-פילאָזאָפיע.

קאַרל מאַרקס רעדט דאָ גאַנץ קלאָר וועגן דעם „מענטשן" און דער „מענטשלעכער נאַטור", און אין אַ זין, וואָס איז נישט גאָר געוויינטלעך אין דער געוויינטלעכער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור. זי, די מענטשלעכע נאַטור, דאַרף דאָך „מאַטעריאַליסטיש" באַטראַכט ווערן, ווי אַ פּראָדוקט פון געוויסע עקאָנאָמישע אומשטענדן. זי ווערט געפּאָרמט פון זיי און גייט־נאָך נאָך זיי, כמעט ווי אַ שאָטן נאָך אַ ווירקלעכקייט. דאָ אָבער ווערט זי גענומען אידעאַליסטיש: ווי אַ פאָרם, לויט וועלכער און דורך וועלכער ס'דאַרפן מאָדעלירט ווערן די נייע עקאָנאָמישע אומשטענדן. און — מערקט אייך: דאָ ווערט גערעדט וועגן דער מענטשלעכער נאַטור און נישט וועגן דער „פּראָלעטאַרישער", ווי מען וואָלט דאָס געקאָנט דערוואַרטן פון יענע פירושים אויפן מאַרקסיזם, וואָס לערנען, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע דאַרף דורכגעפירט ווערן פון דעם פּראָלעטאַריאַט און אַז דער סאָציאַליזם דאַרף געבויט ווערן „כדמותו וכצלמו", לויט זיין, דעם פּראָלעטאַריאַטס, פורעם און געשטאַלט.

און נאָך בולטער וואַרפט זיך דאָ אין די אויגן דער אידעאַליסטישער כאַראַקטער פון דעם גאַנצן, ווען מען דערמאָנט זיך אָן דער פאָדערונג, אַז די אַרבעטס־באַדינגונגען אין דער ממשלה פון נויטווענדיקייט דאַרפן שטיין אין איינקלאַנג מיט דער חשיבות פון דער מענטשלעכער נאַטור. מערקט אייך ווידער: מיט דער אַלגעמיין־מענטשלעכער „חשיבות", נישט מיט דער „פּראָלעטאַרישער". אָבער ווי שטימט דאָס מיט דעם געוויינלעכן בליק אויף דער מאַטעריאַליסטישער פילאָזאָפיע פון דעם מאַרקסיזם? וואָס איז דען אַזוינס חשיבות?

איז דאָס נישט אַ סוביעקטיווע אָפּשאַצונג, געבאָרן אין דעם מענטשנס געדאַנק? איז דאָס נישט אַ מאָמענט פון דעם מענטשלעכן סוביעקטיוון, אידעאַלן באַוווסטזיין? און איז דען נישט יעדער אידעאַלער באַוווסטזיין אַ פּראָדוקט און אַ שאָטן פון דעם אָביעקטיוון מאַטעריעלן „זיין"? ווי קאָן דען דאָס מאַטעריעלע זיין — און נאָך אַזאַ מאַטעריעלער זיין, וואָס נעמט אַריין אין זיך די „מאַטעריעלע פּראָדוקציע אין דעם ענגערן זין פון וואָרט", — געפורעמט ווערן לויט אַ סוביעקטיוון, אידעאַלן באַוווסטזיין? און אויב אַזאַ זאַך איז מעגלעך בכלל, היינט ווו ליגט דער חטא פון די „אוטאָפּיסטן", וואָס האָבן געפאָדערט, מען זאָל שוין איצטער פורעמען די עקאָנאָמישע ווירקלעכקייט, דאָס „מאַטעריעלע זיין", לויט די פאָדערונגען פון זייער סוביעקטיוון אידעאַלן באַוווסטזיין? מיר דוכט, אַז אָט די אַלע פראַגן קאָנען פאַרענטפערט ווערן, ווען מען נעמט אָן, אַז דער אמתער זין פון דער מאַרקסיסטישער סאָציאַל־פילאָזאָפיע איז אַ היפּש ביסל פאַרשיידן פון יענעם בילד, וועלכן אירע ביז איצטיקע מפרשים האָבן אַרויסגע־בראַכט.

מיר האָבן גענוג טעמים אָנצונעמען, אַז די זינד פון די סוביעקטיווע „אוטאָפּיסטן" איז, לויט מאַרקס, באַשטאַנען נאָר אין דעם, וואָס זיי האָבן דאָס געוואָלט טאָן איצטער, אין דעם סאַמע ברען פון דער סטיכישער בלינדער נויטווענ־

דיקייט, וואָס רייסט אַלץ מיט זיך אין אַ נישט איינצוהאַלטנדיקן שטראָם און האָבן נישט געוואָלט וואַרטן, ביז דער שטראָם גופא וועט, ווי אַ וואַסערפאַל, מאַכן „אַ שפּרונג פון נויטווענדיקייט אין פרייהייט"? מיר האָבן גענוג טעמים אָנצונעמען, אַז אָט דער פּראַקטישער שפּרונג, וועגן וועלכן ענגעלס רעדט, איז אויך אַ טעאָרעטישער שפּרונג פון מאַטעריאַליזם אין אידעאַליזם אַריין; אַז אויך דער גאַנצער „היסטאָרישער מאַטעריאַליזם" איז נישט קיין געשיכטס-פילאָזאָפישער אמת פ אַ ר א ל ע צ יי ט ן און ד ו ר ו ת, ווי דאָס ווערט אויסגעטייטשט פון כמעט אַלע מאַרקסיסטישע מ פ ר ש י ם (אָבער נישט פ אָ ר ש ע ר), נאָר אַ פאָרמול בלויז פאַר י ע נ ע ם פעריאָד אין דער מענטשלעכער געשיכטע, וואָס שטייט אונטער דער ווירקונג פון דער „בלינדער מאַכט"; אַז אויך די ע ק אָ נ אָ מ י ק הערט אויף צו זיין דער אַלץ-באַהערשנדיקער פאַקטאָר אין דער געשיכטע, ווי נאָר עס ווערט אָפּגעשאַפט די השפּעה פון דער „בלינדער מאַכט" און דער מענטש הויבט אָן צו צופּאַסן די ווירקלעכקייט צו ז יי ן נאַטור און צו זיין חשיבות, אָנשטאָט וואָס ביידע זאָלן צוגעפּאַסט ווערן צו דער ווירקלעכקייט. דערויף האָט אפשר אויך ענגעלס מרמז געווען, ווען ער האָט אין דער „הייליקער פאַמיליע" פלוצלונג אַ זאָג געטאָן, אַז די גאַנצע געשיכטע ביז צו דעם סאָציאַליזם איז די געשיכטע פון דעם, ווי אַזוי דער מענטש ווערט ביסלעכווייז אַ מענטש, און ווען מאַרקס האָט אין אַ סך אַ שפּעטערער שריפט*) אויך אַזוי פאַרבייגייענדיק געלאָזט פאַלן די באַמערקונג, אַז מיט דער סאָציאַלער רעוואָלוציע פאַרענדיקט זיך די „פ אָ ר ג ע ש י כ ט ע פון דער מענטשהייט". דאָס, וואָס מען רופט געוויינלעך „די מאַרקסיסטישע געשיכטס-פילאָזאָפיע" איז אין די אויגן פון אירע מחברים גופא נישט קיין געשיכטס-פילאָזאָפיע, נאָר אַ פי-

*) אין דעם באַרימטן פאָרוואָרט צו דעם ווערק: „צור קריטיק דער פּאָ-ליטישען עקאָנאָמיע".

לאָזאָפיע פון דער „פאָרגעשיכטע", פון דעם אַריינפיר אין איר, ווייל די מענטשלעכע געשיכטע דאַרף זיך ערשט אָנהויבן אחר החג הבע"ל...

דאָס זענען אַלץ פראַגן, וואָס האָבן זייער אַ וויכטיקן באַטייט פאַר דעם ריכטיקן פאַרשטיין פון קאַרל מאַרקס' גאַנצער סיסטעם, אָבער פאַר אונזער ספּעציעלן ענין קאָן מען זיי לאָזן אָן אַ זייט. פאַר *אונז* איז וויכטיק צו געדענקען, אַז לויט קאַרל מארקס, וועלן מיר בעת דער סאָציאַלער רעוואָלוציע זיך דאַרפן רעכענען נישט מיט „פּראָלעטאַרישקייט", נאָר מיט *מענטשלעכקייט*, און נישט מיט דעם „עבדיה בהפקירא", וואָס קאָן געטאָן ווערן אין דעם נאָמען פון דעם פּראָלעטאַריאַט, — ווי דאָס איז געשען אין דער רוסישער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע, — נאָר מיט יענע *גרויסע פליכטן*, וואָס וואַקסן אַרויס פון מענטשלעכקייט און *מענטשלעכער חשיבות*.

נאָך איין פאַקט, און מיר זענען פאַרטיק מיט אונזער אַנאַליז.

לויט דעם זין פון דעם מאַרקסיסטישן בוי-פּלאַן, געהער *נישט* די גאַנצע אַרבעטס-צייט פון דעם מענטשן דער געזעלשאַפט. ווייניקסטנס, נישט אין די ערשטע פעריאָדן פון אַ סאָציאַליסטישן לעבן. נאָר *אַ באַשטימטע* צייט געהער דער געזעלשאַפט, און נאָך פאַר *דער* צייט הערשט דער געזעלשאַפטלעכער צוואַנג. אין דער פרייער צייט פּראָדוצירט דער מענטש, וואָס ער וויל, ווען ער וויל, וויפל ער וויל און פאַר *וועמען* ער וויל. וואָס ווייניקער צייט עס ווערט איינגעשלונגען פון דער נויטווענדיקייט-ספערע, אַלץ מער צייט בלייבט פאַר דער ממשלה פון פרייהייט. ווי זאָלן אָבער אָט די צוויי ממשלות זיך איינטיילן צווישן זיך *אין דער צייט*? לויט אונזער טעקסט ווערט די איינטיילונג דורכגעפירט אין יעדן איינצלנעם אַרבעטס-טאָג. אַ געוויסער טייל פון דעם *אַרבעטס-טאָג* געהער דער געזעלשאַפט אין דער ממשלה

פון נויטווענדיקייט, די איבעריקע צייט פון דעם זעלביקן טאָג געהער דעם יחיד אין דער ממשלה פון פרייהייט. „די פאַר־קירצונג פון דעם אַרבעטס־טאָג" (אין דער נויטווענדיקייט־ספערע) זאָגט בפירוש קאַרל מאַרקס, „איז דער פונדאַמענטאַ־לער פאָרבאַדינג" פאַר דער פרייהייט.

אַנדערע האָבן אָבער פאָרגעשלאָגן אַן אַנדער איינטיילונג. אַזוי האָט דער שרייבער פון די שורות, שטייענדיק אויף דעם באָדן פון דער מאַרקסיסטישער איינטיילונג אין צוויי ספערעס, פאָרגעשלאָגן אין די „סאָציאַליסטישע מאָנאַטס־העפטען", אַז יעדער זאָל זיין געצווונגען צו אַרבעטן פאַר דער געזעלשאַפט, — צוליב דעם קולטור־מינימום, — ג אַ נ צ ע צ ע ן י אָ ר, און אַז ערשט נאָך אָט דעם אָבליגאַטאָרישן אַרבעטס־דינסט, זאָל ער, אַ פאַרזיכערטער מיט חיונה פאַרן גאַנצן לעבן, אַרויס פ ר ײ, און אויב ער וויל זיך ווייטער באַטייליקן עקאָנאָמיש צוליב פּראָדוצירן גיטער, וואָס שטייגן אַריבער דעם קולטור־מינימום, זאָל דאָס געשען אין פרייע קאָאָפּעראַטיוון *).

באַלד נאָכדעם איז אין דייטשלאַנד דערשינען דאָס באַ־קאַנטע בוך פון אַ ט לאַ נ ט י ק ו ס : (פּראָפעסאָר ב אַ ל אָ ד) : „אַ בליק אין דעם צוקונפטס־שטאַט", וווּ אָט דער געדאַנק איז אַוועקגעלייגט געוואָרן אין דעם יסוד פון אַ גלענצנדיקער סטאַטיסטישער אויספאָרשונג, וואָס האָט באַוויזן, אַז די „ממשלה פון נויטווענדיקייט" דאַרף דויערן נישט מער ווי אַ זעקס־זיבן יאָר, אַזוי אַז אויב די שולצייט זאָל זיך ענדיקן מיט דעם זעכצנטן לעבנס־יאָר, וואָלט די אָבליגאַטאָרישע אַרבעטס־דינסט זיך געקאָנט ענדיקן מיט דעם 22־סטן אָדער 23־יסטן לעבנס־יאָר" *).

---

*) זע וועגן דעם אין דער איבערזעצונג פון יענעם אַרטיקל אין „דאָס נייע לעבן", באַנד פיר, אָקטאָבער, 1912, ז. 576—377.

*) מיט באַלאָדס סטאַטיסטיק האָב איך מיך באַנוצט ביי דער אויסאַרבע־טונג פון דעם קאַפּיטל „סאָציאַליסטישעסקאָיע כאָזיאַיסטוואָ" („די סאָציאַליסטישע

פּראָפעסאָר באַלאָדס בוך איז נאָך דער איצטיקער דייטשישער רעוואָלוציע אַרויס אין אַ צווייטער אויפלאַגע, מיט ביי̈ע אויסרעכענונגען, לויט וועלכע עס קומט אויס, אַז ביי דעם איצטיקן געוואַקסענעם צושטאַנד פון די פּראָדוקטיוו־כוחות דאַרף די ממשלה פון נויטווענדיקייט אָדער דער אַלגעמיינער אָבליגאַטאָרישער אַרבעטס־דינסט שוין דויערן נישט מער ווי אַ פיר־פינף יאָר. ווי אין דער ערשטער אויפלאַגע, האָט באַלאָד אויך דאָ אַריינגערעכנט עקאָנאָמישע טעטיקייטן, וואָס וואָלטן, לויט מיין מיינונג נאָך, גאַנץ גוט געקאָנט בלייבן אין דער ממשלה פון דער פרייהייט. על כל פנים, וואָלט אין דער איצטיקער צייט יעדער מענטש זיך געקאָנט באַפרייען מיט דעם 21־סטן יאָר, אַריינטרעטן אין דער ממשלה פון פרייהייט, און „אויסגעדינטער" מיט אַ „לעבנס־פּענסיע", וואָס פאַרזיכערט אים (נישט אין געלט, נאָר אין פּראָדוקטן, אָדער אין אָנווייזונגען אויף פּראָדוקטן) אַ זייער חשובן „קולטור־מינימום" *).

עס קאָן זייער פיל געזאָגט ווערן צו גונסטן פון דער איינטיילונג פון די צוויי ספערן נישט אין יעדן אַרבעטס־טאָג, נאָר אין די לעבנס־יאָרן. עס וואָלט זיך געווים געלוינט אָפּצושטעלן זיך אויף אָט־דער פּראָבלעם באַריכות. מיר וועלן דאָס אָבער לאָזן פאַר אַן אַנדער געלעגנהייט, ווייל סוף־כל־סוף איז דאָס נישט קיין פראַגע פון פּרינציפּ, נאָר פון ריינער צוועקמעסיקייט.

---

באַלעבאַטישקייט") אין דער פּראָפּאַגאַנדע־בראָשור פון דער רוסישער פּאַרטיי „סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן": „דער קעניג הונגער". די אַנדערע קאַפּיטלען שטאַמען פון נ. באָך (די יידישע איבערזעצונג פון דער בראָשור טראָגט דעם נאָמען: „עקאָנאָמישע עטיודן".

*) די רוסישע איבערזעצונג פון אָט דער צווייטער אויפלאַגע איז אַרויס אין 1920, אין דעם פאַרלאַג פון דער סאָוויעטישער רעגירונג מיט אַ פאָרוואָרט פון קאַרסקין (מאַרכלעווסקי).

דער בוי-פּרינציפּ אָבער פאַר דער צוקונפט איז, דוכט זיך אונז, אַרויסגעקומען גאַנץ קלאָר אין אונזער אַנאַליז פון דער וויכטיקער מארקסיסטישער באטראַכטונג. ס'איז נישט קיין ריינער פּרודאָניזם, און אויך נישט קיין ריינער קאָמוניזם. דאָס איז אַ פּרודאָניסטישער פרייהייטס-פּרינציפּ, אויפגעבויט אויף דעם באַזיס פון באַגרענעצטן צוואַנג-קאָמוניזם.

אויב איך מאַך נישט קיין טעות, איז אָט-דער בוי-פּרינציפּ מסוגל צו פאַרהיטן אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע פון אַלע יענע פאַטאַלע פעלערן, אין וועלכע זי וואָלט זיך פאַרפּלאָנטערט, ווען זי וואָלט געפּרוווט דורכפירן אָדער דעם ריינעם, קאָנסטרוקטיוון קאָמוניזם אַלץ איינס, צי על פּי נוסח קראָפּאָטקין, צי על פּי נוסח בעלאַמי. גראָד אַזאַ בוי-פּרינציפּ, דוכט מיר, וואָלט געפונען דעם גרינגסטן ווידערשטאַנד מצד דעם איצטיקן מענטש, און וועמעס „נאַטור" עס איז נאָך גאַנץ ווייט פון מסכּים צו זיין אויף די מאָראַלישע פאָדערונגען פון דעם העכערן פרייהייטלעכן קאָמוניזם. אָבער גראָד אַזאַ בוי-פּרינציפּ וואָלט געווען אַ גוטער אַריינפיר אין אַ העכערער געזעלשאַפטס-פאָרם, צו וועלכער דער מענטש וואָלט זיך ביסלעכווייז אַרויפגעמענטשלט, נישט אין דלות-דחקות און נויט, וואָס קאָנען נאָר אויפציען ווילדע נקמה, אינסטינקטן און אומגעזעטיקטע „איך"-אַפּעטיטן, נאָר אין אַן עקאָנאָמיש-געזיכערטער עקזיסטענץ, אָן דאגות פאַר דעם מאָרגנדיקן טאָג, וועלכע עפנט פאַר אים אויף אין דערזעלביקער צייט די מעגלעכקייט אויסצוקלויבן פאַר זיך יענעם באַרוף אין לעבן, וואָס איז אַמבעסטן צוגעפּאַסט צו זיינע פעאיקייטן און אידעאַלן. גראָד אין אַזאַ לעבן, דוכט מיר, קאָן דער מענטש אָנהויבן צו פאַרשטיין און שעצן יענע העכערע מענטשלעכע קרעפטן, „וואָס האָבן זייער אייגענעם ציל אין זיך גופא". און נאָר ווען דער מענטש וועט ווערן אַ מענטש, ווען אָט-די קרעפטן און אַרבעטן וועלן ביי אים געווינען די איבערוואָג איבער די קרעפטן און אַרבעטן, דורך

וועלכע ער באַשאַפט „חיצוניותדיקן נוצן", נאָר דעמאָלט וועט פאַר אים געמאָלט זיין די מעגלעכקייט איבערצוגיין צו אַ לעבן אין אַ העכערער פריי־קאָמוניסטישער געזעלשאַפטס־פאָרם.

איך רעכן דעריבער, אַז דער אַלוועלטלעכער סאָציאַליזם, וואָס איז נישט מסכים נאָכאַמאָל אויסצופרווון יענע כאַאָטיש־קאָמוניסטישע עקספּערימענטן, וועלכע האָבן זיך סטיכיש דורכגעריסן און זענען צרהדיק דורכגעפאַלן אין דעם סאָוויעטישן רוסלאַנד, וועט מוזן איצטער ווענדן זיין געדאַנק צו יענעם סינטעטישן בוי־פּרינציפּ, וועלכן מאַרקס האָט פאָרגעשלאָגן אין זיין „קאַפּיטאַל".

שטייט מען אָבער אויף דעם באָדן פון אָט דעם בוי־פּרינציפּ, מוז מען לכתחילה זיך אָפּזאָגן פון דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל און זיינע פאָדערונגען, שוין מחמת דעם פּשוטן טעם, וואָס זיי זענען געבויט אויף דעם יסוד פון ריינעם קאָמוניזם. אַזאַ קאָמוניזם טראָגט אין זיך אין דער איצטיקער צייט, מיט דער איצטיקער מענטשהייט, די געפאַר, אַז דאָס עקאָנאָמישע לעבן זאָל צעשטערט ווערן און די געזעלשאַפט זאָל אַוועקגעשטעלט ווערן פאַר דער נויטווענדיקייט ווידער איינצופירן די סטיכיש־בלינדע מאַכט פון דעם קאַפּיטאַליזם.

פון דער אַנדער זייט איז אָבער ביי מיר נישטאָ קיין ברעקל ספק, אַז אויב דער צוקונפטיקער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל זאָל ערנסט אויפנעמען די פּראָבלעם פון אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע אויף די יסודות פון אַ „קולטור־מינימום"; אויב ער זאָל אַרויסרוקן פאַר דעם אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט די אויפגאַבע: אָפּשאַפן די הונגער־בייטש, אָפּשאַפן די „בלינדע מאַכט" פון דעם איצטיקן רעזשים, אויף וועלכער עס שטיצט זיך די גאַנצע עקאָנאָמישע און אויך די פּאָליטישע הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע, און אויב דער אַלוועלטלעכער פּראָלעטאַריאַט וואָלט דערביי קלאָר פאַרשטאַנען

דר. ח. זשיטלאָווסקי

אַז אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציע גייט עס נישט נאָר אין דעם גורל פון דעם לוין-אַרבעטער-קלאַס, נאָר מער פאַר אַלץ אין דעם גורל פון דער מענטשלעכער חשיבות, וואָלטן די אויסזיכטן אויף אַ סאָציאַליסטישן איבערקער געוואַלדיק געוואַקסן און צווישן די צוויי פיינטלעכע לאַגערן, — דעם סאָציאַליסטישן און דעם קאָמוניסטישן, — וואָלט זיך געקאָנט איינשטעלן אַ ברידערלעכע פאַרשטענדעניש...